נח פּריִלוצקיִ

# ייִדיִש טעאַטער

1905 — 1912.

באַנד I

פֿערלאַג א. אַלבעק
ביאַליִסטאָק

1921.

# אַלגעמײנס

# פראַגמענטען*).

...ווען עמיצער גייט-צו צו רעדן וועגן יידישען טעאַטער, דאַרף ער זיך גוט אָפּוואַשען די הענט, ער זאָל זיך צו איהם צו גראָב נישט צורירען; דאַרף ער זיך גוט אַדורכלופטערען דאָס האַרץ, עס זאָל דאָרט קיין שמץ פון האַס, פאַרדרוס אָדער פאָרורטייל נישט בליי-בען. דאָס יידישע טעאַטער איז איינע פון די שיינע, אָבער קראַנקע און צובראָכענע דערשיינונגען פון יידישען קולטורעלישען לעבען. און ווער עס איז אַנ׳אמתער פריינט פון דער יידישער קונסט, דאַרף צום יידי-שען טעאַטער צוגיין, ווי מ׳גייט צו צו אַ קראַנק קינד, היילען מיט דעם ליבענדיקען הויך, לערנען; אָבער נישט שלאָגען, נישט פאַרגיפטען, נישט דערשטיקען... נאָר ווילדע דערשטיקען זייערע קראַנקע...

אין ליידען, אין שווערע, אָפט אומדערטרעגלעכע ליידען איז גע-בוירען געוואָרען דאָס טעאַטער באַ אַנדערע פעלקער... אַף דעם אַק-טאָר פלעגט די געזעלשאַפט קוקען, ווי אַף אַנ׳אויסוואורף פון דער מענטש-הייט, מ׳פלעגט איהם באַהאַנדלען פונקט אַזוי, ווי אַ פאַרברעכער, ווי אַ זונה. מ׳פלעגט זיך מיאוסען מיט איהם. מ׳פלעגט איהם פאַראַכטען. הונגער, קעלט, אייביקע וואַנדערונג—דאָס איז געווען דער גורל פון דעם אַק-טאָר באַ אַלע פעלקער... ווער עס וויל האָבען כאָטש וואָסער-עס-איז פאָרשטעלונג וועגען דעם שיקזאַל פון אַ רוסישען אַקטאָר, למשל,—מיט 30—40 יאָר צוריק,—דער זאָל לייענען אָסטראָווסקיס קאָמעדיעס פון דעם טעאַטערלעבען...

דאָס אַלץ איז, אָבער, „נאָך אַ הונט" קייגען די באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקעלט דאָס יידישע טעאַטער.

* *
*

איך געדענק — מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען איך בין נאָך גע-ווען אין אַכטען קלאַס גימנאַזיע,—האָב איך געהאַט אַ ויכוח מיט דעם לערער פון דער רוסישער ליטעראַטור וועגען דער פראַגע, צי האָט גאָ-

*) פון אַ גרעסער פעלעטאָן אַרטיקעל.—

גאָל גוט געטון, וואָס ער האָט פאַרלאָזען זײַן מוטערליטעראַטור, די קליינרוסישע, אַוועקגערוּיבט באַ איר זײַן גרויסען טאַלענט און אַוועקגעשענקט אים דער רוסישער ליטעראַטור. איך האָב אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דאָס איז געווען פון גאָגאָלס זײַט אַ פאַרראַט, אַז ער האָט נישט געטאָרט בּוגד-זײַן אין דער ליטעראַטור, וועלכע האָט די ערשטע אָנגעצונדען אין אים דעם שעפערישען פונק. דער לערער האָט זיך באַמיט צו באַווײַזען, אַז מײַן מיינונג איז נישט ריכטיק: נישט די קליינרוסישע ליטעראַטור האָט דערוועקט אין גאָגאָלען דעם טאַלענט, נאָר די רוסישע... די קליינרוסישע ליטעראַטור שטייט צו נידעריק. איר פאַנטאַזיע איז צו פלאַך און אָרעם. זי קען נישט געבען קיין אימפּולס אַ גרויסען טאַלענט. זי באַזיצט נישט די נייטיקע מיטעל דערצו... און אַלס בײַשפּיל האָט מיר דער לערער געבראַכט דאָס קליינרוסישע טעאַטער...

— זאָגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין ?—האָט ער מיך געפרעגט:— איר זענט אַמאָל געווען אַף אַ קליינרוסישער פאָרשטעלונג? פרעג איך אײַך: איז דאָס אַ טעאַטער? זענען דאָס פּיעסען? האָט דאָס עפּעס צו טון מיט דער קונסט?—

און דער לערער האָט זייער בײַסיק אָנגעהויבען צו שילדערען דאָס קליינרוסישע טעאַטער...

איך האָב אים געענטפערט נאָר מיט איין פראַגע:

— צי ווייסט איר, ווי די רוסישע רעגירונג האָט פאַרפאָלגט דאָס קליינרוסישע טעאַטער? —

* *
*

דאָס יידישע טעאַטער האָט נאָך מער, ווי דאָס קליינרוסישע, געליטען פון די רדיפות פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע. די פינצטערע רוסישע רעאַקציע האָט מיט איין קריץ פון דער פעדער פאַרורטיילט דאָס יידישע טעאַטער צום טויט. כּדי נישט אומצוקומען פון דער וועלט, האָט דאָס יידישע טעאַטער געמוזט מיט איינענע הענט אַף זיך אַליין אַ שרעקלעכע אָפּעראַציע מאַכען: דאָס יידישע טעאַטער איז געווען געצוווּנגען זיך אויסצושנײַדען זײַן נשמה,—די צונג, און אַרײַנזעצען אַף איר אָרט אַ פרעמדע, אַ צובראָכענע, אַ צוקאַליעטשעטע. דאָס יידישע טעאַטער האָט געמוזט ווערען פון יידיש—„דײַטשמעריש”...

יעדער ערשטער אוריאַדניק האָט געהאַט די מאַכט צו פאַרווערען

דעם נײַגעבאַקענעם „דײַטשישען טעאַטער” צו שפּילען אין די גרענעצען פון זײַן „מלוכה”. דעם גרעסטען טייל פון דער הכּנסה פלעגען די יִידִישע אַקטאָרען מוזען אַוועקגעבען „לא-יחרוץ-געלט” און נאָך דעם אַלעם — טאָמער פלעגט זיך אַנ׳אַקטאָר אַף דער בינע פאַרגעסען און אַרײַנשטעלען אַ יִידִיש וואָרט אין זײַן ראָלע, פלעגט די אומגליקלעכע טרופּע נאָך דעמזעלביקען אָוונט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזען די שטאָט...

איך געדענק — דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבען בין איך געווען אין יִידִישען טעאַטער — אין פּעטערבורג, בשעת ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע איז אַרויסגעטרעטען אין איינעם פון די שענצטע טעאַטערזאַלען פון דער שטאָט. דידאָזיקע טרופּע האָט זיך געקויפט דאָס רעכט צו שפּילען אַף די ברעגעס פון דער נעוואַ פאַר זייער אַ טײַערען פּרײַז: זי האָט געמוזט אַוועקגעבען 25 פּראָצענט פון דער הכנסה פון יעדען אָוונט ברוטאָ פאַר דעם „בלויען צלם”... אי דאָס האָט די טרופּע נאָך נישט געקענט שפּילען אַף יִידִיש... זי האָט געהייסען: „ניעמיעצקאָ-יעווּרעיסקאַיאַ טרופּאַ”, און דעריבער האָט איין העלפט אַקטאָרען געמוזט רעדען אַף דער בינע האַלב-דײַטש, און נאָר די אַנדערע העלפט — יִידִיש...

זענען דאָס נאָרמאַלישע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ טעאַטער? קען מען שטעלען צו שטרענגע פאָדערונגען צו אַ טעאַטער, וואָס האָט ערשט מיט צוויי יאָר צוריק נאָך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַנוצען אַף זײַנע ברעטער די פאָלקסשפּראַך? —

*  *
*

רעדענדיק וועגען יִידִישען טעאַטער, מוז מען נעמען אין אַכט פאָלגענדיקע זייער וויכטיקע אָנגעלעגענהייט.

דאָס יִידִישע טעאַטער איז אויסגעוואַקסען אין דער יִידִישער מאַסע. פון דער יִידִישער מאַסע האָט דאָס יִידִישע טעאַטער געזויגען די קרעפטען, וואָס האָבען אים דערנערט, אונטערגעהאַלטען און אַנטוויקעלט. די יִידִישע מאַסע האָט געגעבען דעם יִידִישען טעאַטער אַקטאָרען און צושויער. די יִידִישע אינטעליגענץ איז שטענדיק געשטאַנען ווײַט פון יִידִישען טעאַטער. זי האָט זיך מיט אים נישט אינטערעסירט. זי האָט נישט געפילט זײַן נויטווענדיקייט. זי האָט קיין האַנט נישט צוגעלייגט אים צו פאַרהיטען און אַנטוויקלען. זי האָט קיין קערענדעל

שפּײַז דעם ייִדישן טעאַטער נישט געגעבן, נישט מאַטעריעלישע שפּײַז, נישט גײַסטיקע...

דאָס ייִדישע טעאַטער איז אין ריכטיקסטן זין פון וואָרט אַ **פאָלקסטעאַטער**. דאָס פאָלק האָט עס אויסגעטראָגן, און דאָס פאָלק האָט עס אויסגעשטאַלט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער רעפּערטואַר פון ייִדישן טעאַטער קאָן נישט צופרידנשטעלן דעם מער אָדער ווייניקער אינטעליגענטישן מענטש. אָבער די ייִדישע מאַסע איז מיט דעמדאָזיקן רעפּערטואַר געווען פולקאָם צופרידן. „שמענדריק“, „קוני־לעמעל“, „כינקע־פינקע“ האָבן פולקאָם אַנטשפּראָכן דעם געשמאַק פון דעם ייִדישן פובליקום, וועלכעס האָט דאָס ייִדישע טעאַטער באַשאַפן און געשטיצט. און מײַנט נישט, אַז דאָס ייִדישע פאָלקסטעאַטער איז אין דער הינזיכט אַן אויסנעם. יעדעס פאָלקסטעאַטער געפינט זיך אין דעמזעלביקן צושטאַנד, אַף דער ייִדישער בינע שפּילט מען „אַ שטריק אַפּ׳ן האַלדז אָדער אַ מענטש מיט צוויי פנימער“, און אין וואַרשעווער „טעאַטער ליודאָווי“ פלעגט מען שפּילן „פּאָטשציווי לאָטר“, — און ביידע „פּיעסען“ זענען נישט אָריגינעלישע: ביידע זענען איבערזעצט פון איין פראַנצייזישער מעלאָדראַמע, וואָס ווערט געשפּילט אין די פראַנצייזישע פאָלקסטעאַטערס... אויב דאָס ייִדישע טעאַטער שטייט, פונדעסטוועגן, פאָרט אַביסעל נידעריקער פון די פאָלקסטעאַטערס באַ אַנדערע פעלקער, מוז מען דאָך נעמען אין אַכט, ווי יונג דאָס ייִדישע טעאַטער איז נאָך, אין וואָסערע לײַדן, אין וואָסער אָרעמקייט דאָס ייִדישע טעאַטער האָט זיך אַנטוויקלט...

---

פון דעם אַלעם איז, שײַנט מיר, שוין גענוג קלאָר, ווי נאַריש עס איז צו זאָגן, אַז „דאָס ייִדישע טעאַטער פון הײַנט, וואָס פאַרשפּרייט „כינקע־און־פינקע“ צווישן ייִדישן פובליקום, פאַרדאַרבט דעם געשמאַק פון די ייִדישע מאַסן און איז אַ באַליידיקונג פאַר דער ייִדישער קונסט און ליטעראַטור“...

דער, וואָס שרײַבט אַזוי, באַווײַזט נאָר, אַז עס פעלט אים די מינדסטע באַקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור און פון דער קונסט, — אַלס פרט — מיט דער געשיכטע פון דעם טעאַטער...

עס־ארציש איז צו זאָגן, אַז דאָס „ייִדישע טעאַטער פון הײַנט פאַרשפּרייט „כינקעס־און־פינקעס“. — די „כינקעס־און־פינקעס“ — דאָס איז **דאָס ייִדישע טעאַטער אַליין**. אויב מיר ווילן פאַרשטיין דאָס

יידישע טעאַטער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ש, ד. ה. היסטאָריש און קולטורעליש; אויב מיר ווילען באַטראַכטען דאָס יידישע טעאַטער נישט אַלס אַ קינצלעכען אַנשטאַלט, וואָס יעדע ערשטע פּריוואַטע פּערזאָן קען איהם באַשאַפען, — זי דאַרף נאָר דינגען אַ לאָקאַל, קויפען אַ פּאָר אָריגינעלישע אָדער איבערגעזעצטע פּיעסען, צונעמען עטלעכע שפּילער, אויסקלייבען אַפּישען און מאַכען פאָרשטעלונגען; — אויב מיר ווילען צוגיין צום יידישען טעאַטער, אַלס צו אַן׳אָרגאַנישען טייל פון דער יידישער נאַציאָנאַלישער קולטור, אַלס צו אַן׳אַנשטאַלט, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָט זיך אַנטוויקעלט און איז אויסגעוואַקסען איינגעוויינדיק אין יידישען לעבען; אויב מיר ווילען נעמען דאָס יידישע טעאַטער אַלס אַ פּראָדוקט פון דעם אָביעקטיווישען סטיכישען פּראָצעס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דעם קולטורעלישען לעבען פון דער יידישער מאַסע, אַרויסגערופען דורך איהרע גייסטיקע באַדערפענישען, — אויב מיר ווילען אַזוי באַטראַכטען דאָס יידישע טעאַטער, ווילען מיר נישט קענען אַרויסגעבען אַף איהם אַזאַ דראַקאָנישען משפט. מיר ווילען דאַן באַגרייפען, אַז עס איז אַן׳אומזין צו שרייבען וועגען יידישען טעאַטער, דאָס עס איז „אַ באַליידיגונג פאַר דער יידישער קונסט און ליטעראַטור״...

מיר ווילען דאַן באַגרייפען, אַז אָט דאָסדאָזיקע „יידישע טעאַטער פון היינט״ איז טאַקע די יידישע קונסט אַליין... אָרעם איז דאָסדאָזיקע טעאַטער, געמיין, נידעריג, נישט קולטורעליש... אָבער אַ מאַמע אָהן אַן׳אויג איז פאָרט אַ מאַמע, זאָגט דאָס קלוגע פאָלקסווערטעל... אַודאי וואָלט געווען פיל אָנגענעמער פאַר אונדז אַלע, ווען דאָס יידישע טעאַטער זאָל אַרויסטרעטען פאַר דער וועלט גלייך מיט שעקספּירען, איבּסענען, הויפּטמאַנען, שניצלערען, מעטערלינקען, ד׳אַנונציאָ, פּשיבישעווסקין... אָבער וואָס טוט מען, אַז די יידישע גאַס איז פאָרט אָרעם? וואָס טוט מען, אַז אונדזער אינטעליגענץ שטייט פאָרט אַזוי ווייט פון היימישען לעבען, דאָס זי האָט אַפילו קיינמאָל נישט געפּרווט צו באַשאַפען קינצלעך אַ מאָדערניש יידיש טעאַטער? וואָס טוט מען, אַז דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך אַנטוויקעלט א ו נ ט ע ן, העט ווייט אין די טיפסטע שיכטען פון דער פאָלקסמאַסע, און אַנטוויקעלט זיך צווישען דערנער און ריטער, אָהן שטיצע, אָהן השגחה, מיט אייגענע שוואַכע, אָרעמע, אין-דער-בלינד-טאַפּענדיקע קרעפטען? וואָס טוט מען!?

„כינקעס און פינקעס״ שמעקען אונדז נישט? זייער גוט! אָבער וואָס איז שולדיג דער אָרעמער יידישער פאָלקסגייסט, ווען ער איז

נישט געווען אימשטאַנד צו באַשאַפען טיפערע, העכערע און שענערע זאַכען? און ווייזט מיר בכלל איין פאָלקסרעפּערטואַר, שוין נישט קיין יידישען, וואָס וואָלט אין דיזועלביקע תנאים, ווי דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך געפונען, געווען רייכער און העכער...

די אָרעמע און נישט אַנטוויקעלטע יידישע מאַסע האָט אַנ׳אָרעמען און נישט אַנטוויקעלטען געשמאַק. דערפאַר האָבען די יידישע אַקטאָרען, וואָס זענען אַ לעבעדיק גליד פון דער יידישער מאַסע, און זענען מיט איר מיט טויזענטער פעדעם געקניפּט, געשפּילט אָרעמע און פלאַכע זאַכען... און דערפאַר באַשטייט דאָס יידישע טעאַטער פון „קוני-לעמעל׳ס", „כינקע-פינקע׳ס" און דעסגלייכען. צי איז דען פאַראַן עפּעס אַנ׳אַבסטראַקטע „יידישע קונסט", פאַר וועלכער דיזעלביקע פּיעסען זאָלען קענען זיין אַ באַליידיגונג? ווו איז זי, אָט דידאָזיקע גרויסע, רייכע און שטאָלצע יידישע קונסט, אין נאָמען פון וועלכער מ׳באַשפּייט דעם גאַנצען רעפּערטואַר פון יידישען פאָלקסטעאַטער? זי איז נישטאָ! די געבראַכטע ציטאַטע איז טאַקע מער נישט, ווי אַ הוילע פראַזע. איינע פון די, וועלכע אַ כמעט אַנאַלפאַבעטישע פּערזאָן כאַפּט זיך אָן אין געשפּרעכען מיט מער אַנטוויקעלטע מענטשען. אַ גליק איז, וואָס די רוסישע קריטיקער, וועלכע שרייבען וועגען זייער טעאַטער, זענען אַביסעל מער באַהאַוועגט אין די פראַגען וועגען דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור,— ווייטער וואָלט באַ זיי דאָך געדאַרפט אויסקומען, אַף דעם-אייגענעם שטייגער אורטיילענדיק, אַז סומאַראָקאָווס דראַמאַטישע ווערק, למשל, זענען אַ „באַליידיגונג פאַר דער רוסישער קונסט און ליטעראַטור", ווייל זיי זענען קינדיש אין פאַרגלייך מיט פאָנוויזינס דראַמאַטישע ווערק; פאָנוויזין, ווידער, איז פון זיין זייט אויך „אַ באַליידיגונג" פאַר דערזעלביקער „רוסישער ליטעראַטור און קונסט", ווייל ער איז אַ נול אין פאַרגלייך מיט גאָגאָלען א. אַ. וו.—

די קונסט פון אַ פאָלק מוז באַטראַכט ווערען היסטאָריש, אין איר לאַנגען אַנטוויקלונגסגאַנג. פאַר אַנ׳אמתען היסטאָריקער, אָדער קריטיקער, איז די רוסישע קונסט, למשל, נישט גאָגאָל אַליין, און נישט אָסטראָווסקי אַליין, און נישט גאָרקי אַליין,— נאָר אַלע צוזאַמען. ווייל קונסט איז נישט אַ טויטער שטיין, וואָס האָט די איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעמאָסטענע און אויסגעשטאַלטיקטע פאָרם,— נאָר אַ לעבעדיקער גייסט, וואָס הערט זיך נישט אויף צו אַנטוויקלען, גייט איבער פון נידעריגערע פאָרמען אין העכערע און בילדט אין דער היסטאָרישער

פערספעקטיוו אַ גאַלעריי פאָרמען, אַ קייט סטאַדיעס, אין וועלכע די ריינגעלען זענען אַפילו ווייט איינס פון אַנדערען, ווי דער הימעל פון דער ערד; אָבער אין וועלכער אַלע ריינגעלעך פליסען איינס פון דעם אַנדערען, זענען ענג געבונדען צווישען זיך איינערלעך, און טראָגען איין נאָמען — די קונסט... אַלס פרט: דאָס טעאַטער...

אַיצט, ווען דאָס יידישע טעאַטער האָט שוין די דראַמאַטישע ווערק פון יעקב גאָרדין, פון דוד פינסקי, פון י. ל. פרץ; איצט, ווען דאָס יידישע טעאַטער באַזיצט שוין איבערזעצונגען פון גאָרקיס „נאַ דניע" און פון שילערס „רויבער" — איז זעלבסט-פאַרשטענדלעך, אַז די „כינקע-פינקעס" דאַרפען באַטראַכט ווערען אַלס אַן'אָפגעלעבטער רינג אין דער אַנטוויקלונג פון יידישען טעאַטער, אַלס אַן'אַדורכגעגאַנגענער שטאַפעל, אַלס אַן'אַדורכגעמאַכטע סטאַדיע, אַלס אַ היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט... אָבער נאָר פאָרמעל... אין דער ווירקלעכקייט טרעטען די היסטאָרישע פעריאָדען זייער זעלטען אַרויס אַלס שטרענג-אָפגעגרענעצטע, דייטלעך אָפגעשניטענע טיילען. יעדער נייער פעריאָד הייבט-אָן צו וואַקסען נאָך אין אַלטען; ווי אַ דינער, יונגער שטראָם שלאָגט ער זיך אַדורך אין גרויסען מעכטיקען ים פון אַלטען פעריאָד און נאָר ביסלעכווייס צוואַקסט ער זיך אַזוי, אַז ער שטופט פולקאָם אָפ אַפ'ן לעצטען פלאַן זיין עלטערען ברודער.

דאָס יידישע טעאַטער פאַרמאָגט שוין ערנסטע ליטעראַרישע פיעסען. אָבער זיי וועלען נאָך לאַנג נישט אימשטאַנד זיין אַרויסצושטופען דעם אַלטען רעפערטואַר. דאָס וועט דערגרייכט-ווערען נאָר דורך אַ געוויסער עוואָלוציע. כדי דער רעפערטואַר פון יידישען טעאַטער זאָל זיך פולקאָם ענדערען, איז נייטיק, אַז דער געשמאַק פון דער יידישער מאַסע, וואָס איז די הויפטבאַזוכערין פון יידישען טעאַטער, זאָל זיך אין גרונט אומבייטען. דאָס קען, אָבער, נישט פאָרקומען אין איין טאָג אַפילו נישט אין איין יאָר. דער עסטעטישער געשמאַק פון דער פאָלקס-מאַסע איז אָפהענגיק פון איר אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, און די לעצטע וואַקסט דאָך נישט אַף הייוועו. אין אַמעריקע שפילט מען שוין אין יידישען טעאַטער איבסענס „נאָראַ", און „וועלוועל עסט קאָמפאָט" גייט דערביי נאָך אַלץ נישט אַראָפ פון אַפיש.—איין טייל פון דער יידישער מאַסע אין אַמעריקע, הייסט עס, איז שוין רייף צו פאַרשטיין איבסענען און די גרויסע מאַסע איז נאָך אַלץ נישט אימשטאַנד

צו באַגרײַפֿען עפּעס טיִפערס, ווי דאָס דערמאָנטע שונדשטיק.

מ׳מוז זיך דאָך ערנסטער רעכענען מיִט די לעבענספאַקטען. און אַ פאַקט איז, למשל, אַז פּיִנסקיִס „פאַמיִליע צבי", וועלכע האָט איִן איר נאָמען אַליין געהאַט, צוליב דעם לאַנגען פאַרבאָט פון דער רוסי־שער צענזור,—עפּעס מאַגיִשס פאַר דעם יידיִשען פובליִקום; אַז דיִדאָזי־קע דראַמע האָט איִן וואַרשע אין צווי יידיִשע טעאַטערס ניִשט געקענט אויסהאַלטען מער ווי 15—16 פאָרשטעלונגען, בעת ווען „כיִנקע-פיִנקע", נאָך 50—60 מאָל שפּיִלען, גיִט נאָך היינט באַ אַ שבת אַ פולע קאַסע...

דאָס באַווייזט, אַז דאָס יידיִשע פּובליִקום האָט נאָך ליִב דעם אַל־טען רעפּערטואַר.—שפּאָטען דערפון, איז ניִשטאָ וואָס, און וויִרקליִך: קען מען דען שפּאָטען פון אַ מענטש, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען נאָר אַ פאָלקסשולע, און פאַרשטייט, דעריִבער, ניִשט קיין אַלגעבּרע? מיר דאַרפען נאָר נעמען דעם פאַקט אַלס אַזעלכען, אַלס אַנ׳־אָביעקטיִווע דערשיינונג. אויב מיר זענען מיִט איר אומצופריִדען, דאַרפען מיִר אַנאַליִזיִרען, אויספאָרשען, דערקלערען אירע סבות און זיִך באַמיִען זיי צו באַזייטיִקען.—יען מיר וועלען אַזוי האַנדלען, מוזען מיר קומען צו דער איִבערצייגונג, אַז דער אַלטער רעפּערטואַר פון יידיִשען טעאַטער האָט אַ גרויסע פּעדאַגאָגיִשע באַדייטונג פאַר דער יידיִשער מאַסע, און דערפאַר קאָן מען ניִשט זאָגען, אַז ער זאָל פאַרדאַרבען איר געשמאַק. ווען די אַזויגערופענע שונדפּיעסען זאָלען אַנטהאַלטען איִן זיך שמוץ, פאָרנאָגראַפיִע,—וואָלטען זיי געווען שעדליִך. אָבער ניִשט „כיִנקע פיִנקע", ניִשט „שלמה גאָרגעל", ניִשט די „צוויי קוני-לעמעלס" זענען אַזעלכע, די איִנטעליִגענץ, וועלכע האָט ברייטערע גייסטיִקע איִנטערע־סען, וועלכע האָט פיינע פון איידעלע באַדערפעניִשען, וועלכע איז באַ־שעפטיִגט מיִט העכערע און סובטעלערע דערשיינונגען און פראַגען פון לעבען,—ליִבט איִבסענען און די אַנדערע, ווייל איִן זייערע ווערק גע־פיִנט זי אַ קאָנקרעטיִזיִרטע אָפּשפּיִגלונג פון איר גייסטיִקער וועלט, אַנ׳־אַנאַליִז פון די פּראָבּלעמען, וואָס פאַרנעמען איר געדאַנק, און—איִן געוויִסע פאַלען—זייער לייזונג.

די יידיִשע מאַסע לעבט מיִט אַ שמאָלערען און וויִיניִקער צוזאַ־מענגעשטעלטען, מיִט אַנ׳איינפאַכערען גייסטיִקען לעבען, און דעריִבער איִנטערעסיִרען זי ניִשט די מער-פאַרוויקעלטע פּיעסען. די יידיִשע מאַסע ליִבט די פלאַכערע, פּריִמיִטיִווערע פּיעסען, וועלכע זענען פאַר איר פאַרשטענדלעכער; איִן וועלכע זי געפיִנט זיך אַליין מיִט איר עלעמענ־

טאַריישער פּסיכאָלאָגיע און אָרעמע לעבענסדערשיינונגען...

ווען מיר ווילען זיך נענטער צוקוקען צו די פּיעסען פון דעם אַזויגערופענעם שונדרעפּערטואַר, וועלען מיר מוזען קומען צום באַשלוס, אַז זיי זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי מ'מיינט. — דאָס רוב אַנטהאַל-טען זיי די אידייע פון מאָראַל, פון ליבע, פון ברודערשאַפט, פון מענטשלעכקייט, פון אַלפאַרציייונג, פון צדקה, פון טאָלעראַנץ... נאַטיר-לעך, די אַלע אידייען ווערען פאַרגעלייגט דעם צושויער אין אַ נאַיווער, רויער פאָרם. נאַטירלעך, דאָס לעבען, וואָס דאַרף אילוסטרירען די דאָ-זיקע אידייען, איז אומנאַטירלעך-געקינצעלט... אין דעם רוב אַזעלכע פּיעסען, מוז די פאַרדאָרבענקייט ווערען באַשטראָפט, און די מדות טובות באַקרוינט... דאָס איז, אָבער, די אייגענשאַפט פון יעדער פאָלקס-פּיעסע אין יעדען פאָלקסרעפּערטואַר.

אויסערדעם, די פאָלקסבינע לייט נישט קיין ריינע דראַמע. דער פאָלקסצושויער, וועלכער באַזוכט דאָס פאָלקסטעאַטער, איז מערסטענ-טיילס פאַריאָגט, פאַרשוואַרצט אין דאגת-פּרנסה, אין שווערער אַרבעט, און האָט ער שוין אַ פּריינע מינוט, ווילט זיך אים אָפּרוען דעם קאָפּ און די נערווען. ער קען, דעריבער, נישט אַריבערטראָגען קיין שווערע זאַכען; ער קען נישט אַרויסגיין פון טעאַטער מיט אַ שווער געפיל, מיט אַ שווערען געדאַנק. ער וויל פאַרלאָזען דאָס טעאַטער אַ רויקער, אַ צו-פרידענער. דעריבער מוז יעדע פאָלקספּיעסע זיך ענדיקען מיט אַ חתונה אָדער מיט אַנ'אַנדער רירענדיקער און פריילעכער סצענע. דאָס בייזע טאָר נישט טריומפירען, דאָס גוטע טאָר נישט בלייבען געטראָטען. און דעריבער איז די באַליבטסטע דראַמאַטישע פאָרם אויף דער פאָלקסבינע די מעלאָדראַמע, אין וועלכער דאָס טראַגישע איז אויסגעמישט מיט'ן קאָמישען; אין וועלכער נאָך די שרעקלעכסטע דראַמאַטישע מאָ-מענטען גייען פריילעכע קופּלעטען, טענץ, אפילו נומערען פון צירק...

* * *

עס זענען פאַראַן צווייערליי עפּעלביימער. איין עפּעלבוים הערשט אין פּרוכטגאָרטען, איז זיין ליבלינגסקינד, זיין צירונג. ער ברענגט שיי-נע, געשמאַקע פרוכטען, וואָס האָבען אַ באַשטימטען, אָפט זייער טייערען ווערט פאַר די מענטשען. דער אַנדערער עפּעלבוים וואַקסט ווילד אין דער טיף פון וואַלד, עלענט, פאַרוואָרפען פון מענטשענס אויג; איז דאַר, נישט-שיין און ברענגט קליינע, עסיג־זויערע עפּעלעך, וועלכע

האָבען קיין שום ווערט נישט.

פאַר דעם פראָפאַן איז דער ערשטער עפּעלבוים אַנ׳אידעאַל; אַפ׳ן צווייטען קוקט ער, ווי אַף אַנ׳אומנוצבאַר געוווקס, מיט בוז, ער האָט פאַר איהם קיין שום ווערט נישט. ווען ער האָט ליב עפּעל, איז ער מקנא דעם גליקלעכען באַזיצער פון ערשטען בוים, באַגעגענט ער צופעליק אַ ווילדען בוים — פאַרדריסט איהם נאָר: „וואָלט ער נישט גע־קענט טראָגען זיסע עפּעל!” איז ער אַ בעל-כעס — וועט ער דאָס אָרע-מע ביימעלע צוברעכען.

דער גערטנער, דער כהן פון די ביימער, — וועט קיין ווילד עפּעלביימעלע נישט צוברעכען. ער קוקט אַף דעם אַנדערש, ער זעט אין דעם אַ גאַנץ וועלטעל: עס איז געזונט, שטאַרק, האָט יונגע, פעס־טע וואָרצלען, ד. ה. אַ לעבענסקראַפט און אַ לעבענספעהיגקייט. באַ קענ־טעניש און ליבע — ווייסט ער — קען מען די אַלע גוטע תנאים זייער גליקלעך אויסנוצען.

דער גערטנער ווייסט, אַז פון אַ ווילד עפּעלביימעלע קען אויס-וואַקסען אַ מעכטיקער און טייערער גאָרטענבוים. מ׳דאַרף עס נאָר אי-בערזעצען אַף אַ מער רייכען באָדען, אין אַ מער קולטורעלישער סביבה; מ׳דאַרף אַף דעם אַכטונג געבען, מ׳דאַרף עס אָפּהיטען — מיט איין וואָרט — דערציִען, רעגולירען זיין וווקס, אָפּשניידען די איבעריקע צוויי־גען, אַריינברענגען אין איהם נייע עלעמענטען, מער קולטורעלישע עלעמענטען...

דאָס „יידישע טעאַטער פון היינט” איז אַזאַ ווילדער עפּעלבוים, אַנ׳עם־הארץ וועט קומען מיט דעם אַפּלאָמב פון אַ „אינו יודע שאינו יודע”, און וועט פסקענען אַף דעמדאָזיקען טעאַטער, אַז עס מוז אונ־טערגיין ווי אַמגעשווינדסטען, נישט פאַרשטייענדיק, וויפעל נישטער־לעכקייט עס שטעקט אין אַזאַ אורטייל, ווען ער ווערט אַרויסגעזאָגט נישט אין אַנ׳אויספּירלעכער, פילזייטיקער און ערנסט־מאָטיווירטער באַ-האַנדלונג פון דער פראַגע, נאָר אין אַ קורצער, פאַרבייגייענדיק-געוואָר־פענער פראַזע אין אַ נאַרישען צייטונגסנאָטיץ... אַנ׳אמתער פריינט פון דער יידישער קונסט, אַ מענטש מיט אַנ׳ערנסטען געדאַנק און מיט אַ באַוווסטזיניקען בליק — און דערביי אַ מענטש מיט קענטעניש, אַ מענטש אַ באַהאַוועטער אין דער זאַך, זעט און פאַרשטייט, אַז „דאָס יידישע טעאַטער פון היינט”, דאָס אָרעמע, געמיינע יידישע טעאַטער פון „כינ-קעס און פינקעס”, — איז אויך דאָס יידישע טעאַטער פון מאָרגען,

דאָס יִדִישע טעאַטער פון „נאַרע“ און „די בלינדע“... מ׳דאַרף עס נאָר אָפּענהאַרציק און איבערגעבען ליב-האָבען; מ׳דאַרף זיך נאָר נישט באַציען צו איִם, ווי אַ שטיפמוטער; מ׳דאַרף נאָר האָבען דעם ווילען אין די פעיִקייטען איִם צו דינען, אַף איִם צו ווירקען, איִם צו דערציִען.

כדי צו אַנטוויקלען דאָס יִדִישע טעאַטער, כדי צו דערציִען פון דעמדאָזיקען וואַלדבײמעלע אַ שיינעם גאָרטענבוים, אַ פּראָדוקטיווען, אַ רייכען, — דאַרף מען זיך מיט איִם באַגײן פונקט אַזוי, ווי דער גערטנער באַגײט זיך מיט די ווילדע פרוכטביימער, מ׳דאַרף אויסבעסערען דעם באָדען, פון וועלכען דאָס יִדִישע טעאַטער נערט זיך, אין וועלכען עס רוען זײנע וואָרצלען, — ד. ה. מ׳דאַרף אויפהײבען די אַלגעמײנע אַנטוויקלונג פון דער יִדִישער מאַסע, פאַרברײטערען און פאַרטיפען דעם רוים פון אירע גײסטיקע אינטערעסען, פאַראײדלען און אויספײנען איר עסטעטישען געשמאַק. אויסערדעם, דאַרף מען אַרום דעם יִדִישען טעאַטער באַשאַפען אַ מער קולטורעלישע סביבה, — ד. ה. מ׳דאַרף צוציִען צום יִדִישען טעאַטער די אינטעליגענטישע קרײזען פון דער יִדִישער געזעלשאַפט, — אַלס באַזוכער און פרײנט; — מ׳טאָר נישט לאָזען דאָס יִדִישע טעאַטער עלענט און אײנזאַם. מ׳דאַרף פאַראינטערעסירען מיט איִם די יִדִישע גײסטיקע אינטעליגענץ, זי זאָל קומען איִם צו הילף מיט אירע סימפּאַטיעס — נישט נאָר פּלאַטאָנישע — מיט ראַט און טאַט. ענדלעך מוז מען ווירקען אַף דאָס יִדִישע טעאַטער אַלײן, אַף דאָס יִדִישע טעאַטער אַלס אַזעלכעס, — קריטיקירען עס אומאויפהערלעך, — אָבער מיט פאַרשטאַנד, מיט ליבע, — אָנווײזען זײנע פעלערען, נישט אײנמאָל און נישט צווײמאָל נאָר טויזענט מאָל, — באַ יעדער געלעגענהײט, הײסט עס, — אָבער דערבײ נישט איבערטרײבען די מאָס, נישט האַקען מיט אַ האַק, נישט קאַרגען קײן גוט וואָרט אויך, ווען עס איז פאַרדינט; קײן גלעט, ווען עס איז ווערט... קורץ: פירען אַ שײנע און ערנסטע טעאַטראַלישע קריטיק אין טיפסטען און ברײטסטען זין פון באַגריף, — כדי צו ווירקען אַף די אַרטיסטען און אַף דעם רעפּערטואַר; כדי צו אויפקלערען, גײסטיק-אַרומוואַשען און עסטעטישאַרומטאָקען אי די ערשטע, אי דעם צווײטען...

אַז דאָס איז דער נאָרמאַלישער, נאַטירלעכער און אײנציקער וועג פאַר דער אַנטוויקלונג פון יִדִישען טעאַטער — זעען מיר קלאָר שוין פון דער עוואָלוציע, וועלכע דאָס יִדִישע טעאַטער האָט

אַדורכגעמאַכט כאָטש אין משך פון לעצטען יאָר.

איך וועל ברענגען אַ קליינעם, אָבער זייער כאַראַקטעריסטישען פאַקט, מ'האָט מיר דערציילט: ווען מיט אַנדערטהאַלבען יאָר צוריק האָט זיך געעפענט אין וואַרשע דאָס יידישע טעאַטער, האָט די בעסטע פון די יידישע אַרטיסטינס אסתר-רחל קאַמינסקע פון וועג טעלעגראַפירט צו דער דירעקציע פון דעמדאָזיקען טעאַטער: „איך פאָר. אַנאָנסירט צום ערשטען אויפטריט — „חנה די נייטאָרין". — „חנה די נייטאָרין" איז איינע פון די באַליבטסטע און אומגעלומפּערטסטע מעלאָדראַמעס פון יידישען פאָלקסרעפּערטואַר. עס איז אַריבער נאָך איין יאָר, און דיאייגענע פרוי קאַמינסקע האָט צו איר בענעפיס, אין פאַרגאַנגענעם זומער אין „זשאַרדען' ד'היווער" אויסגעקליבען שוין — די שיינע ראָלע פון „כאַשע דער יתומה" אין גאָרדינס פּאָעטישער דראַמע, — אַזאַ רוק פאָרויס האָט זיך דאָס יידישע טעאַטער געטון אין די לעצטע אַנדערטהאַלבען יאָר.—

מיטגעהאָלפען צו דעמדאָזיקען פאָרטשריט האָבען צוויי זאַכען. ערשטענס, האָט דאָס ריזיקע איבערקערעניש אין דעם פּאָליטישען און סאָציאַלישען לעבען פון גאַנצען לאַנד געבראַכט אין באַוועגונג אויך די יידישע מאַסע, אויפגעטרייסעלט אויך דאָס יידישע גייסטיקע לעבען, און אַזוי פאַרברייטערט דעם גייסטיקען האָריזאָנט פון דער יידישער מאַסע, אַזוי אויפגעהויבען דעם שפיגעל פון איר אַלגעמיינעם באַוואוסטזיין, אַזוי פאַרטיפט איר פּסיכאָלאָגיע און אירע אינטעלעקטועלישע אינטערעסען, אַז אין נאָרמאַלישע לעבענסבאַדינגונגען וואָלט דערויף געמוזט אַוועקגיין 10—20 יאָר. דער געשמאַק פון אייניקע טיילען פון דער יידישער מאַסע האָט זיך אין משך פון לעצטען יאָר באַטייטעוודיק געענדערט — צום גוטען; זייערע באַגריפען וועגען לעבען, וועגען דער קונסט זענען געוואָרען אַביסעל טיפער, און דאָס האָט זיך קענטיק אָפּגערופען אויך אַפ'ן יידישען טעאַטער. עס איז שוין צו באַמערקען גאַנץ דייטלעך, ווי דאָס יידישע טעאַטערפּובליקום הייבט-זיך-אָן צו דיפערענצירען. עס איז היינט גענוג נאָר איין בליק צו וואַרפען אַף דעם ים קעפ, וואָס פילט אָן אין אָווענט דאָס אָדער יענץ יידיש טעאַטער, כדי צו טרעפען, וואָס-פאַר-אַ פיעסע עס גייט היינט. אין דער יידישער מאַסע פאָרמירען זיך שוין פולקאָם אינטעליגענטישע שיכטען. אַף „כאַשע דער יתומה" וועט איר זען גאָר אַנ'אַנדער פובליקום, ווי אַף „המן דעם צווייטען", — עס איז שוין פיל ריינער, רויקער, איינגעהאַלטענער, דערצוי-

גענער. דעמעלט, ווען אף „המן דעם צווייטען" איז פשוט אומעגלעך צו הערען א ווארט, — אזא גערודער שטייט אין טעאטער די גאנצע צייט פון דער פארשטעלונג, אפילו נאר באַ 200 מאן, — איז אף דער „פּאַ-מיליע צבי" באַ 600 מאן אין טעאטער אַ פאַרהעלטענישמעסיקע רו, און עס איז נאך מעגלעך איינצווזיצען אפ'ן ארט און אויפמערקזאם פאלגען נאך דער אנטוויקלונג פון דער דראמאטישער אקציע.

זייער א גרויסע ראלע אין דעמדאזיקען פראגרעס פון יידישען טעאטער געהערט אויך דער יידישער פרעסע, דער טעאטראלישער קריטיק אין די יידישע צייטונגען. נאטירלעך, רעד איך דא נישט וועגען דער קלוימערשטער „קריטיק", וועלכע איז געגרינדעט נאר אף פערזענ-לעכען האס און דריקט-זיך-אויס אין איינפאכיקער זידלעריי, אין קאלטען שפאט, אהן א געפיל פון פאראנטווארטלעכקייט פאר דער נאציאנאלישער קונסט, אהן א פונק ליבע צו דער יידישער פאלקסבינע. איך רעד ווע-גען דער ערנסטער, הארבער, אבער געפילפולער קריטיק, — וועגען דער טעאטראלישער קריטיק, וועלכע עס האט באשאפען און מיט אזא ליבע אנטוויקעלט — איך זאג עס אהן עניוות, וואס וואלט דא געווען אי-בעריק, איך זאג עס מיט שטאלץ — נאר „דער וועג".

דידאזיקע קריטיק האט געהאט זייער א גרויסע פעדאגאגישע ווירקונג אי אף דאס יידישע טעאטערפובליקום, אי אף די ארטיסטען, — דער יידישער מאסע האבען מיר אין אונדזערע טעאטראלישע פעליע-טאנען און רעצענזיעס געגעבען צו פארשטיין און צו באגרייפען, וואס אזוינס איז די אמתע קונסט, אראפנעמענדיק די קרוין פון דעם שונד-רעפערטואר און פאפולאריזירענדיק די מער-ליטעראַרישע פיעסען. אין די יידישע ארטיסטען האבען מיר אומאויפהערלעך אריינגעטענהט: עס איז א רחמנות אף די אריגינעלישע און שיינע טאלענטען, וועלכע גע-פינען זיך צווישען זיי; דער שונדרעפערטואר מיט דעם מאנגעל אין איינפאכיקע, ריין-דראמאטישע און שטרענג-דיפערענצירטע ראלען פאר-קריפעלט זייערע פעיקייטען; נאר אַן ערנסטער רעפערטואר קען זיי גע-בען די מעגלעכקייט ברייט צו אנטוויקלען די קרעפטען, מיט וועלכע די נאטור האט זיי אזוי מילד באשענקט.

און זעען מיר טאקע, ווי עס איז זיך צוואקסען און האט זיך אנטוויקעלט דער יידישער טעאטררעפערטואר אין משך פון די לעצטע אנדערטהאלבען יאר. „כאשע די יתומה", „מירעלע אפרת", „גאט, מענטש און טייוועל" „די געברידער לוריה", „דער

יידישער קעניג ליר", „דבורהלע מיוחסת" פון יעקב גאָר-דין; „די מוטער", „די פאַמיליע צבי", „די גליקספאַרגעסע-נע" פון דוד פינסקי; „דאָס אייביקע ליד", „דאָס ווילנער בעל-הביתעל" פון מארק אַרענשטיין; „די שוועסטער" פון י. ל. פרץ; „אוריאל אַקאָסטאָ", „נאַ דניע", „די רויבער"... אַזאַ היפּש בינטעל נעמען איז צוגעקומען דעם יידישען טעאַטעררעפּערטואַר אין משך פון אַ פאַרהעלטעניסמעסיק קורצער צייט...

און נישט נאָר אין וואַרשע האָט דאָס יידישע טעאַטער געמאַכט אַזעלכע פאָרטשריט. אויך אַף דער פראָווינץ הייבט עס זיך. פון פאַרשי-דענע שטעט און שטעטלעך קומען שטענדיק אָן ידיעות, אַז די יידישע טרופּע, וואָס שפּילט דאָרט, שטענדיק אָדער נאָר פאַרבייגייענדיק, האָט אויסגעפירט אַף איהרע ברעטער די אָדער יענע ליטעראַרישע פּיעסע...

* *
*

אָט אַזוי דראַפּעט זיך דאָס יידישע טעאַטער ביסלעכווייס אַף די העכערע שטאַפּלען פון דעם משופּעדיקען לייטער פון דער קונסט, — צוזאַמען מיט דעם וווּקס פון דעם אַלגעמיינעם באַוווּסטזיין פון דער יידישער מאַסע, צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ערנסטער טעאַטראַלישער קריטיק אין דער יידישער פּרעסע...

(„דער וועג", נומע-רען 8, 9, 14 פון 22, 25 און 29 יאַנואר 1907).

# אונדזער טעאַטערקריטיק.

אין מערבאייראָפּע איז אַפילו דערוועקט געוואָרען די לעצטע צייט די פראַגע וועגען דער צוקונפט פון דער קריטיק,—דערביי האָבען אייניקע פובליציסטען זאָגאַר אַרויסגעזאָגט די פּאַראַדאָקסאַלישע מיינונג, אַז די קריטיק, וועלכע איז נישט מער, ווי פאַרמיטלערין צווישען קונסט און פובליקום, מוז מיט דער צייט אינגאַנצען פאַרשווינדען, דען דאָס פובליקום וועט ווערען אַזוי אַנטוויקעלט, אַז ס'וועט שוין קענען אַליין אָפּשאַצען דעם ווערט פון יעדען ווערק פון קונסט,— אָבער באַ אונדז איז דאָס, געלויבט דעם אייבערשטען, נאָך קיין פראַגע נישט: לעת-עתה האָבען מיר נאָך נישט וואָס ס'זאָל קענען באַ אונדז אונטערגיין. מיר האָבען נאָך, ב"ה, קיין קריטיק לחלוטין נישט. באַ אונדז עקזיסטירט גאָר אַן אַנדערע פראַגע: ווו נעמט מען ערלעכע אינטעליגענטישע קריטיק?

די, וואָס מיינען, אַז קריטיק איז בלויז אַ פאַקטאָר צווישען קונסט און פובליקום, זעען נאָר איין שויב פון רייכפאַרביקען לאַמטערן. אין אמתען איז זי אויך אַ שופט און אַ לערער פון קינסטלער. נאָך מער: אָפטמאָל — אַ וועגווייזער פאַר דער קונסט אַליין. דער גאַנצער פוילישער מאָדערניזם האָט זיין פּרעכטיק אויפבליען צו פאַרדאַנקען איין מענטשען — מיריאַם איז זיין נאָמען. אַליין איז ער מער דענקער, ווי פּאָעט. זיינע געדיכטען און פּאָעמען זענען קאַלט, ווי מאַרמאָר, און בלאַנקען נאָר מיט זייערע קלאַסישע פאָרמען. דערפאַר, אָבער, האָט ער אַן אַדלעריש אויג צו שיינקייט, לעאָנאַרדאָ-דע-ווינטשיס געשמאַק און נביאישע פאָרגעפילען פון דער צוקונפטסקונסט. אַף זיינע קריטישע עסייס און טעאָרעטישע אַרטיקלען וועגען קונסט, האָבען זיך דערצויגען די גרעסטע פוילישע פּאָעטען פון דער געגענוואַרט: קאַספּראָוויטש, פּשיבישעווסקי, וויספּיאַנסקי, זשעראָמסקי, זשולאַווסקי...

די ראָלע פון דער קריטיק מאַכט זי פאַר אַ נויטווענדיקייט אין אונדזער קולטורעליש לעבען. זי קען זיך ענדערען, זי מוז אָננעמען נייע פאָרמען; וואַקסען, ווערען טיפער, ענסטער, שענער. אָבער כל-זמן

עס עקזיסטירט קונסט, מוז זיך אויך וועבען דער פאַראַלגעמיינערטער געדאַנק וועגען איר...

מיר האָבען קיין ליטעראַרישע קריטיק — און דאָס איז אַ גרויס אומגליק פאַר אונדזער פּאָעזיע און בעלעטריסטיק. אונדזער ליטעראַטור וואַקסט, ווי אַ ווילדע עפּעלבוימעל אין וואַלד: פאַרלאָזט, עלענט, אָהן דערציונג, — אירע פּרוכטען מוזען זיין זויער. אונדזערע דיכטער האָבען קיין באַגריף וועגען דער טעאָריע פון ווערסיפיקאַציע, — זייערע געדיכטען מוזען זיין אָרעם, צוקאַליעטשעט, אומדערטרעגלעך. אונדזערע נאָוועליסטען באַנוצען זיך מיט דער פּרימיטיווער טעכניק, — זייערע דערציילונגען מוזען זיין שטייף, נישט געשליפען, נישט פּאָלירט. אונדזערע דראַמאַטורגען האָבען קיין רעכטע בינע אין די אויגען נישט אָנגעזען, ווייסען אָפּט נישט, וואָס דאָס וואָרט „דראַמע" באַטייט, — זייערע פּיעסען מוזען זיין ניטאַנטוויקעלט ווי אַן עובר, נישט סצעניש, קינדיש... אַפילו צו באַקומען זיסע עפּעל, מוז מען דעם בוים קולטיווירען, ד. ה. פלעגען, דערציען, באַאַרבעטען, ציוויליזירען, צוטשעפּענדיק צום ווילדען שטאַם אַ צווייגעל פון העכערער קולטור... אונדז פעלט די קולטור פון קינסטלער, און זי ווערט באַשאַפען דורך אַלגעמיינער אייראָפּעישער דערציונג און בילדונג, דורך אומבאַוואוסטזיניקען איינפלוס פון קולטורעלישער סביבה מיט טיפע טראַדיציעס, דורך קאַנטעניש אין עסטעטיק.

דאָס טעאַטער שלעפּט זיך איבעראַל נאָך דער ליטעראַטור ווי אַ כּוילדורף, נישט צו וואונדערען איז זיך, וואָס אויך אונדזער טעאַטער איז געבליבען אַזוי הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט אונדזער ליטעראַטור. די לעצטע פאַרמאָגט שוין אַזאַ ריזן, ווי שלום-עליכם, וועלכער איז אונדזער סערוואַנטעס, גאָגאָל און טשעכאָוו אין איין פּערזאָן, — ווו זענען, אָבער, אונדזערע גרויסע דראַמאַטורגען? אונדזערע גרויסע בינעס?

אמת, ס'יידישע טעאַטער האָט באַגעגענט אַף זיין וועג ספּעציעלישע פעלזען, אָן וועלכע עס האָט זיך געמוזט צוקלאַפּען — די אַדמיניסטראַטיווע רדיפות אין רוסלאַנד, למשל, — אָבער די הויפּטסבות פון דעם, וואָס עס האָט זיך אַזוי שוואַך אַנטוויקעלט, דאַרף מען זען אין מאַנגעל פון אַ גענוגענדיקער קולטורעלישער סביבה און פון אַ באַוואוסטזיניקען קולטורעלישען איינפלוס אַף דער בינע גופא, — הייסט עס, אין אַ גרויסער מאָס אויך אין מאַנגעל פון ערנסטער טעאַטראַלישער קריטיק.

אונדזער טעאטער איז געוואַקסען און אַנטוויקעלט זיך שטענדיק אין די ערגסטע קולטורעלישע תּנאים. אַנטשטאַנען איז עס ס ט י כ י ש, אויסגעבוינדען זיך פון די טיפסטע פּאָלקסשיכטען, און אין דעם האָט געשטעקט זיין לעבענספעיקייט און אויסגעהאַלטענקייט אין קאַמף מיט די אויסערלעכע מניעות. דאָס דעמאָקראַטישע געבורט איז, אָבער, אויך געווען די סבה פון זיין שוואַכקייט, דאָס אומנאָרמאַלישע, דאָס צובראָכענע יידישע לעבען האָט שטענדיק געהאַלטען אונדזער טעאַטער אין קיך, נישט דערלאָזט עס אין די סאַלאָנען פון קולטורעלישער עקזיסטענץ. אים האָט פון אָנהייב אָן געפעלט די מיטווירקונג פון אינטעליגענטישע קרעפטען. דער גרינדער פון יידישען טעאַטער האָט קיין סך נישט געקענט אויפטון: זיין מיסיע איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, די ווייניקע אינטעליגענטען, וועלכע זענען נעגטער צוגעגאַנגען צו דער אָרימער יידישער בינע, האָבען אויך נאָר איינצעלנע שטראַלען געקענט מיט זיך מיטברענגען. די זון פאַר'ן יידישען ט ע א ט ע ר וואָלט געקאָנט אויפגיין ערשט דעמעלט, ווען די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ, en masse, אָדער, לכל הפּחות, איר גרעסטער טייל זאָל געווען, ווי אַ וואָרימער כּרילינגסווינט מיט זיין באַפרוכטענדיקען אָטעם, אָנזאַפּען די אַטמאָספערע אַרום דער יידישער בינע.

ליידער, האָט זי זיך געהאַלטען פונדערווייטענס. דער המון — דער איינציקער באַזוכער פון יידישען טעאַטער — האָט קיין ערנסטע און טיפע פאָדערונגען נישט געשטעלט. זיין געשמאַק קען מען צופרידענשטעלען מיט אַ געוויינלעכען באַלאַגאַן, מיט רקידהלעך און נאַרישע קופּלעטען. און אַקטאָרען אַליין האָבען זעלטען־ווו אַנ'אייגענעם דראַנג צו העכערער קונסט. נאָך ווייניקער האָבען פאַרשטאַנען די יידישע אַקטאָרען — מענטשען פון דער מאַסע — צו זוכען עפּעס שענערס, ווי „חפני און פנחס" אָדער „שפּרינצע די אָדעסער מעלקערקע". א ו נ ד ז ע ר בינע האָבען געפעלט יענע ווירקונגען, וועלכע שטופּען פאָרווערטס; יענע אימפּולסען, וועלכע שאַפען אַ דראַנג צום פּראָגרעס; יענע שטערען, וועלכע באַלייכטען דעם וועג צו די בערגשפּיצען.

ווי ווייט אונדזער טעאַטער נייטיקט זיך אין סיסטעמאַטישער קריטיק, און ווי גינסטיק איר איינפלוס קען ווירקען אַף זיין אַנטוויקלונג, איז צו זען פון דער רעוואָלוציע, וועלכע די יידישע בינע האָט איבערגעלעבט אין וו א ר ש ע אין יאָר 1905, ווען דאָרט איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע פּראָווינציעלישע יידישע צייטונג, וואָס האָט גלייך

פון די ערשטע נומערן הײס זיך פאַרנומען מיט דער ייִדישער סצענע. אַ גאַנצען זומער האָבען דעמעלט אונדזערע אַקטאָרען געשפּילט אין טעאַטער „באַגאַטעלאַ". דאָס טעאַטער האָט זיך געבראָכען פון פּובליקום. אָוועגט אין אָוועגט האָט די קאַסע אײַנגעבראַכט זיבען, אַכט, נײַן הונדערט רובל, — און דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען אויסשליסליך פון שונד. אָבער גענוג זענען געווען דרײַ — פיר שאַרפע אַרטיקלען אין „וועג", כדי אין גליקלעכען ווינקעל, וואָס האָט זיך געבאָדען אין גאָלד, זאָל זיך אָנהײבען אַ קאָכעניש. די אַקטאָרען, וועלכע זענען נישט געווײנט געווען צו האָבען איבער זיך עפּעס אַ קאָנטראָלע, זענען געוואָרען אויפגעבראַכט, האָבען געקערט וועלטען. אָבער גאָר גיך האָבען זײ באַגריפען, אַז די אַלטע צײַטען, ווען די ייִדישע בינע איז געווען אַ הפקר־זאַך, זענען פאַריבער, און אַז פון הײַנט מאָל אָן האָבען זײ איבער זיך אַ קאָמפּעטענט אויג, וואָס היט־אָפּ יעדען טריט זײערען אַף די טעאַטערברעטער. זײ האָבען זיך אונטערגעגעבען. און אַף די וואַרשעווער גאַסען זענען דערשינען אַפישען, פון וועלכע עס האָבען אַראָפּגעשײַנט די נעמען: „מירעלע אפרת", „כאַשע די יתומה", „די מוטער" און זאָגאַר — גאָרקיס „אַפּ'ן לעצטען שטאַפּעל"...

תחלת האָבען די אַקטאָרען דאָס געטון נאָר פון מוז און פאַר זײ איז געווען ממש אַנ'אָפּקומעניש צו שפּילען אין ליטעראַרישע פּיעסען. ביסלעכווײַס האָבען אויך בײַ זײ זיך געעפענט די אויגען; זײ האָבען אָנגעהויבען צו קומען צום באַוווּסטזײַן פון זײערע אמתע קרעפטען און פון זײערע אמתע אויפגאָבען. דעמעלט האָט דאָס גאָלד, וואָס איז פאַרח'שכט געוואָרען אין מיסטקאַסטען, אָנגעהויבען צו באַקומען דעם נאַטירלעכען גלאַנץ. פון ייִדישען פּורימשפּילער האָט אַרויסגעשפּראָצט דער ייִדישער אַרטיסט.

בײַם פּובליקום האָט זיך אויך גענומען ענדערען דער געשמאַק. די, וואָס זענען ערשט נעכטען צוגאַנגען פאַר תענוג אַף „שמענדריק", זענען הײַנט געלאָפען באַוווּנדערען רחל קאַמינסקע אין „מירעלע אפרת", מײַערסאָן אין שילערס „רויבער", ווײַסמאַן און יערמאָלינע — אין גאָרדינס רעפּערטואַר. אפילו די אַזויגערופענע אינטעליגענץ האָט אײַנגעוויליגט אַראָפּצוגײן צום ייִדישען טעאַטער און ענדערען די אַמאָליקע פאַראַכטונג אַף דערשטוינונג.

דעמעלט האָט מען געקענט רעדען וועגען אַ ייִדישען טעאַטערלעבען. עס איז אַנטשטאַנען אַנ'ענגע פאַרבינדונג צווישען

טעאַטער, פּובליקום און דער צײַטונג. אַף דער רעצענזיע וועגן אַ נײַ שטיק האָט מען געוואַרט מיט פיבערדיק אומגעדולד: די צושויער ווי די אַקטאָרען. איין שלעכט וואָרט פון דער צײַטונג איז געווען גענוג, אַ פּיעסע זאָל אַראָפּגיין פון אַפיש.

לײדער, האָט די פאַרבינדונג נישט לאַנג געדויערט. אַף די סצענע זענען אַרויסגעטרעטען נײַע צײַטונגען, וועלכע אינטערעסירען זיך אויסשליסלעך מיט דער געשעפטלעכער זײַט און מיט אַלעם דעם, וואָס קען הייבען די צאָל פאַרקויפטע נומערען. יעדער אידעאַליזם איז זיי פרעמד. דאָס יידישע טעאַטער גייט זיי אָן נאָר אַף אַזויפיל, אַף וויפעל די משרתים פון דער אַדמיניסטראַציע און די קרובים פונ"ם אַרויסגעבער ביז'ן צענטען גליד קענען אומזיסט באַזוכען די פאָרשטעלונגען אַף דעם אַזויגערופענעם „פּאַספּאַרטו".

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געלער פּרעסע אין וואַרשע איז אָפּגעשטאָרבען די יונגע יידישע טעאַטראַלישע קריטיק. אונדזער בינע איז צוריק געוואָרען אַ הפקרזאַך, אָהן אַ שום געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל איבער זיך. און אין דעם ליגט אפשר די גרעסטע סבה פון איר שרעקלעכען ריקפאַל אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר.

טעאַטערקריטיק איז איינע פון די וויכטיקע פראַגען פון אונדזער געגענוואַרטיק קולטורעלישען לעבען, ווײַל מיט איר איז פאַרקנופּט די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון אונדזער יונגער בינע.

(„טעאַטערוועלט" נ׳ 7, אָקטאָבער 1908).

נח פרילוצקי.

# קריזיס פון אונדזער דראַמאַטיש טעאַטער.

אַ היסטאָריש געשעעניש זע איך אין די פּעטערבורגער גאַסטראָלען פון אסתר רחל קאַמינסקי אין פרילינג 1908. די מענגע נאָטיצען אין דער רעזידענצפּרעסע פון יענער צייט דערציילען, ווי ס'האָט זיך דעמעלט געקאָכט אין די ליטעראַרישע קרייזען, רוסלאַנד איז דאַן צום ערשטען מאָל געוואָר־געוואָרען, אַז עס עקזיסטירט אַ יידיש טעאַטער. פּראָפעסיאָנעלישע קריטיקער, וואָס רעכענען זיך נאָר מיט'ן אָביעקטיוויש אמת, האָבען מיט אַנטציקונג מודה־געווען, אַז אונדזער בינע פאַרנעמט אַ שיין אָרט אין טעמפּעל פון דער אייראָפּעישער קונסט. דער נאָמען פון אסתר רחל קאַמינסקי איז אָנגעשטעלט געוואָרען אין איין שורה מיט די וועלטבאַרימטע נישט־יידישע אַרטיסטינס. נישט נאָר רוסלאַנד, — די אַזויגערופענע יידישע אינטעליגענץ האָט דעמעלט מיט געוויסער פאַרוואונדערונג דערהערט די ידיעה וועגען דער „יידישער דוזע” און אירע טאַלענטפולע חברים. פאַר דער יידישער אינטעליגענץ איז דאָס געווען אַ גרויס נייעס, וואָרום אונדזער מישטיינסגעזאָגטע טעאַטראַלישע קריטיק האָט ביז דעמעלט נאָר צו בזיון געמאַכט די יונגע יידישע בינע. אמת־טרויעריק איז געווען דער אָנבליק פון יידישען טעאַטער, ווען עס האָט דאָס ערשטע מאָל אַף שטענדיק באַזעצט זיך אין דער גרעסטער יידישער קהלה פון אייראָפּע. דער רעפּערטואַר, די רעזשי, די אויפפירונג, ווי אויך די סצענישע קולטור פון די אַקטאָרען — אַלץ איז געווען קלאָגעדיק, פאַרגרעבט. אָבער דאָס רוב פון אונדזערע ליטעראַטען האָבען נישט געוואָלט, אָדער נישט געקענט, פאַרשטיין, אַז שולדיק דערין זענען בלויז די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע גאָלדפאַדענס קינד האָט זיך אַנטוויקעלט, — די אומלעגאַלע לאַגע, די אַדמיניסטראַטיווע רדיפות, דאָס אייביקע נע־ונד־זיין און די מאַטעריעלישע נויט, ווי אויך די גלייכגילטיקייט פון די אינטעליגענטישע קרייזען צו אונדזער פאָלקסבינע. נישט געוואָלט, אָדער נישט געקענט האָבען אונדזערע היימישע קריטיקער דערזען, אַז אַף די ברעטער פון „באַלאַגאַן”, — ווי זיי האָבען גערופען דאָס יידי-

שע טעאטער, — שפּילען צארטע, ליכטיקע, פון גאָט געבענטשטע טאַלענטען, פון וועלכע בעסערע אומשטענדען זענען אימשטאַנד צו מאַכען גרויסע אַרטיסטען. — „אַראָפּ פון דער בינע!" אַזוי האָט מען געשריגען צו אַזעלכע שטערען פון אונדזער סצענע, ווי אסתּר רחל קאַמינסקי, יעקב ליבערט, וויסמאַן, יערמאָלינע, טרילינג. און געשריגען האָט מען אַזוי דערפאַר, וואָס מען האָט אין קלוימערשטען „ביי־זען ווילען" פון די אַקטאָרען געזען די איינאונאיינציקע סבה פונ'ם נידעריקען צושטאַנד, אין וועלכען אונדזער בינע געפינט זיך.

אַביסעל זיך אָפּגערוט פון די לאַנגיעריקע טלטולים, האָבען אונדזערע „ווינקעל-פּורים-שפּילערס" אָנגעהויבען ווינדער צו באַווייזען: אסתּר רחל קאַמינסקי אַלס „כאַסיע די יתומה", אַלס „מירעלע אפרת", אַלס „די מוטער" אין פּינסקיס שטיק; פרוי „טרילינג, אַלס „מירעלע אפרת" און „מאַדאַם טראַכטענבערג" („די יתומה"); ליבערט, אַלס דעם „ווילנער בעל-הביתעלס" פּאָטער, אַלס „סאַטין" („נאַ דניע") א. ד. ג. — דאָס זענען אַלץ געווען פּערעל פון סצענישער שאַפונג. אָבער אויך די ווינדער האָבען ווייניק געווירקט אַף אייניקע פון אונדזערע ליטעראַטען. אַזוי איז שוין באַ אונדז שטענדיק: פעלט אונדז עפּעס — בענקען מיר נאָך דעם, באַקלאָגען מיר זיך אַף דעם מאַנגעל; האָבען מיר שוין עפּעס — זעען מיר עס נישט, קענען מיר עס נישט אָפּשאַצען, שפּייען מיר דערויף. אונדזער מח איז שוין פון געבורט אָן אויסגעלענקט: אַלץ איז ער מבטל, קיין זאַך אימפּאָנירט אים נישט. אָבער פאַר דער מיינונג פון אַ גוי האָבען מיר שטענדיק דרך-ארץ, און ערשט דעמעלט, ווען פּעטערבורג האָט דעם קאָפּ פאַר אונדזער יונגער בינע אַראָפּגעבויגען, האָבען אויך מיר אָנגעהויבען צו באַגרייפען, וואָס פאַר אַ גרויסען קולטורעלישען אוצר מיר פאַרמאָגען.

נאָך פּעטערבורג האָט קאַמינסקיס טרופּע געמאַכט אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ,—באַזוכט ווילנע, קאָוונע, ריגע, וויטיעבסק, לאָדזש,—און איז איבעראַל באַגעגענט געוואָרען מיט גרויס התלהבות. בכלל, דאָס לעצטע יאָר איז געווען אַ יאָר פון אומא יפהערלעכען טריומף פאַר דער טרופּע, וועלכע כּאַ־קערפּערט איצט דעם וווקס פון אונדזער בינע. און דער טריומף דאַרף האַרציק פרייען יעדען נאַציאָנאַלפילענדיקען ייד, ווייל ער באַווייזט, אַז אונדזער ברייט פּובליקום, ווי אויך אונדזער אינטעליגענץ האָט ענדלעך דערזען אין דער יידישער

דראַמאַטיִשער קונסט אַ לעבעדיִקע און לעבענספעיִקע פּרוכט פון אונדזער געגענוואַרטיִקער נאַציאָנאַלקולטורעליִשער שאַפונג.

אָבער איִצט, ווען די יִדיִשע ביִנע איִז איִן אַ געוויִסער מאָס שוין אַרויס אַביִסעל פון איר עלענט, ווען זי האָט זיִך שוין דערוואָרבען ליִבע און אַכטונג באַ די פאַרשיִדענסטע שיִכטען פון פאָלק, מעג מען אַ קוק־טון אַף איר עטוואָס שטרענגער.

געווען אַ צייַט, — די ווייִניִקע פאַרערער פון דער יִדיִשער סצענע און פון יִדיִשען אַקטאָר האָבען זי פאַרטיידיִקט פון די ניִשטריִקזיִכטיִקע קריִטיִקער, אָהן אויפהער פּראָטעסטיִרענדיִק קעגען דעם בזיון, וואָס מ'טוט אָן דעם יִדיִשען טעאַטער, — די ווייִניִקע פאַרערער האָבען באַוווסטזיִניִק צוגעמאַכט די אויגען אַף איינִיקע באַטייַטעוודיִקע חסרונות פון אונדזער דראַמאַטיִשער קונסט. זיי האָבען געמוזט אַזוי טון, ווייַל פאַר זיי זענען דעמעלט געשטאַנען צוויי וויִכטיִקערע אויפגאָבען: 1) אויפוועקען איִן יִדיִשען אַקטאָר דאָס באַוווסטזייַן פון זייַנע קרעפטען און וויִרקען אַף איִם, ער זאָל איִבערגייִן צו אַנ'ערנסטען רעפּערטואַר; 2) דערקלערען דעם פּובליִקום די היִסטאָריִשע סבות, פאַרוואָס דאָס יִדיִשע טעאַטער שטייט אַזוי ניִדעריִק, אייַנפלאַנצען באַ די טעאַטערבאַזוכער אַביִסעל צוטרוי צו דער יִדיִשער ביִנע און צו איר צוקונפט.

ניִשט מיִט שפּייַעכץ דערציִט מען ניִשטקולטורעליִשע מענטשען, נאָר מיִט טאָלעראַנץ, מיִט פאָרזיִכטיִקען מוסר, פאַרניִנפטיִקער קריִטיִק און ליִבענדיִקער ריִקזיִכטיִקייט.

איִצט, אָבער, איִז דאָס וויִכטיִקסטע שוין געשען: פון יִדיִשען „באַלאַגאַן” איִז אויסגעוואַקסען אַ דראַמאַטיִש טעאַטער, און פון יִדיִשען „אַקטאָרשטשיִק” אַנ'ערנסטער אַרטיִסט; די באַציִונג פון דער געזעלשאַפט צו דער יִדיִשער סצענע האָט זיִך אויך ראַדיִקאַליִש געענדערט; — און איִצט איִז שוין דאָ אַ באָדען פאַר ווייַטערדיִקער און מער־דעטאַלער קריִטיִק. איִצט מעג מען שוין און מ'דאַרף אַפילו אונטערשטרייַכען יענע שוואַכע זייַטען, וועלכע ס'איִז פריִער גיִצלעך געווען צו פאַרשווייַגען. און וויִרקלעך, וואָלט דען געהאַט אַ טעם צו פאָדערען, לאָמיִר זאָגען — אַרטיִסטיִשע דיִקציִע, סובטעליִשע שפּיִל און מאָדערנע רעזשי פון אַקטאָרען, וואָס שטעלען, „שפּריִנצע די אַדעסער מעקלערין”, און פאַר אַ פּובליִקום, וואָס לעקט די פיִנגער פון „שמענדריִק”?

אָבער פון אַרטיִסטען, וואָס האָבען אַזאַ התלהבות באַ איִנטעליִגענ־

טִישע באַזוכער פאַרדינט, מעג מען שוין פאָדערען, אַז זיי זאָלען זיך אומקוקען אַף זיך אַליין, זאָרגען וועגען ווייטערדיקען וווקס. אַ כלל איז דאָך: ווער עס גייט נישט פאָרווערטס, דער בלייבט הינטערשטעליק.

די הייאָריקע גאַסטראָלען פון קאַמינסקיס טרופּע אין פּעטערבורג האָבען מיך איבערצייגט, אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונדזער דראַמאַטישער קונסט איז פּשוט אַ לעבענספראַגע פאַר איר. דער פּעריאָד פון עלעמענטאַרישער דערציִונג פון אונדזער בינע האָט זיך געענדיקט דעמעלט, ווען עס האָט זיך געבילדט די טרופּע מיט אַ ריין-ליטעראַרישען רעפּערטואַר. דער פּעריאָד האָט געבראַכט זיינע פּרוכטען: דער טריומף פון קאַמינסקס טעאַטער דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם פּעריאָד, דערביי אַ היסטאָרישער רעזולטאַט. אָבער די ערשטע דראַמאַטישע טרופּע אונדזערע טאָר זיך נישט באַגנוגענען מיט דעם איינעם רעזולטאַט. אויב זי וויל אויך ווייטער פאַרקערפּערען דעם וווקס פון אונדזער סצענע; אויב זי וויל אויך ווייטער פאַרבלייבען פאַר דער יידישער געזעלשאַפט אַ ליכטיקער פאָרשטייער פון אונדזער לעבעדיקען נאַציאָנאַלשאַפענדיקען גייסט, מוז זי זיך ווידער נעמען צו איר זעלבסטדערציִונג. עסטעטישע אַנטוויקלונג און אַרטיסטישע קולטור אַלס איר רעזולטאַט, — אָט וואָס פעלט איצט אונדזער דראַמאַטיש טעאַטער.

אונדזערע בעסטע אַקטאָרען פאַרמאָגען געוואַלטיקע אינטויציע, איינגעבוירענע אינטעליגענץ און אייגענע פּערזענלעכקייט, ד. ה. דאָס טייערסטע, וואָס מ'זוכט אין אַ דראַמאַטישען אַרטיסט. ווען כ'זע אסתּר רחל ק אַ מ י נ ס ק י אין דער אַריסטאָקראַטישער ראָלע פון „מירעלע אפרת” אָדער אין דער לירישער ראָל פון „כאַסיע דער יתומה”, איז פאַר מיר קלאָר, אַז דעם גייסטיקען אינהאַלט פון די טיפען האָט זי געפונען אין איר אייגענער, טיפער, צאַרטער און פילזייטיקער, רייכבאַגאָבטער נשמה, און די אויסערלעכע פאָרמען זייערע האָט זי אָנגעטאַפּט מיט איר גרויסען אַרטיסטישען אינסטינקט. ווען דער קליינוווקסיקער ז ש ע ל אַ ז ע גייט פאַר מיר אַדורך דאָ אַלס דער בדחן פון „גאָט, מענטש און טייוועל”, דאָ אַלס דער רב אין די „געברידער לוריה”, דאָ אַלס זיידענשטאַמער אין „צוזייט און צושפּרייט”, דאָ אַלס דער יונגערמאַן אין דער „עצה”, — זאָגט מיר די קייט קינצלערישע שאַפונגען, אַז דער געבוירענער אַרטיסט טראָגט אין זיין ברוסט אַן אָפּגרונט פון פיינגעפיל, איידעלקייט און ווייכקייט, און אַז בלויז מיט דער הילף פון זיין סובטעלען עסטעטישען אינסטינקט שלייפט ער אַרום

זײַנע פּראַכטפולע ראָלען. װען יעקב ליבערט, װאָס איז געװײנט געװען צו שטורמען און ברויזען אַף דער סצענע, רײַסענדיק קײטען אין „בר כּוכבא״ אָדער דעקלאַמירענדיק דונערענדיקע מאָנאָלאָגען אין „כינקע־פינקע״, װען דערזעלביקער ליבערט טרעט־אַרויס אַלס דזשאַרסקי אין פּשיבישעװסקיס „צוליב גליק״ און שפּילט װײך, צאַרט, געלאַסען, אויסגעהאַלטען, באַשאַפענדיק אַף דער סצענע אַ סטיליזירטען סימבאָל, מוז איך שטוינען פאַר דער מערקװירדיקער אינטויציע, װײַל — זאָגט מיר, — װו האָט ליבערט געקענט זען אין לעבען אַזאַ דזשאַרסקי?

אָהן עסטעטיש באַװוסטזײַן קענען, אָבער, די אַלע אײַנגעבוירענע קרעפטען נישט אַרויסװײַזען זײער גאַנצען גלאַנץ. נישט שטענדיק קען אינטויציע אָנװײַזען די אויסערלעכע פאָרמען פון טיפּ. אָפטמאָל רײַסט זיך דער פאָדעם פון קינצלערישער שאַפונג, שײנע ניואַנסען גײען פאַרלוירען, װיכטיקע מאָמענטען בלײַבען אין שאָטען, אײדעלע פרטים װערען פאַרריבען. די גאַנצקײט פון טיפּ, דער סטיל פון שפּילען לײַדט נישט זעלטען דערפון, װאָס דעם אַקטאָר פעלט אַרטיסטישע קולטור, װעלכע מ׳קען דערװערבען נאָר דורך ספּעציעלישער דראַמאַטישער דערציִונג און דורך אַלגעמײנער עסטעטישער בילדונג. גענוג איז, אַז דער אַקטאָר זאָל אָנהײבען רעדען מיט אײן טאָן העכער, אום די גאַנצע שטימונג פון שטיק זאָל אינגאַנצען צושטערט װערען, די אײדעלע גאַמע פון טיפע געפילען זאָל איבערגײן אין אַ גראָבען עפעקט, האַרציקע קאַטאַסטראָפעס — אין מעלאָדראַמע, שטילע רײד — אין דעקלאַמאַציע. בלויז אײַנגעבוירענער טאַקט נאַרט אָפטמאָל אָפּ.

באַזונדערס בולט פילט זיך דער מאַנגעל פון אינערלעכער האַרמאָניע אין דער אַלגעמײנער רעזשי, די אויפפירונג פון די פּיעסען אַף אונדזער בינע לײַדט כמעט כראָניש פון איר אויסערלעכער זײַט. די דעקאָראַציעס, דאָס מעבעל — דאָס דאַרף דאָך זײַן אַזוי טיף באַקלערט, אַזוי אײדעל אויסגעפירט, עס זאָל פּאַסען צו דער אידײע פון שטיק, צו דער עפּאָכע פון דער האַנדלונג, צו דער סביבה פון די מענטשען און צו דער אינדיװידואַליטעט פון די פּערזאָנען. װען מיר קומען דאָס ערשטע מאָל אין טעאַטער, רײַסען אונדז די אַקטאָרען מיט, מיר װערען צוגעקלעפּט צו זײ. אָבער װערען מיר שטענדיקע באַזוכער — הײבען מיר אָן צו באַמערקען די פּגימות, און אונדז פאַרדריסט, אונדז טוט װײ, װען אַ סאַלאָן זעט־אויס װי אַן׳אײַנפאָרהויז; װען אײנער און דערזעלביקער הילצערנער זײגער גײט נישט אַראָפּ פון דער בינע װאָ-

בענלאַנג; ווען דערזעלביקער ר׳ יצחק-אלחנן אָהן אַ רעמעל וואַנדערט-איבער פון הערשעלע דובראָוונער אין דער גראָדנער אכסניא, און פון דער לעצטער צו מאיר שאַלאַנט; ווען דער זייגער שלאָגט 8 און דער ווייזער שטייט אַף 2... דאָס זענען אַלץ פּרטים, אָבער זיי שטערען די אילוזיע, איבעריגענס, טאַקע אין פּרטים דריקט-זיך-אויס קולטור.

נאָך שוואַכער איז די אינערלעכע רעזשי. יעדע פּיעסע האָט זיך איר נשמה, איר סטיל, די פּערזאָנען זענען געבונדען צווישען זיך, וויל אַלע זענען זיי נייטיק פאַר דער האַנדלונג און פאַר דער אידייע. קיין איבעריקע טאָרען נישט זיין. דער אַקטאָר איז נישט פריי צו שאַפען אַ טיפּ גלאַט אין דער וועלט אריין, צו שפּילען, ווי אים גלוסט זיך. ער דאַרף זיך צופּאַסען צו דער אַלגעמיינער רעם פון שטיק, אַרויס-ווייזען נאָר יענע זייטען פון כאַראַקטער, וועלכע די פּיעסע פאָדערט; אויסדריקען שטימונג, פּאַסאָס נאָר אַף אַזויפיל, אַף וויפעל די דראַמע דאַרף האָבען, אַ פּיעסע מוז אַדורכגיין, ווי אַ קאָנצערט, איינגעשפּילט, האַרמאָניש... איך וועל שוין נישט רעדען וועגען דעם, אַז אונדזערע אַקטאָרען, אַפילו די בעסטע (אויסער אסתר-רחל קאַמינסקי און נאָך איינינקע), קענען זעלטען ווען די ראָלע און וואַרפען יעדע מינוט אַ בליק צו דער בודקע פון סופלער, אומברחמנותדיק צורייסענדיק די אילוזיע. — איך וועל נאָר באַמערקען, אַז באַם שפּילען רעכענט זיך נישט איי-נער מיט׳ן צווייטען, — יעדער האַלט זיך אָן זיין סטיל, אַזוי ווי ער דענקט פאַר גוט. אַן-און-פאַר-זיך איז יעדער אַף זיין אַרט, אָבער עס פעלט די אידעלע אַטמאָספערע פון איינקייט, מ׳זעט פאַר זיך איינצעל-נע מענטשען, אָבער דער איינדרוק פון אַנ׳אָרגאַניש שטיק לעבען גייט פאַרלוירען... בפרט נאָך, אַז אין אַ שטיק פון ווילנער לעבען, למשל, רעט איינער טאַקע ליטוויש, און די איבעריקע פּויליש צי וואָלינניש, צי גאָר אַ קאַפּינקע פאַרדייטשט...

אַ טרופּע פון דער מאָס, ווי קאַמינסקיס, וואָלט שוין באַדאַרפט האָבען אַ ליטעראַרישען פירער, וועלכער זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר׳ן רעפּערטואַר און פאַר דער רעזשי, פאַר דעם גייסט פון דער רעזשי. דער ליטעראַרישער פירער שטודירט-אויס די פּיעסע, פאַר׳ן אויפפירען דיינענט ער פאַר די אַקטאָרען אַ געניויעם רעפעראַט, אין וועלכען ער אַנאַליזירט דאָס שטיק, דערקלערט זיין הויפּטאידייע, דעם אויפגאַב פון יעדער פּערזאָן, וואָס טרעט-אויף; בשעת די רעפּעטיציעס זעט ער, אַז אַלע זאָלען קענען די ראָלען, זאָלען זיך האַלטען אָן די

אנווייזונגען פון מחבר און נישט צורייסען די רעמען פון שטיק. דער ליטעראַרישער רעזשיסער איז די נשמה פון ספעקטאַקעל; ער גיט אים דאָס אייגנקייט, די האַרמאָניע... דאָס שוועדישע טעאַטער האָט סטרינדבערגען, דאָס נאָרוועגישע — האָט געהאַט איבסענען. זאָל זיך די יידישע טרופע געפינען אַ קלענערען, — מיט דער צייט וועט אפשר אויסוואַקסען אויך אַ גרעסערער...

איך האָב דאָ דערמאָנט דאָס וואָרט רעפּערטואַר, ווייל רעפּערטואַר און רעזשי זענען ענג געבונדען. די אַנטוויקלונג און דער געשמאַק פון רעזשיסער באַשטימען דעם רעפּערטואַר. און ווייטער — אָהן אַ ליטעראַרישען רעזשיסער קען אַ טרופּע נישט האָבען קיין גענוגענדיקען רעפּערטואַר. די אַקטאָרען אַליין האָבען קיין צייט נישט צו זוכען. איבעריגענס, דאָס איז נישט זייער זאַך, און קיין שפּראַכען קענען זיי אויך נישט. אָהן איבערזעצונגען קען זיך ווידער אַ טעאַטער היינטיקע צייטען נישט באַגיין. דער אַלעקסאַנדרינסקי טעאַטער און סוואָרינס טעאַטער אין פעטערבורג זיצען בלויז אַף אייגענער דראַמאַטורגיע, שפּילען זיי טאַקע בלויז טאַנדייט און זענען נידעריקער פון יעדער קריטיק. סטאַניסלאַווסקי און קאָמיסאַרזשעווסקאַ האָבען, פאַרקערט, אין זייער רעפּערטואַר מער ווי אַ העלפט אויסלענדישע שטיקער, און בליען.

אונדזער יונגע בינע ליידט שוין אויך פון פיעסענהונגער. קומענדיק היייאָר קיין פעטערבורג, האָט קאַמינסקי געמוזט ווידער ברענגען דיזעלביקע פיעסען, ווי פאַראַיאָרען. נאָכאַמאָל גאָרדין און ווידעראַמאָל גאָרדין. אמת, „מירעלע אפרת" און „כאַסיע די יתומה" וועלען שטענדיק זיין באַליבטע פיעסען אין יידישען רעפּערטואַר, אָבער אויספילען דעם רעפּערטואַר קענען זיי בשום אופן נישט. עס ווילט זיך עפּעס נייעס. האָט מען אונדז מכבד-געווען מיט „שלום בית", „גאָטס שטיפקינדער" און נאָך אַזעלכע אַנטיקען. קענטיק — נישטאָ וואָס צו שפּילען. איין וויכטיקע איבערזעצונג: „צוליב גליק". אַלע זענען אין דעם שטיק גוט — קאַמינסקי מיט דער פרוי, ליבערט, און דאָס באַווייזט, אַז אייניקע מיטגלידער פון אונדזער ערשטער דראַמאַטישער טרופּע האָבען שוין איבערגעוואַקסען גאָרדינען, וועלכער האָט זיי פאַר אַרטיסטען געמאַכט. גאָרדין געהערט צו דער אַלטער שול דראַמאַטורגען, און קאַמינסקיס טרופּע וואָלט שוין געקענט שפּילען איבסענס און הויפּטמאַנס שטיקער. ווי־זשע קומט מען, אָבער, צו דעם רע-

פּערטואַר? קאַם נסקי האָט נישט קיין סיסטעם. האָט מען געבראַכט פּשיבישעווסקין, האָט ער גענומען פּשיבישעווסקין. דער שפּרונג איז, אָבער, צו גרויס. „פאַר'ן זונענאויפגאַנג", צי „פורמאַן הענשעל" (הויפּטמאַן), די „זײַלען פון דער געזעלשאַפט" און „געשפּענסטער" (איבסען), „דער פאָטער" (סטרינדבערג) וואָלטען זיך גיכער געפּאַסט, ווײַל זיי זענען נענטער צו דער לעבענסשטייגער־שילדערונג אין האָבען מער האַנדלונג.

און ווען איך רעד וועגען קריזיס פון אונדזער טעאַטער, האָב איך טאַקע אין זין בלויז קאַמינסקיס טרופּע, וועלכע שטייט אָן דעם שפּיץ פון דער ייִדישער דראַמאַטישער קונסט, און מיינען מיין איך טאַקע אָט די דערמאָנטע שוואַכע זײַטען פון דער רעזשי און די אָרעמקייט פון רעפּערטואַר. דער מאָראַלישער ערפאָלג פון דער דרופּע אין פּעטערבורג איז דאָסמאָל אויך געווען גרויס, אָבער דער מאַטעריעלישער — שוין קלענער. ס'איז נישט געווען, וואָס צו באַזוכען, און אין די שוואַכע שטיקער האָבען זיך אויך די פעלערען פון רעזשי שאַרפער געוואָרפען אין די אויגען. און די פראַגע פון רעפּערטואַר און רעזשי איז, ווי כ'האָב שין געזאָגט, געוואָרען פּשוט אַ לעבענספראַגע פאַר דער דראַמאַטישער טרופּע, ווײַל פאַר איר שטייט איצט די שאלה: און וואָס ווײַטער? מ'וועט נאָכאַמאָל וועלען באַזוכען ריגע, ווילנע א. אַ. וו. — מיט וואָס פאָרט מען איצט?

* * *

...און אָנגעשריבען האָב איך די עטלעכע שורות נישט אַלס קריטיק, איך האָב פּשוט קאָנסטאַטירט אַ פאַקט, וועלכען כ'זע און וועגען וועלכען כ'שרײַב מיט אַ צובראָכען געמיט, ווײַל פאַר מיר איז די טרופּע אַ שטיק פון מײַן נשמה. ס'ווילט זיך גלייבען, אַז זי וועט געפינען אַ ן'אויסוועג: זי וועט אַהיימקומען, זיך אַרומקוקען, אפשר זיך צונויפרעדען מיט אַ געניטער פּערזאָן. איינס קרענקט: דער נסיון האָט באַוויזען, אַז קיין שום טעאַטער אין דער וועלט קען זיך נישט אַנטוויקלען אָהן געזעלשאַפטלעכער שטיצע. אין פּעטערבורג און מאָסקווע — די רוסישע טעאַטערס, און אין וואַרשע — די פּוילישע — ווערען אויסגעהאַלטען פון דער רעגירונג. ווען סטאַניסלאַווסקי זאָל נישט געווען באַקומען 200 טויזענט רובל אַ סובסידיע פון מאָראָזאָווען, וואָלט פון זײַן וואונדערבאַרען טעמפּעל שוין לאַנג קיין סימן

נישט געבליבען. אין פארשידענע פוילישע פראווינציעלישע שטעט האָבען זיך געגרינדעט חברות פון בירגער צו שטיצען די אָרטיקע קליינע טעאַטערלעך. פאַרוואָס זאָל נאָר די יידישע בינע זיין אַזוי עלענט!? ס'איז גאָטס וואונדער, וואס זי איז געוועזען אימשטאַנד מיט אייגענע כחות אַליין זיך אויפצוהייבען אַזוי הויך. אָבער וויפעל איז דער שיעור, זי זאָל זיך פייניגען! נאָך נישט צייט, עס זאָל זיך אָרגאַניזירען — אַ ספּעציעלישער פאַריין, האָבענדיק מיטגלידער אין אַלע יידישע שטעט, און איבערנעמען די ערשטע יידישע דראַמאַטישע טרופּע? צוקלייבען צו איר די בעסטע אַקטאָרען פון אַנדערע טרופּעס (דראַנאָוו, יוליוס אַדלער, טיטעלמאַן), צונעמען אַ ליטעראַרישען פירער, — און זאָל דער לעבעדיקער קוואַל פון נאַציאָנאַלקולטורעלישער שאַפונג פאָרען פון שטאָט צו שטאָט — וועקען די יידישע נשמה, שפּייזען זי מיט שיינקייט...

דערויף דאַרף מען האָבען אַזוי ווייניק געלט... און דאָס וואָלט דאָך געוועזען אַזוי שיין... אַזוי שיין...

(„לעבען און וויסענשאַפט", נומער 1, זומער 1909).

# פיר יאָר יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד און פוילען.

## ביז׳ן 1905־טען יאָר.

דעם פאַרגאַנגענעם זומער איז געוואָרען פיר יאָר, זינט מ׳האָט אין רוסלאַנד פאַקטיש אָראָפּגענומען דעם פאַרבאָט, וואָס האָט אַזאַ לאַנגע צייט געהאַלטען אין קלעם אונדזער פאָלקסבינע.

פון יאָר 1905 האָבען מיר אין וואַרשע כסדר עטלעכע יידישע טעאַטערס. מ׳קען זאָגען, אַז אין דער גרעסטער יידישער קהלה פון אייראָפּע האָט אונדזער אָרעמע סצענע פון דעמאָלט־אָן זיך געפונען אַ שטיקעל מקום־מנוחה, וווּ זי האָט געקענט פרייער אויפאָטעמען און אַ קלערער טון וועגען אַ ליכטיקערען מאָרגען.

אין דעמזעלביקען יאָר האָט אין וואַרשע אָנגעהויבען אַרויסגיין די ערשטע יידישע צייטונג („דער וועג״), וועלכער האָט באַלד פון תחלת־אָן זייער פיל אויפמערקזאַמקייט געשענקט דעם שטיפקינד פון אונדזער מאָדערנער קולטור, געלייגט דעם פונדאַמענט פון יידישער טעאַטערקריטיק.

און דערפאַר טאַקע דאַרף מען, לויט מיין מיינונג, רעכענען דאָס יאָר 1905 פאַר אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער קורצער געשיכטע פון אונדזער בינע אין רוסלאַנד.

ביז דעמאָלט זענען נישט די אויסערלעכע, נישט די אינערלעכע תנאים, אין וועלכע ס׳יידישע טעאַטער האָט געלעבט, גינסטיק געווען פאַר זיין אַנטוויקלונג.

די גזרה פון די אַכציקער יאָרען האָט ווי אַ שווערער שטיין צוגעפּרעסט ס׳יונגע געוויקסעל פון אונדזער דראַמאַטישער קונסט.

די באַשטענדיקע יידישע טעאַטערס אין אַדעס, וואָס האָבען אַזוי לעבעדיק פונקציאָנירט און גאַנץ נישקשהדיק זיך אַנטוויקעלט, זענען אונטערגעגאַנגען. איבער נאַכט איז ס׳יידישע טעאַטער אָפּגעשמדט געוואָרען אַף דייטש. נאָר דער געצוווּנגענער מאַסקאַראַד איז צוגעגאַנגען זייער שווער: מ׳האָט געדאַרפט זיין בלינד אַף ביידע אויגען, מ׳זאָל

נישט דערזען אַפ'ן פּרישגעבאַקענעם „דייטש" דעם אַלטען אַרבע-כּנפות... אַ „גוטער גוי" האָט רחמנות-געהאַט אַף די אויסגעהונגערטע נע־ונדניקעס, דערלויבט צו שפּילען... אַ טובה קאָסט, אָבער, באַ אונדז געלט, און אַ סך: אָפּטמאָל איז דאָס גאַנצע „דאָבריי־מזל" פון יידישען אַקטאָר אַריין אין זיינע בעלי-טובֿ הניקעס... און וויפיל מאָל האָט געטראָפען, אַז „נאַטשאַלסטווע" האָט זיך בשום-אופן נישט געלאָזט מפייס-זיין. דער אַפּיש איז נישט אונטערגעשריבען געוואָרען, און די טרופּע האָט פּשוט נישט געהאַט, מיט וואָס אַרויסצופאָרען...

גאַנץ נישט זעלטען פלעגען מיט דעם „דייטש" פּאָרקומען זייער קאָמישע עפּיזאָדען.

קיין גרויסע בקיאים אין לשון־אַשכּנז זענען אונדזערע אַקטאָרען, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, — פלעגט מען, מעשה־קאָנטראַבאַנד, אונטערשפּילען אַביסעל אַף מאַמע-לשון, ווייזט זיך, אָבער, אַ פּאָליצייִישער דאַשעק אַף דער פאָרשטעלונג, — וועריט הינטער די קוליסען אַ מהומה

— ער איז דאָ... „דייטש"!... „דייטש" שפּילט! — פאַיל פון בויגען פּליט-אַדורך דער באַפעל, — אין, לאָמיר נעמען, דער שדכן אין „קוני-לעמעל" לויפט-אַרויס אַף דער בינע, אַ בלאַסער, אַ פאַרצאַפּעלטער און שטאַמעלט קוים אַרויס, אָנשטאָט דעם יידישען: „אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך! און כאַפּט נישט", — דאָס „דייטשישע":

— „איין גוטע וואָך! איין גוטע וואָך! און פאַנגט נישט!"

וועגען דער מאַטעריעלישער לאַגע פון די פּיאָנערען, וואָס האָבען גאָלדפאַדענס קינד טריי געהיט, איז שוין אָפּגערעט. כראָנישער הונגער איז טריט נאָך טריט נאָכגעגאַנגען דעם יידישען אַקטאָר, אַ „סבאָר" פון 50 רובל איז געווען דער העכסטער אידעאַל פון אַ וואַנדערטרופּע, און ווי אַלע שיינע חלומות איז ער זעלטען ווען מקוים־געוואָרען אַף דער וואָר. אַ גאַנץ בוך וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבען וועגען די טלטולים פון דער יידישער בינע אין רוסלאַנד.

איך קען עטליכע אַקטאָרען, וועלכע האָבען אַמאָל געמוזט גיין פון כלאָנים קיין ביאַליסטאָק צופוס... די „יידישע דוזע" האָט ערשט מיט 16 יאָר צוריק אין זאַקראָטשים געשטעלט „שמענדריק" פאַר 40 יידישע סאָלדאַטען, וואָס יעדער פון זיי האָט באַצאָלט צו גילדען, — און זי האָט זיך גאַנץ פיין געפרייט מיט'ן „סבאָר"...

און דער טעמפּעל פון אונדזער „טאַליע", אומשטיינסגעזאָגט, ווי האָט אויסגעזען!

אין שטאַלען, אין שײַערען איז על־פּי־רוב געשפּילט געוואָרען.

איינמאָל, אין אומאַן, קיעווער גובערניע, האָט זיך פאַרלאָפען אַזאַ פריילעך געשיכטעלע:

געקומען אַ טרופּע, אָפּגעדונגען אַ שטאַל, אַרויסגעטראָגען דאָס מיסט, אין הינטערגרונט אַ שטיקעל פלאַץ פאַר די פערד איבערגעלאָזט, מיט אַ דין ווענטעל אָפּגעצוימט, דערנאָך צונויפגענומען אין די קלייטען עט-לעכע טײַקאַסטענס — אַ בילעט צום אַרײַנגיין נוצגעלט פאַר אַ קאַסטען, — געמאַכט פון זיי אַ בינע, מיט ברעטער צוגעדעקט און גאַנץ באַקוועם „די שפּיל געפראַוועט"... אין מיטען פלוצים — אַ קאַטאַסטראָפע: פון הינטען איז צוגעקומען אַ פערד און גענומען געשמאַק זיך רײַבען אַ זײַט אין ווענטעל, וואָס האָט אָפּגעטיילט די סצענע. דאָס ווענטעל האָט זיך איבערגעקערט, די ברעטער צושיט, און די אַקטאָרען — צווישען זיי איז געווען אויך ווײַסמאַן — זענען אַלע, ווי זיי שטייען און גייען, אין די „קרוינען" און מיט די „שווערדען", אַראָפּגעפאַלען צווישען די קאַסטענס...

אַנ'אַנדערשמאָל — אין קאָבעלאַקי, פּאָלטאַווער גובערניע, — האָט אַ טרופּע — און רחל קאַמינסקי אינדערמיט -- געשפּילט אין גאָר-טען, צווישען די ביימער, אָהן שום צערעמאָניעס, גלײַך אַפ'ן גרינעם גראָז... אין טאַקע דאָ, אונטער'ן פרײַען הימעל, פאַר די אויגען פון פּובליקום, זיך „פאַרשטעלט" און גרימירט...

דאָס איבערלעבען אין דער יידישער גאַס גופא איז אויך געווען אין אַזאַ ציטשטאַנט, אַז ס'האָט ווייניק וואָס געקאָנט ווירקען אַף דער אַנטוויקלונג פון אונדזער בינע. געפעלט האָט דאָרט די לעבעדיקע אַטמאָספערע פון אינטערעס און ליבע צום יידישען טעאַטער. קיינער האָט פאַר דעם נישט געזאָרגט, קיינער האָט עס נישט געשעצט.

אונדזער אינטעליגענץ איז שטענדיק געווען ווײַט פון אַלץ, וואָס האָט עפּעס אַ שייכות צום „זשאַרגאָן".

די האַלבעאינטעליגענטען, די „געבובעטע" גבירימלעך, אַז זיי פלעגען יאָ אַמאָל אַראָפּנידערען צו אַ יידישער פאָרשטעלונג, איז אין אַ געוויסער מאָס צוליב די קוליסען: דער אַקטאָר איז אַ ווילער יונג, וואָס איז זשעדנע אין אַ כּוס, און די אַקטאָרקע — אַ מיידעל, מיט וועל-כער מ'מעג זיך פרײַ פאַרהאַלטען, — אַזוי איז געווען די מיינונג פון אונדזערע היימישע „מעצענאַטען".

וועמען ס'אינטערעסירט די זײַט פון יידישען אַקטאָרישען לעבען,

דעם ראָט איך איבעצובלעטערען אברהם-יצחק קאַמינסקיס „אַקטאָרען אַף דער רייזע". דער וואָדעוויל האָט נישט קיין גרויסען ליטעראַרישען ווערט, פאַרדינט, אָבער, אויפמערקזאַמקייט אַלס פאַקטישע כראָניק, וואָס טראָגט אין איר גרעסטער העלפט אויטאָביאָגראַפישען כאַראַקטער.

די אָרטאָדאָקסישע קרייזען האַלטען זיך איצט אויך ווייט פון „מושב לצים", זעענדיק אין טעאַטער אַ טריף-פסולדיקע זאַך, — מיט יאָרען צוריק איז די באַציונג געווען נאָך פיינטלעכער. דער ידישער אַקטאָר האָט אַ סך — אַ סך צו דערציילען וועגען די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון פאַרשידענע זייטען!

צווישען די מאַטעריאַלען, וועלכע איך זאַמעל וועגען ידישען טעאַטער, איז פאַרשריבען, למשל, אַזאַ פאַקט:

געשפּילט האָט מיט 15 יאָר צוריק, אין מעזריטש, אַ טרופּע, גראָד געהאַט ערפאָלג, ממש גאָלדענע בערג געקליבען: ביז 100 רובל אַנ'אָוועגט... נאָך די ערשטע עטלעכע פאָרשטעלונגען, פּלוצים, מ'זעט — אין קאַסע סך-הכל צען גילדען... די אַקטאָרען זענען אויסער זיך. מ'הייבט-אָן נאָכפרעגען — און מ'דערגייט: עמיצער האָט אין „שמענ-דריקס" אָנבליק אַנטדעקט אַ שטיקעל ענלעכקייט מיט איינעם פון די אָרטיקע כלי-קודש און איס גלייך דערפון מודיע-געווען. יענער איז, באַטירלעך, אַרויס פון די כלים און האָט אַרויסגעגעבען אַף די עוכרי-ישראל די קאָמעדיאַנשטשיקעס אַ שטיקעל חרם...

געוואָר-ווערענדיק די סבה, פאַרוואָס אין טעאַטער איז ליידיק, האָט ליבערט פאַרדראָסיק אַ זאָג-געטון: „דער, וואָס האָט דאָס גורם-געווען, מעג אין אים שוין אַריין אַ רוח!..." דערביי איז געווען אַנ'אָר-טיקער בעל-הבית, אַ פערדהענדלער, יש אומרים אַ פערדגנב, — בכלל — אַ הפקרמענטש. דערהערענדיק די ווערטער, איז ער אַ צוקאָכטער גע-וואָרען: „אַנ'אַקטאָרשטשיק זאָל שעלטען אַזאַ ידען!" — האָט געכאַפּט אַ האַק און אַ וואָרף-געטון זיך מיט איר אַף ליבערטען: „ער וועט נישט אַרויס פון דאַנען אַ לעבעדיקער; איך מוז זען זיין בלוט!"—האָט געוואַלדעוועט דער צובושעוועטער בעל-הבית... מיט נסים עפּעס איז דעם אַקטאָר געראָטען אַרויסצושפּרינגען פון זיין אַכסניא, דער פעדגנב — נאָך אים.. ווען ליבערט זאָל נישט געווען באַוויזען פלינק אַריינ-צולויפען אין אַ חברס אַ נומער און פאַרהאַקען הינטער זיך די טיר — וואָלט ער איצט שוין לאַנג געווען אַפן עולם-האמת...

אין סאָכאַטשעוו, לעבען וואַרשע, — האָט מען אַמאָל אַנ'אַל-

געשאַפט דערפאַר, וואָס זײַנע אַטאָכטער האָט זיך דערלויבט צו זײַן דערבײַ, ווי די יִדיִשע אַקטאָרען האָבען „געפּראַוועט די שפּיל"...

דעם המון-העם, ווידער, פון וועלכען אונדזערע טרופּעס האָבען ביז גאָר דער לעצטער צײַט געלעבט, האָט קײן גרויסע זאַכען פון טעאַטער נישט געפאָדערט.

אַ פּורים-שפּיל — די בינע, פּורים־שפּילער — די אַקטאָרען, — דאָס איז אַלץ, וואָס די פאָלקסמאַסע האָט געזען אין אונדזער יונגער סצענע.

די אַקטאָרען אַלײן זענען אין בילדונג און קולטור נישט ווײַט אַוועקגעגאַנגען פון פּראָסטען המון, צו וועלכען זײ אַלע געהערען לויט זײער געבורט.

געפעלט האָט אונדזער טעאַטער די מיטווירקונג פון ליטעראַרישע קרעפטען.

קורץ: נישט געווען זענען אין זײַן לעבען די אײַנפלוסען, וואָס שטופּען צו אַנטוויקלונג, נישט געווען איז קײן ווילען און קײן קרעפטען צו וואַקסען. די יִדיִשע בינע האָט נאָר געקאָנט גוססען אין די אַלטע פאַרגליווערטע פאָרמען...

## די יאָרען 1905—1906.

דאָס יאָר 1905 האָט אַרויסגענומען דאָס יִדיִשע טעאַטער פון זײַן לאַנגיעריקער געלעמטקײט, און אַ שטראָם פון נײַעם לעבען איז אַרײַנגעדרונגען אין דער פאַרדומפּטער אַטמאָספערע פון אונדזער בינע.

מ'קען נישט זאָגען, אַז די יונגע טעאַטערקריטיק אונדזערע זאָל האָבען שטענדיק זיך באַצויגען גענוג קלוג און טאַקטיש צו די טרופּעס, וואָס זענען פאַרבליבען אין ווארשע אַף אַ לענגערע צײַט, נאָכ'ן שווערען גלות זײערען, נישט ווײניק פעלערען איז געטון געוואָרען!

מיט געשפעט און העצערײַ זענען אָנגעשריבען די ערשטע רעצענזיעס אין „וועג". ריכטיק אָנווײַזענדיק די ווירקלעכע חסרונות פון דער יִדישער טרופּע, זעט דער קריטיקער די אײנציקע סבה דערפון אין בײזען ווילען פון די אַקטאָרען. די „פּורימשפּילער" זענען דורכויס טאַלענטלאָזיק, קענען נישט אַרויסגעבען עפּעס ערנסטס, און בלויז דערפאַר האַלטען זײ זיך אַזוי שטאַרק באַם שונדרעפּערטואַר... דאָס

איִצטיִקע יִידיִשע טעאַטער איִז אַ שווערע באַלײדיִגונג פאַר אונדזער קונסט. עס האָט פאַר זיִך גאָר קײן צוקונפט ניִשט. מ׳דאַרף עס פאַרברענען, פאַרניִכטען, און וואָס פריִער — דאָס בעסער...

באַ אונדז איִז מען בכּלל ניִשט געוויינט צו אַ היִסטאָריִשען קוק. אונדזער לאָזונג איִז תּמיד: אָדער גאָר — אָדער גאָרניִשט. ווען ס׳פאַרגלוסט זיִך אונדז צו האָבען עפּעס אַ נײַע קולטורעליִשע אַנשטאַלט, וויִלען מיִר גאָרניִשט וויִסען דערפון, אַז קײן זאַך קומט ניִשט אָהן לאַנגע מיִ. אונדז וואָלט זיִך וועלען, שלאָפען זיִך לײגענדיִק, אַז צומאָרגענס איִנדערפריִ, ווען מיִר וועלען אויפשטײן, זאָל אַף אונדז שוין וואַרטען אַ פאַרטיִקער בנין, אָפּגעאַרבעט נאָך דער לעצטער מאָדע, מיִט אַלע נײַע אײַנריִכטונגען און באַקוועמלעכקײטען... אַלײן, מיִט אײגענע הענט בויען — זענען מיִר ניִשט פעיִק...

דער אויסערלעכער און איִנערלעכער צושטאַנד פון דער יִידיִשער ביִנע איִז דעמעלט טאַקע געווען זײער טרויעריִק, אָבער דאָס אויג פון קריִטיִקער האָט געדאַרפט גרײכען עטוואָס טיִפער. מ׳האָט ניִשט געטאָרט פאַרזען די היִסטאָריִשע סבּות, וואָס האָבען אײַנגעהאַלטען די אַנטוויִקלונג פון אונדזער טעאַטער. איִך האָב שוין אָנגעוויִזען, איִן וואָסערע אומשטאַנדען דעם יִידיִשען אַקטאָר איִז אויסגעקומען צו לעבען און אַרבעטען, כ׳מײן, יעדען איִז קלאָר, אַז אונדזער שוישפּיִלער קען מען פאַר די צײַט ביִז דעם 1905־טען יאָר קײן שום פאָרוואורפען ניִשט מאַכען.

אָבער באַלט נאָך די ערשטע אַרטיִקלען האָט די צײַטונג ראַדיִקאַליִש געענדערט דעם טאָן פון איִרע רעצענזיִעס. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז שטאָמענדיִק פון דער פּראָסטער פאָלקסמאַסע, ניִשט האָבענדיִק קײן בילדונג און ניִשט באַקומענדיִק פון ערגעץ קײן שטיִצע, האָט דער יִידיִשער אַקטאָר ניִשט געקענט האָבען קײן קריִטיִשע באַציִונג צו זײַן רעפּערטואַר. ער האָט ניִשט געקענט וויִסען, אַז דאָס איִז נאָך ניִשט דאָס לעצטע וואָרט פון דראַמאַטיִשער קונסט, אַז עס איִז פאַראַן עפּעס העכערס, שענערס, טיִפערס, ווי „וועלוועל עסט קאָמפּאָט” אָדער „שפּריִנגע די אַדעסער מעקלעריִן”. און וויִדער: די יִידיִשע טרופּעס האָבען געקענט שפּיִלען נאָר די שטיִק, וועלכע אונדזערע שריִפטשטעלערס האָבען זיי געליִווערט, — און נאָך גאָלדפאַדען האָט קײנער, אויסער די ה״ה לאַטײנער, הורוויִטש, שײַקעוויִטש, פאַר׳ן יִידיִשען רעפּערטואַר ניִשט געזאָרגט.

די צײַטונג האָט זײער ריִכטיִק אָפּגעשאַצט איִן יִידיִשען טעאַטער

דאָס געזונטע קערנדעל, וואָס האָט זיך שוין דעמעלט געוואָרפען אין די אויגען. געוויס איז דאָך געווען איינמאָל צו באַזוכען די פּאַר-שטעלונגען אין „באַגאַטעלע", כדי צו זען, אַז די יידישע בינע פאַר-מאָגט טאַלענטען, מיטעלע און גרויסע, וואָס קענען בא גוטע באַדינ-גונגען זייער שיין זיך אַנטוויקלען... ניט זידלען, נאָר לערנען האָט מען געדאַרפט דעם יידישען אַקטאָר, רעדען צו אים וועגען די פעיקיי-טען, וועלכע ער באַזיצט, און וועלכע קענען זיך אויפוויקלען אין זייער גאַנצער פראַכט נאָר אין אַ ערנסטען רעפּערטואַר. איז דען ניט די פליכט פון קריטיק אויפצוזוכען פאַרשטויבטע דימענטען און זיי אריינ-שטעלען אין דער קרוין פון נאַציאָנאַלישער קונסט?... אַזוי האָט טאַקע געהאַנדעלט די ערשטע וואַרשעווער צייטונג, און די פּרוכטען האָבען ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען אף זיך.

צום כבוד פון די יידישע אַקטאָרען מוז מען קאָנסטאַטירען, אַז זיי האָבען פאַרהעלטעניסמעסיק גאַנץ גיך זיך אונטערגעגעבען. שוין אין אָקטאָבער 1905, אין סאַמע פלאַקער פון אַלגעמיינעם שטרייק, ווען באָך זיבען פאַרנאַכט האָט מען אַ הונט אין גאַס ניט געזען, איז אין מוראַנאָווער טעאַטער געמאַכט געוואָרען די ערשטע פּראָבע צו שטעלען אַ ליטעראַרישע פּיעסע... דוד פּינסקיס „מוטער" איז באַ-שערט געווען אַדורכצוברעכען דאָס אייז. אין משך פון 3—4 חדשים באַכדעם זענען אויפגעפירט געוואָרען נאָך — „מירעלע אפרת", „כּאַשע די יתומה", „דער יידישער קעניג ליר", „ברידער לוריע" פון יעקב גאָרדין און „נאַ דניע" פון מאַקסים גאָרקי.

תחלת האָבען די אַקטאָרען מיטגעשלעפּט אין די נייע פּיעסען אַלע חסרונות, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין אַלטען רעפּערטואַר: פאַל-שע התלהבות, טראַגיקאָמישע מעלאָדעקלאַמאַציע, געבראָכענע מאַניערען, — אָבער דאָך זענען די ליטעראַרישע פאָרשטעלונגען „אַפ'ן מוראַנאָוו" און דערנאָך אין „זשאַרדען-ד'היווער" געוואָרען אַ שטיקעל שמחה פאַר דעם הייפעל אינטעליגענטען, פאַרערער פון יידישען טעאַטער.

פון דער מאַטעריעלישער זייט האָט דער נייער רעפּערטואַר גאָר-ניט געלוינט. יעדער ליטעראַרישער אָוענט האָט געבראַכט היזק. ניט איינמאָל איז אויסגעקומען צו שפּילען פאַר ליידיקע בענק, די טרויע-ריקסטע ראיה, אַז די יידישע בינע האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַראָפּצוואַרפען פון זיך די פאַרשימעלטע קליידער. אָבער דער גרויסער מאָראַלישער ערפאָלג האָט באַוועגט די אַקטאָרען אַוועקצוגעבען אָפּט-

מאָל אַפילו צוויי אָוועטען אַ וואָך פאַר די נייע שטיק.

אַ גרויס געשעעניש אין לעבען פון יידישען טעאַטער אין וואַרשע איז געווען, לויט מיין מיינונג, די אויפפירונג פון מאַקסים גאָרקיס שטיק.

„נאַ דניע" איז נישט גרינג צו שפּילען. איך האָב געזען די פּיעסע אַף די ברעטער פון אַ פּראָווינציעלישער רוסישער סצענע, אויך אַף דער פּוילישער בינע, — ערגעץ-נישט האָט זי אויסגענומען אַזוי, ווי אין יידישען טעאַטער. אַ שאָד נאָר, וואָס זי איז באַלד אַראָפּ פון אַפיש און ווערט פון דעמעלט-אָן מער נישט געשטעלט.

אין וואַרשע האָבען זיך דאַן אויפגעקליבען די בעסטע קרעפטען פון דער יידישער בינע, און די פאָרשטעלונגען פלעגען אַדורכגיין, ווי אַ קאָנצערט, ליבערט — אַלס סאַטין, טיטעלמאַן — אַלס אַקטאָר-אַלקאָהאָליק, רחל קאַמינסקי — אַלס וואַסיליסאַ, דראַנאָוו — אַלס קאָוואַל, פּרוי סיעראָצקי — אַלס גאַסענפּרוי, א. קאַמינסקי — אַלס לוקאַ, — אַלע זענען זיי געווען אין די ראָלען ווי באַ זיך אינדערהיים, — איינציקע פּשוט פּראַכטפּול!

כ'האָב דעמעלט אַ טראַכט-געטון: ווי אַלמענטשלעך איז די יידישע פּסיכאָלאָגיע, ווי טיף און ווי פאַרשידענזייטיק, אויב יידישע אַקטאָרען זענען געווען אימשטאַנד אַזוי זיך אַדורכצונעמען מיט דעם ספּעציפיש-עקזאָטישען לעבען, וואָס ווערט געשילדערט אין ווערק פון רוסישען שרייבער.

די אילוזיע אַף דער סצענע איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך ערנסטע צוקוקער האָבען נאָכ'ן ספּעקטאַקל זיך אַליין געפרעגט: אַף וואָסער שפּראַך איז דאָ גערעט געוואָרען? — און איינציקע האָט זיך געדאַכט, אַז אַף רוסיש...

אָבער אויך אין דעם פּעריאָד זענען די אויסערלעכע תּנאים געווען נישט גינסטיק פאַר דער פאַרפעסטיגונג פון יידישען טעאַטער אין וואַרשע... דער זומערסעזאָן פון 1905-טען יאָר האָט אַפילו געשטעלט אַף די פיס די „באַגאַטעלער טרופּע" אָבער אינגיכען האָבען זיך אָנגעהויבען די פּאָליטישע אומרוען, און די יידישע בינע האָט אויך געמוזט פאַרזוכען דעם טעם פון דעם שטרענגסטען קריגסצושטאַנד מיט אַלע זיינע צוגאָבען. געווען גאַנצע חדשים, ווען מ'האָט מורא-געהאַט אין אָוונט אַרויסצוגיין פון שטוב, און דאָס איז געווען אַ חורבן אי פאַר די אונטערנעמער, אי פאַר די אַקטאָרען.

ניט באשערט איז געווען דעם וואנדערשטעקען פון יידישען אקטאר פאשירמעלט צו ווערען אין ווינקעל! טרופעס זענען זיך צופאלען, ארויסגעלאזט עטלעכע מיטגלידער, אריינגענומען אנדערע, ארויסגעפארען פון ווארשע קיין לאדוש, צוריקגעקומען. דא האט קאמינסקיס טרופע געשפילט אליין, דא — צוזאמען מיט פישזאנס טרופע, וואס איז צוריקגעקומען פון אויסלאנד. דא איז קאמפאניעצעס טרופע געווען שותפות מיט קאמינסקיס, דא האבען זיי זיך צוטיילט. געווען שוין דעמאלט א צייט, ווען אין ווארשע האבען געשפילט מיטאמאל דריי טעאטערס.

אויך איינצעלנע אקטארען זענען ניט געזעסען אף אן ארט.

דאס, וואס דער צוזאמענשטעל פון די טרופעס האט זיך יעדע וואך כמעט געענדערט, האט געמוזט שלעכט ווירקען אפין גאנצען אנסאמבל פון די ספעקטאקלען.

דאך האט די יידישע בינע אין דעם תוהו-ובוהו געמאכט א ריזיקען פארטשריט.

ערנסטע פיעסען האבען אנגעהויבען צו דערשיינען דא אף דער, דא אף יענער סצענע. בראש פון דער שטרעמונג איז געגאנגען קאמינסקיס טרופע. סעם אדלער מיט מאירסאנען אין ווייספעלדס טעאטער האבען אויפגעפירט שילערס „רויבער"... דערנאך זענען צוגעקומען: „גאט, מענטש און טייוועל" פון יעקב גארדין, „סאלאן אין יידיען" פון ד"ר הערצל, „די פאמיליע צבי" פון פינסקי...

די וואנדערטרופעס אף דער פראווינץ האבען אנגעהויבען נאכטון.

## דער סך-הכל פון די צוויי יאר.

דער היסטאריקער פון יידישען טעאטער וועט געוויס מוזען לענגער זיך אפשטעלען אף די 2 יאר 1905—1906. דאס איז געווען א מין פרילינג פון דער יידישער נייער בינע. עס האט זיך געדאכט, דאס קינד האט שוין אפגעפאקט און אפגעמאזעלט, און איצט קומען טעג פון ליכטיקער אנטוויקלונג.

דער סך-הכל פון דעם פעריאד, די אונטערשטע שורה דערפון, וואס ער האט אונדז געגעבען, קען רעזיומירט ווערען אין דריי הויפטפונקטען: 1) בנוגע צום רעפערטואר; 2) צו די אקטארען און 3) צום פובליקום.

וואָס שייך דעם רעפּערטואַר, האָב איך שוין באַמערקט אויסגעוויזן, אַז ליטעראַרישע פּיעסען האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אין אים אַ בכבודיק אָרט. דאָס אַליין וואָלט, אָבער, נאָך געווען ווייניק. אַמוויכטיקסטען איז, וואָס אונדזער יונגע דראַמאַטישע קונסט האָט באַקומען אַ נאָמען, מיט וועלכען זי האָט שוין געקענט אַרויסגיין אין דער וועלט אַריין. דאָס ערשטע יידישע טעאַטער האָט געהייסען נאָך זיין גרויסען גרינדער אַברהם גאָלדפאַדען. די בינע, אַף וועלכער ס'האָבן בעל-הבתעוועט פאַרשידענע שמירער-טאַנדייטניקעס, איז שוין געווען אָהן אַ נאָמען. דאָס איצטיקע יידישע טעאַטער — איז יעקב גאָרדינס טעאַטער... ס'איז מיר שוין אויסגעקומען צו רעדען וועגען דער באַטייטונג פון פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורגס טעטיקייט פאַר דער יידישער בינע. יעקב גאָרדין האָט באַשאַפען די יידישע דראַמע. ער האָט דער ערשטער אַרויפגעפירט אַף דער יידישער סצענע דאָס ווירקלעכע לעבען אין זיינע טיפּישע פאָרמען, לעבעדיקע מענטשען מיט זייער ריכטיקער פּסיכאָלאָגיע, דראַמאַטישע מאָמענטען אין זייער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג און ערנסטער סצעניזאַציע. דאָס טעאַטער איז געוועזן באַ אים מער ווי אַן אָרט פאַר פאַרווייַלונג.

— „דאָס טעאַטער, — שרייבט ער אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען — איז אַ גרויסע סאָציאַלישע פאָלקסשולע. אַהער דאַרפען קומען מענטשען לערנען און שטודירען אָהן ביכער. אין טעאַטער דאַרף מען קומען לערנען דאָס לעבען פון דער געזעלשאַפט, פון פאַמיליע און אינדיווידוום, דאָרט באַקענען זיך מיט די באַדינגונגען פון סאָציאַלישע דערשיינונגען און מיט דער דערקלערונג פון די פּראָבלעמען פון לעבען. דאָס טעאַטער איז געשאַפען דאַרויף, אַז אַ גרויסע מאַסע מענטשען זאָל דאָרט דערציען זייערע געפילען, האַרמאָניזירען זייערע באַגריפען“...

מ'האָט צו גאָרדינען אַזאַ טענה: דער אידייענאינהאַלט פון זיינע ווערק איז צו פלאַך; גאָרדין זאָגט אונדז: „איינס איז איינס“ — אָדער, אין בעסטען פאַל: „איינס מיט איינס איז צוויי“... אַלץ באַ אים איז פּרימיטיוו, אַלץ דער אַלף-בית פון געדאַנק... דאָס איז אַפילו נישט אינגאַנצען אמת. די אידייע פון „סאַפאָ“ אָדער „אלישע בן אַבויה“ איז שוין עפּעס מער ווי „איינס איז איינס“, אָדער „איינס און איינס איז צוויי“. די פּסיכאָלאָגיע פון מירעלע אפרת אָדער אסתרקע ראַפאַפּאָרט איז אויך גאָרנישט אַזוי פּרימיטיוו... און ווען ס'זאָל טאַקע זיין אַזוי, — וואָס איז דאָ די עולה!? ווו האָט איר געזען, לי-

טעראַטור זאָל זיך אָנהײבען גלײַך פֿון טריגאָנאָמעטרישע פאָרמולעס? נישט אויסלערנענדיק מיט׳ן תּלמיד דעם אַלף-בית, קען מען מיט אים קײן ביכער נישט לײענען...

װיפֿעל נאָכװײעַנישען פֿון שונדטעאַטער גאָרדין זאָל נישט האָבען אַרײַנגעשלעפּט אין זײַנע פּיעסען, זענען די לעצטע פּאָרט דער װינקעלשטײן פֿון אונדזער ערנסטער דראַמאַטישער ליטעראַטור. מיר בענקען שוין נאָך עפּעס נײַעס. אָבער דאָס קומענדיקע יִדישע טעאַטער קאָן שוין נישט זײַן אַזױ װײַט פֿון זײַן פאָרגענגער, װי װײַט עס איז גאָרדינס בינע פֿון גאָלדפֿאַדענס. דער פאַרשטאָרבענער דראַמאַטורג האָט געמאַכט אַ רעװאָלוציע אין יִדישען טעאַטער; זײַן נאָכפאָלגער דאַרף בלויז פאַרטיפען און פאַרפולקאָמען זײַן ירושה...

אין די יאָרען 1905—1906 איז יעקב גאָרדין געװאָרען אַן׳אזרח אויך אַף דער יִדישער בינע אין רוסלאַנד, און דאָס הײסט, אַז איר רעפּערטואַר האָט ענדלעך באַקומען אַ שייכות צו ליטעראַטור, צו קונסט...

װאָס אָנבאַלאַנגט די אַקטאָרען, האָבען די דערמאָנטע צװײ יאָר ערשט אַרויסגעװיזען דעם גאַנצען װערט פֿון די דראַמאַטישע טאַלענטען, װעלכע אונדזער טעאַטער פאַרמאָגט, די האָפנונגען, װאָס אײניקע קריטיקער האָבען נאָך אין אויגוסט 1905 געלײגט אַף די ראָליסטען פֿון „דודס פידעלע״ און „ד״ר יאָזעלמאַן״, זענען גאָר גיך מקוים-געװאָרען. עפּעס איבער נאַכט איז פֿון יִדישען אַקטאָר אַרויסגעװאַקסען דער יִדישער אַרטיסט, און די חסידים פֿון דער יִדישער בינע האָבען גאָר נישט איבערגעטריבען, װען זײ האָבען התלהבותדיק באַרימט זיך: „מיר האָבען זיך נישט װאָס צו שעמען מיט דעם מענטשענמאַטעריאַל פֿון אונדזער סצענע. ס׳איז דאָ, פֿון װאָס צו בויען, און דער טורם קען פאַרנעמען אַן׳אָנגעזעען אָרט אַפ׳ן פעלד פֿון דער מאָדערנער קולטור״.

אין די כאַראַקטעריסטיקעס פֿון אײנצעלנע יִדישע אַרטיסטען, װעלכע מיר געפינען אין די פעליעטאָנען און רעצענזיעס פֿון „װעג״, איז טרעפלעך אונטערגעשטראָכען געװאָרען דער הויפּטמאָטיװ פֿון יִדישען דראַמאַטישען טאַלענט. דאָס איז די געװאַלטיקע אינטויציע, װעלכע פאַרבײַט אונדזערע אַקטאָרען אי בילדונג, אי אַרטיסטישע קולטור, אי אַרבעט איבער זיך. נישט קוקענדיק אַף דער פאַרגאַנגענהײט זײערע, אַלס אָנטײלנעמער פֿון „חפני און פנחס״, „לא תחמוד״, „טאָדרעס בלאָז״, האָבען די בעסערע פאָרשטײער פֿון דער יִדישער דראַמאַטישער קונסט אין זײער שפּיל װײניקער פֿון אַלץ — טעאַטראַליִשקײט.

בנוגע צו אסתר רחל קאַמינסקי איז דאָס וואָרט „שפּיל" אפילו גאָר נישט פּאַסיק.

גיוי-דע-מאָפּאַסאַן זאָגט וועגן זיך: „ווען גאָט זאָל מיר געווען געבן יאָרען, וואָלט איך געקענט אַדורכלעבען טויזענט לע- בענס". גאָגאָל דערציילט, אַז אַלע מדות פון די טיפּען, וועלכע גייען אַדורך אין זיינע ווערק, האָט ער געפונען אין זיך אַליין. אָטאָ ווי- ניגער באַמערקט, אַז יעדער בעלעטריסט טראָגט אין זיין פּסיכיק, אַלס מעגלעכקייטען, טויזענטער כאַראַקטערען; דאָסטאָיעווסקי, לויט זיין מיינונג, וואָלט אַליין געקאָנט זיין אַ ראַסקאָלניקאָוו, און אויב ער איז קיין מאָרד נישט באַגאַנגען, איז נאָר דערפאַר, ווייל זיין נשמה איז דייך געווען אין פאַרשידענסטע קרעפטען, וועלכע האָבען איבערגעוויגען דעם דראַנג צו פאַרברעך... די גרויסע קינסטלער פון דער סצענע האָ- בען אויך די אייגענשאַפט, נאָר מיט דעם חילוק, אַז זיי באַשאַפען טי- פען און גיבען-אַרויס לעבענס נישט אַפּ׳ן פּאַפּיר מיט דער פען, נאָר אַף די ברעטער פון טעאַטער אין אייגענער פּערזאָן.

רחל קאַמינסקי פאַרשטעלט זיך נישט. זי גרימירט זיך קוים- קוים, נאָר אַף וויפעל ס'איז נייטיק אַרויסצוגעבען די יאָרען, אויסצוזען עלטער אָדער יונגער. זי האָט קיין טראַדיציאָנעלישען שניט, קיין איינ- געהזרטע מאַניערען, קיין באַקלערטע שטריכען. איין און דערזעלביקער מענטש איז פאַר אונדז תמיד אַף דער בינע, נאָר אַלע מאָל געשעט פאַר אונדזערע אויגען דער געהיימניספולער נס, וועלכען טעאָפּיל גאָטיע האָט געזען באַ די אינדישע פאַקירען: אין דעם באַקאַנטען קערפער ציינט זיך אָן אַנ׳אַנדערע נשמה, מיט איר אייגענאַרטיק לעבען, אינעווייניקסטע מלחמות, שרעקלעכסטע ליידען, שווערסטע קאַטאַסטראָ- פעס... און אַזוי אָווענט אין אָווענט וואַנדעלט זי זיך אום אין אַנ׳אַנדער נפש, ווי עפּעס אַ פאַרכשופטער גלגול, וואָס איז פאַרמשפט אין משך פון זיינע נאָרמאַלישע מענטשלעכע יאָרען איבערצוטראָגען די וויען פון הונדערטער פאַרשידענע מענטשען.

אַראָפּגעלאָזען דעם פּוירהאַנג, — און די אַרטיסטין זיצט אין איר צימער הינטער די קוליסען, אַ מידע, אַ צובראָכענע, ווי אַ שטורעמ- ווינט וואָלט זיך נאָר וואָס אַדורכגעטראָגען דורך איר האַרץ.

— „כ׳וויים דען, וואָס מיט מיר טוט זיך, — האָט זי זיך גע- קלאָגט אַמאָל פאַר מיר נאָך דער „שחיטה": — כ׳פיל דען, וואָס מיט מיר קומט-פאַר... כ׳לייד דאָך עפּעס אַזוי פיל אַף דער סצענע, אַזוי

פיל... גלייך, ווי דאס אלץ וואלט נישט געווען פארשטעלונג, נאר ווירקלעכקייט, און איך וואלט אין אמת'ען געווען א אסתר'קע... ס'הארץ פאלט מיר איינגאנצען ארויס... כ'וועל אמאל בלייבען אף דער בינע"...

א מערקווירדיק טיפע אינטויציע האט אויך יעקב ליבערט, וועלכער דערטאפט מיט'ן חוש דעם תוך פון יעדער ראלע, וואס אים קומט-אויס צו שפילען. דערביי האט ער א שטורעמדיקען טעמפעראמענט, וועלכער וואלט זיך געפאסט פאר א קלאסישען, טראגישען רעפערטואר.

א זעלטענע אינטויציע באזיצט מישע פישזאן, איינער פון די פראכטפולסטע יידישע אקטארען, וועלכער קומט, לייד ער, אום אין זיין פאטערס טרופע.

די שווערסטע זאך פאר אנ'אקטאר איז שווייגען אף דער סצענע. דער, וואס שפילט בלויז, קען נישט שווייגען. ער פילט זיך אומבאקוועם, מאטערט זיך, מאכט אנשטעלען, העויות.

רחל קאמינסקי, בא וועלכער אלץ, פון ערשטען מאמענט ביז'ן לעצטען, אף דער סצענע איז באגייסטערטע שאפונג, ווייסט אויך, ווי צו שווייגען אף דער סצענע.

זייער שטארק איז די פעיקייט בא דעם אריגינעלישען זשעלאזע, וואס איז איינער פון אונדזערע איידעלסטע דראמאטישע טאלענטען. אלע קרעאציעס זיינע זענען פיליגראניש געשליפען, ווי די טייערסטע קרישטאלענע וואזעס. ווייך, שטיל שפילט ער, ווי זיין נשמה וואלט געווען געוועבט פון דינסטען זיידענס. און אמשענצטען קומט בא אים אויס דאס שווייגען. דעמעלט רעדען זיינע קליינע אייגעלעך, וואס האבען אין זיך א באזונדערען באהארצטען אומעט...

א גרויסען טעמפעראמענט האט יעקב דראנאוו.

אנ'איידעלער טאלענט איז אדאלף בערמאן, וועלכען מ'זעט עפעס די לעצטע צייט נישט אין אונדזערע קאנטען.

וויסמאן און יערמאלינע, אלס כאראקטעריסטישע ראליסטען, פארנעמען זייער באזונדער ארט אף דער יידישער בינע. ווערט איז צו באמערקען, אז די צווייטע האט ארויסגעוויזען פיל טאקט אין ריין-דראמאטישע ראלען.

אויך אנדערע אקטארען האבען אין משך פון דער צייט זיך געוויזען פון דער גוטער זייט, למשל ראפעל, קרויזע, די פרויען בעראסלאווסקע און זאסלאווסקע.

רעדענדיק וועגען די אקטארען, האב איך שוין אויסגענוצט איי-

ניקע אײַנדרוקען פון די לעצטע צװײ יאָר, אָבער דאָס אַלץ, אפשר אין שװאַכערע אױסדרוקען, האָט מען געקאָנט זאָגען שױן דעמאָלט, דאָס הײסט אין יאָר 1906.

ענדלעך, װאָס שײך דעם פּובליקום, מוז מען באַמערקען, אַז ביסלעכװײַס איז די צאָל ערנסטע פאַרערער פון אונדזער דראַמאַטי-שער קונסט אַלץ געװאַקסען. אַרום דער ייִדישער בינע האָט זיך גע-בילדט אַ קרײַז מענטשען, װאָס האָבען זיך באַצױגען צו איר מיט כבוד און ליבע, מ׳האָט אָנגעהױבען אַנדערש קוקען אַף די אַקטאָרען. זומער, 1906 האָט יעדע ליטעראַרישע פאָרשטעלונג צוגעצױגען אַ פול טעאַטער. אונדזער אינטעליגענץ, אַפילו די האַלב-אַסימילירטע, האָט זיך אָנגעהױ-בען װײַזען אין „זשאַרדען-ד׳היװער״, ברענגען בלומען פאַר בעסערע אַקטאָרען.

די פּרעסע האָט מיט פאַרגעניגען פאַרצײַכענט די אַלע סימפּטאָמען. אַזױ איז אַנטשטאַנען אַ שטיקעל פאַרבינדונג צװישען ייִדישען טעאַטער און דער ייִדישער געזעלשאַפט, — די פאַרבינדונג, װעלכע איז אַ נױטזאַך פאַר בײדען.

## דאָס 1907 יאָר.

אַנטװיקלונג איז אַן איבערגאַנג פון נידעריקערען צום העכערען, פון פּשוטען צום פאַרװיקעלטען, פון פאָרמלאָזיקען צום קריס-טאַליזירטען.

דער ערשטער שריט אין דער אַנטװיקלונג פון דער ייִדישער סצענע האָט געדאַרפט זײַן דיפערענציאַציע הן אין רעפּערטואַר, הן אין טרופּע.

די פּיעסע פון גאָלדפאַדענס טעאַטער איז עפּעס אַן׳אומגעלומפּער-טער מישמאַש פון כל׳ערלײ עלעמענטען. דער גרינדער פון אונדזער בינע האָט, װי בכיון, געשטרעבט דערצו, יעדע אײנציקע פאָרשטעלונג זאָל געבען דעם באַזוכער אַלע מעגלעכע מינים פון סצענישער קונסט. פון אַלץ צו ביסעלעך. איר װעט געפינען אין זײנס אַ שטיק אָפּערע, דראַמע, קאָמעדיע, װאָדעװיל, אָפּערעטע, פאַרס, אַריעס און חזנות, קו-פּלעטען און טענץ, און דער גאַנצער מאַטעריאַל איז, װי זאָגט מען דאָס, צונױפגענײט מיט װײַסען פאָדעם, קױם װאָס אײנס קלעפּט זיך צום צװײטען.

בײַ אַזאַ רעפּערטואַר מוז אױך דער אַקטאָר האָבען עפּעס ענצי-

קלאָפּעדישע פּעזיקייטען. ער דאַרף זײַן הויכוווקסיק—צו שפּילען מלכים און שררות, און אײַזענשטאַרק—צו רײַסען קייטען אַף דער סצענע; ער דאַרף קענען ברומען ווי אַ לייב, ווען ער שטעלט-פאר כּעס, און וויי-נען ווי אַ ביבער, ווען ער שטעלט פאר לירישע מאָמענטען; זײַנע פּיס מוזען זײַן פלינק צו כאַפּען אַ רקידהלע, און די שטימע מוזיקאַליש—צו זינגען קופּלעטען.

און ווירקלעך, זעען מיר—אַלע ידישע אַקטאָרען זענען ווילדע „כּל-בּוניקעס"—נעמען זיך אונטער צו טון כּל'ערליי סצענישע אַרבעטען. דער צושטאַנד איז גאַנץ נאַטירלעך, ווען די בינע ליגט נאָך אין די ווינקעלעך. די אַקטאָרען פאַרשטייען אַליין נישט זייער גרויסען אויפגאַב, און דאָס פּובליקום איז רוי, זוכט אין פּראָגראַם פון אָוונט בלויז לייכ-טע און פאַרשידענאַרטיקע פאַרווײַלונגען. דער ערשטער פאָרטשריט, וואָס אַ פאָלקסטעאַטער קאָן טון—און אַזוי איז געווען באַ אַלע אומות העולם, —איז, יעדער מין סצענישע קונסט זאָל זיך אָפּטיילען פון די איבערי-קע און באַקומען אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ, ד. ה.: איז דאָס אַ דראַ-מע—זאָל זי זײַן ריין פון געזאַנג, איז דאָס אַנ'אָפּערע—זאָל זי זײַן ווײַט פון צירק;—און ווײַטער, די אַקטאָרען זאָלען זיך ספּעציאַליזירען יעדערער אין זײַן פאַך און אויפהערען צו זײַן „מושלמים בכל המעלות"; אַ דראַמאַטישער אַקטאָר זאָל זיך קענען באַגיין אָהן אַ זינגערשטימע, און אַנ'אָפּערענזינגער זאָל נישט דאַרפען האָבען פּיס פון אַ טענצער און אַ רוקען פון אַ קינצענמאַכער.

ס'לוינט צו באַמערקען, אַז אונדזער בינע איז אין דער הינזיכט נישט קיין אויסנעם. באַלט אין די ערשטע יאָרען פון איר עקזיסטענץ געפינען מיר אין איר אַ שטרעבונג צו דיפערענציאַציע, צו די העכערע און דיינערע פאָרמען פון דראַמאַטישער קונסט. אין 1877 יאָר איז דאָס ידישע טעאַטער אין דער רומענישער שטאָט יאַס אַף דער וועלט געקומען, און סך-הכּל אין 4—5 יאָר אַרום, ד. ה. אין 1881—1882 יאָר זעען מיר שוין אין אַדעס צווישען די דריי ידישע טעאַטערס איינס, אָן דער שפּיץ פון וועלכען ס'שטייט ה' לעאָן לערנער, און וועגען וועלכען ה' ש. מייזעלס שרײַבט אין „אָסט און וועסט":

„לערנער איז געווען אַ מענטש מיט בילדונג און מיט אַנ'אמתען אַנטוויקעלטען עסטעטישען געשמאַק. גאָלדפאַדענס טעאַטערשטיק האָט ער אײַנגעפונען פאַר געשמאַקלאָז. ער האָט געוואָלט די ידישע בינע גרויסבעסערען, מאַכען זי מאָדערן, אַרײַנטראָגען אַהין די ווירקלעכע קונסט. אַף אַזאַ אופן טרעט ער אַרויס נישט אַלס גאָכטענצער, נאָר אַלס טע-

אַטערערפאָרמאַטאָר, ער האָט געוואָלט אַף דער יידישער סצענע אַרויפ-פירען די ערנסטע קינסטלערישע דראַמע, נור אַזוי ווי ער אַליין איז, אָבער, קיין דראַמאַטורג נישט געווען, האָט ער, דערום, גענומען איבער-זעצען דאָס שענצטע און דאָס בעסטע פון דער דייטשישער ליטעראַטור און האָט אויך אויפגעזוכט פאַרשטענדלעכע שריפטשטעלער, וועלכע זאָ-לען אים העלפען אין זיין אונטערנעמונג. אויך זיין אַנסאַמבל האָט גע-טראָגען דורכ'ויס אַן ערנסטען כאַראַקטער. ער האָט דעם ערשטען אַרויסטריט געמאַכט מיט גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ". דער באַוווסטער העברעישער שריפטשטעלער משה-ליב ליליענבלום גיט אים צוויי יידישע דראַמען: „זרובבל" און די „צווייטע חתונה". ענדלעך, געפינט אויך לערנערס טעאַטער פאַר זיך אַ געוויס פובליקום, וואָס וואַקסט אַלץ מער"...

נור דער אַלערהעכסטער „אוקאַז" פון 1883-טען יאָר, מיט'ן פאַר-באָט אין גאַנץ רוסלאַנד אויפצופירען יידישע פיעסען, האָט זייער גיך אָפּ-געהאַקט די אינטערעסאַנטע פראָבע אויפצוהייבען די יידישע בינע אַף אַ העכערער מדרגה.

דאָס יונגע יידישע טעאַטער האָט געקריגען אַזאַ קלאַפּ, פון וועל-כען עס קען זיך נאָך ביז'ן היינטיקען טאָג נישט אויפמונטערען.

ווי שרעקלעך דער פאַל פון אונדזער בינע איז געווען, באַווייזט דער פאָלגענדיקער אינטערעסאַנטער שטריך:

ווי באַוווסט, האָט גאָלדפאַדען, פאַרלאָזענדיק אַדעס, זיך געפּרוווט נאָך איינמאָל אויפצולעבען זיין האַלבדערשטיקט קינד און האָט גע-פענט אַ טעאַטער אין וואַרשע אונטער'ן נייעם שילד: „די דייטשע טרו-פע". דאָס דייטשמעריש איז דאָ געווען „פיזעם", מיט וועלכען מ'האָט געוואָלט דערראַטעווען דעם שווערען חולה. דאַכט זיך, מ'האָט עס געדאַרפט פיינט האָבען ווי אַ שפין, און נאַ דער ערשטער געלעגענהייט אָוועקוואַרפען מיט דער גרעסטער שמחה? הערט-זשע אַ מעשה: קומענ-דיק אין פרייען לאַנד, קיין אַמעריקע ווייסט עס, האָבען אונדזערע אַק-טאָרען, פאַרקערט, גאָר אָנגעהויבען צו שטאָלצירען מיט זייער „לשון אשכנז". זיי האָבען דאָס געהאַלטען פאַר אַ סימן פון אַ באַזונדער מין עלעגאַנץ... גאָרדין דערציילט, אַז ווען ער האָט איבערגעגעבען יעקב אַדלער'ן זיין ערשטע פיעסע „סיביר", האָט מען זי, איידער וואָס, קודם כל „פאַרטייטשט", און זיין העלד ראָיענקראַנץ, אָנשטאָט די איינפאַכי-קע ווערטער: „ר' בערעל טאַרומטעצ. פאַרוואָס ווילט איר מיך אומ-גליקלעך מאַכען?"—האָט אויסגעשמועסן בעווי אַזאַ מאָנאָלאָג: „הויכווירד-

דיקער הער באַרעל טאַאטוטיע, ווען דער לעווע פאַנגט אָן צו ברומען אין זיין קעפיג, ווען דער טיגער קנאַקט און שפרינגט, ווען די לעמפערטען רייסען און בייסען, דאַן זאָל די גערעלטיקייט אין הימעל טרימפירען, און די ריינע יידישע פאַטריאָטישע געפילע זאָלען הילכען: „שמע ישראל!...” אָט ווי דער שונד האָט זיך איינגעגעסען איןביין און מאַרך פון יידישען אַקטאָר!...

באַלט, אָבער, ווילטעראַרישע פיעסען זענען ווי דער, נאָך אַ הפסקה פון 22 יאָר, אַרויפגעקומען אַף דער בינע אין רוסלאַנד, און ס׳האָט אַזוי פיין זיך אויפגעוויקעלט דער דראַמאַטישער טאַלענט פון אונדזערע בעסטע אַקטאָרען, איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, די טרופעס די יידישע זאָלען אָנהייבען זיך דיפערענצירען. און ווירקלעך, אין דער געשיכטע פון יידישען טעאַטער מוז פאַרצייכענט ווערען דער וויכטיקער פאַקט, אַז אין פרילינג 1907 איז צום ערשטען מאָל אין ווילען אַנטשטאַנען אַ ריין-דראַמאַטישע טרופע.

קאַמינסקיס טרופע, וואָס האָט ביז דאַן אַ קורצע צייט געשפילט אין לאָדזש, האָט זיך פאַראייניקט מיט דער טרופע פון יוליוס אַדלער, וואָס איז דעמעלט פונקט צוריקגעקומען פון אַמעריקע, און ביידע האָבען אָנגעהויבען שפילען אין וואַרשעווער טעאַטער „זשאַרדען ד׳היווער”.

אַדלער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך עטלעכע נייע, אין ווילען נאָך נישט געשטעלטע פיעסען, ווי „מעדעאַ” „די שחיטה”, „קרייצער סאָנאַטע”, „געבראָכענע הערצער”, וועלכע האָבען שטאַרק אויסגענומען באַם וואַרשעווער עולם. דער מענטשענמאַטעריאַל פון דער פאַראייניקטער טרופע איז אויך געווען אַ פיינער אין יוליוס אַדלער האָט דאָס היגע יידישע טעאַטער דערוואָרבען אַן׳אינטעליגענטישע דראַמאַטישע קראַפט, און די פאָפולאַריטעט פון די יידישע ספעקטאַקלען איז אַלץ געוואַקסען.

דעם זומער פון דעם יאָר האָט דאָס וואַרשעווער יידישע טעאַטער געהאַט איינעם פון זיינע געלונגענסטע סעזאָנען, הן וואָס שייך מאַטעריעלישען ערפאָלג, הן וואָס שייך מאָראַלישען.

אין רעפערטואַר האָבען זיך, פאַרשטייט זיך, געפונען בעסערע פיעסען און ערגערע — איניקע גאָר שוואַכע. אָבער אַ גרויסע שמחה פאַר די פריינט פון דער יידישער בינע איז געווען דאָס, וואָס דאָס יידישע אומגעלומפערטע מעלאָדראַמיש-אָפערעטיש-פאַרסיש-צירקיש שטיק פון לאַטיינער אין האָרוויץ איז לחלוטין אַראָפּ פון דער סצענע, אַף

וועלכער די טרופּע „קאַמינסקי-אַדלער“ האָט געאַרבעט. אַראָפּ איז אויך דער כאָר, די קופּלעטען און די טענץ.

אין הערבסט האָט אַדלער זיך אָפּגעטיילט און איז אַוועקגעפאָרען מיט זיינע אַקטאָרען אין דער פּראָווינץ, קאַמינסקיס טרופּע איז איבערגעגאַנגען אין טעאַטער „עליזעום“ און דאָרטען אויך אויפגעפירט בלויז ליטעראַרישע פּיעסען. צו איר רעפּערטואַר זענען צוגעקומען: „דער אומבאַקאַנטער“, „די אמתע קראַפט“, „דער מטורף“ פון גאָרדין, „יעקעל דער שמיד“ פון פּינסקי און „טריהייט“ פון פּאַולע ר...

## דער קריזיס.

ס'האָט זיך געדאַכט: די שווערע צייט איז שוין אַריבער: אַבי ס'איז געמאַכט געוואָרען דער ערשטער פּרווו און האָט געהאַט ערפאָלג, — האָט דער רייטוואָגען פון אונדזער דראַמאַטישער קונסט פאַר זיך אַ גלייכען, פרייען וועג, וואָס פירט דירעקט צו די העכערע פאָרמען פון שיינקייט. געדאַכט האָט זיך, אַז דער קליינער זאַל פון טעאַטער „עליזעום“ וועט שוין ווערען אַ מין טעמפּעל, אין וועלכען די ערשטע און איינציקע יידישע ריין-דראַמאַטישע טרופּע וועט אומדערמידלעך טון איר אַרבעט, געבענדיק איין ליטעראַרישע פּיעסע נאָך דער אַנדערער, שטייגענדיק אַ טרעפּעל נאָך אַ טרעפּעל צו פאָלקאָמענקייט, און צוציענדיק אַלץ ברייטערע קרייזען פון דער יידישער געזעלשאַפט צו דעם נייעם בליענדיקען נאַציאָנאַל-קולטורעלישען גאָרטען.

אָבער שוין אין די ערשטע חדשים פון 1908-טען יאָר האָט זיך אָנגעהויבען שפּירען אַ קריזיס אין דער יידישער יונגער דראַמע. דער רייטוואָגען האָט באַלד אין אָנהייב וועג זיך אָנגעשלאָגען אַף אַ שטיין און צובראָכען די רעדער. פון דעמעלט אָן, טאַקע, שלעפּט ער זיך אַזוי אַ צוקאַלעטשעטער און אָפּהענדיקער.

דער קריזיס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די טרופּע, וועלכע האָט זיך אַ נדר-געגעבען נישט אויפצופירען קיין שונד, איז זייער גיך געבליבען אָהן אַ רעפּערטואַר און האָט אָנגעהויבען ליידען פון פּיעסען-הונגער. די צאָל פון יידישע באַזוכער, וואָס קומען אַף דראַמאַטישע ספּעקטאַקלען, איז נאָך נישט אַזוי גרויס, מ'זאָל קאָנען אַדורכמאַכען אַ סעזאָן, ווי סטאַניסלאַווסקעס טרופּע, למשל, מיט 1—3 שטיקער. די בעסטע יידישע דראַמע קאָן געבען דורכאַנאַנט פינף, זעקס, העכסטענס צען

„סבאָרען", און אַ דראַמאַטישע טרופּע אונדזערע, וואָס וויל נישט שפּילען פאַר ליידיקע בענק, מוז שטעלען יעדע וואָך אַ נייע זאַך, — ווו נעמט מען, אָבער, אַזויפיל ליטעראַרישע פּיעסעס?

נישט וועלענדיק צוריקקערען צום אַלטען, האָט קאַמינסקיס טרופּע נישט געפונען קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַוועקצולאָזען זיך אַף דער פּראָווינץ. זי האָט געמאַכט אַ טורנע איבער עטלעכע פּוילישע שטעט, דערנאָך באַזוכט ביאַלעסטאָק, גראָדנע, ריגע, ווילנע, וויטיעבסק, פּעטערבורג און איבעראַל געהאַט אַ גרויסע פּעולה. די גאַסטראָלען האָבען געהאַט אַ ווילכטיקע אַגיטאַציעבאַטייטונג פאַר׳ן יידישען טעאַטער. די אָנגעזעענסטע קהלות איז געגעבען געוואָרען די מעגלעכקייט מיט אייגענע אויגען צו זען, צו וואָסער הויכער מדרגה די אַמאָליקע פּורימשפּילערס זענען געקומען; איבערצייגען זיך, אַז ס׳איז פאַראַן אַ יידישע דראַמאַטישע קונסט, אַז די לעצטע עטלעכע יאָר איז אונדזער נאַציאָנאַלישער קולטור צוגעקומען אַ פרישע און שיינע צווייג. די אינטעליגענץ האָט איבעראַל פּיל ליבע און איבערגעבענקייט אַרויסגעוויזען אונדזער ערשטער דראַמאַטישער טרופּע. אין די אַדרעסען, וואָס איינציקע אַקטאָרען האָבען באַקומען אין עטלעכע גרויסע שטעט, איז אונטערגעשטראָכען די ווילכטיקע נאַציאָנאַלישע באַטייטונג פון יידישען טעאַטער. איבערהויפּט שטאַרק איז געווען די שמחה מיט די פּיאָנערען פון דער יידישער קונסט־בינע אין פּעטערבורג. דאָרט האָט מען זיי ממש געטראָגען אַף די הענט. פאַר די האַלבאַסימילירטע יידישע קרייזען אין דער קרוינ־שטאָט, זענען די ספּעקטאַקלען פון קאַמינסקיס טרופּע געווען עפּעס אַנ׳אומדערוואַרטער, אומגלויביקער, פאַנטאַסטישער נס.

דער פּועל־יוצא פון דער רייזע איז געווען, אַז אויך אין אייניקע פּראָווינצשטעט איז געשטיגען דער געשמאַק פון פּובליקום. ווו קאַמינסקיס טרופּע האָט כאָטש עטלעכע פאָרשטעלונגען געהאַט, דאָרט האָבען די שונדטרופּעס דערנאָך קיין געשעפטען שוין נישט געמאַכט.

אָבער די אַלע גלענצענדיקע טריומפען זענען נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרדעקען פאַר די אויגען פון די אמתע פריינט פון יידישען טעאַטער דעם טרויריקען פאַקט, אַז אין משך פון גאַנצען 1908־טען יאָר איז אַזאַ קהלה, ווי וואַרשע, געבליבען אָהן אַ דראַמאַטיש טעאַטער, און גאָרנישט — באַגאַנגען זיך! קאַמינסקיס טרופּע פלעגט אַראָפּקומען אַף אַ פּאָר טעג, אַ שפּיל טון — אין „עלי־

זעום״, אַף „מוראַנאָוו״, אָדער אין „אַלעקסאַנדרינע״ — עטלעכע אָווענטען איז דער זאַל געווען געפּאַקט, נאָר קיין נײַע פּיעסעס זענען פאָרט נישט צוגעקומען, גיך פלעגט די צאָל באַזוכער ווידער שיטער ווערען, און דער ערשטער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט געמוזט ווײַטער קלערען וועגען אָפּוואַנדערען אין אַנדערע שטעט.

דערפאַר זענען מער אָדער ווייניקער פעסט געזעסען אַפ׳ן אָרט די טרופּעס, וואָס האָבען געשטעלט שונדשטיק.

די לעצטע חדשים פון דעם יאָר, האָט קאַמינסקיס טרופּע געשפּילט אַפ׳ן „מוראַנאָוו״, וואָס האָט באַקומען אַ נײַמאָדישען נאָמען „ערמיטאַזש״, אָבער אין מאָנאַט פעברואַר 1909 איז זי ווידער אַרויסגעפאָרען פון וואַרשע.

נאָר די לעצטע גאַסטראָלען האָבען באַוויזען, אַז מ׳קאָן מער נישט אַנטלויפען פון קריזיס, ווײַל ער לויפט נאָך. דער מאָראַלישער ערפאָלג אין ווילנע און פּעטערבורג איז אַפילו געווען נישט קלענער, ווי אין פריערדיקען יאָר, אָבער די מאַטעריעלישע זײַט האָט דאָסמאָל אַביסעל אָפּגענאַרט.

איבערהויפּט אין פּעטערבורג האָבען זיך אָנגעהויבען הערען נײַע מאָטיוון אין דער באַציונג צו קאַמינסקיס טרופּע. די ליבע איז געבליבען די זעלביקע. רחל קאַמינסקיס פּופּצעניעריקער יובילעום איז געפײַערט געוואָרען מיט אומגעהערטען פּאַראַד. ליבערט און ווײַסמאַן האָבען באַקומען צו די בענעפיסען שיינע זילבערנע קרענץ. דאָך האָבען אַפילו די הייסטע פּאַרערער פון אונדזער דראַמאַטישער קונסט אײַנגעפונען, אַז ס׳איז געקומען די צײַט פאַר קריטיק. וואָס מער מיר ליבען די יידישע בינע, דאָס פאָרזיכטיקער מוזען מיר זײַן מיט אונדזער התלהבות. געווען אַ פּעריאָד, ווען ס׳האָט געדאַרפט פריי הערשען דאָס ריינע התפּעלות. דער ערשטער אויפנעם איז פּעטערבורג האָט נײַעם מוט אַרײַנגעבלאָזען אין ברוסט פון יידישען אַקטאָר. אונדזער בינע איז אָפיציעליש אַרײַנגעטרעטען אין דער משפחה פון די איראָפּעישע סצענעס. די יאָרען פון עלענט און בזיונות האָבען זיך געענדיקט. אָבער טאַקע די קרוין פון קונסט, וואָס איז אַרויפגעזעצט געוואָרען אַפ׳ן נאָמען פון יידישען טעאַטער, האָט אַרויפגעלייגט אַף אים אַ גרויסען חוב. אָננעמענדיק דעם שיינעם כיבוד, האָט די יידישע דראַמאַטישע טרופּע גענומען אויף זיך דערמיט אַליין אַ גרויס התחייבות: ווײַטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָ=

דעם כון אַנטוויקלונג, צופּאַסען נייע רעדער צום צוטרייסעלטען רייטוואָגען און טיכטיק אָנטיילנעמען אין אַלוועלטלעכען געיעג פון דער דראַמע צו נייע אַנטדעקונגען און נצחונות.

— — נייעס, נייעס עפּעס גיט אונדז! גאָרדינען קומט אַ פּרעכטיקער דענקמאָל, אַלס באַשאַפער פון דער יידישער דראַמע, אָבער בלייבען באַ אים אַליין קאָן מען נישט. אין אַלך מוז זיין פּראָגרעס!... „מירעלע אפרת", „כאַשע די יתומה", „די שחיטה" וועלען אַף שטענדיק בלייבען פּערעל פון יידישען רעפּערטואַר, — אַ רעפּערטואַר מוז, אָבער, כסדר וואַקסען און באַנייען זיך... מ'קאָן נישט אַלע יאָר קומען אין אַ שטאָט אַלך מיט דעמאייגענעם"...

דאָס איז געווען די אונטערשטע שורה פון דער שטימונג, וואָס האָט זיך פאָריקען ווינטער געשפּירט אין פּעטערבורג אַרום דעם יידישען טעאַטער. איך האָב בייגעוווינט אַלע יידישע ספּעקטאַקלען אין דער קרוינעטאָט, און אונטער זייער איינדרוק אָנגעשריבען מיין אַרטיקעל „קריזיס פון אונדזער דראַמאַטיש טעאַטער" אין „לעבען און וויסענשאַפט" נומער 1. —

נישט נאָר אַ פראַגע וועגען רעפּערטואַר, אַנ'אַלגעמיינע פּראַגע וועגען העכערער אַרטיסטישער קולטור איז געשטאַנען פאַר אונדזער דראַמאַטישער טרופּע. די יידישע בינע, קאָן מען זאָגען, ווייסט גאָרנישט, וואָס ריכטיקע רעזשי הייסט. די אויפפירונג פון די פּיעסעס איז פון דער אויכערלעכער זייט זייער נאַכלעסיק: די דעקאָראַציעס, דאָס מעבעל דריקען זעלטען ווען אויס דעם גייסט פון שטיק. אין דער אויספירונג פעלט די אינערלעכע האַרמאָניע. יעדער אַקטאָר אַן און פאַר זיך שפּילט פיין, אָבער אַלע צוזאַמען האָבען נישט די צונויפגעשפּילטקייט, שטעלען נישט פאָר אַנ'אָרקעסטער, וואָס די נשמה פון דיריזשער פאַראייניקט אים...

אין אַ שווער פאַרלעגענהייט האָט זיך געפונען די אַזויגערופענע קאַמינסקיס טרופּע פאַר'ן אַוועקפאָרען פון פּעטערבורג. סימנים פון שפּאַלטונג און צופאַלעניש האָבען זיך באַוויזען. אַ פאָרגעפיל האָט מיך געשראָקען, אַז די מענטשען, וואָס שטייען באַם שיידוועג, וועלען אפשר געצוווּנגען זיין אויסצוקלויבען די גרינגערע ריכטונג, — די, וואָס פירט באַרג־אַראָפּ.

וויניק־סימפּאַטישע ידיעות זענען אָנגעקומען פון וואַרשע. פון די צייטונגען איז נישט אַראָפּ דער אַנאָנס, אַז אין „ערמיטאַזש"

שפּילט „קאַמינסקיס צווייטער פּערסאָנאַל" — „די בלינדע יתומה" — „אַ לעבענסביִלד אין 5 אַקטען, 9 בילדער פון שייקעוויטש". — 9 בילדער, און נישט אַבי וואָסערע! נאָר: „1) אין מקום באַ געלען אין טראָשצשאָבע, 2) אין פּאָוואָנזקער וועלדעל, 3) דער ערשטער וויזיט אָדער געוויסענסביסע פון אַ גנב, 4) באַ דעם טיגער אין די לאַפּעס, 5) אַף דער געגנשע גאַס באַ דעם בית־עולם ערב יום־כּפּור, 6) די פאַרצווייפעלטע מוטער, 7) דער טראַגישער טויט פון אַנ־אַכטיעריקס מאַ־טער קינד, 8) די מפּלה פון די באַנדיטען און 9) די מוטער געפינט אירע קינדער". — דערצו אַנ'אָנמערקונג פון דער „דירעקציע": „די געשיכטע קומט־פאָר אין וואַרשע, ווו יעדער איינציקער קאָן זיך באַקענען מיט דעם וואַרשעווער לעבען פון בוידעמס און קעלערס"...

פון פריוואַטבריף האָט מען געקאָנט געוואָר־ווערען, אַז די צופרידענקייט פון עולם איז גאָרנישט צו באַשרייבען. ווי אַטשע־רעדע צעגעדזגעטע קעלבלעך יאָגט מען זיך זען די 9 בילדער „און ווי די מוטער געפינט אירע קינדער". אָווענט אין אָווענט ברענגט די קאַסע 600 רובל באַרעס געלד, הגם פלעצער איז דאָ אין טעאַטער נישט מער ווי אַף 450—500 רובל... הינטער די קוליסען פון יידי־שען טעאַטער אין פּעטערבורג האָבען די ידיעות געמאַכט אַ געווי־סען איינדרוק, אַ שטימונג באַשאַפען.

# דער זומערסעזאָן 1909.

נאָך די „געשוואָלענע" סבאָרען, וואָס „די בלינדע יתומה" האָט געגעבען, איז געווען גאַנץ בדרך הטבע, שמ"רס שטערען זאָל ווידעראַמאָל אויפגיין אַפ'ן וואַרשעווער הימעל. אונדז האָט זיך אַוודאי געדאַכט, אַז נאָר די מייז האָבען היינט צו טון מיט די אומענדלעכע שרייבעכצען פון באַרימטען ראָמאַנענצווישניידער, — אָבער צו גיך האָבען מיר דעם נצחון געפייערט!

אין נומער 130 פון ביידע וואַרשעווער צייטונגען דערשיינט שוין אַזאַ מודעה:

— „קירצלעך וועט אויפגעפירט ווערען אַ זייער אינטערעסאַנ־טע מעלאָדראַמע „די אייזערנע פרוי", באַאַרבעט פון שייקע־

וויטשעס ראָמאַן. מען זאָגט אַ שפּריכוואָרט: פון אַ שלאַנג קאָן קיין שעפּעלע נישט געבוירען ווערען. די לעזער געדענקען געוויס די געשיכטע מיט דער „אײַזערנער פרוי“, ווי שמ״ר שילדערט, אַז אַ „באַנדע גנבים“ א. אַ. וו., א. אַ. וו. א. אַ. וו., מיט׳ן באַקאַנטען נוסח פון די „9 בילדער“ און מיט זייער גאָלדענעם לשון... אַלדזאָ: די „לעזער געדענקען געוויס די געשיכטע, וואָס שמ״ר שילדערט“... אפּנים, ס׳קען דער קליינהענדלער זיין בהמהלע!...

און אַז דער גאַנצער זומערסעזאָן פון פאַרגאַנגענעם יאָר איז אַדורכגעפלאָסען אונטער שמ״רס שטערען, דאַרף איך שוין אויך נישט וואונדערען, אַז אין דער געשיכטע פון יידישען טעאַטער וועלען די דריי־פיר חדשים פאַרצייכענט ווערען מיט׳ן אייגענאַרטיקען נאָמען: „דער יום־טוב פון גאַסענרעקלאַמע“...

איך בין דעמעלט געווען ווייט פון וואַרשע. פאַר מיר ליגט בלויז אַ קאָלעקציע טעאַטעראַנאָנסען, אויסגעשניטענע פון די יידישע צייטונגען. געגוג זיי אַדורכצוואַרפען — און אַ בילד פון גראָבען ריקזאַל שווימט־אויף פון צווישען די שטומע שורות. אין אַזאַ קורצער צייט — און אַזאַ עקעלדיקען קנויל געשמאַקלאָזיקייט, טעמפּקייט, חוצפה און נאַרישע גוזמאות אַרויסצוגעבען — דאָס דאַרף מען קענען!

די גרעסטע עניוות — וואָס אמת איז אמת — האָט אַרויסגעוויזען דער אַלטער פּישזאָן. זיינע אַנאָנסען הייבען זיך אַלע אָן מיט דער סטערעאָטיפּער פראַזע: „פּישזאָנס באַליבטע טרופּע“. — איאָ, גאַנץ איידעל, וואָס נאָר „באַליבטע“? ס׳וואָלט דאָך געקאָנט זיין: „באַליבטע, געערטע, געאַכפּערטע, פּילגעשעצטע, הויכבכבודיקע, פאַרגעטערטע“... „עליזעום“ קווענקעלט זיך שוין וויניקער און אַטעסטירט זיך זעלבסט טאָגטעגלעך: „די בעסטע אין גאַנץ רוסלאַנד אָפּערעטענטרופּע“... כאָטש צוריקגערעדט, ווידעראַמאָל דאָסאייגענע: נאָך פּיין, וואָס נישט „אָפּ׳ן גאַנצען ערדקוגעל“, אָדער „אין דער גאַנצער וועלט, אַף דער זון און אַף אַלע שטערען און מזלות“!...

אָדער אַזאַ מודעהלע: —

— „אַ טעלעגראַמע איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין דער דירעקציע פון טעאַטער „באַגאַטעלאַ“, וועלכע איז מודיע, אַז עס קומט

אַהין צופאָרען גאַסטראָלירען איינער פון די בעסטע אַרטיסטען אין אַמעריקע, מיסטער מאָריס מאָסקאָוויטש, וועלכער איז געווען דער ליבלינג פון איצט נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם גרעסטען יידישען דראַמאַטורג יעקב גאָרדין ע"ה, וואָס פלעגט ספּעציעל שרייבען דראַמעס פאַר דעם אומפאַרגלייכלעכען יידישען אַרטיסט אין כאַראַקטעררָאָלען. זיין ערשטער גאַסטראָל וועט זיין אין דער פּיעסע „מטורף", וועלכע י. גאָרדין האָט ספּעציעל געשריבען פאַר דעם אויסערגעוויינלעכען, גרויסען, אמת-ליטעראַרישען אַרטיסט. דאָס בילד פון אומפאַרגלייכלעכען אַקטאָר קאָן מען זען..." א. אַ. וו..

און אין אַ טאָג אַרום: „מאָריס מאָסקאָוויטש איז דער תּלמיד ותיק און דער געוועזענער חבר פון פאַרשטאָרבענעם י. גאָרדין ז"ל"...

און נאָך אין עטלעכע טעג אַרום, — „היינט טרעט פאָר דער גרויסער אַמעריקאַנישער גאַסט, דער בעסטער יידישער אַקטאָר אין אַמעריקע, דער גרעסטער סטאַר פון ניו-יאָרקער יידישע טעאַטערען... מיר באַמערקען, אַז די ראָלע „אוריאל מזיק" האָט גאָרדין געשריבען ספּעציעל פאַר דעם הער מאָסקאָוויטש, וועלכער איזווירקלעך דער בעסטער פון אַלע אַמעריקאַנער אַרטיסטען אין דער שטאַרקער ראָלע. די ראָלע „אוריאל מזיק" איז געשפּילט געוואָרען אין ניו-יאָרק פון די גרעסטע סטאַרען, אַלס קאָנקורס, צו זעען, וועלכער פון די סטאַרען עס וועט בעסער זיין אין דער ראָלע, און דער הער מאָסקאָוויטש האָט געוואונען דעם קאָנקורס, און איז אָנערקענט געוואָרען אַזוי פון די אַרטיסטען, אַזוי אויך פון טעאַטערפּובליקום, ווי אויך פון דער גאַנצער פּרעסע פאַר דעם בעסטען און איינציקסטען אין דער ראָלע. קומט, יידען, זעט דעם קינסטלער אין זיין קונסט-ראָלע"... א. אַ. וו..

כ'האָב נישט זוכה-געווען צו זען דעם ה' מאָריס מאָסקאָוויטש. מעגלעך, אַז ער איז טאַקע אַזאַ גרויסער אומפאַרגלייכלעכער, אויסערגעוויינלעכער, אמת-ליטעראַרישער אַרטיסט, אַקטאָר און קינסטלער, יעקב גאָרדינס תּלמיד ותיק און געוועזענער חבר, פון אַמעריקאַנער סטאַרס, פּובליקום און פּרעסע פּראָקלאַמירטער טשעמ-

פּיאַן אין דער שטאַרקער ראָלע פון „אוריאל מזיק“, וועלכע איז ספּעציעליש פאַר אים אָנגעשריבען געוואָרען פון י. גאָרדין ז"ל... אָבער ווי דערלויבט מען זיך אַזוי אומגעלומפּערט צו רעקלאַמירען!? דער אויסוואַל אַליין פון די ווערטער און עפּיטעטען וואָס איז ווערט!...

און אַז „עליזעום-באַגאַטעלאַ“ האָט געהאַט דעם „גרעסטען סטאַר“ פון אַמעריקע, האָט „ערמיטאַזש“ אַודאי געמעגט זיך אַראָפּ-ברענגען — „אַ גאַסט! אַ גאַסט! דער באַרימטער קאָמיקער און טענצער, דאָס ליבלינג פון פּאַריזער און לאָנדאָ-נער פּובליקום (און בערלין — איז אַ הונט? און ווין, רוים, בריסעל?...), „מיסטער שערמאַן... עס ווערט געשפּילט „שבת-קודש“, די ראָלע „שמעיה“ אויסגעפירט דורך מיסטער שערמאַן, וועל-כער האָט געשפּילט אין לאָנדאָן 165 מאָל נאָך דער ריי (פאַר-וואָס נישט תּרפ"ט אַלפים מאָל!?...) די ראָלע מיט'ן גרעסטען ערפאָלג, ווי אויך איצט אין וואַרשע, ווו דאָס פּובליקום איז געוועזען אַנטציקט פון זיין שפּילען אין דער ראָלע אַלס שמעיה“...

און נישט נאָר זיי — אַלע, אָהן אויסנעם, זענען היינטיקען זומער געוועזען „באַליבט“, „באַרימט“, „גרויס“, „אומפאַרגלייכליך“... פּרוי קאַרל פון לעמבערג, למשל, „אַ באַרימטע אַרטיסטין“, פּרוי לאַנצמאַן — „אַ באַליבטע און נישטפאַרגעסענע אַרטיסטין“... און אין אָטוואָצק איז פאַרגעקומען, „מיט פאַרשידענע טענץ, פייערווערק און מיט איין גרויסען אָרקעסטער“, אַ פאַרוויילונג, „אונ-טער דער פירונג פון באַרימטען דיריזשאָר ה' קומאַק“...

נאָך אַ בינטעל — — — איך וועל זיך אויסדריקען וואָס ווי-כער: גוזמאות.

צוויי אַנאָנסען פון טעאַטער „עליזעום“.

— „צום גרויסען גאַרדינאָוועגט איז אונדז געלונגען אַראָפּ-צוברענגען די בעסטע, ביז היינט נאָך אין גאַנץ רוס-לאַנד, דראַמאַטישע פּרימאַדאָנע פון אַלע גאָרדינס דראַמעס, מאַדאַם טרילינג“...

— „מאָרגען צום צווייטען און לעצטען גאַסטראָל פון דער באַרימטער אַרטיסטין ווערט געשפּילט „כאַשע די יתומה“ מיט דער מאַדאַם טרילינג אין דער ראָלע „כאַשע“. אויך אין דער ראָלע זאָ-

גען מבינים, וואָס האָבען זי געזען אין לאָנדאָן, פּאַריז ווי אויך אין לאָדזש, אַז זי שטייגט איבער די אַלע „כאַשעס“, וואָס מיר האָבען געזען ביז=איצט“...

די אונטערגעשטראָכענע ווערטער זענען אין טעקסט פון די רעקלאַמעס בכיוון געדרוקט מיט גרויסע אותיות, — ס'זאָל שטעכען, הייסט עס, די אויגען...

מאַדאַם טרילינג שפּילט גאַנץ באַפרידיגענדיק די ראָלע פון „מירעלע אפרת“: די דיקע פיגור גיט איר צו די מאַיעסטעט, וואָס פּאַסט צו דעם טיפּ. אַלס כאַשע, אַ יונג דאָרפסמיידעל, איז זי, אָבער, נידעריקער פון יעדער קריטיק... און ווער זענען דאָס געוועזען די אויסערגעווינלעכע „מבינים“, וואָס זענען באַכגעפאָרען טריט באַך טריט דער מאַדאַם טרילינג, פון לאָדזש קיין פּאַריז, און פון פּאַריז קיין לאָנדאָן? ווי הייסען די מערקווירדיקע קריטיקער? און ווו זענען זייערע זעלטענע רעצענזיעס געדרוקט געוועזן? — גיי פרעג באַם מאַרק שאלות!

איבערמישענדיק די משונהדיקע קאָלעקציע, קאָן מען טאַקע אין אמתען פאַרגעסען, ווו מ'איז אין דער וועלט: טעאַטער, אַלס קולטורעלישע אינסטיטוציע, גייט פאַרלוירען, — אייך דאַכט זיך: איר גייט פאַר'ן „אײַזערנעם טויער“ און פאַרטמאָלצוועטע יידען און יי=דענעס, מיט פאַררייזטע פּנימער און הייזעריקע העלדזער, רייסען זיך, נעבען, אָפּ די געדערים, אויסרופענדיק:

— פּאָמעראַנטשי פּשעדאַיע!... פּאָמעראַנטשי!... פּאָ פּיענץ גראָשי!...

— קישקעלעך, הייסע קישקעלעך!... צוויי פאַר אַ צענער... אַנ'עק, יידען, קויפט!...

— „היינט און מאָרגען שפּילען מיר אין „באַגאַטעלאַ“... קומט, אַלדזאָ, טעאַטערליבהאָבער זיך געזעגענען מיט אונדז צוזאַמען מיט דעם זומערטעאַטער, וואָס קאָסט אונדז אַזוי טייער“...

— „אשה רעה“ — די ראָלען אין דעם שטיק ווערען אויס=געפירט יעדע איינציקע אָהן קאָנקורענץ!“...

— „היינט ביליקע פרייזען... באַ דער געלעגענהייט וועלען די טעאַטערבאַזוכער פון דער געגענט גאָר אַ מציאה האַנדלען“...

— „ווער ס'וועט נור זען... וועט געוויס אָפּלויבען צווי=שען די איבעריקע באַקאַנטע“...

און פּלוצים שפּרינגט־אַרויס אײנער אַנ׳אַמעריקאַנער, גאָר אַ נאַקעטער, אָהן אַ העמד אַפּילו, אַזויווי די מאַמע האָט אים געהאַט, — און שרײַט ווי אַנ׳אָפּגעבריטער:

— „אום צו קעמפּפען מיט די דרײַ יידישע טעאַטערס און מיט די פילע אַרטיסטען, וואָס געפינען זיך איצט אין וואַרשע, האָבען מיר באַשלאָסען נישט שפּאָרען געלט און מי. כדי גובר־צו־זײַן אונדזערע קאָנקורענטען האָבען מיר אַנגאַזשירט דירעקט פון אַמעריקע און לאָנדאָן די בעסטע קרעפטען, אַזעלכעס, וואָס וואַרשעווער פּובליקום האָט נאָך ביז־איצט נישט געזען“...[1]

און דער עולם זאָל נישט מיינען, חלילה, אַז דאָס אַלץ ווערט געשריבען און געשריגען לשם הפּרנסה, ווערט אָפּטמאָל דערקלערט, אַז מ׳טוט דאָס נאָר לשם־שמים. האָט דען נישט מודיע־געווען טעאַטער „באַגאַטעלאַ“ אין זײַן אַנאָנס:

— „אײנעם פון די דרײַ גרויסע, מיסטער מאָריס מאָסקאָוויטש, איז געלונגען דער דירעקציע אָפּצואַכטען פון לאָנדאָן, וווּ ער האָט גאַסטראָלירט, און צו באַגליקען אויך דאָס וואַרשעווער פּובליקום מיט זײַן קונסטפול שפּילען“...—?

כ׳וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך מוסטערען, נאָר גענוג! דאַנקען גאָט, וואָס דאָס איז שוין איבערגעפלויגען, און די טריבע כוואַליע פון ווילדער רעקלאַמע איז אָפּגעטרעטען פון וואַרשעווער טעאַטערלעבען!

אויב כ׳האָב יאָ דערמאַנט די ווייניק־עסטעטישע מאָמענטען, איז נאָר דערפאַר, וואָס דער לויף פון מײַן איבערזיכט האָט פון מיר געפאָדערט, כ׳זאָל פאַרצייכענען, וואָסער געשטיקטע לופט האָט אָנגעפילט די יידישע בינע אין וואַרשע דעם פאַרגאַנגענעם זומערסעזאָן.

אין אַזאַ אַטמאָספערע איז אוממעגלעך געווען, אַ ריין־דראַמאַטישע טרופּע זאָל זיך קאָנען אײַנהאַלטען אַפ׳ן וואַרשעווער באָדען. דער הודאַ פון די אַנאָנסען און דער בלאָף פון די גאַסטראָלען האָבען צוטומעלט דאָס היגע פּובליקום. נישט האָבענדיק מיט וואָס צו קומען צום עולם, האָט קאַמינסקיס טרופּע קנאַפּ האָפנונג געהאַט

[1] דאָס זענען אַלץ ציטאַטען פון אַנאָנסען.

מנצח־צו־זיין אין קאמף מיט'ן שונד. דערצו איז רחל קאמינסקי איינגעלאַדען געוואָרען אַף גאַסט־אָלען קיין אַמעריקע. די איבעריקע מיטגלידער פון דער טרופע האָבען אינסטינקטיוו זיך געהאַלטען צוזאַמען, האָבען זיך נישט אויסגעמישט מיט די אַנדערע טרופעס, זיי האָבען גענומען שפּילען באַזונדער אונטער'ן נאָמען „די פאַראייניקטע טרופע". האָבען, אָבער, געמוזט אָנבייגען דעם קאָפּ, צוריקקערען צום געמישטען רעפערטואַר. גוט כאָטש דאָס, וואָס זייערע אַנאָנסען זענען לכל־הפחות נישט געווען קיין שרייענדיקע: „די פאַראייניקטע טרופע פון די יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטען".

[„אונדזער לעבען" נ' 37 פון יאָר 1910].

# אַנמערקונג. —

די אַרבעט האָט געדאַרפט זיין גרעסער. עס איז פראָיעקטירט געווען אַ באַזונדער קאַפּיטעל וועגען דער טעטיקייט פון „דער פאַראייניקטער טרופע פון די יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטען"; דערנאָך — אַ סינטעטישער איבערבליק איבער די באַדערפענישען פון יידישען טעאַטער; ענדלעך — אַ געהעריקע אָפּשאַצונג פין דער קריגערישער קאַמפּאַניע, וואָס איז דעמעלט פון אַ געוויסער זייט געפירט געוואָרען קייגען דעם יידישען טעאַטער נישט דוקא אויס בלויז ריינע מאָטיווען.

צוליב פערזענלעכע סבות האָב איך, אָבער, דעמעלט געמוזט זיך אָפּרייסען פין דערדאָזיקער אַרבעט.

אַ טייל פון די געדאַנקען, וואָס איך האָב געזאָלט אין איר אַרויסזאָגען, זענען אין קורצען אויסגעדריקט אין ווייטערדיקען אַרטיקעל.

[וואַרשע, 1920].

# דער יידישער אינטעליגענט און דאָס יידישע טעאַטער.

מ׳קומט צום יידישען אַקטאָר מיט רעוואָלווערקריטיק און באַיקאָטאַגיטאַציע... איז דען אונדזער בינע נישט אַ זייגקינד — נאָר וואָס אַרויס פון די ווינקעלעך — שטעלט די ערשטע טריט מיט די שוואַכע, וואַקעלדיקע פיסעלעך?

טאַטע-מאַמע און ס׳גאַנצע געזינדעל וואַכען איבער אַזאַ שרעקעדיק עופעלע, וואָס קאָן נאָך נישט האַלטען קיין גלייכגעוויכט, היטען עס ווי אַן אויג אין קאָפּ, פירען אונטער די הענטעלעך, צערטלען, מוטיקען. — ס׳אומגליק איז, וואָס דער אַזויגערופענער „יידישער אינטעליגענט" איז נישט פעיק צו פילען צו אונדזער יונג טעאַטער דאָס, וואָס עלטערען צו אַ לייביק קינד! האָט ער ווען עס איז געזאָרגט פאַר דער יידישער סצענע? איז אים אַמאָל איינגעפאַלען, אַז דאָס „שפּיל", וואָס די וואַנדערענדיקע „אַקטאָרשטשיקעס" „פּראַווען", האָט אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלישע באַטייטונג, איז אַ שטיק פון אונדזער לעבעדיקער קולטורעלישער געגענוואַרט?

ווי לאַנג איז בסך-הכל, אַז דער צובראָכענער נפש האָט באַוויליגט אַראָפּצונידערען צום אינעווייניקסטען לעבען פון דער יידישער מאַסע? — און שוין קרומט ער מיט דער נאָז! די קלינגענדיקע פראַזע וועגען „פאָלק" האָט פאַרלוירען דעם חן, דער שדוך — אויפגעהערט צו געפעלען. איינער האָט זאָגאַר שוין אויסגערופען: „די יידישע אינטעליגענץ וועט זיך ווייטער גיין מיט איר איינזאַמיקען, שטאָלצען וועג!" — מיט אַלץ מיאוסט זיך אונדזער יחסן, פון אַלץ איבעלט אים, — צו פרימיטיוו, צו אָרעם איז דאָס, וואָס ער האָט געפונען אין יידישען הינטערגעסעל. ס׳גייט נישט אַריבער אַ טאָג, ער זאָל נישט פאָרוואַרפען מיט פאַרדרוס: „דאָס כינקע־פינקע פובליקום!" אַ פנים, אַז ער האָט זיך געריכט דאָרט אַלץ לויט דער לעצטער מאָדע צו טרעפען: יענטע די קוראָלאַפּניטשקע אין פאַריזער טואַלעטען און טוביה דעם מילכיקען אין אַ לאָנדאָנער צילינדער, באָנטשע-שווייג אַף אַן׳אייגענעם שפּאַציר־אַעראָפּלאַן און די יידישע מעלפּאָמענע אין אַ מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ, —

נישט אַנדערש! -- אַי, אַ גרויסער חלק שולד פאַר דער קולטורעלישער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער יידישער גאַס ליגט טאַקע אַף אים אַליין, אַפּ'ן אַזויגערופענעם „יידישען אינטעליגענט", וואָס ער איז זיך תמיד געגאַנגען מיט זיין „איינזאַמיקען, שטאָלצען וועג", אימשטיינס געזאָגט, — פון פאָלקסלעבען מיט אַ תהום אָפּגעטיילט, און וועגען אַ בריק אַריבערוואַרפען גאָרנישט געטראַכט, — אַי דאָס אַלץ — וויל ער עס, אָבער, בשום אופן נישט פאַרשטיין!

כ'גיי־אַריין אין דער לאַגע פון יידישען אינטעליגענט. כ'באַגרייף, אַז ער מוז זיך פילען אַביסעל נישט היימלעך, לאָמיר זאָגען, — טאַקע אין אונדזער טעאַטער. ס'איז מיר די טעג אויסגעקומען צו זען צוויי אַקטען פון „שבת קודש", — ס'קערט די גרינגע גאַל! פאַריאָרען בין איך צופעליק אָפּגעזעסען אַ האַלבען אַקט אַף „יעקב און עשו", — ווען כ'טו נישט אַ לויף־אַרויס — וואָלט איך חלשות געפאַלען... מיין עסטעטיש געפיל ליידט אַ סך אַפילו אַף די געלונגענסטע ספּעקטאַקלען, ווו ס'טרעטען אַרויס אונדזערע בעסטע דראַמאַטישע קרעפטען אין אָנשטענדיקע ליטעראַרישע פּיעסען: די רעזשי, די אינערלעכע, ווי די אויסערלעכע, שניידט די אויגען!... ווען כ'הער קלאָגען זיך: „נישטאָ וווהין צו גיין דעם יידישען אינטעליגענט!" — גלייב איך. אין דעם שטעקט דאָך זיין דראַמע: אין קאָנטראַסט צווישען זיין אינטעלעקטועלישער אַנטוויקלונג און דער יידישער קולטורעלישער ווירקלעכקייט... מיר זענען שוין געוווינט צו אַ שטיקעל גייסטיקען לוקסוס: סטאַניסלאַווסקי!... קאָמיסאַרזשעווסקאַ... „ראָזמאַיטאָסטי..." דונקאַן... סאַראַ בערנאַר... דוזע... — פון אַלץ האָט דער יידישער אינטעליגענט מער־ווייניקער גענאַשט... גאָרדינס גרויסער טאַלענט האָט געפועלט, אַז נישט קוקענדיק אַף די פעלערען פון זיינע זאַכען, קאָן מען מיט אינטערעס צוזען „מירעלע אפרת", „כאַשע די יתומה", „די שחיטה", „די שבועה", — אָבער וויפעל איז דער שיעור זיך צו דרייען אַלץ אין איין און דעמזעלביקען ראָד?...

דאָס אומעטיקע זעלבסטגעפיל פון יידישען אינטעליגענט גיט אים, אָבער, נאָך נישט דאָס רעכט אונטערצוצינדען דאָס יידישע טעאַטער.

מ'טאָר גאָרנישט אַזוי לייכטשעצען דאָס „כינקע־פינקע־פובליקום"!... שמ"ר און „צוויי קוני לעמעל" — זענען די ערשטע געוויקסלעך פון וואָסער עס איז וועלטלעכער קולטור אין דער יידישער גאַס, און אַלס אַזעלכע — מוזען זיי זיין מגושם, פרימיטיוו, אַלע התחלות זע-

נען גראָב — דערנאָך ערשט קומט דער פּראָצעס פון פאַרפּײַנערונג, פון טאָקען, שלײַפען, פּאָלירען, פוצען... אָף שמ״רס בּיכלעך האָט זיך אויס־געכאָוועט אַזאַ צאַרטער טאַלענט, ווי רחל פײַגענבערג, זיי האָבען באַ־שאַפען לעזער פאַר מענדעלע־מוכר־ספרים, שלום־עליכם און די איבּערי־קע מאָדערנע שריפטשטעלער.

דאָס „כּינקע־פּינקע־פּובּליקום״ איז דער פונדאַמענט פון יי־דישען טעאַטער. דער המון האָט אָף זײַנע פּלײצעס דעמדאָזיקען קול־טורעלישען אַנשטאַלט דורך לאַנגע יאָרען רדיפות און טלטולים אַרויס־געטראָגען. אַדאַנק דעם באַזוכער פון דער פאָלקסמאַסע, זענען אַזעלכע קרעפטען, ווי רחל קאַמינסקי, טרילינג, זאַסלאַווסקע, נעראָסלאַווסקע, ליבּערט, ווײַסמאַן, זשעלאַזע, ראַפּעל — געבּליבען אָף דער בּינע, נישט אַוועקגעוואָרפען דעם שווערען באַרוף, נישט צוריקגעקערט צו די פּריוו־ריקע רוויקערע פּרנסות... פון דעם „כּינקע־פּינקע־פּובּליקום״ איז אַ גאָר־דין־פּובּליקום אויסגעוואַקסען...

אויך די ווײַטערדיקע עקזיסטענץ פון דער יידישער סצענע הענגט־אָפּ נאָר פון דער אוממיטעלבּאַרישער, פּראָסטער פאָלקסמאַסע. זי ווייסט נישט קיין חכמות. איר געשמאַק עוואָלוציאָנירט אָרגאַניש, — פון גאָר אומגעלומפּערט צו בּיסלעכווײַזער פאַרבּעסערונג. פאַר איר איז ס׳טעאַ־טער אַ נאַטירלעך באַדערפעניש... הלואי זאָל דאָס „כּינקע־פּינקע־פּובּלי־קום״ וואַקסען מיט יעדען טאָג! הלואי זאָלען די אַלע שיכטען, וואָס שטייען נאָך ווײַט פון טעאַטערלעבּען, כ׳מיין די אָרטאָדאָקסישע, די פאַנאַטישע, אויך אַרײַנגעצויגען ווערען אין אים. הלאי זאָל מען די באַזוכער פון „שמענדריק״ ציילען אָף מיליאָנען. — דעמעלט וועט פאַר אונדזער אָרעמער בּינע באַשאַפען ווערען אַ געזונטער מאַטעריע־לישער באָדען, אָף וועלכען זי וועט אימשטאַנד זיין נאָרמאַלער און געלאַסענער צו אַרבּעטען און צו שטײַגען.

בּלויז אַפ׳ן „אינטעליגענט״ קאָן אונדזער טעאַטער ווייניק וואָס שטעלען. גיי האָב צוטון מיט אַ צובּראָכענער בּריאה. היינט איז ער מלא התפעלות, שרײַט בּיז הייזעריק צו ווערען: „פאָלק... פאָלק... דאָס פאָלק וויל... דאָס פאָלק דאַרף... דאָס פאָלק פאָדערט... דאָס פאָלק האָט... דאָס פאָלק וועט״... פאָלק — אַהער, פאָלק — אַהין, פאָלק פון אויוועך, פאָלק פון אונטען... „ס׳פאָלקט״ אַזש אין די אויגען און אין די אויערען... און אײדער דו קוקסט זיך אום, — מײַנער דרייט שוין אַוועק מיט׳ן קאָפּ און בּורטשעט בּרוגזדיק, „פע... כּינקע־פּינקע־פּובּלי־

קים... ווי פּאַסט דאָס גאָר פאַר מיר... דער ייִדישער אינטעליגענט דאַרף זיך ווײַטער גײן מיט זײַן אײַנזאַמיקען, שטאָלצען וועג"... — אַ קיצור: ס'איז ניִשט קײן זיכערער שותּף!...

צײַט צורו צו לאָזען דעם שונדרעפּערטואַר! לחלוטין איגנאָרירען, אַזויווי מיר איגנאָרירען איצט שמ"רס ראָמאַנען. און אין האַרצען ווײסט: אַ וויכטיקע אונטערערדישע אַרבעט קומט דאָ פאָר. — לאַכט, אויב ס'קיצעלט אײַך, אָבער דער אמת איז: די פּיעסען פון גאָלדפאַדען און זײַנע נאָכפאָלגער האָבען אַ געוויסע ציוויליזאַטאָרישע ווירקונג: זײ ברענגען אַרײַן אין די פאַרוואָרפענסטע ייִדישע ווינקעלעך, אין די פינצטערסטע קלאַסען פון המון — די ערשטע זאָמען פון וועלטלעכער קולטור, די עלעמענטאַרישע אידײען, וועלכע זענען אין דער ברײטער וועלט שוין אַלטעגלעך ברויט, און פאַר אונדזער גאַס — אַ נײַע תּורה... און אַז יאָ שרײַען, איז גאָר אַנדערש ווי מ'טוט דאָס איצט: אַרויסגײענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז מעלאָדראַמע און אָפּערעטע עקזיסטירען אַף דער גאַנצער וועלט, צופרידענצושטעלען די באַדערפעניִשען פון פּראָסטערען פּובליקום, — דאַרף מען נאָר אָנווײַזען די פעלערען פון אַלטען רעפּערטואַר, אַלס אַזעלכען, פאָדערען, די ייִדישע מעלאָדראַמע זאָל, אַלס מעלאָדראַמע, זײַן ציכטיקער, פײַנער, ניִשט טאַלענטלויזע יונגאַטשעס זאָלען אַ פּירשט, אַ גראַף שפּילען, ניִשט עם-האַרצישע „קאָמפּאָזיציעס" זאָלען פון אָרקעסטער אויסגעפירט ווערען...

לײַכט צו זײַן אַ פּראַזער-גראַפּאָמאַן. באַ וועלכען די רײד וועגען פאָלק זענען ניִשט מער, ווי אַ באָמקעניִש פון אַ שלעכט אונטערגעהאַנגענער צונג, — שווער צו זײַן אַן ערנסטער ייִדישער אינטעליגענט, וואָס זײַנע אָפענע אויגען זעען קלאָר די אויפגאָבען פון מאָמענט. איבערגאַנגסיאָרען לעבען מיר בכלל איבער, יאָרען פון זאַמלען כּוחות, — קנײטען לײם, ברענען ציגעל, לעשען וואַפּנע, — און אַזאַ צײַט טאָר מען ניִשט זײַן צו „אײדעל געפּאַטשקעט". דער ערנסטער ייִדישער אינטעליגענט מוז אין זײַן קולטורעליש לעבען מסכּים-זײַן אַף פיל פּשרות, אַף אַ סך זאַכען מותּר-זײַן, פון ניִשט ווײניק פּרינציפּען זיך אָפּזאָגען, מיט אײניקע דערשײַנונגען אויפהערען צו מיאוסען זיך. אײן כּלל דאַרף באַ אים איבערוועגען אַלץ, — אײן כּלל: טײַער איז איצט יעדעס געזונט קערנדעל, מיט וויפעל מיסט ס'זאָל ניִשט צוגעדעקט זײַן...

מִיר האָבען אַ רחל קאַמִינסקִי, אַ לִיבערט, — ווייניק פאַר אונדז? מִיר פאַרמאָגען אַ גאָרדִינרעפּערטואַר, — נאָך נִישט צוּפרִידען? — פִינף יאָר אַרום-און-אַרום, ווִי אונדזער בִינע האָט באַקומען אַ וואָסער-נִישט-אִיז מעגלעכקייט פריי אויפצוטרעטען, — און שוין זאָל זִי שטיין אַף דער מדרגה פון אַ מאַקס ריינהאַרד-טעאַטער!?... נִישט אִיבער נאַכט שפּראָצט אויס אַ קונסטטעמפּעל! אִין גאַנץ אייראָפּע ווערען די גרויסע טעאַטערס אויסגעהאַלטען אַפ׳ן חשבון פון מלוכה אָדער שטאָט... די בעסטע פּרִיוואַטע נעסטען פון דראַמאַטִישער קונסט האָבען יאָרען-לאַנג זִיך געראַנגעלט מִיט די פאַרשִידענסטע מניעות — איינע געזִיגט, אַנדערע — געפאַלען. דאָס מאָסקווער קִינסטטעאַטער האָט שוין געהאַלטען באַם אונטערגיין צולִיב מאַטערִיעלִישע סבות, און נאָר מאָראָזאָווס נדבה פון צוויי מאָל הונדערט טויזענט רובל האָט עס דערראַטעוועט. אַנטואַנס „פרייע בִינע” אִיז נאָכ׳ן גלענצענדִיקסטען נצחון געפאַלען, ווייל דער נייער רעפּעטואַר האָט זִיך אויסגעלאָזט, און קיין פרִישע פּיעסען זענען נִישט צוגעקומען... אונדזער דראַמע לייַדט פון ביידע זייטען — הן פִינאַנסִיעלִיש, הן רעפּערטואַרִיש, — און דאָך ווִילט אִיר נִישט אַרייַנגיין אִין אִיר לאַגע!?

פרייט זִיך מִיט דעם בִיסעל, וואָס אִיז שוין דאָ. זייט קודם-כל מענטשען מִיט געדולד, דִיסציפּלִין, קאָנסעקווענץ און באַוווּסטזייַן, — נִישט פלאַדערקעפּ, — ווערט אִיר משִיג-זייַן, אַז לִיבע, — נאָר לִיבע אִיז ס׳מִיטעל, מִיט וועלכען ס׳אִיז מעגלעך אַ רוק-צו-טון די יִדִישע בִינע אַפ׳ן וועג פון בהדרגההדִיקען וווּקס. זאָל נאָך צען יאָר, חלילה, געדויערען דער קרִיזִיס, — אִיר ווערט נִישט מִיד אִין אייער לִיבע! — מִיט פאָרזִיכטִיקער, זאַכלעכער, רִיקזִיכטִיקער, באַלערענדִיקער קרִיטִיק ווערט אִיר אִימשטאַנד זייַן אַ טראָפּען קִינסטלערִישע קולטור אִין אַקטאָר, אִין רעזשִיסער און אִין באַזוכער אַרייַנגִיסען — און פאַמעלעך, אָבער זִיכער, אִיבעראַנדערשען דעם גאַנצען אָנבלִיק פון אונדזער טעאַטער...

אונדזער לאָזונג דאַרף זייַן: גייט אִין יִדִישען טעאַטער, ווִי שלעכט עס זאָל נִישט זייַן! שטִיצט עס מאָראַלִיש און מאַטערִיעלִיש! נאָר אִין דעם אִיז דאָס ערבות פון זייַן עוואָלוצִיע!

אַ פאַרברעכען אִיז צו אַגִיטִירען: „גייט נִישט אִין יִדִישען טעאַטער!”

אַ פֿאַרברעכען!... כ׳האָב נאָך נישט באַגעגענט דעם פֿאַל, טאַטע-מאַמע זאָלען זייער זייגקינד שפּאַלטען דעם קאָפּ דערפֿאַר, וואָס עס פֿאַלט אַנ׳איבעריק מאָל, אָדער דערוועגט זיך נישט פֿאַרצוגעמען אַ צו גרויסע רייזע איבער׳ן צימער...

---

לאָדזשער זאַמעלבוך „פֿאָ-
לקלאָר", אַפּריל 1910.

# באַ „זיי" און באַ אונדז.

איר ווייסט, ווי מען פירט באַלײַטענס אַדורך טעאַטער־רעפּאָרמען?

אין די אַכציקער יאָרען פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט זיך דערוועקט אַ באַוועגונג צו העכערע פאָרמען פון דראַמאַטישער קונסט — אין פראַנקרייך. יונגע טאַלענטען זענען אַנטשטאַנען. נײַע ריכטונגען האָבען אויפגעשפּראָצט. מער איינפאַכקייט, פײַנגעפיל און ערנסטקייט האָט מען געוואָלט אַרײַנברענגען אין דער פראַנצייזישער דראַמע. די מאָנאָפּאָליסטען פון אַלטען רעפּערטואַר — די דרײַ פּראָפעסיאָנעלישע דראַמאַטורגען — האַלבע טאַנדייטניקעס — סאַרדו, דיומאַ, ל'אָזשע — האָבען, אָבער, גוט באַוואַכט דעם אַרײַנגאַנג אין זייער מלוכהלע און נישט אַרויפגעלאָזט אַף דער שוועל אַפילו קיינעם פון די רעפּאָרמזוכער.

דעמעלט איז געקומען אַ שטאַרקער מענטש מיט געניאַלישע פעיקייטען און אײַזערנער אמונה — אַנטוען — און האָט אויפגעהויבען די פאָן מיט דער אויפשריפט: „לאָמיר קעמפען דורך בויען!"— אַזוי איז אין איינעם פון די פאַריזער הינטערגעגענטען געבוירען געוואָרען די אַזויגערופענע „פרײַע בינע", וועלכע האָט אַ גאַנצע רעוואָלוציע געמאַכט אין דער פראַנצייזישער דראַמאַטישער קונסט. די ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען דעם 30־טען מערץ 1887— אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער אַנטוויקלונג פון פאַריזער טעאַטער!

קליין איז געוועזען די התחלה. אָהן אַ גראָשען באַ דער נשמה איז מען צוגעטרעטען צו דער אַרבעט, אָבער דער מיניאַטורער זאַל אין „עליזיי דע באָ ס'אַרט" האָט פאַראייניגט אַרום זיך אַלץ, וואָס איז געווען אין פראַנצייזישער ליטעראַטור און טעאַטער פרישס, שיינס, טיפס. אַנסיי, דעקורעל, בריע, קורטעלען — האָבען זייער דראַמאַטישע קאַריערע אָנגעהויבען אַף אַנטוענס סצענע.—מ. באַררע, עמיל פאַבר, עדמאָנד דע גאָנקור, ווילע דע ל'איסל־אַדאַן, קאַטול

מענדעס, זאָלאַ — האָבען געשטיצט די סימפּאַטישע אונטערנעמונג מיט ווערק. איטלעכע זאַך, וואָס האָט אין זיך אַ געזונטען קערן, מוז אויסוואַקסען. מיט דער צײַט איז יעדער ספּעקטאַקל אַף דער „פרײַער בינע" געוואָרען אַ טריומף פאַר די יונגע קינסטלער און פאַר זייערע אידייען.— אַנטוען האָט אַרײַנגעפירט קיין פראַנקרײַך אויך דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין די פרעמדע ליטעראַטורען,—דער ערשטער פאָרגעשטעלט דעם פּאַריזער פּובליקום איבסענען, האופּטמאַנען, סטרינדבערגען, ביערנסאָנען, טורגעניעווען און טאָלסטאָיען...

אַלע ברייטערע קרײַזען פון דער אינטעליגענץ האָבען געשעצט זייער אָנערקענונג דער נײַער טעאַטראַלישער עסטעטיק. אַנטוענס שטײַגענדיקער ערפאָלג האָט באַוועגט די איבעריקע, און אַלטע טראַדיציעס פאַרגליווערטע, טעאַטערס זיך צוצוהערען צו דער שטים פון דער צײַט. ביסלעכווײַס, איינס נאָכ'ן אַנדערען, האָבען אַלע בינעס איבערגענומען די אידייען און מעטאָדען פון דער „פרײַער בינע", אַזויערנאָך איז דער קאַמף אויסגעשפּילט געוואָרען: דאָס נײַע האָט מיט בויען צושטערט דאָס אַלטע...

ענלעך האָט געווירקט אַ צווייטער שטאַרקער מענטש מיט געניאַלישע פעיקייטען און אײַזערנער אמונה:—מאַקס ריינאַרד — אין דײַטשלאַנד.

אין אַלטען טעאַטער איז אַלץ געבויט אַף אילוזיע. מ'ווײַזט דעם צושויער אויסגעמאַלעוועטע פּלאַכטעס און מען פאָדערט פון אים, ער זאָל זען אין זיי — באַטירלעכע ווענט, וועלדער, גערטנער. אַ שטיק לײַווענט וויגט זיך פון אויווען — גלייבט, אַז דאָס איז אַ געמויערטער סופיט. פּאַפּירענע קווייטען אַף דראָטענע שטענגלעך שטעקען אין אַ בלעכענער פּושקע — זאָל זיך אײַך דאַכטען, דאָס זענען לעבעדיקע בלומען... דער מאָדערנער אינטעליגענט איז, אָבער, צו נערוועז, די פאַלשקייט רייצט אים זייער... עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען שטימען, אַז טעאַטער איז „אַ שפּילעכעל פאַר אַלטע קינדער"; אַ קולטורעלישער מענטש באַדאַרף נישט די פּרימיטיווע אילוזיע — ער איז אימשטאַנד מיט אייגענעם פאַרשטאַנד און אײַנבילדונגסקראַפט צו געפינען די גאַנצע שיינקייט בלויז אין געדרוקטען וואָרט. אַנדערע האָבען געטענהט: „אויב מ'קען זיך שוין נישט באַגיין אָהן טעאַטער,— זאָל פאַרבלײַבען נאָר דאָס לעבעדיקע וואָרט: זאָלען די אַקטיאָרען שפּילען, און די גאַנצע אויסשטאַטונג

פון דער סצענע זאָל באַשטיין פון פּראָסטע ברעטער מיט אויפשריפטען: דאָס איז אַ פעלד, דאָס — אַ באַרג, דאָס — דער ים״...

מאַקס ריינאַרדט האָט געטון אַ קלייניקייט — ער האָט דערפונדען אַ נייע טעכניק, וועלכע באַזייטיקט די גרונטפאַלשקייט, וואָס שטעקט אין שאַרפען קאָנטראַסט צווישען לעבעדיקען אַקטאָר, און דערמיט האָט ער פאַרשטאָפּט דאָס מויל אַלע געגנער פון טעאַטער.

ריינאַרדטס בינע איז אַ באַוועגלעכע, איינגעטיילט אין אַכט חלקים, אַזוי אַז יעדער אַקט האָט זיך זיין באַזונדערע אָפּטיילונג. די מעלה דערפון איז, וואָס מ׳דאַרף נישט אויסשטעלען די שפּעטערדיקע אַקטען, נאָכ׳ן ערשטען, מיט פיבערהאַפטיק איילעניש, אין די 15—10 מינוט פון אַנטראַקט. די גאַנצע פּיעסע ווערט אויסגעשטעלט מיטאַמאָל נאָך פאַר׳ן ספּעקטאַקל, אַלע אַקטען צוזאַמען— יעדער האָט זיך זיין שטיקעל בינע. מ׳קאָן זיך, הייסט עס, אַרבעטען גאַנץ בהרחבהדיק, נישט אַ פערטעל שעה, נאָר 2—3 שעה איבער איטלעכס בילד. איז נישט קיין וואונדער, אַז די דעקאָראַציעס, דאָס מעבעל און דער רעקוויזיט זענען נישט קיין טאַנדייטע, און שאַפען אַ קאָנקרעטע סביבה פאַר׳ן לעבעדיקען אַקטאָר. אַף ריינאַרדטס סצענע זעט מען נאַטורעלישע, רײַכצווײַגיקעביימער, שטרויזען און בלומענבייטען, דיקע געמויערטע ווענט, — קורץ: קינסטלעריש־קאָנקרעטע נאָכאַמונגען פון דערווירקלעכקייט...

נאָר אַזוי קאָן מען עפּעס אויפטון!.. נאָר מיט טאַט קאָן מען בויען!..

פון דעמדאָזיקען שטאַנטפּונקט איז מיר פון אָנהייב־אָן סימפּאַטיש פּרץ הירשביינס אונטערנעמונג.

זאָל דאָס שוין זיין אונדזער „פרייע בינע״?

ווער קאָן וויסען, וואָס די צוקונפט באַהאַלט אין איר שויס?..

דער רעפּערטואַר פון דער אַדעסער טרופּע זאָגט נאָך לעת־עתה גאָרנישט: אַלץ באַקאַנטע זאַכען. וועגען איר אָנפירער אַליין ווייסען מיר, אַז אים איז נאָך ווייט צו דער אַרטיסטישער קולטור פון אַ אַנטויען אָדער אַ מאַקס ריינאַרדט. ווילנע, ווו פּרץ הירשביין האָט ביז גאָר דער לעצטער צייט געוווינט, איז נישט פּאַריז און נישט בערלין. אונדזער היימיש וועלטעל האָט אים ווייניק וואָס געקאָנט געבען אין דער הינזיכט. אונדזער קינסטלערישע קולטור וועבט זיך ערשט, הייבט זיך ערשט אָן צו וועבען.

גענוג איז, אָבער. שוין דאָס: אַ יונגער שריפטשטעלער האָט דערשפּירט אין זיך אַ ציִ צו דער בינע; אים דאַכט זיך — ער קאָן עפּעס אויפטון פאַר'ן יידישען טעאַטער,—קלערט ער נישט לאַנג, און גייט גלייך איבער צום טאַט. נעמט-צונויף אַרום זיך עטלעכע יונגע פּראָפעסיאָנעלע אַקטאָרען און אַ פּאָר ליבהאָבער — אָרגאַניזירט אַ יידישע דראַמאַטישע טרופּע אין אַ שטאָט, וואָס האָט אַזעלכע נישט, גיט אין משך פון איין יאָר 200 פאָרשטעלונגען אין 17 שטעט,— איר ווייסט, וויפעל טלטולים און מאַטעריעליש דחקות אין דעם שטעקט?

וואָסער קינסטלערישען ווערט די יונגע טרופּע האָט,—דאָס ווע=לען מיר קאָנען זען נאָך הײַנטיקע וואָך. ווי אונדזער אורטייל זאָל דערנאָך נישט זיין—די דערשיינונג—אַלס אַזעלכע, דער פאַקט אַליין, וואָס אַזאַ טרופּע איז אַנטשטאַנען און עקזיסטירט, די אונ=טערנעמונג אַלס טאַט — פאַרדינט די וואַרעמסטע באַציִונג צו זיך.

[„אונדזער לעבען“ 1910]

# די רעכטלעכע לאַגע פון יידישען טעאַטער.

**א**ין 1883. יאָר, אין 17-טען טאָג פון חודש אויגוסט, איז פאַרעפענטלעכט געוואָרען דער צירקוליאַר נומער 1748 פון אינערענמיניסטעריום, וועלכער האָט אַ תל געמאַכט פון יידישען טעאַטער אין רוסלאַנד,—און פון דעמעלט אָן הייבט-זיך-אָן דער טרויריקער מאַרטיראָלאָג פון אונדזער יונגער דראַמאַטישער קונסט.

דער היסטאָרישער טאָג – דער 17-טער אָקטאָבער פון 1905-טען יאָר האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרגרינגערט אויף דעם רעכטלעכען צושטאַנד פון דער אויסגעמאַטערטער יידישער בינע.

אַרויסקריגען אַ דערלויבעניש אַף עטלעכע יידישע פאָרשטעלונגען איז שוין אָנגעקומען נישט מיט אַזעלכע גרויסע שוועריקייטען.

ווו-נישט-ווו פלעגט די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע אַפילו אונטערשרייבען אַפישען מיט די ווערטער: „יידישע טרופע”, אָנשטאָט דעם קאַריקאַטוראַלישען „דייטש-יידישע”.

פונדעסטוועגען, ווער עס שטייט נאָענט צו די יידישע טעאַטראַלישע קרייזען, דער ווייסט, אַז נישט ווייניק צרות האָבען די וואַנדערענדיקע יידישע טרופעס געמוזט אויסשטיין פון די פאָליציישע רדיפות אפילו נאָך דעם אַלערהעכסטען מאַניפעסט, וועלכער האָט באַנייט די רוסלענדישע פאָליטישע אָרדענונג.

אייניקע פראָווינציעלישע גובערנאַטאָרען זענען געוועזען אַף אַזויפיל ליבלעך צו דערפילען די בקשה פון די אַנטרעפענערס—אָנפרעגען טעלעגראַפיש אין פעטערבורג,—און צום כבוד פון דער הויפטפאַרוואַלטונג פאַר פרעסע-ענינים, אָן דעם שפיץ פון וועלכער עס איז ביז נישט לאַנג געשטאַנען בעלגאַרד, דאַרף מען באַמערקען, אַז זי פלעגט תיכף אָפענטפערען מיט אַ דעפעשע, און תמיד אין גינסטיקען זינן.

אַזוי געפינט זיך בײַ מיר אַ קאָפּיע פון אַ טעלעגראַמע, וואָס דער טאַווריִשער גובערנאַטאָר האָט דערהאַלטען דעם 4־טען אָקטאָבער פון 1910־טען יאָר:

— „פּיעסען אַפּ'ן יידישען זשאַרגאָן זענען דערלויבט, אויב זיי זענען אַדורכגעגאַנגען דורך דער דראַמאַטישער צענזור, און אויב ס'איז נישטאָ קיין מניעות אַפּ'ן אָרט, וואָס זאָלען שטערען צו דער אויפפירונג, לויט די אַרטיקלען 135 און 138 פון אוסטאַוו וועגען פאַרמײַדען און נישט דערלאָזען פאַרברעכענס".

באַקומענדיק דיזאָזיקע דערקלערונג, האָט דער טאַווריִשער גובערנאַטאָר תיכף פונאַנדערגעשיקט קאָפּיעס פון איר צו אַלע פּאָ־ליציי־פאַרוואַלטערס פון דער גובערניע, זיי זאָלען וויסען, ווי זיך צו באַגיין מיט די יידישע טרופּעס.

דעם 28־טען יולי פון 1910־טען יאָר האָט דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר פונאַנדערגעשיקט אין אַלע פּאָליציי־פאַרוואַלטונגען פון זײַן גובערניע דעם פאָלגענדיקען צירקוליאַר:

— די הויפּטפאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים האָט דערקלערט, אַז די צירקולאַרישע פאַראָרדנונג אירע פון 1־טען סעפּטעמבער 1898 יאָר, נ. 5908 וועגען פאַרבאָט צו שפּילען פּיעסען אַף יידיש, האָט, צוליב דעם אַלערהעכסטען מאַניפעסט פון 17־טען אָק־טאָבער 1905־טען יאָר, אָנגעוווירען די קראַפט, און מחמת דעם קען דאָס שפּילען אַף יידיש („זשאַרגאָן") נישט זײַן קיין שטערונג צו דערלויבען די ספּעקטאַקלען, אויב די פּיעסען זענען דערלויבט פון דער דראַמאַטישער צענזור, און אויב ס'איז נישט פאַראַן עפּעס קיין אָרטיקע מניעות, לויט די אַרטיקלען 135 און 138 פון אוסטאַוו וועגען פאַרמײַדען און נישט דערלאָזען פאַרברעכענס: — וועגען דעם גיב איך צו וויסען אײַער הויכוויילגעבוירען, איר זאָלט זיך דערמיט רעכענען".

אָבער די לעצטע אָנדערטהאַלבען יאָר העלפען שוין נישט אַפילו די דערקלערונגען און טעלעגראַמעס פון דער הויפּטפאַרוואַל־טונג פאַר פרעסע־ענינים. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פרישע טדרה רדיפות אַף יידיש טעאַטער, און די לאַגע פון זינדזער בינע אין רוסלאַנד איז ווידעראַמאָל געוואָרען אומדערטרעגלעך ביז גאָר.

אָט דערציילט, למשל, אַ יידישער אַקטאָר אין „פרײַנד":

„דעם פאָריקען ווינטער זענען מיר געווען „שאַראַוונערס טרו־

פע", אַ מאַן עטלעכע און צוואַנציק. אָפּגעשפּילט דעם זומערסעזאָן
אין האָמעל, איז נישט געווען וועהין פון דאָרט צו פאָרען.
טרופּעס זענען דאָ פיל, און גוטע שטעט, וועלכע זאָלען זיי קענען
אויסהאַלטען—ווייניק: האָט זיך שאַראַונער מישב-געהעןְ. אַזוי ווי
אין טרופּע האָט זיך געפונען אַ דייטשישע כאָריסטקע (באַקאַנט צווי=
שען די אַקטאָרען מיט'ן נאָמען „עלזע די דייטשקע"), האָט ער אַף איר
פּאַס גענומען אַ דערלויבעניש אַף אַ „דייטשישער טרופּע" אין פּאָלטאַ=
ווע, און מיר זענען אַהין געפאָרען.

„די ערשטע שטאָט איז געווען פּרילוק. מ'האָט זיך
געפּרווט באַפרייען פון דייטש, האָט מען, אָבער, אין מיטען
שפּילען אָנגעזאָגט, אַז דער איספּראַווניק מיט עקספּערטען זענען
געקומען צו-גאַסט, האָבען מיר איבערגעדרייט אַ דריטען פּאַר אַנ'=
ערשטען אַקט, אַ פערדען-פּאַר אַ צווייטען אַקט, ווייל זיי זענען אַביסעל
מער פאַרדייטשישט אָנגעשריבען. דער סוף איז, אָבער, דאָך געווען – מען
האָט אונדז פאַרווערט. אין שטאָט האָט מען אַפילו געזאָגט, אַז דאָס האָבען
אונדז די אילוזיאָנען געמסרט, און יידען האָבען זיי דערפאַר בויקאָטירט.
אָבער וואָס האָבען מיר געהאַט דערפון? עס האָבען נישט געהאָלפען
קיין השתדלות און נישט קיין בקשות. תּכילת האָט דער איספּראַווו=
ניק געענטפערט, אַז ער קען נישט, און צום סוף האָט ער אונד=
זערע אַ דאַמע איינפאַך אַרויסגעוואָרפען. .

„מער ווי צוויי וואָכען זענען מיר געזעסען אין פּרילוק, אין
איין וואַרטען און האָפען, ביז מיר זענען אַוועק קיין זאָלאָטאָנאָ=
שע. דאָרט האָט אונדז געטראָפען אַ נס – דער איספּראַווניק איז
אַ גוטער, האָבען מיר אין משך פון מער ווי פינף וואָכען אויסגעגעבע=
טען 13 פאָרשטעלונגען. אָבער כמעט נאָך שווערער, ווי דאָס זיין
דאָרטען, איז אונדז אָנגעקומען דאָס אַרויספאָרען פון דאָרט. עס
איז, אָבער, קיין אַנדערע ברירה ניט געווען. איז מען געפאָרען קיין
לובען. מיר האָבען אויך דאָ געשטעלט לויטער פאַרדייטשישטע
פּיעסען, ממש זיך געהיט מיט אַ יידיש וואָרט. האָט, אָבער, דאָס
פּובליקום פאַרלאַנגט דוקא „דאָס פּינטעלע ייד". מיר האָבען געמוזט
צוליב טון און עס געשטעלט אַלס דריטע פאָרשטעלונג, האָט מען
אונדז די פערדע שוין פאַרווערט.

„דאָ האָבען שוין געפּלאַצט די לעצטע פעדים פון דער טרו=
פּע. דער איספּראַווניק האָט זיך נישט געפוילט און האָט אין פיל

שטעטלעך אַרום לובען מודיע־געווען, אַז מיר שפּילען „פּאַ זשידאָוו־כק:‟, דערפאַר זאָל מען אונדז אין ערגעץ נישט דערלויבען צו שפּילען. פון דאָרט האָבען מיר זיך שוין בשום־אופן נישט געקאָנט ראַטעווען. קיין איין פריַיער אויסוועג איז נישט געוועו פאַר אונדז, און די טרופּע איז צופאַלען געוואָרען.

„דאָס איז אין קורצען אַ ביאָגראַפיע, וויאַזוי אַ טרופּע, וואָס האָט אַ צײַט עקזיסטירט, האָט, קומענדיק אין פּאָלטאַווער גובערניע, געקעמפט פאַר איר עקזיסטענץ ביז דער לעצטער מינוט, און האָט זיך, ענדלעך, געמוזט אונטערגעבען, איז צופאַלען, און עטלעכע און צוואַנציק מאַן זענען פאַר פסח געבליבען רויניִרט און צולאָפען, ווי מ׳זאָגט, „קוים מיט׳ן לעבען‟...—

דער שרײַבער פון די אויוועןציטירטע שורות דערציילט אויך, אַז „די בעסטע גובערניעס, ווי גראָדנער, וואָלינער, קיעווער, פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער און אַנדערע, זענען אינגאַנצען פאַרמאַכט פאַר דעם יידישען טעאַטער‟.—

די סבה פון דערדאָזיקער פײַנטלעכער באַציונג צו אונדזער בינע קען מען, נאַטירלעך, זען אין דער אַלגעמיינער פאַרערגערונג פון יידישען רעכטלעכען צושטאַנד אין רוסלאַנד, אין דער אַלגעמיינער אַנטיסעמיטישער שטימונג, וואָס הערשט אין די אַדמיניסטראַטיווע קרײַזען.

נאָר עס עקזיסטירט נאָך איין סבה, פון וועלכער נישט אַלע ווייסען.

דאָס איז אַ צ י ר ק ו ל אַ ר, וועלכען דער באַוווסטער שוואַרצער העלד, ק ו ר ל אָ ו, האָט אַרויסגעגעבען, באַלט נאָך דעם, ווי ער איז באַשטימט געוואָרען פאַר געהילף פון אינערענמיניסטער.

אַפ׳ן אַנדערען טאָג נאָכ׳ן 17־טען אָקטאָבער 1905 האָט דער־דאָזיקער פײַנער פּאַרשוין,—דעמעלט מינסקער גובערנאַטאָר,—קאַטע־גאָריש מכריז־געווען:

— אין מײַן גובערניע איז נישטאָ קיין קאָנסטיטוציע!‟.

אָט דאָס הייסט האָבען אַ גוטען חוש־הריח!—און פון דעמעלט אָן האָט ער אָנגעהויבען עולה לגדולה־זײַן.

דער ערשטער ריר זײַנער אין פּעטערבורג איז געווען: באַנײַען דעם פאַרבאָט אַף יידיש טעאַטער.

אַפ׳ן סמך פון קורלאָווס צירקולאַר האָט אַפילו דער וואַרשע־

ווער גענעראַל=גובערנאַטאָר דעם 22=טען אַפּריל 1909 דערמאָנט דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע אין פּוילען, זי זאָל אַכטונג געבען, אַז די יִדִיש-דײַטשישע טרופּעס זאָלען נישט שפּילען אַף ריין=יִדִיש.

עס איז איבעריק צו דערקלערען, ווי וויכטיק עס איז, אַז די אָנגעזעענסטע פאַרטרעטער פון דער יִדִישער בינע זאָלען זיך, ענד=לעך, צונויפרעדען מיט אונדזערע פּעטערבורגער כלל=טוער און דו=מע=דעפּוטאַטען און זאָלען זען צוזאַמען ווירקען, אַז קורלאַנדיס אומגעזעצלעכער צירקולאַר, וואָס איז סותר דעם מאַניפעסט פון 17=טען אָקטאָבער און די אויטאָריטעטישע דערקלערונגען פון דער הויפּט=פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע=ענינים, זאָל אָפּגעשאַפט ווערען.

[„מאָמענט“ 1912 נ׳ 119].

# יעקב גאָרדין

# יעקב גארדין.

(נעקראָלאָג).

איצט, ווען די ידיעה איז נאָך פריש, ווען דער פאַקט האָט זיך נאָך נישט איינגעלייגט אין קאָפּ, איז שווער פּינקטלעך אויסצומעסטען די גאַנצע קראַפט פון קלאַפּ, וועלכען די יידישע בינע האָט נאָר וואָס באַקומען,—מ'קען נאָר זאָגען מיט אַ צובראָכען האַרץ: די אַבדה איז אומגעהייער גרויס.

אין משך פון גאָר אַ קורצער צייט איז זי שוין די צווייטע.

היינט אַנדערטהאַלבען יאָר האָט דאָס יידישע טעאַטער פאַרלוירען זיין גרינדער. דער טאַטע פון דער יידישער בינע איז געשטאָרבען. זעלטען וואָסער יידישע טרופּע האָט נישט עטלעכע מיטגלידער פון אַברהם גאָלדפאַדענס נעסט, און ער איז געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פון דער איינקייט און נאַציאָנאַלישער באַטייטונג פון יידישען טעאַטער.

איצט האָט אונדז פאַרלאָזען זיין גרויסער יורש, דער פאָטער פון אונדזער יונגער דראַמע.

יעקב גאָרדין האָט פאַרשטאַרקט, פאַרטיפט און אַנטוויקעלט די נאַציאָנאַלישע יסודות פון דער יידישער דראַמאַטישער קונסט.

יעקב גאָרדין האָט אויפגעהויבען די פאָלקסבינע אַף דער מדרגה פון אַן'אייראָפּעישער סצענע.

יעקב גאָרדין איז געווען איר לעבעדיקער גייסט, איר אַנטוויקלונג און וווקס. מיט זיין באַפרוכטענדיקען אָטעם האָט ער צאַרטע בלומען אויסגעהאָדעוועט, אין אים איינעם האָט מען געזען די צוקונפט פון יידישען טעאַטער.

מיט אַ רויק געוויסען איז ער געשטאָרבען: ער האָט טריי אָפּגעהיט די גרויסע ירושה, ער האָט הונדערט מאָל פאַרגרעסערט איר ווערט. אָבער ווער קען זיין יעקב גאָרדינס יורש? ווער וועט פון

היינט אָן פאַרקערפּערען אין איין פּערזאָן די איינציקייט, די אַנטוויקלונג און דעם פּראָגרעס פון אונדזער בינע?

אונטערגעגאַנגען איז איר זון, און ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט זיך ציען די נאַכט, וואָס קומט־אָן פאַר דער פרישער יתומה...

אין אַמעריקע שוין פון לאַנג געקלונגען,—באַ אונדז איז יעקב גאָרדין באַוווסט געוואָרען סך־הכל פיר יאָר צוריק, און זייער גיך געוואָרען דער ליבלינג פון יידישען פּובליקום, אַלס איינער פון די שענסטע פּאָרשטייער פון אונדזער ליטעראַטור, אַלס אַ טיפער, פילזייטיקער און ליכטיקער גייסט.

ווער עס וויל פאַרשטיין די מאַכט פון דעם גרויסען טאַלענט, דער זאָל זיך צוקוקען צו דער עוואָלוציע, וואָס די יידישע בינע האָט אין משך פון די לעצטע פיר יאָר אַדורכגעמאַכט אין רוסלאַנד און פּוילען. נאָר אויפפירענדיק „מירעלע אפרת" און „כאַשע די יתומה"—די בעסטע צוויי פּיעסען פון יעקב גאָרדין—איז אונדזער טעאַטער איבערגעגאַנגען זיין „רוביקאָן", אַרויפגעטרעטען אויף אַ נייעם וועג, אויף דעם ברייטען וועג פון ערנסטער שאַפונג, וואָס פירט צו די בערגשפּיצען פון געדאַנק און שיינקייט.

אַ געבוירענער קינסטלער איז גאָרדין געוועזען. ווי נאָר זיין וואָרט האָט אויף די ברעטער פון דער יידישער בינע אויסגעקלונגען, גלייך איז אַ טאָפּעלער נס געשען: פון יידישען אַקטאָר האָבען אָנגעהויבען אַראָפּפאַלען די שמאַטעס פון אַ פּורים־שפּילער, פון יידישען טעאַטער־באַזוכער—דאָס גראָבקייט פון אַ פּויער. פון יידישען אַקטאָר איז אויסגעוואַקסען דער יידישער אַרטיסט, פון יידישען פּאַרוויילונגסזוכער—דער אינטעליגענטישער צושויער פון יידישען טעאַטער. און אַ נס איז דאָס געוועזען, ווייל עפּעס אַזוי געשווינד איז אַלץ געשען, איבער נאַכט איז דער נייער פּאַלאַץ אויסגעוואַקסען.

נאָך אין יולי 1905 האָט זיך דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע געבראָכען פון פּובליקום, וואָס איז ברייטער ווי לענגער געוואָרען, קוויקענדיק זיך מיט „שמענדריק" אָדער מיט „שפּרינצע דער אַדעסער מעקלערין". דער גייסטיקער שפּיגעל פון די אַקטאָרען איז געווען נאָך טריבער, זיי האָבען ליב געהאַט דעם אַלטען רעפּערטו־

אַר, געפּילט זיך אין אים, ווי פיש אין וואַסער, געקוואָלען פון די יווילייונגערישע שטיקלעך, מיט וועלכע לאַטיינער פּילט-אָן זיינע שרייבעכצען. זייער איינציקען אויפגאַב, אַלס אַקטאָרען, האָבען זיי געזען אין דעם, אַז די באַזוכער זאָלען זיך גוט ווײלען. געלעכטער פון פובליקום — דאָס איז געווען זייער הויפּטאידייע, און מ׳האָט ניִשט געקאַרגט קיין מי, אַז די צושויער זאָלען קייכען פאַר געלעכטער.

קיין יאָר איז נישט אַריבער, און רחל קאַמינסקי האָט צו איר בענעפיס שוין געשטעלט נישט „חנהלע די נייטאָרען״, נאָר „כּאַ-שע די יתומה״. אין טעאַטער איז געווען מער ווי 1500 מאַן, און דאָס התפּעלות פון פובליקום, די יום-טובדיקע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין גרויסען בנין פון „זשאַרדען ד׳היוער״ איז גאָרנישט געווען צו באַשרייבען.

דער פאַקט האָט באַוויזען צוויי וויכטיקע זאַכען:

ראשית, אַז די בעסטע יידישע אַקטאָרען הייבען-אָן, אויב נישט פאַרשטיין, איז לכל הפחות-פילען, דאָס אין דראַמאַטישער קונסט איז נישט די פּאַפּירענע קאַכקעס און הילצערנע שווערדען דער עיקר, אויך נישט די העלדישע העויות, און גראָבע מעלאָדעק-לן מאַציע,—דער עיקר איז: ערנסטער אינהאַלט, האַרמאָנישע ליניעס, געשליפענע באַוועגונגען, צאַרטע מימיק, שטילע ווערטער...

און שנית, אַז אַרום דעם יידישען טעאַטער האָט זיך גע-בילדט אַ קרייז מענטשען, וואָס באַציען זיך צו אים פולקאָם ערנסט, מיט כבוד און נאַציאָנאַלישען שטאָלץ; זעען אין אַקטאָר נישט אַ ליץ, נאָר אַ מענטש און קינסטלער; זוכען אין דער שפּיל נישט גראָ-בע עפעקטען, לצנות, בדחנות און חזנות, נאָר אידעאַל, עסטעטיש פאַרגעניגען. אין דעם קרייז האָבען זיך באַגעגענט די נאַציאָנאַל-פילענדיקע עלעמענטען פון דער אינטעליגענץ מיט די אינטעליגענ-טישערע קרייזען פון דער פאָלקסמאַסע. דאָס יידישע טעאַטער איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַלישער צענטער, אַ טעמפּעל פון קונסט.

יעקב גאָרדין איז דער גייסטיקער טאַטע פון יידישען דראַ-מאַטישען אַרטיסט.

רחל קאַמינסקי האָט 14 יאָר געשפּילט אין אַלטען רעפּער-טואַר,—זי וואָלט געמעגט נאָך צוויימאָל אַזויפיל זינגען אין „שולמית״ צי אין „בר-כוכבא״,—דאָס וואָלט איר קיין נאָמען נישט געגעבען,

נאָר יעקב גאָרדינ האָט איר געשאַפען די מעגלעכקייט אויסצו־וואַקסען. מיט זיין פאַרצויבערט שטעקעלע האָט דער גרויסער דראַ־מאַטורג דעם פּראָסטען פעלז אָנגערירט, און אַ קוואַל לעבעדיקע פלי־סיקייט האָט זיך געעפענט פאַר די אויגען פון די דערשטוינטע מאַסען.

יעקב גאָרדין איז דער גייסטיקער טאַטע פון אונדזער אינטעליגענטיש טעאַטערפובליקום.

דאָס האָט ער דער ערשטער די יידישע אינטעליגענץ צו דער יידישער בינע צוגעצויגען, דאָס האָט ער דער ערשטער דעם עסטע־טישען געשמאַק פון פשוטען המון אויפגעהויבען.

ווער ס'איז כאָטש איינמאָל געווען אין פּעטערבורג אַף די גאַסטראָלען פון דער יידישער דראַמאַטישער טרופּע, דער קען עדות־זאָגען: וואָס קיין טויזענטער פּאַרטייפּראָגראַמען, אַגיטאַציע־אַרטיקלען, פּראָפּאַגאַנדעבראָשורען זענען נישט אימשטאַנד געווען אויפצוטון,—דאָס האָט דאָס יידישע דראַמאַטישע טעאַטער געפּועלט: משומדים, נאַציאָ־נאַליסטען, ציוניסטען, טעאָרעטישע אַסימילאַטאָרען, סאָציאַליסטען, גבירים, פּראָלעטאַריער – די פאַרשידענסטע עלעמענטען פון יידישען פאָלק האָבען זיך באַגעגענט אַף די פאָרשטעלונגען,—און דאָ, אַף די בענק פון טעאַטער, איז צווישען זיי קיין שום חילוק נישט געווען; דאָ האָט זיי איין געפיל פאַראייניקט, דאָ האָט מען געזען פאַר זיך איין יידיש פאָלק... און אויפגעטון האָט דאָס יעקב גאָרדין.

נאָר ווען אַ יידישע טרופּע איז געקומען מיט גאָרדינס פּיעסען, זענען אירע גאַסטראָלען געוואָרען אַ געשעעניש אין לעבען פון פּע־טערבורגער יידענטום.

נאָר דעמעלט, ווען ס'איז געשפּילט געוואָרען גאָרדינס אַ שטיק, איז דאָס טעאַטער געווען פול איבער די ברעגעס.

נאָר אַף גאָרדינס רעפּערטואַר האָבען אַלע קרייזען פון יידישען פאָלק זיך אויסגעלערנט צו ליבען די יידישע דראַמאַטישע קונסט און צו שטאָלצירען מיט איר.

נאָר אין גאָרדינס רעפּערטואַר האָבען די יידישע אַקטאָ־רען געצוווּנגען די רוסישע קריטיק אָנצובייגען דעם קאָפּ פאַר'ן

יידישען טעאטער און אנערקענען פאר איהם אן׳אנגעזעען ארט אין דער משפחה פון די אייראפעישע טעאטערס.

ווען מיר גייען נענטער צו צו יעקב גארדינס טאלענט און פרעגען: אין וואס באשטייט דער סוד פון זיין קראפט? — איז דאס ערשטע, וואס עס ווארפט זיך אין די אויגען: גאט האט דעם בארשטארבענעם דראמאטורג געבענטשט מיט דער זעלטע־נער מתנה, וועלכע הייסט — געפיל פון דער סצענע.

פאר א שריפטשטעלער, וואס שאפט פאר׳ן טעאטער, איז דאס זייער פיל — דאס איז כמעט דער עיקר. פאראיארען איז געשטארבען אין פאריז א דראמאטורג — סארדו. ווער האט פון איהם נישט גע־הערט? קינסטלער, פאעטען, קריטיקער, פובליציסטען האבען איהם נישט אנערקענט. איהר געפינט נישט אין זיינע שטיקער נישט קונסט, נישט פאעזיע, נישט טיפקייט, נישט שארפזין און דאך זענען זיי געשפילט געווארען אף אלע בינעס אין דער וועלט. אן׳ארעמער סטו־דענט אין דער יוגענט, איז סארדו געשטארבען א מיליאנער, מיט־גליד פון דער פראנצייזישער אקאדעמיע, איינער פון די 40 „אומ־שטערבליכע“. די אקטארען און דאס פובליקום האבען פאר איהם גע־קניט, און ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לאנגיעריק לעבען האט ער געטראגען דעם פערפעלמאנטעל פון לויב און רום. דער תירוץ: ער האט באהערשט דעם גייסט פון דער סצענע.

טעאטראלישקייט — איז א באזונדערע מעלה, אהן וועלכער א דראמע קאן גאנץ גוט טויגען צום לייענען, וועט, אבער, קיינמאל נישט האבען קיין ערפאלג אף דער סצענע. דער, ווידער, וואס גע־וועלטיקט איבער דער קראפט, וואס הייסט טעאטראלישקייט, וועט שטענדיק קעניגען אף דער בינע, ווי שוואך זיינע פיעסען זאלען נישט זיין פון דער ליטעראַרישער זייט.

גארדין האט זייער א סך געשריבען — האט ער אויך נישט ווייניק שוואכע זאכען, אבער אפילו זיי זענען סצעניש. גארדין איז שטענדיק דער האר פון דער בינע. שרייבענדיק, זעט ער פאר זיך די סצענע פון טעאטער, די אקטארען, וואס וועלען די זאך שפילען, און איז, דעריבער, פארהיט פון די פעלערען, וועלכע מא־כען א טעאטערשטיק טויט און לאנגווייליק. א קאמפאזיטאר שאפט אפ׳ן פארטעפיאן, און ערשט דערנאך טראגט ער איבער זיין פאנ־טאזיע אף נאטען. בא גארדינען זעט אויך אויס, ווי ער וואלט

געזעסען אין דער בודקע פון סופלער און אימפּראָוויזירט,–און אַקטאָרען אַף דער בינע וואָלטען זיינע באַפעלען געהערט און פאַר אים זיינע שטיקער באַשאַפען. און ערשט דערנאָך וואָלט גאָרדין זיינע לעבעדיקע אימפּראָוויזאַציעס אַפ׳ן פּאַפּיר פּאַרפעסטיקט. אַזוי זעט עס אויס.

תמיד איז בא אים די בינע אין באַוועגונג, תמיד איז זי פול. נישטאָ קיין לאַנגע הפסקות, וועלכע קומען פון נישט-קענען קאָנצענטרירען די האַנדלונג, און די באַוועגונג איז נישט אַ געקינצעלטע, ווי בא אַלע פאָרגעגנגער גאָרדינס. נישט דערפאַר איז בא אים די סצענע לעבעדיק, ווייל ער נעמט און פירט פּלוצים אַרויס, זאָהן אַ שום „פּאַרוואָס", אַ פּאָר לצים, לאָמיר זאָגען אַ כינקע מיט אַ פּינקע, און הייסט זיי קריגען זיך, אידלען זיך, און שלאָגען זיך, און איבערבעטען זיך און זינגען קופּלעטען... די לעבעדיקייט איז אַ נאַטירלעכע, אַן אָרגאַנישע: די גאַנצע פּיעסע איז פון איין לעבען געקנאָטען–גאָרדין מעג אָנוואַרפען עטלעכע אינטריגעס און צענדליקער פּערזאָנען, דאָס געוועב פון שטיק וועט שטענדיק זיין ריין, דיטלעך. עס מעג פּינטלען אין די אויגען פון די געקייטעלטע דראַמאַטישע פעדים, פון די פּאַרוויקעלטע שאָכגענג,–קיין פּלאָנטער, קיין מישמאַש, קיין תוהו-ובהו איז פאָרט נישטאָ. אַן איבערמענטשלעכע ראיה האָט גאָרדין: מיט אַ פעסטער האַנט פירט ער אַדורך יעדען פּאַרשוין דורכ׳ן שטיק, מיט זיכערע פינגער וועבט ער יעדען פּאָדעם באַזונדער און בינדט זיי אַלע צונויף. אַלץ איז שטרענג באַקלערט, אַלץ איז פּינקטלעך אויסגערעכענט. אסתר דאַרף שעכטען צלאל ראַפּאָפּאָרטען. קומט דאָס שוחטעל צו איר מיט אַ באַזוך, און דער באַזוך איז גאַנץ נאַטירלעך: געקומען צום רב זיך מישב-זיין מכח אַ שידוך, נישט געטראָפען אינדערהיים, געהערט, אסתרקע איז קראַנק, געלאָפען זעהן. ווי קומט ער איבערצולאָזען ... לפים? אויך גאַנץ נאַטירלעך: צלאל ראַפּאָפּאָרט האָט אים בפרסיא מביש-געווען, געהייסען אַרויסוואַרפען, האָט ער נישט געהאַט קיין צייט מיטצונעמען זיין כלי-זין. דאָס אַרויסוואַרפען, ווידער, האָט אַ גרונט נאָך אין דריטען אַקט, ווען דאָס שוחטעל, וואָס ליבט זיך אין אסתרקען, באַליידיקט דעם רייכען אכזר... אַזעלכע ביישפּילען קען מען אָנקלייבען צענדליקער.

די האַנדלונג אַנטוויקעלט זיך שטענדיק נאַטירלעך, לייכט און

פריי. פאַראַן, געוויינלעך, אויסנאַמען; מיר רעדען, אָבער, פון כּלל. מערסטענטייל, בינדט זיך איין סצענע אַליין אויס פון דער פריערדיקער און פאַרענטפערט די ווייטערדיקע. אָפּטמאָל, פּליצט די אַקציע אַזוי אוממיטעלבאַריש, דו פאַרגעסט, באַקומסט אַ פולע אילוזיע, און דיר דאַכט זיך: האָסט פּלוצים באַקומען אַ כּשופדיקע ראיה, שפּאַלטסט מיט'ן בליק די וואַנט פון אַ פרעמדער שטוב און ביסט אַנ'אומזעבאַרער עדות פון דעם, וואָס קומט־פאָר אינעווייניק. אָט, למשל, דער דריטער אַקט אין „קרייצערסאָנאַטע" — איך נעם דעם ערשטען ביישפּיל, וואָס שווימט מיר אויף זפּ'ן געדאַנק,—די אַמעריקאַנישע „קאַנטרי"[1], אַ יידישער „פאַרמער"[2]), אין שטוב — מענטשען קומען־אַריין, מענטשען גייען־אַרויס, ווי דער שטייגער איז אין אַ גרויס געזינדעל. דראַמעס וועבען זיך: עטיס שוועסטער אַנטדעקט דעם שוואָגער, אַז עס האָבען זיך שוין געוויזען סימנים פון זייער פּלירט,—גרעגואַר איז אין פאַרצווייפלונג; עטי באַמערקט, אַז צווישען זיי טוט זיך עפּעס, און דראָט דער שוועסטער... אַלץ רייסט זיך דורך אין קליינע סצענקעלעך, אומדערוואַרטע, אָבער נאַטירלעכע—ווי פונקען: אַזוי איז עס אין אַ גרויס הויז צווישען אַ סך מענטשען: געכאַפּט אַ רגע, אַ רעדגעטון, אויפגעדעקט די וווּנד;—הינטער דער טיר אַ שטים, מענטשען קומען־אָן—געשווינט אַרויפגעצויגען די מאַסקע, ווידער שאַ־שטיל, ביז ס'וועט אויסברעכען דער שטורם...

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו מאַכען אַ לענגערען אַנאַליז. אָבער דער, וואָס וועט אַמאָל אָנשרייבען אַ בוך וועגען יעקב גאָרדין— און אַזאַ בוך דאַרף און מוז אָנגעשריבען ווערען—וועט געוויס מיט פאַרגעניגען צוגלידערען דעם צווייטען, דריטען און פערדען אַקט פון „מירעלע אפרת", דעם צווייטען און דריטען—פון „כאַשע דער יתומה". כּדי צו באַווייזען, ווי ליכטיק און שיין געבויט זיי זענען. דער דריטער אַקט אין „כאַשע דער יתומה",—מ'דאַרף זיין אַ מבין אַף אים. לופטיק איז ער אינגאַנצען און בלומיק, פול מיט פּאָעזיע און מיט ליכטיקען קאָמיזם, מיט שאַרפזין און מיט בייסענדיקער איראָניע. די סצענע מיט דער סטענגע, דערנאָך די סעודה אין סאַלאָן פון גבירישען בנאָק מיט'ן קבצן פון קראַטשי־קראַק, דער אַהיימ־

[1]) פּראָווינץ. — [2]) לאַנדווירט.

קער פון דער „פמליא של מעלה״,—דאָס זענען ניַשט געוויַנלעכע סצענעס.

באַוועגונג אַף דער ביַנע — דאָס איז פאַר׳ן אַקטאָר וויַ וואַסער פאַר׳ן פיַש. נאָר אין נאַטיַרלעכן לעבען, וואָס וועבט זיך אַף דער טעאַטערסצענע, קען דער אַקטאָר וואַקסען: דאָרט אַנטוויַקעלט זיך זיַין טעכניק. דאָרט פאַרטיַפט זיַ זיך, ווערט סובטעליַשער, ביַיגעוודיקער. ניַשט אומזיסט וועט איר איַן גאָרדיַנס פּיעסען כמעט ניַשט געפיַנען קיין קלאַמערען־באַמערקונגען, מיט וועלכע אַנדערע מחברים שטאָפּען אָפטמאָל אָן זייערע דראַמאַטיַשע שריַבעכצען, ביַנדענדיק דעם אַקטאָר די הענט און די פיס, אויסצייַלענדיק איַם יעדען אָטעם, יעדען פיַנטעל מיט די וויַעס, יעדען קניַיטש מיט׳ן שטערען. גאָרדיַן וועבט די האַנדלונג בלויז איַן לעבעדיַקע, געשליַפענע דיַאַלאָגען, איַבערלאָזענדיק דעם אַקטאָר די פריַהיַיט צו טון מיט זיַינע גליַדער און געזיַכטסצוגען, וואָס ער וויַל.

גאָרדיַן האָט אַפילו ליַב צו דעטאַליַזיַרען די האַנדלונג. מיט זעלטענעם פליַיס און כמעט מיט מאַטעמאַטיַשער דיַיטלעכקיַיט מאָלט ער אויס די מיַנדסטע פּרטים פון דער אַקציַע און איר אַנטוויַקלונג. ער גיט, אָבער, נאָר די אָביעקטיוויַשע פאַקטען, געשפּרעכען און פּסיַכאָלאָגיַשע מאָמענטען,—די פאַסענדיַקע פּאָזע, די מיַמיק און דעם טאָן - דאַרף דער אַקטאָר אַליין שוין געפיַנען מיט זיַין איַנסטיַנקט. גאָרדיַן דערלאַנגט בלויז אַ רייַכען מאַטעריַאַל, פון וועלכען דער אַקטאָר דאַרף שוין אַליין שאַפען אַ ראָל, לויט זיַין געשמאַק און פאַרשטאַנד. פרוי טריַליַנג האָט אונדז געגעבען איין מיַרעלע אַפּרת: אַ מאַיעסטעטיַשע פיַגור, איַנגאַנצען פון זעלבסטווערדע און אויטאָריַטעט געקנאָטען. רחל קאַמיַנסקי — אַ צוויַיטע: דערשיַטערענדיק־טיַפע און צאַרטע, אַריסטאָקראַטיַש־איַידעלע אין געדאַנק, געפיַל און וואָרט, און קלוגע, קלוגע ביַז וויַיזהיַיט.—יעדע פון די צוויַ אַרטיַסטיַנס האָט אַף איר שטיַגער אויסגעטיַיטשט דעם שטאָף, וועלכען זיַי האָבען באַ גאָרדיַנען געפונען.

דוד פּיַנסקי געפיַנט איַן גאָרדיַנען אַזאַ מין חסרון: „ער שריַבט איַבערהויפּט קיַין פּיעסען ניַשט, נאָר ראָלען. עס איז, וויַ ער וואָלט געוואָלט דערעיקר צופרידענשטעלען די אַקטאָרען. דערפון האָט גאָלדפאַדען ניַשט געוווסט. באַ איַם האָבען די אַקטאָרען געמוזט שפּיַלען, וואָס ער האָט געשריַבען. גאָרדיַן שריַבט, וואָס די אַקטאָרען וויַלען שפּיַלען א. אַ. וו.״.

מ׳באַדאַרף, אָבער, נישט איבערטרייבען די אמתע באַטייטונג פון דעם אָנגעוויזענעם „פעלער“, וועלכער איז אין דערווירקליכקייט בלויז איינער פון די זייטיקע טעכנישע יסודות, וואָס קומען אַריין אין שטיק.

אַ דראַמאַטורג, וואָס וויל, זיין פיעסע זאָל קאָנען געשפילט ווערען, מוז זיך רעכענען מיט די פאָדערונגען פון דער סצענע. סיי ווי סיי פאַסען די אַקטאָרען זעלבסט צו יעדעס שטיק צו דער בינע,—איז דען נישט בעסער, אַז דער מחבר טוט דאָס אַליין לכתחילה?

דאָס, אין וואָס פינסקי זעט איין אַ חסרון, איז אין אמתען, אין אַ געוויסער מאָס, אַ מעלה. זי באַווייזט, ווי גוט גאָרדין האָט געפילט און געקענט די סצענע.

אומזיסט רעכענט פינסקי, אַז גאָרדין האָט געשאַפען ראָלען פאַר באַשטימטע אַקטאָרען, אַף וועלכע מ׳קען אָנווייזען מיט׳ן פינגער. מעגלעך, אַז ער האָט טאַקע אין זינען געהאַט די אָדער יענע טרופע, אָבער, ווי יעדער גרויסער טאַלענט, איז ער געשטאַנען העכער פון קנעכטישען צופאַסען זיך: גאָרדין האָט געשאַפען נישט פאַר באַשטימטע אַקטאָרען, נאָר פאַר באַשטימטע טיפען פון אַקטאָרען, פאַר די טיפען, וועלכע מוזען האָבען פאָרשטייער אין יעדער אָנשטענדיקער טרופע. והא ראיה: די פיעסען, וואָס זענען, ווי פינסקי פאַרזיכערט, אָנגעשריבען געוואָרען פאַר באַשטימטע טרופעס און אַקטאָרען אין אַמעריקע, ווערען גוט אויסגעפירט דורך יידישע טרופעס און אַקטאָרען אין רוסלאַנד און פוילען.

קורץ: גאָרדינס פיעסען זענען כמעט אַלע—טעאַטערשטיקער אין פולסטען זין פון וואָרט, און אין דעם שטעקט טאַקע דער סוד פון זיין קאָלאָסאַלען ערפאָלג אי אין אַמעריקע אי אין רוסלאַנד.

---

ווען אין אַ שריפטשטעלער איז שטאַרק אַנטוויקעלט דער טעאַטראַלישער נערוו, איז דאָס, ווי געזאָגט, זייער פיל. אַזאַ דראַמאַטורג האָט אַ זיכערען ערפאָלג אַף דער בינע.

די מעלאָדראַמעס, וואָס גייען אין יידישען טעאַטער, זענען דאָס רוב נישט מער, ווי אַ נאַרישער מישמאַש פון סצענעס, וואָס איינע האָט קיין שייכות נישט צו דער צווייטער. דער בוי פון גאָרדינס שטיקער איז ריכטיק, שלאַנק, און דאָס אַליין מאַכט אים

שוין פאַר אַ רעפאָרמאַטאָר אין לעבען פון אונדזער בינע.

אָבער דערמיט אַליין לאָזט זיך נאָך נישט אויס זיין באַטיי־טונג, אַלס דראַמאַטורג.

דער גרעסטער פאַרדינסט גאָרדינס פאַר דער יידישער סצענע באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אַרויפגעפירט אַף אירע ברעטער ערנסטע ליטעראַטור.

גאָרדין האָט מיט זיינע פּיעסען אויפגעהויבען דעם עסטעטי־שען געשמאַק פון פּובליקום. מיט דער קראַפט פון זיין טעכניק האָט ער באַזיגט דעם יידישען צושויער. ער האָט געוואונען זיין אינטע־רעס, זיין נייגיר. ער ווילט דעם יידישען טעאַטערבאַזוכער, אָבער נישט מיט אַ טענדענץ, נאָר מיט ערנסטען דראַמאַטישען אינהאַלט: מיט וויכטיקע צוזאַמענשטויסען, אינטריגעס און קאַטאַסטראָפעס, מיט אָנגעשטרענגטע דראַמאַטישע מאָמענטען און מיט שיינע סצענישע עפעקטען. נישט יעדער דראַמאַטורג וועט זיין אימשטאַנד אָנצושריי־בען אַזאַ פּראַכטפולען אַקט, ווי דער דריטער אין „כאַשע די יתומה“. און וואָס איז ווערט בלויז דער עפעקט מיט'ן קעסטעל צירונג אין צווייטען אַקט „מירעל אפרת“?

אין איינעם פון די וואַרשעווער וואָכענבלעטער איז מיט אַ יאָר צוריק דערשינען אַ ווילד אַרטיקעל, אין וועלכען גאָרדינס שטי־קער זענען דערקלערט געוואָרען — אַלס שונד! דער מחבר מאַכט עטלעכע באַמערקונגען מכּח דער „שחיטה“, און פירט־אויס, אַז דעם אַמעריקאַנער דראַמאַטורגס פּיעסען שטעלען אין אַ „סכנה“ די יידי־שע בינע; זיי זענען „קלוימערשט“ ליטעראַריש, נאָר דער ליטע־ראַרישער גרים פאַרשטעלט בלויז דעם שונד פון אינהאַלט און פון אויפבוי. צום סוף איז דער „קריטיקער“, רחמנא לצלן, מכריז, אַז לאַטיינער געפעלט אים שוין מער, ווי גאָרדין...

איך דערמאָן דעם שטות בלויז אַלס קוריאָז. נאָך איין ביי־שפּיל, אַז קריטיק איז באַ אונדז אַ הפקרזאַך, וואָס יעדער קלויזניק בעמט זיך אונטער זי צו טון.

גענוג, מיין איך, כאָטש אויבערפלעכלעך זיך צו באַקענען מיט גאָרדינס ווערק, אום צו זען, אַז מיר האָבען פאַר זיך אַ לי־טעראַט אין שיינעם זין פון באַגריף. אַ גרויסע פערזענלעכקייט, וואָס פון יעדען וואָרט אירען שפּריצט טאַלענט, חכמה און קולטור.

איינער אַ רוסישער רעצענזענט אין פּעטערבורג האָט זיך

אויסגעדריקט וועגען גאָרדינען, אַז דאָס איז אַ יידישער אָסטראָווס־קי. דער רעצענזענט האָט געזען „מירעלע אפרת", „כאַשע די יתומה" און די „שחיטה". מיט דעם פאַרגלייכעניש האָט ער געוואָלט זאָגען: אַזויוי אָסטראָווסקי, איז אויך גאָרדין דאָס, וואָס מ'רופט אַ לעבענסשטייגער־שרייבער. און אין דעם זין איז די באַמערקונג זייער אַ ריכטיקע.

נאָך שלום־עליכמען איז גאָרדין דער איינציקער יידי־שער שריפטשטעלער, וואָס האָט פאַרייביקט אין דער ליטעראַטור אונדזערע בורזשואַזישע ספערען פון די אַכציקער און ניינצי־קער יאָרען פון פאָריקען יאָרהונדערט. טראַכטנבערג („כאַשע די יתומה") און ראַפּאָפּאָרט (די „שחיטה")–דאָס זענען גייסטיקע יורשים פון שלום־עליכמס סענדער בלאַנק. מיר זעען דעם צווייטען דור, אין וועלכען אַלע טונקעלע שטריכען פון סענדער בלאַנק, אַלס כאַראַקטער און כאַציאַל־קולטורעלישען טיפּ, זענען נאָכמער פאַרשאַרפט; אין וועלכען עס זענען אַנטוויקעלט אויך די חסרונות, וואָס האָבען געדרעמעלט אין שלום־עליכעמס העלד בלויז אַלס מעגלעקייטען.

אויב מיר וועלען אַמאָל דערלעבען, עמיצער זאָל זיך נעמען שרייבען די געשיכטע פון אונדזער לעבענסשטייגער, (אַזוי, למשל, ווי ד"ר גידעמאַן האָט באַשריבען די לעבענסאַרט פון אונדזע־רע מערבאייראָפּעישע ברידער פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדער־טען),–וועט ער נישט קענען אויסמיידען גאָרדינען. אָהן אונדזער פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג וועט אים פרעמד בלייבען אַ גאַנצע עפּאָכע פון אונדזער מאַטעריעלישער און זיטלעכער קולטור. אַ גרו־פּע ווערק גאָרדינס שילדערט אַ צאַפּלדיק בילד פון יידישען בורזשואַזישען לעבען אין דער ניימאָדישער פאָרמאַציע פון די 30־ער יאָרען, ווען דער סוחר און גביר סענדער בלאַנק האָט זיך שוין „ציוויליזירט": „געקנאַקט" רוסיש, געטרונקען מיט'ן פּאָליצ־מייסטער, געגאַנגען אין טעאַטער, געהאַלטען באָנעס און צו אַ פּסוק פון חומש אָדער פון מדרש שוין געקענט צוטשעפּען אַ „פּרינציפּ" מיט אַ „פּאַראַלעל"... דאָ העלפט אַ סך מיט גאָרדינס טבע ריין אויס־צוקריצען די פּרטים פון דער סביבה, פון כאַראַקטער,–יענע כמעט אומבאַמערקבאַרע קליינקייטען פון דער האַנדלונג און פון דיאַלאָג, וועלכע דריקען־אויס די נשמה פון דער סאָציאַל־קולטורעלישער סביבה

און פון דער עפּאָכע.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט „מירעלע אפרת“—דאָס בעס־טע שטיק גאָרדינס, די פערל פון יידישען רעפּערטואַר. דאָס איז אַ גאָלדענער מעדאַליאָן פון אונדזער אַלטמאָדישען לעבען, מיט וואָס איר ליבע און געטריישאַפט איז אין דער פּיעסע געמאָלט די שטילע, ציכטיקע שטוב פון דער אַריסטאָקראַטישער נגידתטע; די איידעלקייט און דאָס פיינגעפיל, וואָס פילען־אָן דעם רוים פון אירע חדרים; דאָס גייסטיקע שיינקייט פון דער יידישער פרוי, וואָס איבעראַשט און באַצויבערט...

נאָך אַ „קריטיקער“ אַ יידישער האָט איינגעפונען, אַז גאָרדין שילדערט בלויז „אַנעקדאָטען“: יעדע שטאָדט האָט זיך אירס אַ מעשהלע: דאָ האָט געלעבט אַ „בריינדעלע קאָזאַק“ און אַף דער עלטער זיך צוקריגט מיט די קינדער; דאָ האָט דער שטאָטגביר זיך געקויפט אַ יונג מיידעל, דעם שוחטס טאָכטער, און זי פאַר־מוטשטעט,—גאָרדין גייט־אַרום מיט אַנ׳אַפּאַראַט און—פאָטאָגראַפירט, פאָטאָגראַפירט...

ווי נאַריש!

איך בין אַ געגנער פון פאַרגלייכענישען. די טעג האָט איי־נער אַ זשורנאַליסט פאַרגליכען פערגאַמענטען מיט... לאַסאַ־לען! איך וויל נישט זיין ענלעך צו מיין קאָלעגע, איך דערלויב מיר בלויז צו שטעלען אַ פראַגע: קאָן מען דען נישט זאָגען אויך אַף „פורמאַן הענשעל“, „פאַר׳ן זונענאויפגאַנג“, „קאָלעגאַ קראַמפּטאָן“, „איינזאַמע“, אַז דאָס זענען נישט מער, ווי „אַנעקדאָטען“: יעדע שטאָט האָט זיך איר מעשהלע: דאָ האָט אַ בעל־עגלה געבראָכען זיין תקיעת־כף און דערנאָך זיך געהאָנגען פאַר געוויסענסביסע; דאָ האָט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַגיטאַטאָר פאַרליבט אין זיך אַ מיידעל און גלייך זי אַוועקגעוואָרפען איבער עפּעס אַ פילאָזאָפישען געדאַנק, א. אַ. וו. — הויפּטמאַן גייט־אַרום מיט אַנ׳אַפּאַראַט און—פאָטאָגראַפירט פאָטאָגראַפירט...

אונדזערע היימישע „אייראָפּייער“, מישטיינסגעזאָגט, שלעפּען אַרויס די סאַמע אַלטע, לאַנג־פאַרשימעלטע געדאַנקען. צו זיי איז נאָך נישט דערגאַנגען די ידיעה, אַז שוין מיט אַ יאָרהונדערט צוריק איז פאַרמשפּט און באַגראָבען געוואָרען די פּסעוודאָקלאַסישע פאָ־דערונג, אַז אַ דראַמע זאָל זיין דורכויס פייערלעך און „העראָיש“,

שילדערען בלויז גרויסע היסטאָרישע געשעענישען און ריזיקע נאַצ־יאָנאַלישע גבורים. דאָס נייַנצענטע יאָרהונדערט האָט צוגעפירט די קונסט צום רעאַלען לעבען, און וואָס איז דען דאָס רעאַלי־שען לעבען, אַז נישט אַ קייט „אַנעקדאָטען״, פון וועלכע כמעט יע־דער קען פאַראַלגעמיינערט ווערען פאַר אַ טיפּ, פאַר אַ סימבאָל, וואָס נעמט־אַרום טויזענטער אַזעלכע דערשייַנונגען און דערקלערט זיי אַלע?

נייטיק איז נאָר, דאָס קונסטווערק זאָל זייַן ווירקליך סינטעטיש, ד. ה. עס זאָל טאַקע פאַראַלגעמיינערען די איינצעלנע פאַלען. נישט פאָטאָגראַפיעס פון „אַנעקדאָטען״, נאָר טיפּישע דערשייַנונגען דאַרף די קונסט געבען. און גאָרדינס שאַ־ונג איז אַזעלכע. אַלס קלו־גער, פיל דענקענדיקער באָאָבאַכטער פון לעבען און טיפער קענער פון דער מענטשליכער פּסיכאָלאָגיע, איז אונדזער פאָרשטאָרבענער דראַמאַטורג פעיק געווען צו געבען אַ קינסטלערישען סינטעז, שני־צענדיק די בילדער און פיגורען אין טיפּישע שטריכען.

דאָס לעבען, וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין גאָרדינס דראַמען, איז טיפּיש, אַרומנעמענדיק, ווי געזאָגט, אַ גאַנצע עפּאָכע אין אונדזער לעבענסאַרט. און די מענטשען, וואָס פילען־אָן דאָס לעבען, זענען בולט־אויסגעדריקטע טיפּען, גייַסטיקע פאָרטרעטען פון גאַנצע גרו־פּען, סאָציאַל־קולטורעלישע און אַלמענטשליכע כאַראַקטערס. מירעלע אפרת, בצלאל ראַפּאָפּאָרט, טראַכטענבערג מיט דער פרוי, זייַן טאָכ־טער און זון וולאַדימיר, גרעגוואַר („קרייצערסאָנאַטע״), מאָטיע שטרייַכעל („די יתומה״), נחומצע חנה דבורהס מיט'ן ווייַב („מירעלע אפרת״), דער רב מיט דער רביצין און דאָט שוחטעל („די שחיטה״), ביידע לוריעס, זלמן, מאַלכע, און נאָך און נאָך פיל פון די קינסט־לערישע קרעאַציעס מוזען מיט דער צייַט איבערגיין אין לשון פון ברייטען פובליקום, ווערען שלאָגווערטער.

ענדלעך—און דאָס איז די גרעסטע און שענצטע מעלה פון גאָרדינס פּיעסען, אַלס ליטעראַרישע ווערק,—דער פאָרשטאָרבענער איז געווען באַ אונדז דער ערשטער, וואָס איז אַזוי טיף אַריינגע־דרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי. מ'דאַרף אַליין האָ־בען זייער אַ צאַרטע נשמה, מ'זאָל קענען לייענען אין פרויענהאַרץ, וואָס איז אַזוי אומפאַרשטענדלעך־איינגענאַרטיק אין זייַנע איבערלע־בונגען, אַזוי קאַפּריזיש אין זייַנע באַוועגונגען. אַזוי פיל פּסיכאָלאָ־

גישע רעטעניִשען און געהיימע שפּריִנגפעדערס, ווי עס האָט דאָס איִניִקסטע לעבען פון אַ פרוי, קאָן גאָר ניִשט משיג־זיין דער מוח פון אַ מאַנצביִל.

גאָרדיִן האָט געקענט די פרוי, געקניִט פאַר איר און גע־שריִבען מיִט אַנטציִקטער ליִבע פון די וואונדער, וועלכע ער האָט אַנטדעקט איִן איר נשמה. דאָס טיִפע, שטאַרקע, שיִינע, צאַרטע, גוטע פרויענהאַרץ — אָט ווער עס איִז דער הויפּטהעלד פון זיין גאַנ־צער שאַפונג. זיינע דראַמען בילדען איִין טעמפּעל, איִן וועלכען די פרוי איִז די געטיִן. מיִרעלע אפרת, כאַשע די י ומה, עטי, אסתרקע, בערטע — דאָס דופּטיִקע ביִנטעל ליִכטיִקע געשטאַלטען איִז כולל אוצרות פון חכמה, גוטסקייט, ליִבע און זעלבסטאָפּפערונג. וועגען גאָרדיִנס פרויענטיִפּען איִז ווערט אָנצושרייבען אַ ספּעציִעליִשען עטיוד...

מ׳מוז מודה זיין — גאָרדיִנס רעפּערטואַר האָט אויך פיִל פעלערען.

זיינע דראַמעס זענען אָפטמאָל צו פאַרוויִקעלט, צו רייך איִן איִנטריִגעס און פּערזאָנען. איִן „אומבאַקאַנטען”, למשל, אָדער איִן „קרייצערסאָנאַטע” האָט דער טאַלענטפולער דראַמאַטורג אָנגעהוי־פּענט אַזוי פיִל שטאָף, אַז עס וואָלט געקאָנט קלעקען אַף 2—3 פּיע־סען. אמת, גאָרדיִן ביִנדט זיך אויס מייסטעריִש פון שווערען גע־וועב. די אַרבעט איִז אַ גענייטע, אַ ריינע; יעדע איִנטריִגע באַזונ־דער — פאַרענדיִקט, יעדע פּערזאָן — אַדורכגעפיִרט ביִז צום סוף. אָבער דאָך איִז דאָס וויִדריִק דעם אַנטוויִקעלטען געשמאַק פון איִנטעלי־גענטיִשען צושויער. דער עלעמענטאַריִשער עסטעטיִשער פּריִנציִפּ פאָדערט פון קונסטווערק, עס זאָל זיין וואָס נאַטיִרלעכער און פּשוטער, מיִט ווייניִק מיִטלען געבען דעם גרעסטען עפעקט.

ניִשט זעלטען פאַרקלענערט גאָרדיִן דעם איינדרוק פון גאַנ־צען שטיִק דערמיִט, וואָס ער שטעלט זיך ניִשט אָפּ ווו מ׳באַדאַרף. צו וואָס איִז, לאָמיִר זאָגען, דער פיִפטער אַקט „מיִרעלע אפרת”? ניִשט בעסער וואָלט געווען, אַז דאָס שטיִק זאָל זיך ענדיִקען מיִט׳ן פערדען אַקט, און די זעלבסטווערדיִקע פרוי זאָל זיך ניִשט איִ־בערבעטען? על כל פנים, דער גאַנצער לויף פון דער דראַמאַטיִשער

האַנדלונג איז קייגען דער סענטימענטאַלישער סצענע פון שלום-וועכרען. שענער וואָלט אויך געווען, ווען עטי אין „קרייצערסאָנאַטע" זאָל ניט שיסען: געבוג איז, אַז זי איז געווען פעיק צו כאַפּען די פּלאַש מיט קאַרבאָל. דאָס איז דאָך די אמתע קאַטאַסטראָפע: אַזאַ שטילע, גוטע פרוי, אַזאַ טיף איידעל האַרץ, איז אימשטאַנד אַזוי פיל איבערצוליידען, אַזוי פיל בזיונות אויסצושטיין, אַזוי פיל מוחל צו זיין—און אפילו זי ווערט געבראַכט צו אַזאַ יאושדיקען שריט. דער מאָמענט, ווען זי ציט-אויס די האַנט צו דער פלאַש, מאַכט אַ געוואַלטיקען איינדרוק: אין איין רגע עפענט זיך פאַר אונדזערע אויגען עטיס נשמה ביז צום גרונט, און מיר דערזען ערשט קלאָר, ווי אוממענטשלעך עס האָט געליטען די פרוי דעמעלט, ווען דאָס ביטערע איראָנישע שמייכעלע האָט, דאַכט זיך, אַלץ מבטל-געווען, פון אַלץ זיך גאָר ניט געמאַכט. דער שאָס איז שוין איבעריק: ער גיט שוין גאָרניט צו צו דער דראַמאַטישער קראַפט פון מאָמענט. פאַרקערט, ער שוואַכט אים נאָך אָפּ, ווייל עס שמעקט מיט מעלאָדראַמע.—צו לאַנג איז די סצענע פון סמען זיך אין „כאַשע דער יתומה", אין וועלכער די ערשטע דריי אַקטען זענען כמעט אָהן אַ פעלער.— אין דער „שחיטה" דאַרף אסתרקע ניט אַרויסלויפען אַף דער בינע מיט'ן פאַרבלוטיקטען חלף. זייער טאַקטיש איז געווען פון גאָרדינס זייט, וואָס ער האָט פאַרדעקט פון אונדז מיט אַ פוירהאַנג די סצענע פון מאָרד. די סצענע פון משוגעת, וואָס גייט דערנאָך, איז, אָבער, אינגאַנצען איבעריק, פאַרקלענערט דעם דראַמאַטישען עפעקט פון בלוטיקען סוף.

ווידריק איז אַמאָל אויך די פילאָזאָפיע, מיט וועלכער גאָרדין באַזאַלצט מילד זיינע פיעסען. גאָרדין איז טאַקע אַ מייסטער אין אַפאָריזמען. אין „מירעלע אפרת" און „כאַשע דער יתומה" געפינען מיר אַ זילבערען שנירעל שיינע, קלוגע סאַרקאַסטישע אויסדריקען, וועלכע זענען אַ צירונג פאַר די פיעסען. אָבער אין אַנדערע שטיקער פילאָזאָפירט מען שוין צופיל. עס איז אַ זאַך, וואָס אוממעגלעך, אַז אַלע פערזאָנען זאָלען רעדען בלויז מיט אַפאָריזמען.

ניט לייקענענדיק אין די און נאָך אַנדערע פעלערען פון גאָרדינס דראַמעס, מוז מען, אָבער, זאָגען, אַז די חסרונות זענען געווען אַ שטיקעל מוז און האָבען אַ סך מיטגעהאָלפען צום ערפאָלג פון אונדזער ערשטען ערנסטען דראַמאַטורג.

איך האָב דאָס שוין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: מיר טאָרען נישט פֿאַרגעסן, אַז ס'יידישע טעאַטער איז אַ פֿאָלקסטעאַטער, פֿון פֿאָלק דורכ'ן פֿאָלק און פֿאַר'ן פֿאָלק באַשאַפֿען. די אינטעליגענץ אונדזערע קען נאָך איצט אויך ניט אויסהאַלטען אַ יידישע דראַמאַטישע טרופּע. היינט ווער רעדט נאָך מיט 20 יאָר צוריק. דעמעלט איז אַוודאַי נישט געווען קיין אָרט פֿאַר אַ ריין־קינסטלערישען רעפּערטואַר. כּדי צוצוציִען דעם המון, וועלכער איז געווען דער איינציקער באַזוכער פֿון יידישע פֿאַרשטעלונגען, צו ליטעראַרישע פֿאָרשטעלונגען, זענען נייטיק געווען פּיעסען, אין וועלכע ס'זאָל אויסער ריינער קונסט זיין נאָך אַ זייטיקער צוגאָב – אַ פּשרה מיט'ן אַנטוויקלונגסצושטאַנד פֿון באַזוכער. דאָס יידישע טעאַטער האָט ניט געקענט איבערגיין פֿון גאָלדפֿאַדען דירעקט, לאָמיר זאָגען, צו איבסען. נישט די אַקטאָרען, נישט דאָס פּובליקום זענען געווען צייטיק דערצו. פֿאַר דער עוואָלוציע פֿון אונדזער בינע האָט מען באַדאַרפֿט האָבען אַ דראַמאַטורג, וואָס זאָל זיין פֿון איין זייט ליטעראַט, און פֿון דער אַנדערער – פֿאָלקסשרייבער. און דאָס איז טאַקע געווען יעקב גאָרדין.

דאָס, אין וואָס מיר, אינטעליגענטען, זעען בלויז אַ חסרון – די אַזויגערופֿענע פּעלערען פֿון גאָרדינס פּיעסען, בילדען, נאָך מיין מיינונג, טאַקע דאָס פֿאָלקסטימלעכע, וואָס האָט אַביסעל גורם־געווען צו זייער ערפֿאָלג באַ די מער אַנטוויקעלטע עלעמענטען פֿון דער מאַסע.

עס וועלען זיך געוויס געפֿינען „אידעאַליסטען“, וואָס וועלען אַ קוועטש־טון מיט די פּלייצעס און זאָגען מיט פֿאַראַכטונג:

— „צוטרעפֿען דעם געשמאַק פֿון דער מאַסע? פֿע, אָפּאָרטוניזם!“

יאָ, אָפּאָרטוניזם, אָבער פֿאַרנינפֿטיקער און, דער עיקר, – נויטווענדיקער. דער באַרימטער גריכישער טראַגעדיענשרייבער עווריפּידעס, למשל, איז אויך געווען אַזאַ מין אָפּאָרטוניסט. נישט גלייבענדיק אַף אַ האָר אין דער עקזיסטענץ פֿון גריכישען אָפּגאָט דיָאָנִיס מיט זיין גאַנצען קלאָפּערגעצייג, און דערקלערענדיק אָפֿען אַלע דערציילענישען וועגען דער אָלימפּישער חבֿרה פֿאַר באָבע־מעשׂיות, האָט ער זיך דאָך נישט דערוועגט אינגאַנצען אַרויסצוואַרפֿען פֿון זיינע פּיעסען דעם איבערנאַטירלעכען, מיטאָלאָגישען עלעמענט. אויך באַ אים נעמען די געטער אָנטייל אין מענטשלעכען

לעבען און טרעטען אַפילו אַרויס אַף דער ביִנע. גאַנץ אָפּט איז עווריפּידעס זייער צופרידען פון זייער אַריינמישען זיך: געוויינלעך, צום סוף פון שטיק, ווען ער האָט זיך צו פאַרפלאָנטערט אין דער פאַרוויקעלטער אינטריגע און ווייסט נישט, ווי אַרויסצוקריכען, דעמעלט קומט שטענדיק אַ גאָט און העלפט אים אַרויס: בינדט־אויף אַלע קניפּען.

ווי מיר זעען, האָט דער געניאַלישער גריכישער דראַמאַטורג נאָכגעגעבען דעם גייסט פון דער עפּאָכע, נישט וועלענדיק אָפּשרעקען דאָס ברייטע פובליקום פון זיינע טראַגעדיעס.

און ווירקלעך, זיינע פּיעסען זענען געשפּילט געוואָרען, האָבען געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג, און אַזויערנאָך לייכט זיין אומבאַמערקט פּאָפּולאַריזירט דאָס נייע, וואָס איז אין זיי געווען,—טאַקע אַ גענוג ביסעל אַפּיקורסות אויך, וועלכעס האָט אָנגעפּילט אַלע שטילע ווינקעלעך פון דער האַנדלונג. האָט ער אפשר שלעכט געטון?

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען, אַז גאָר ערשט נישט לאַנג האָבען די דייטשישע אַנטרעפּענערס געצוואונגען איבסענען איבערצומאַכען דעם סוף פון זיין „נאָראַ“. זיי האָבען געטענהעט, אַז דאָס בורזשואַזישע פובליקום וועט נישט קאָנען צוזען אַזאַ נישטמאָראַלישע זאַך, ווי אַ פרוי פאַרלאָזט אַ מאַן און קינדער און גייט באַנאַכט אַוועק ווו די אויגען קוקען. און די אומגליקלעכע נאָראַ האָט טאַקע געמוזט בלייבען אינדערהיים!

דאַרף אונדז שוין, מיין איך, נישט וואונדערן, אַז גאָרדין, וויסענדיק, ווי שטאַרק עס זענען די פאַמיליענגעפילען אין דער יידישער מאַסע, האָט צוגעגעבען דעם פינפטען אַקט צו „מירעלע אפרת“ און אַזוי צוציגען כאַשעס געזעגענען זיך מיט׳ן קינד און איר גסיסה.

דאָס מאָראַלישע געפיל פון אַ פשוטען באַזוכער וואָלט געבליבען באַליידיקט, ווען די קלוגע מאַמע זאָל זיך אַפילו צוליב אַזאַ שמחה, ווי בר־מצוה פון עלצטען איינִיקעל, נישט איבערבעטען מיט די קינדער. די סענטימענטאַלישקייט, וועלכע כאַראַקטעריזירט דעם ווייניק־אַנטוויקעלטען געשמאַק, קוויקט זיך אויך זייער שטאַרק מיט דער סצענע, ווי כאַשע רעדט צו דער לאַלקע און באַווײנט זי מיט ביטערע טרערען...

פעטערבורג, יוני 1909. („אונדזער לעבען“ נ״ב 128, 130, 134).

# מ. ליליענבלום און יעקב גאָרדין.

אַ שווערען איינדרוק מאַכט אַפ'ן לעזער דאָס אַרטיקעל פון ה' מ. ל. ליליענבלום. די רעדאַקציע פון „פריינד“ איז מיט אים נישט איינשטימיק. נאָך וואָס זשע האָט זי אים אָפּגעדרוקט? זי איז אפשר גערעכט, זאָגענדיק, אַז יעקב גאָרדין געהערט צו די מענטשען, וועלכע „פאַרדינען, אַז זייער דור און די קומענדיקע געשיכטע זאָל זיי קענען מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, מיט אַלע זייערע גוטע און שלעכטע מעשים“. אָבער דער טאָן פון אַרטיקעל איז אַזעלכער, אַז מ'קען אים נישט מוחל־זיין, ווייל ער איז מחלל די הייליקע מינוטען פון טרויער.

ה' ליליענבלומען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער „פריינד“ האָט צופיל כבוד אָפּגעגעבען דעם פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג. ער איז מלא כעס דערויף: „קוים שטאַרבט בא אונדז אַ מענטש מיט אַ שטיקעל נאָמען, צוגיסען מיר זיך מיט שבחים אַף אים, נישט קוקענדיק אַף אַלע זיינע מעשים“, קלאָגט זיך ה' ליליענבלום. ווי עס שיינט, מיינט ער, אַז גאָרדין האָט בכלל נישט פאַרדינט, מ'זאָל אים אַזוי הויך שעצען. דער נעקראָלאָג פון „פריינד“ איז אים גאָרנישט געפעלען. פונדעסטוועגען וואָלט ער „דעם נעקראָלאָג אינגאַנצען פאַרשוויגען“,—אַף אַזויפיל טאָלעראַנט איז ער נאָך,—אָבער דער שרייבער פון נעקראָלאָג האָט באַרירט „גאָרדינס טעטיקייט אין די אַכציקער יאָרען“, און דאָס האָט געצוואונגען דעם באַיאָרטען פובליציסט זיך צו נעמען צו דער פען.

ווען ה' ליליענבלום זאָל יוצא־זיין מיט אַ פאַקטישער דערקלערונג צו דעם עצם פון ענין, וואָלט מען אפשר קיין גרויסע טענות צו אים נישט געקענט האָבען דערפאַר. מ'קען זיין אין ספק, צי אַזאַ דערקלערונג איז נייטיק אין אַזאַ מינוט,—מ'קען, אָבער, אויך נישט פאַרווערען ה' ליליענבלומען צו האָבען וועגען דעם אַנ'אַנדער מיינונג. אַף איין זאַך קען מען האָבען פאַראיבעל: אַף די פאָרם, אין וועלכער די דערקלערונג איז געמאַכט.

גלייך אין אָנהייב פון אַרטיקעל שטויסט איר זיך אָן אַף אַזעלכע שורות:

„עס איז בא מיר קיין ספק ניט, אַז דער אַלטער שנאָרער און פּרעסער, וואָס האָט מיך אָנגערעדט צו ווערען אַ קאַראַים, וואָס האָט געמסרט סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים" און אַליין געווען אין וואַרשעווער קירך, בשעת זיינע צוויי איינציקלעך האָבען זיך געשמדט,--וועט אין דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע" באַשאָטען ווערען מיט אַלערליי שבחים. מיר איז קיין ספק נישט, אַז דער אַמאָליקער אַדעסער געהילפראַבינער, וואָס איז אָנגעקומען אין ווילנער ראַבינערשול דורך פאַלשע חתימות, וואָס ער האָט געמאַכט; אָנגעקומען אין פעטערבורגער אינסטיטוט פאַר מזרחשפּראַכען דורך בראַפּמאַנס שתדלנית; זיך מישב־געווען נאָכדעם מיט דעמזעלביקען בראַפּמאַנען: צי ער זאָל זיך שמדען, פאַרענטפערט זיך אין „העברי", אַז ער האָט קיין אָנטייל נישט גענומען אין בראַפּמאַנס „ספר הקהל"; וואָס אַביסעל פון זיינע שיינע מעשים זענען באַקאַנט געוואָרען אין זיין פּראָצעס מיט צעדערבוימס זון, בשעת דער „המליץ" איז איבער זיינעם אַ דאָנאָס פאַרמאַכט געוואָרען אַף זעקס חדשים,—וועט אַרויסגעשטעלט ווערען אין דערזעלביקער „יידישער ענציקלאָפּעדיע" אַלס גרויסער דיכטער, פילאָלאָג און אַ מושלם בכל המעלות".—

ווען כ'האָב אָנגעהויבען ליינען די שיינע שבחים, איז מיר קאַלט געוואָרען: איך האָב גערעכענט, אַז דאָס מיינט מען אַלץ אונדזער דראַמאַטורג. ערשט צום סוף מאַכט דער געערטער מחבר אַ באַמערקונג: „איך קען אַזעלכע מיאוסע זאַכען אַף יעקב גאָרדין ניט אָנווייזען".

אויב אַזוי—צו וואָס־זשע איז געווען די גאַנצע הקדמה?

ניכר, אַז דער מחבר ווייס עפּעס זייער מיאוסע זאַכען וועגען צוויי באַוווסטע פּערזאָנען, און פרעג איך, אַ פּשוטער לעזער: איז דאָ דאָס אָרט צו רעדען דערפון? האָט שוין ה' ליליענבלום נישט געפונען קיין מער פאַסיקען מאָמענט אָנצוווייזען אַף די צוויי הערען, ווי פאַר אַ פרישען קבר, וואָס ווערט באַוויינט פון הונדערטער טויזענטער יידען, וועלכע גאָרדין האָט אַזוי פיל גייסטיק שפּייז געליווערט?

ה' ליליענבלום האָט אויך עפּעס טענות צו דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע". איך פאַרשטיי נישט: ממה נפשך: וויל ער פאַרהיטען די ענציקלאָפּעדיע פון אַ טעות, לאָז ער איר אָנרופען די צוויי מענטשען; קען ער זייער נאָמען נישט אויסזאָגען, זאָל ער בעסער דערפון נישט רעדען! אָבער ווי קומט ער צוצוטשעפּען די גאַנצע געשיכטע צו גאָרדינס נאָמען?

אַגב, כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס ה' ליליענבלום זאָגט נישט אויס, ווי די צוויי פאַרשוינען הייסען: אַ פּנים, אַז מיט לעבעדיקע, וועלכע קענען אָפּענטפערען, מוז מען זיין פאָרזיכטיקער, ווי מיט אַ בר־מינן, וואָס האָט שוין נישט די מעגלעכקייט זיך צו

פּאַרטייִדיקען...

אָבער לאָמיר איבערגיין צום עצם פון די טענות, וועלכע ה' ליליענבלום האָט צום פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג. וואָס־זשע זעען מיר?

געוועזן די פּאַרדומפּטע עפּאָכע פון די אַכציקער יאָרען. באַ די פלאַמען פון די פּאָגראָמען האָט די אַסימילאַציע באַנקראָטירט; די ערשטע שפּראָצלינגען פון יידישען נאַציאָנאַליזם האָבען זיך געדאַרפט איינגיכען ווייזען. אַנ'איבערגאַנגסצייט איז דאָס געוועזן. און, ווי שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטען, ווען מ'זוכט מיט אַלע כוחות אַנ'אויסוועג, זענען פאַרשידענע נייע שטרעמונגען אַנטשטאַנען, שטרעמונגען, וואָס האָבען קיין באָדען אונטער די פיס נישט געהאַט און דעריבער אויך נישט געקענט האָבען קיין ערפאָלג. רעפאָרמאַטאָרען זענען געקומען, סעקטעס געגרינדעט. איינער פון זיי איז געוועזן— דער יונגער און שטרעבענדיקער יעקב גאָרדין.

די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען וואַרפען ליכט אויך אַף די ערשטע. איך שטעל מיר פאָר: מיט האַרץ געבלוט אַף די יידישע צרות, מיט טאָלסטויס אידייען געוועזן אַדורכגעדרונגען, אין זייער גייסט מיטלען געזוכט, ווי די לאַגע פון זיינע ברידער צו פאַרבעסערען. ער האָט געבלאָנדזשעט. אָבער פאַר בלאָנדזשען משפט מען דאָך נישט! נאָר דער, וואָס זוכט נישט, גרייזט נישט. שיין איז גאָרדינס טעטיקייט אין אַמעריקע, און דאָס דערלויבט אונדז צו גלייבען, אַז אויך אין די אַכציקער יאָרען זענען די כוונות זיינע געוועזן ערלעכע, און ווער עס אַרבעט מיט ערלעכע כוונות, דעם ווערען געשענקט אַלע פעלערען.

און טאַקע דערפאַר איז זייער אומטאַקטיש ה' ליליענבלומס אַרטיקעל בכלל. דער פאַקט, וועלכען ה' ליליענבלום דערציילט, איז בלויז אינטערעסאַנט פאַר דער אַלגעמיינער ביאָגראַפיע פון אונדזער דראַמאַטורג. איך זע נישט קיין שום סבות, וואָס זאָלען פאַרענטפערען, נאָך וואָס ה' ליליענבלום האָט זיך אַזוי געדאַרפט איילען מיט זיין באַשולדיגונגסאַקט פאַר לאַנגפאַרגעסענע יוגענטפעלער.

ווי מיר קענען זען פון זיין אַרטיקעל, איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו האָבען אַ ויכוח מיט גאָרדינען. מיר ווייסען, אין וואָסער טאָן אַזעלכע ויכוחים גייען אַדורך. איינער איז חושד דעם אַנדערען, איינער גלייבט נישט אין דער ערלעכקייט פון צווייטען.

טרוירי̈ק איז, וואָס ה׳ ליליענבלום רעדט וועגען גאָרדינען מיט׳ן באַקאַנטען נוסח פון די פאַרטיידיסקוסיעס. 30 יאָר זענען נישט גע־ווען בכּוח אָפּצושוואַכען זיין צאָרן קייגען דעם אַמאָליקען געגנער, ליליענבלום רעדט פון איהם עפּעס אַזוי מאָדנע הארב. ער וויל, ווי ס׳שיינט, גאָרנישט זען די ריזיקע פאַרדינסטען, וואָס דער פאַר־שטאָרבענער האָט פאַר אונדזער נאַציאָנאַלישער קונסט, פאַר אונדזער נאַציאָנאַלישער קולטור. מיט פאַראַכטונג רעדט ליליענבלום פון גאָרדינען.

כ׳לעבען, כ׳פאַרשטיי דאָס נישט: ווי קען מען זיין אַזוי פאַר־ביסען!?

און ווען גאָרדינס אַלטע „שולד״ וואָלט נאָך געווען הונדערט מאָל גרעסער,—נאָך 30 יאָר פון שיינער שאַפונג אַפ׳ן יידישען באָ־דען, וואָלט מען איהם אַפילו אַזעלכע עולות געמעגט מוחל־זיין.

פּעטערבורג, יוני 1909.

[„אונדזער לעבען״ נ׳ 135.]

# יעקב גאָרדין און זיין סעקטע [1].

דער אָנפאַל האָט טאַקע נישט געהאַט קיין טעם. ער איז טאַקע געווען זייער סקאַנדאַליעזיש: אָהן ראיות, נישט צו דער צייט, און נישט אין אַ שיינעם טאָן. ער האָט טאַקע אַרויסגערופען קיינען זיך אַנ׳אַלגעמיינעם פּראָטעסט. פונדעסטוועגען בין איך איבערצייגט, אַז... נישט איין לעזער מאַטערט זיך פון דעמעלט אָן מיט׳ן געדאַנק:

— „וואָס־זשע איז פאָרט דער אמת וועגען גאָרדינס ראָלע אַלס סעקטאַנט?“

לשון־הרע איז אַ געפערלעכע זאַך. זי מעג זיין ווילד, אומדערהערט — אין דער נשמה פון די נישטבאַהאַווענטע און לייכטגלייביקע וועט זי שטענדיק איבערלאָזען אַ סימן. ווען אַ נישטפאָרזיכטיקע האַנט גיט אַ וואָרף אין פובליקום אַ הויפען ווערעמלעך, מעג זי זיין זיכער, אַז עטלעכע וועלען פאַלען אַף אַ פייכטען אָרט, און דער חשד וועט זיך פרוכפערען און מערען...

איך האַלט, דעריבער, פאַר נישט איבעריק צו ברענגען עטלעכע שטראַלען, וואָס מוזען צושטרייען די אומדייטלעכע אומהיימלעכקייט. אַ קליינינקייט, וואָס דאָ איז געשען: אָהן שום צערעמאָניעס, האַרב און קאַלט האָט מען פאַר לייט און וועלט בקול־רם מכריז און מודיע געווען:

— „דער יעקב גאָרדין, וועלכען איר זאָגט־נאָך אַזעלכע שבחים, איז נישט מער ווי אַ פושע־ישראל... אַ ווייניק־געבילדעט לערערל — האָט געזוכט אַ קאַריערע צו מאַכען... צו די גוים זיך געחנפעט, אָן דער גמרא געלייקענט, סעקטעס געגרינדעט, פון כלל־ישראל זיך אָפגעזונדערט... געמיינט, די רעגירונג וועט „פּראַוועס“ געבען“...

פאַר מיר ליגט די רוסישע מאָנאַטשריפט „טעאָסאָפישע איבערזיכט“, — אַ זשורנאַל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט׳ן רעליגיעזישען געפיל און געדאַנק פון מענטשען. פאָרשט אַלע אמונות. זיין דעוויז: „נישטאָ קיין רעליגיע העכער פאַר׳ן אמת“. די ערשטע שורה פון

[1]) זע דאָס פאָריקע אַרטיקעל.

זיין פראָגראַם: „אַלגעמיינע בּרידערשאַפט פון פעלקער, אָהן אונטער־שייד פון נאַציאָנאַליטעט, גלויבען, שטאַנד און געשלעכט". די קוועלע, הייסט עס, איז אַ ריינע, אַנ'אומפּאַרטייאישע.

אין נאָוועמבערהעפט פון יאָר 1907 געפינט זיך אַנ'אַרטיקעל: „דוכאָוונאָ־ביבלייסקאָיע בראַטסטוואָ", — „די גייסטיק־ביבלישע ברי־דערשאַפט" — אַזוי האָט געהייסען גאָרדינס סעקטע. ווי מיר זעען, איז דאָס אַרטיקעל אָנגעשריבען געוואָרען מיט צוויי יאָר צו־ריק, — דער מחבר האָט, אַלדזאָ, נישט געקענט האָבען קיין שום זייטיקע כוונות: ער האָט פשוט געוואָלט דערציילען די לעזער פון אַ רעליגיעזישען אָרגאַן וועגען אַ רעליגיעזישער באַוועגונג, צו וועלכער ער אַליין, אַנ'אָנטיילנעמער — באַציט זיך מיט גרויס מיטגעפיל.

וואָס־זשע ווערען מיר געוואָר וועגען די יונגע יאָרען פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג?

נאָר פריער מוז איך אַליין מאַכען אַ קליינע באַמערקונג. כ'מוז דערמאַנען די צייט און די אומשטאַנדען, אין וועלכע גאָרדין האָט זיך גענומען צו זיין רעפאָרמאַטאָרישער אַרבעט.

ס'איז נאָך געווען פאַר'ן 16־טען אַפּריל 1881, ד. ה. פאַר'ן ערשטען פּאָגראָם, וועלכער האָט אַ תהום אויסגעגראָבען צווישען דער פריערדיקער עפּאָכע און די שפּעטערדיקע באַוועגונגען אין יידישען לעבען.

די השכלה־צייט איז דעמעלט געווען, ווען יעדעס איינציגער האָט געשריבען קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד" אָדער „המליץ", מיט דער אָפּגעריבענער מליצה־פראַזע אין אָנהייב: „ההשכלה, בת השמים"...

מ'האָט געפילט, אַז ווייטער קען אַזוי נישט גיין. דאָס יידישע לעבען מוז באַנייט ווערען. מ'האָט געזוכט אַנ'אויסוועג.

די משכילים האָבען קודם־כל גערופען צו אַ רעוואָלוציע אין לעבענסשטייגער. די רעגירונג האָט געעפענט פאַר די יידען אַלע שולען. פאַר זיי איז געווען פריי דער וועג צו אַלע קולטורעלישע פּראָפעסיעס. נאָר די צאָל פון די, וואָס האָבען געוואָלט געניסען פון דער טובה, איז געווען זייער קליין. דאָס הייפעל אויפגעקלערטע האָט איינגעזען דעם שורש פון דער איינגעשפּאַרטקייט, ווי פון אַלע יידישע צרות, אין „שולחן־ערוך".

ערטער, סמאָלענסקין, מאַפּו האָבען אַלע פיילען פון

זײַער סאַטירע אױסגעשאָסען געגען די פֿינצטערע זײַטען פֿון זײער דעמעלטיקער יידישער לעבענסאַרט.

דער דרױב, די האַלבע משכּילימלעך, די כּוליגאַנדלעך, די קאַריקאַטורען, װעלכע קאָמפּראָמיטערען יעדע באַװעגונג, צו װעלכער זײ שטײען=צו, האָבען „געקעמפּט" אַף זײער שטײגער. גערײכערט אים שבת אַ פּאַפּיראָס בפרהסיא, און יום=כּפּור געגעסען קאָלבאַס אין אַ שמוציקען טראַקטיר...

יעקב גאָרדין, װעלכער איז געבוירען געװאָרען אין סאַמע קאָך פֿון געטאָ — אין שטעטעל רעטשיצע, מינסקער גובער=ניע, — האָט נישט געקענט בלײַבען גלײַכגילטיק צו די ברענענדיקע פֿראַגען פֿון יידישען לעבען.

דער מחבר פֿון אַרטיקעל אין דער „טעאָסאָפֿישער איבער=זיכט" — אײנער ל. ב. — כאַראַקטעריזירט אַזוי דעם קומענדיקען רעפֿאָרמאַטאָר פֿון דער יידישער בינע:

— „דער לערער יעקב גאָרדין — אַ יונגערמאַן — איז גע=װען אַנ׳אױטאָדידאַקט, אָבער אַ טאַלענטפֿולער צײַטונגסטוער און זשור=נאַליסט... אַ קלוגער און געבילדעטער מענטש"...

אַלדזאָ, מער װי אַ „האַלבגעבילדעט לערערל"!

טראַכטענדיק איבער׳ן יידישען לעבען איז גאָרדין געקומען אַביסעל צו אַנ׳אַנדער אױספֿיר, װי די איבעריקע משכּילים. נישט מיט סאַטירע, מיט אױסלאַכען און אָפּשפּעטען האָט ער געװאָלט אַרױסרופֿען אַ באַנײַונגסבאַװעגונג אין די ברײטע יידישע מאַסען, נאָר מיט אַ פּאָזיטיװישער, סאָציאַלרעליגיעזישער אַגי=טאַציע, װעלכע זאָל אַרײַנברענגען אַ פֿרישען לעבעדיקען גײַסט אין די יידישע לעבענסאַרט און אַזױערנאָך צושטערען די פֿאַרגלי=װערטע און אָפּגעלעבטע לעבענספֿאָרמען.

דאָס איז גראָד נישט געװען קײן קאַלטער קאַריעריסט, און נישט אײגעננוציקע חשבונות האָבען אים געבראַכט דערצו, ער זאָל נעמען גרינדען אַ נײַע סעקטע.

גאָרדין איז געװען אַ הײסע, לײדענשאַפֿטלעכע נאַטור, גי=ריק נאָך נײַע גײַסטיקע װערטען, דאָרשטיק נאָך רײנעם אידעאַלישען לעבען. אים האָט תּמיד צוגעצױגען אַלץ, װאָס זוכט; אַלץ, װאָס פֿאָרשט. אין יעליסאַװעטגראַד האָט ער צופֿעליקערהײט באַקומען עטלעכע באַקאַנטשאַפֿטען, װעלכע האָבען אַף אים געמאַכט אַ שטאַר=

קען איינדרוק.

גאָרדין האָט זיך באַקאַנט מיט די דאָרטיקע „שטונדיסטען", וואָס זייער לערע שטייט זייער נאָענט צו טאָלסטויס „גלויבען". די שטונדיסטען אָנערקענען נישט קיין „איקאָנעס", קיין רעליגיעזישע צערעמאָניעס.

די סעקטע האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט דעם יונגען יידישען שריפטשטעלער. איר לערע האָט געפונען אַ גרייטען באָדען אין זײַן האַרץ: גאָרדין איז שוין פריער געווען אַדורכגעדרונגען מיט טאָלסטויס אידייען.

ווי גרויס ס'איז געווען דער אינטערעס צו די סעקטאַנטען בײַ גאָרדינען, קען מען זען דערפון, וואָס איניגיכען זענען דערשינען אין גײַדעבוראָווס „נעדיעליאַ" — אַ זשורנאַל, וואָס איז דעמעלט אַרויסגעגאַנגען אין פעטערבורג, — זײַנע „טיפּען פון שטונדיסטען".

— „ווי אַ טאַלענטפולער שרײַבער, — דערציילט ה' ל. ב., — האָט ער אויסגעצייכענט באַשריבען אין די סקיצען זייער לעבען און לעבענסאַרט, מאָראַלישען פּרצוף און שטרעבונגען „ראַציאָנאַליזם"...

הכלל, דאָ האָבען זיך באַגעגענט צווי ראַציאָנאַליזמען: דער ראַציאָנאַליזם פון אַ משכיל מיט'ן ראַציאָנאַליזם פון אַ נײַער רעליגיעזישער סעקטע.

איך זאָג: ראַציאָנאַליזם פון אַ „משכיל", ווײַל דער גאַנצער „משכיליזם" פון יענער צײַט האָט צופיל געשטעלט אַפ'ן קאַלטען פאַרשטאַנד, און צו ווייניק זיך גערעכענט מיט דער פּסיכאָלאָגיע, מיט דער נשמה.

גאָרדינען איז אײַנגעפאַלען אַ פּלאַן איבערצוטראָגען די פּרינציפּען פון שטונדיזם אין יידענטום. נישט מאַכען די יידען פאַר שטונדיסטען, נאָר — רעפאָרמירען דאָס יידישע לעבען לויט די יסודות פון שטונדיזם.

מעגליך, אַז ער האָט דעמעלט געהאַט פאַר זיך ערנעסט רענאַנס ווערטער:

— „די ריינע רעליגיע איז די, וועלכע קען אין דער צוקונפט פאַראייניגען די גאַנצע מענטשהייט. דאָס איז די יידישע אמונה, ווען מ'וועט זי באַפרײַען פון אירע צערעמאָניעס".

געזאָגט — געטון. גאָרדין האָט אָנגעהויבען אַרויסטרעטען

מיט דרשות, אין וועלכע ער האָט קריטיקירט דעם יידישען רעלי־גיעזישען לעבענסאַרט; געפאַרטיידיקט דעם ראַציאָנאַליסטישען בליק אַף דער אמונה און אַפּ׳ן לעבען; גערופען די צוהערער „אומצוקערען זיך צו דער ביבעל״ און איבערבויען דאָס לעבען „אַף די יסודות, וועל־כע זענען אויסגעדריקט אין תנ״ך״.

די ליליענבלום זעט־איין גאָרדינס שולד אין דעם, וואָס ער האָט גערופען „צוריק צו דער ביבעל״. אָבער צי האָבען דען אַלע משכילים פון יענער צייט נישט געדרשנט דאָס־זעלביקע, נאָר אַף אַנ׳אַנדער נוסח?

די שוואַכע זייט פון גאָרדינס אונטערנעמונג איז געווען איר פאַנטאַסטישער גרונט.

גאָרדין האָט זיך נישט גערעכענט מיט דער געשיכטע. ער האָט זיך אויך ווייניק גערעכענט מיט די סאָציאַלישע געזעצען פון געזעלשאַפטלעכען לעבען. ער האָט דעמעלט נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט געקענט פאַרשטיין, אַז מענטשלעכע גרופען, ווי איינצעלנע פערזענלעכקייטען, זענען נישט פריי אין זייער אייגענעם גורל; אַז טויזענטער בלינדע כחות שליידערען דעם מענטשען קייגען זיין ווי־לען, ווי די כוואַלעס אין אַ ים אַ נישטיק שפענדעל. ער האָט גע־גלייבט: ס׳איז מעגלעך, רויק, אָהן איבערקערענישען, איבערבויען דאָס לעבען אַף אידעאַלישע יסודות, אַזוי ווי דער קאַלטער פאַרשטאַנד הייסט. גענוג איז נאָר, אַז דעם מענטשענס פרייער ווילען זאָל פאָל־גען דעם באַפעל פון שכל...

זיין אַ פאַנטאַזער איז, אָבער, נישט קיין חטא. אַלע באַוועגונגען, וואָס שטעלען צו פיל אַפּ׳ן בלויזען פאַרשטאַנד, זענען אוטאָפּיסטיש.

ביסלעכווייס האָט אַרום דעם יונגען פרעדיגער זיך געבילדעט אַ גרופּע אָנהענגער, און ער האָט באַשלאָסען צו גרינדען אַ געזעל־שאַפט, וואָס איר צוועק זאָל זיין „רעפאָרמירען דאָס יידישע לעבען פון רעליגיעזיש־מאָראַלישען שטאַנדפּונקט״.

וועגען די ערשטע שריט פון דער נייער חברה דערציילט ה׳ ל. ב.:

— „עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרען תקנות, וועלכע האָבען

אַנגעוויזען, באַ וואָס אַ מענטש דאַרף זיך אָנהאַלטען אין לעבען...
די געזעלשאַפט האָט געפּרידיקט אַחדות און נישט געמאַכט קיין
אונטערשייד צווישען מענטשען לויט נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע. —
דערפאַר איז באַשלאָסען געוואָרען דער פאַראיינינגונג אַ נאָמען גע-
בען: „בראַטסטוואָ“. און ווייל די „ברודערשאַפט“ איז געקומען צום
געדאַנק, אַז מ׳דאַרף גייסטיק זיך אַנטוויקלען, האָט זי זיך גערופען
„דוכאָווניאָיע“, — אַן׳אָנצוהערעניש, אַז די חברה זוכט נישט קיין
שום מאַטעריעלישע צוועקען. דערנאָך האָט מען צו דעם נאָמען גע-
מוזט צוגעבען „ביבלייסקאָיע“, ווייל די גאַנצע לערע וועגען אַ
ריין גייסטיק לעבען איז געווען באַגרינדעט אַף ביבלישע גע-
דאַנקען, וואָס האָבען אַן׳אַלוועלטלעכע און אייביקע ווערט פאַר
אַלע“.

דער ערשטער פּאָגראָם האָט אַ דונערדיקען איינדרוק געמאַכט
אַף די מיטגלידער פון דער יונגער חברה. „זיי האָבען אויפגעהערט
צו גלייבען, אַז צווישען מענטשען קאָן זיין אמת און ליבע“.

— „פאַרוואָס שלאָגט מען אונדז?“ — דאָס איז געווען די
שאלה, וואָס האָט אָהן רחמנות געפּיקט אין מוח.

„אָ, ווען זיי זאָלען געווען דעמעלט ווּיסען דאָס, וואָס מיר
ווייסען איצט!“ — שרייט-אויס ה׳ ל. ב.

נאָר דעמעלט איז דער אמת וועגען די פּאָגראָמען נאָך נישט
געווען איינגאַנצען קלאָר. די שפּרינגפעדערס זענען געלעגען טיף באַ-
האַלטען. די ראָלע פון דער אַדמיניסטראַציע איז נאָך נישט איינגאַנ-
צען אַנטפּלעקט געוואָרען.

און ווי ס׳טרעפט אָפטמאָל באַ אומשולדיק-געליטענע, האָט מען
זיך אָנגעהויבען צוצוהערען צו די טענות פון די שונאים.

— „יידישע עקספּלאָאַטאַציע... פאַקטאָרײַ, שענקערײַ... שאַכער-
מאַכער“...

דאָס איז דעמעלט געווען דער פּזמון פון „נאָוואָיע ווּרעמיאַ“
און „נאָוואָראָסייסקי טעלעגראַף“.

גאָרדין האָט נאָך פריער מבזה-געווען די פרנסות, וועלכע
דער אומבּרחמנותדיקער גורל האָט אָפּגעטיילט די יידען אין גלות.
די שטונדיסטען האָבען אים אויסגעלערנט צו ליבען די ערדאַר-
בעט, אַלס די איינציק-נאַטירלעכע, געזונטע און שיינע באַשעפטי-
גונג. „אין דאָרף אַריין, צו דער מוטער-ערד, צו די פרישע, לופטי-

קע פעלדער!" — איז געווען דער דעוויז פון דער „ביבלישער
חברה", באַלט ווי זי איז געגרינדעט געוואָרען, און נאָך פאַר'ן פּאָג=
ראָם האָבען אירע מיטגלידער געחלומט צו גרינדען אַ קאָלאָניע, כדי
„צו ווייזען אַ ביישפיל אַלע רוסישע יידען".

נאָכ'ן פּאָגראָם האָט גאָרדין אין דעם דערזען דעם איינציי=
קען אויסוועג.

ס'האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע קאָמפּאַניע, אין וועל=
כער ס'האָבען ענערגיש אָנטיילגענומען די חברים פון דער „בראַט=
סטוואָ". מ'האָט אָנגעגעבען אין אינערנמיניסטעריום אַ בקשה, מ'זאָל
דערלויבען קויפען ערד, און צום פּעטערבורגער יידישען „פאָנד"
האָט מען זיך געווענדעט נאָך געלטשטיצע... דער מיניסטער האָט אָפּ=
געזאָגט, פּאָליאַקאָווס פאָנד — אויך. נאָר יעקב גאָרדין איז באַ
זיך נישט געפאַלען און איז אַוועק אין דאָרף צו אַ פּריינט, וואָס
האָט אים אויסגעליגען אַ שטיק ערד און דאָס נייטיקע ווערקצייג. 3
יאָר האָט גאָרדין מיט זיינע הענט באַאַרבעט דאָס פעלד, ווי אַן'עכ=
טער פויער. קען זיין אַ ריידע וועגען „קאַריעריזם" בנוגע צו אַזאַ
פּאַרשוין?

אין יאָר 1884 איז ער צוריקגעקומען קיין יעליסאַוועט=
גראַד. די מהומה האָט זיך אַביסעל איינגעשטילט, און ער האָט
געהאַלטען, אַז מ'דאַרף זיך נעמען צו דער פּראָפּאַגאַנדע.

— „אָבער דאָס, וואָס מ'האָט געקענט טון אין אָנהייב פון
די אַכציקער יאָרען, איז געווען פאַרווערט אין 1884=טען. מ'האָט זיך
געמוזט פאַרזיכערען מיט אַ דערלויבעניש פריי צו פּריידיגען די אי=
דייען פון דער חברה".

אייניקע מיטגלידער האָבען אָנגעגעבען אַ בקשה צום אָרטיקען
פּאָליצמייסטער. ער האָט זי אָפּגעשיקט צום גובערנאַטאָר, און דער
לעצטער — צום מיניסטער.

זיי האָבען זיך געמוזט פאָרשטעלען אַלס „סעקטע", און ס'האָט
זיי געקאָסט גענוג מי, ביז דער מיניסטער האָט זיי דערלויבט צו
האָבען אַן'אייגען „געבעטהויז" און אַן'אייגענעם מנהיג.

אין מאַך אויפמערקזאַם אַף דעם פאַקט: נישט „פּראַוועס",
נישט פּאָליטישע און בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיגונג האָבען געבע=
טען פאַר זיך די מיטגלידער פון דער חברה. זיי האָבען נאָר גע=
וואָלט באַקומען די מעגלעכקייט אומגעשטערט זיך צונויפצוקומען.

דאָס „געבעטהויז" איז פאַר זיי געווען אַ זאַל פאַר פאָרלעזונגען.

יעדען שבת פלעגען פאָרקומען גרויסע אַסיפות. איינער פון די חברים האָט פאָרגעלייענט אַ פסוק פון חומש און דערנאָך געהאַלטען אַ דרשה אַף דער טעמע. דעם גרעסטען ערפאָלג פלעגט האָבען יעקב גאָרדין.

„אַלס אויסטייטשער פון דער ביבעל האָט ער נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכען. זיינע דרשות און דערקלערונגען מכח פאַרשיידענע רעליגיעזישע שאלות פלעגט מען אויסהערען מיט אַנטציקונג", — דערציילט ה' ל. ב.

אַן אַנדער מיטגליד פון דער חברה — ד"ר ב. פאָרטוגאַלאָוו, גיט איבער וועגען די דרשות:

— „אין יעדען וואָרט זיינעם האָט זיך געפונען אַן אויסדרוק זיין אינערלעכע איבערצייגונג, די קראַפט פון זיין געדאַנק און געפיל. ס'איז קלאָר געווען, אַז דער מענטש איז אַ סך אין לעבען אויסגעשטאַנען, איבערגעליטען, אַ סך געדענקט און איבערגעטראַכט, און ענדלעך באַשלאָסען, אַז מ'טאָר זיך נישט באַציען גלייכגילטיק צו דער אָרעמער, נישטאויפגעקלערטער מאַסע, אַז מ'מוז ווירקען אַף איר מיט וואָרט און טאַט".

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער חברה איז געגאַנגען שוואַך. אין דער יידישער מאַסע איז שוין נישטאָ קיין באָדען פאַר רעליגיעזישע סעקטעס. איבעריגענס, ווי געזאָגט, איז די גאַנצע תורה גאָרדינס געווען פאַנטאַסטיש. גוט צו שרייען: „וואַרפט-אַוועק פאַקטאָריי, ווערט ערדאַרבעטער", — אָבער ווו נעמט מען ערד און ווערקצייג?... די צאָל פון די מיטגלידער איז גאָרנישט געוואַקסען.

אין 1889-טען יאָר איז אין דער חברה אַריינגעטרעטען איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים טאָלסטויס — פיינערמאַן. אים איז געלונגען צו קריגען אַ שטיקעל ערד און אַביסעל געלט, און ער האָט געגרינדעט אַ קליינע אינטעליגענטישע קאָלאָניע פון 4–3 משפחות.

גאָרדין איז אויך געווען מיט זיי.

אָבער די ערד איז געווען נישט קיין גוטע. עטלעכע יאָר דורכגעאַנגט האָט די קליינע קאָלאָניע געליטען פון נישט גערעטעניש. פון שטאָט זענען אויך אָנגעקומען נישט פריילעכע ידיעות. די רעגירונג האָט אַפּנים דערשנאַפּט, אַז די חברה האָט עפּעס אַ שייכות

צום שטונדיזם און צו טאָלסטויס אידייען. ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אויספאָרשונג. די דברים זענען געוואָרען אומרויק, זיך געשראָקען פאַר אַרעסטען. יעקב גאָרדין איז באַצייטענס אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע. באַלד נאָכדעם איז אַרויס אַ באַפעל צו פאַרווערען דער חברה פאַרזאַמלונגען. איר „געבעטהויז" איז פאַרמאַכט געוואָרען, און פון די מיטגלידער האָט פּאָליציי גענומען אַ חתימה, אַז זיי וועלען מער זיך נישט צונויפקומען אַף קיין שום דרשות.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די פאַנטאַסטישע פּראָבע.

---

אַט דאָס איז דער אמת וועגן גאָרדינס „חטאות נעורים".

ווי מיר זעען, קען מען אונדזער פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג דורכויס נישט רעכענען פאַר אַ „פּושע-ישראל".

פאַר אונדז איז ער אַ טיפּישער פאָרשטייער פון דעם בעסערען טייל פון דער אינטעליגענץ אין די אַכציקער יאָרען. ערנסטע, זודיקע, שיינע מענטשען געווען. געזוכט אַנ'אויסוועג. און ווער עס זוכט, קען פאַרבלאָנדזשען. פיל גרויסע אידעאַליסטען, ריינע, האַרציקע האָבען פאַרבלאָנדזשעט אין אַסימילאַציע. גאָרדין און זיינע חברים, ווידער, האָבען פאַרבלאָנדזשעט אַפ'ן וועג פון טאָלסטויזם און שטונדיזם, וועלכע האָבען דעמעלט געהאַט אַ גרויסען רייץ פאַר די בעסטע עלעמענטען פון דער רוסישער יוגענט און שטאַרק געווירקט אויך אַף אונדזער יוגענט.

גאָרדינס סעקטע איז אַנ'אינטערעסאַנטישער און — אויב איר ווילט — אַפילו גאַנץ אָריגינעלישער מאָמענט אין דער געשיכטע פון אונדזער אינטעליגענץ.

ה' ליליענבלום האָט פאַראיבעל, פאַרוואָס האָם גאָרדין עפענטלעך נישט אָפּגעזאָגט זיך פון זיינע „זינד". ווי עס זעט-אויס, געפינען זיך נאָך באַ אונדז מענטשען, וואָס וואָלטען וועלען היינטיקע צייטען איבערחזרען די באַוווסטע סצענע פון „אוריאל אַקאָסטאַ"... אָבער פון וואָס האָט גאָרדין זיך געקאָנט אָפּזאָגען? פון „סעקטע"? זי איז זיך אַליין צופאַלען!...

פון זיינע אידייען? גאָרדין איז זיי, אָבער, געבליבען טריי זיין גאַנץ לעבען!

ליבע צו דער יידישער מאַסע (די באַציִונג צו כאַשע דער יתומה און צו איר פאָטער); פאַראַכטונג צו עקספּלאָאַטאַציע (די באַציִונג צו די נגידים טראַכטענבערג און ראַפּאָפּאָרט); דער האַס צו דעם פאַרפעסטען שטאָטלעבען און די צאַפּעלדיקע ליבע צום דאָרף, צו ערדאַרבעט („כאַשע די יתומה", „קרייצער־סאָנאַטע"); עקעל צו ביאוף און יראַת־הכבוד פאַר דער ריינער פרויענליבע (כמעט אַלע בעסטע שטיקער) — דעם אידייענאינהאַלט פון זיינע פיעסען האָט גאָרדין מיטגעבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד.

קאַריעריזם, אייגעננוציקייט — זענען געווען ווילדפרעמד דער דאָזיקער באַגאָבטער און דופּטיקער נאַטור. זוכען געמיינע און שמוציקע מאָטיוען אין דער טעטיקייט, וועלכער גאָרדין האָט אַוועקגעגעבען גאַנצע 12 יאָר פון זיין לעבען, איז מער ווי נישט־שיין...

פעטערבורג, זומער 1909.

[„אונדזער לעבען" נ"נ 188, 211].

# יעקב גאָרדינס ווידוי.

(„דער אמת". — דראַמע אין 4 אקטען).

די פּיעסע איז זייער אינטערעסאַנט פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט יעקב גאָרדין — דעם אמתזוכער.

מ. ל. ליליענבלום האָט געזען אין אַמעריקאַנער דראַמאַטורג אַ „מומר־להכעיס". דעם מחבר פון „חטאת נעורים" האָט פאַרדראָסען, פאַרוואָס האָט דער אַמאָליקער גרינדער פון דער „דוכאָוונאָביבליייסקאַיע בראַטסטוואָ" זיך שפּעטער נישט אָפּגעזאָגט פון זיינע אַנשויוונגען — עפּענטלעך. ווען דער פאַרשטאָרבענער נאַציאָנאַלישער כּללטוער זאָל געוועזען זען „דעם אמת", וואָלט ער זיך איבערצייגט, אַז זיין באַציונג צום רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע איז נישט באַגרינדעט. דאָס שטיק, וואָס איז דאַנערשטיק צום ערשטען מאָל אויפגעפירט געוואָרען אין ווארשע, איז אַן עכטער ווידוי. פון יענער זייט ים איז אין די אַנשויוונגען פון רעליגיעזיש־סאָציאַלישען פריידיגער פאָרגעקומען אַן עוואָלוציע, און ער ליקווידירט אָפּיציעליש די חלומות פון זיין יוגענט.

אין די אַכציקער־ניינציקער יאָרען פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ראַציאָנאַליסט־פאַנטאַסט, האָט יעקב גאָרדין געטראָגען אין זיין האַרץ אַן אומענדלעכען גלויבען אין דער מענטשלעכקייט פון דער פאָרטגעשריטענער פּערזענלעכקייט, אין דער איזערנער קראַפט פון אויפגעקלערטען פאַרשטאַנד. דעם איינציקען וועג, אַלדעס אומרעכט פון דער וועלט אויסצוראָטען, האָט ער געזען אין עטישען אַלייןפאַרפולקאָמעניש, וואָס ברענגט דעם יחיד צו דער מדרגה פון ליבע צו אַלע מענטשען, — און ווען אַלע ליבען איינס ס'אַנדערע — האָבען זיי אויך „אײן גלויבען, איין גאָט, איין רעליגיע".

„באַ אונדז, באַם יונגען דור — זאָגט דעם יעליסאַוועטגראַדער רעפאָרמאַטאָרס גלגול, מיקק, אין „אמת", — שפּילען נישט קיין ראָלע די אַלטע מיינונגען, די אַלטע נאַציאָנאַלישע און רעליגיעזישע פאָראורטיילען. מיר ווייסען, אַז אַלע מענטשען זענען גלייך, אַלע מענטשען קענען זיך פאַראייניגען דורך הויכע שטרעבונגען, דורך ערלעכע איבערצייגונגען, דורך ריינער ליבע".

געטרוימט האָט דער ליידענשאַפטלעכער כּלל־טוער פֿון „דער ליכטיקער צוקונפֿט, וועלכע דער נביא האָט צוגעזאָגט: איינאָרדנען וועט דער איבערשטער אַף זיין הייליקן באַרג אַן'אַלגעמיינע סעודה פֿאַר אַלע פֿעלקער, און דאָרטען די מאַסקעס און דעקטיכער פֿון זייערע פּנימער אַראָפּרייסען, — דאַן וועט קיין זאַך שוין נישט שטערען אַלע אומות זאָלען זיך פֿאַראייניגען און צונויפֿגיסען".

אַלייןבאַפֿרייונג פֿון אַלע רעליגיעזישע און נאַציאָנאַלישע טראַדיציעס איז דעמעלט געווען גאָרדינס פּראָגראַם, — אין זיין אָרגאַניזאַציע האָט ער געשטרעבט צו פֿאַראייניגען דעם יונגען דור פֿאָרטגעשריטענע יידען און קריסטען, באַשאַפֿענדיק אַזוי אַרום די ערשטע בריק צווישען צוויי ווילדפֿרעמדע וועלטען, אויסוועבענדיק דעם איבערגאַנג פֿון מיאוסען עבר צום שיינעם עתיד, אויסבילדענדיק דאָס קערענדעל פֿון אַ נייעם מין מענטשען, וואָס דער אויסגעלייטערטער פֿאַרשטאַנד איז זייער איינציקער וועגווייזער...

ערשט אין אַמעריקע, ווען דער פֿאָטער פֿון דער יידישער דראַמע איז, אַלס ליטעראַט, נעענטער צוגעגאַנגען צום ווירקלעכען לעבען, אויפֿמערקזאַמער זיך איינגעקוקט אין די לעבענסדערשיינונגען, איז ער פֿון זיין אוטאָפּיע אויסגעניכטערט געוואָרען. אין „אמת" איז יעקב גאָרדין מודה, אַז ראַציאָנאַליסטישע אידייען זענען זייער נישט זיכערע באַגלייטער אין לעבענסוועג, אַז בלויז דער ווילען „לויז צו ווערען פֿון אַלע אַלטע קייטען" איז נאָך נישט קיין ערבות פֿון נצחון אין קאַמף פֿאַר אַ נייַ גליק...

..."באַם ברעג איז דאָס וואַסער פֿון אָקעאַן שמוציק און ברודנע, אָבער ווייַט איז עס קלאָר און ריין. ווער עס האָט מוט, נעמט זיין שיפֿעל און שווימט אַוועק ווייַט פֿונ'ם אַלטען ברעג"... צוויי יונגע נפֿשות האָבען זיך דערוועגט, זענען איינגעזעסען, געוואָלט ווייַזען דער וועלט אַ בייַשפּיל, אַז „מ'דאַרף אַכטען טראַדיציע, דאָך העכער פֿון אַלץ דאַרפֿען שטיין די מענטשענרעכט: יעדער האָט דאָס רעכט צו בויען זיין גליק!"... ער — אַ קריסט, דורך-און-דורך אַמעריקאַנער; זי — אַן'אינטעליגענטיש יידיש קינד. אויסגערופֿען האָבען זיי שטאָלץ: „מיר דאַרפֿען קיינעם נישט, מיר האָבען אונדזער גליק פֿאַר זיך!" — דער חשבון איז, אָבער, געמאַכט געוואָרען אָהן דעם בעל-הבית — דעם לעבען, — „איז געקומען ס'קעצעלע און האָט אויפֿגעפֿרעסען ס'ציגעלע"... — „עס איז וואָר, מיר האָבען

זיך ליב, אָבער צוזאַמען גליקלעך זײַן קאָנען מיר נישט; אָנשטאָט צו װערען נענטער, װערען מיר טאָגטעגלעך װײַטער״, — ר אָ ז ע ס װערטער פֿאַר׳ן שיידען זיך מיט װ י ל י...

זיי ביידע זענען טאַקע אינדיפערענט אין רעליגיעזישע פראַגען, — לעבען, אָבער, מענטשען נישט איזאָלירט, — פֿאַראַן אַ געזעלשאַפט אַף דער װעלט, און איז אַ גרויסער טיראַן.

„איך האָב געמוזט אָנהייבען דאַװענען אין אַ פרעמד בית-המדרש: איך האָב נישט געקענט מײַנע לאַנדסלײַט קוקען אין פּנים אַרײַן״, — קלאָגט זיך ר אָ ז ע ס אַלטער פֿאָטער, און װ י ל י ס מוטער טענהט: „די װעלט, די געזעלשאַפט קוקט אַנדערש אַף אַזעלכע זאַכען. זײַט װילי האָט מיט דיר חתונה געהאַט, לײַדען מיר זייער. גאַנץ איינפֿאַך, מ׳פֿאַרפאָלגט אונדז... אָפֿען נישט. אָבער װאָס קענסטו טון, װען קייגען דיר איז אַ שטילער גײַסטיקער בויקאָט. אַלע װייסען, אַז ד״ר פשאַרנער האָט געװאָלט חתונה האָבען מיט אונדזער װילי, און צוליב דעם סקאַנדאַל האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. װילי איז געװען די ערשטע לערערין אין זונטיקשול און האָט געמוזט זיך אָפּזאָגען; אַז מיר גייען, טײַטעלט מען אַף אונדז מיט די פֿינגער״...

פון צרות קומען די עלטערען צו די קינדער מיט פרעטענזיעס און צושטערען דעם שלום-בית פון יונגען פּאָר. —

איבעריגענס, קענען דען בכלל הויזען פֿאָרשטייער פון צװיי פרעמדע נאַציאָנאַלישע טעמפּעראַמענטען? ג אָ ר ד י ן האָט מיט אַ כּיוון צונויפגעפירט אַ ייִדישקינד, אַ ׳אידעאַליסטין, מיט אַ „בלאָנדער בעסטיע״, װי נ י ט ש ע דריקט-זיך-אויס, מיט אַ קאַלטען, געזונטען אַריער.

— „איר זענט אַ פֿאָלק פון אַנטקייגענגעזעצטע עקסטרעמען: אָדער איר זענט צו פרייליך אָדער צו טרויריק, און מיר זענען געזונטע, מיטעלמעסיקע, — זאָגט װ י ל י, — איר זאָלט זיצען אַף דער ערד, װאָלט איר נישט געקראָכען אין די הימלען״... — און נאָך: „די ייִדען זענען צו אַנטפֿינדלעך, צו אויפרייִצעדיק און מאַכען פון איטעדער נאַרישקייט אַ טראַגעדיע. איר נעמט יעדע זאַך לײַכט, און זי נעמט יעדע זאַך ערנסט״... — און װײַטער: „אַ ייִד מוז פֿאַר אַיעדער זאַך האָבען זײַן אייגענע, אינדיװידועלישע טעאָריע. מ׳דאַרף נישט עסען, נישט לעבען, נישט אויפפירען זיך װי אַלע מענטשען... זיי איגנאָרירען איינער דעם אַנדערען, יעדער װיל זיך גיין מיט זײַן אייגענעם װעג. מיר, אָבער, פילען װי אַלע״...

צוויי קולטורען באַגעגענען זיך, וואָס זענען אין אַלע אָהן אויסנעם געבויטען ווייט איינע פון דער אַנדערער, ווי צפון פון דרום... ראָזע לעבט מיט׳ן בוך, פאַר ווילי איז גענוג אַ בלאַט צייטונג; זי שטאַרבט פאַר בעטהאָווענס סימפאָניע, און ער לעקט די פינגער פון אַ מאַרש; בײַ איר איז דאָס עסען נאָר „אַ מיטעל צו שטילען דעם הונגער", בײַ אים — „אַנ׳אַרט גאָטעסדינסט"... אַ פּרט: זי לערנט זיך קאָכען פון ענגלישען בוך, און פאַר אים האָט איר געקעכטס אַ יידישען געשמאַק.

ער האָט נאָרמאַלישע אַמעריקאַנישע נערוועז, ער שטויגט: „ווען מ׳שלאָגט יידען אין מאָסקווע, שרייען די סאַן־פראַנציסקער יידען געוואַלט... די יידען ווילען נישט וויסען, אַז אַפילו מיטלייד וועקען צו זיך, דאַרף מען אויך מיט טאַקט". — און זי האָט אַ צו־וויינטיקטע יידישע נשמה: „מ׳צאַפּט פון אַ מענטש דאָס בלוט, און מ׳פּאָדערט, ער זאָל שרייען מיט טאַקט"...

דער אַמעריקאַנער איז גראָד נישט קיין רוצח, ווי, למשל, דער פויער פון דער קליינרוסישער מעלאָדראַמע „זשידיוקאַ וויכרעסטקאַ". ער באַליידיקט נישט דאָס ווײַב. ער רעדט מיט איר זייער איידעל. ווען ער מאַכט עפּעס אַ באַמערקונג וועגען אַ יידישער זאַך, וואָס געפעלט אים נישט, איז נישט, חלילה, פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר פּשוט אַזוי, גאַנץ אָביעקטיוו, ווי וועגען יעדער דערשיינונג, וועלכע ער פאַרשטייט נישט. ראָזען רונצעלט, אָבער, יעדעס וואָרט זײַנס, און זי מאָטיווירט זייער ריכטיק די פּסיכאָלאָגיע אירע:

„מײַן ברודער האַלט זיך אין געזעלשאַפט אַזוי שטאָלץ ווי ראָקפעלער. פונדעסט־וועגען, אַז דו וועסט זאָגען ראָקפעלערען: „בײַ דיר אַ סענט אַ נדבה", וועט ער זיך נישט באַליידיקען — ער וועט לאַכען, נעמען דעם סענט און באַהאַלטען. ווען דו זאָגסט עס, אָבער, צו מײַן ברודער, וועסטו אים יאָ פאַרצאַפּען זײַן בלוט. דער דײַטש, דער פראַנ־צויז זענען שטאָלצע מיליאָנערען, דער ייד איז, אָבער, אַ שטאָלצער קבצן מיט אַ פאַרוווּ־נדעטער נשמה"...

און אַזוי לעבט מען אין איין ברוגז־ווערען און איבערבע־טען זיך. דער אמתער צוזאַמענשטויס קומט, אָבער, ווען ס׳ווערען געבוירען קינדער. טאַטע־מאַמע אַרט טאַקע נישט, זייער בעני זאָל אויסוואַקסען אָהן אַ שום רעליגיע, — איז דאָך פאַראַן אַ יידישער זיידע, וואָס בעט זיך בײַ דער טאָכטער: „מילא, מיט דײַן מאַן, זע איך, איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, — דײַן זון, אָבער, מוזטו מגייר־זײַן. איך וועל אַזוי לאַנג רעדען, ביז איך וועל שטאַר־בען פאַר דײַנע פיס. ווי מיר! דײַן קינד וועט זײַן אַ גוי, אַ שונא־

ישראל? וועט שלאָגען ייִדען, וואַרפען שטײנער אַף דײַן אַלטען טאַטען, פאַרפאָלגען דײַנע ברידער? נײן! ער מוז און וועט זײַן אַ ייִד! אומשטײנס געזאָגט, אַ שײנער ייִד וועט ער אויסוואַקסען בײַ דיר און בײַם גוי, נאָר זאָל ער כאָטש צוגעבונדען זײַן צום ייִדישען פאָלק, זאָל זײַן נשמה נישט באַלאַנגען צו די פרעמדע". — פאַראַן אויך אַ קריסטלעכע באָבע, וואָס פאָדערט: „איך ווײס עס, ראָזע, פון דיר איז שוין איבעריק צו רעדען. אָבער דו האָסט אַ קינד, עס איז שוין צוועלף וואָכען אַלט, וואָס וועט דאָס קינד זײַן? צו וועלכער רעליגיע וועט עס געהערען? פאַרוואָס זאָל דאָס אומשולדיקע קינד איבער אײַך דאַרפען לײַדען און זײַן פרעמד פון דער גאַנצער וועלט?.. דאָס קינד מוז געטויפט ווערען"!.. דער חילוק איז, אָבער, ווי מיר זעען, אַז דער ייִדישער זיידע „זיצט בײַ זיך אינדערהיים, און ווײנט אין דער שטיל און האָפט", — און די קריסטלעכע באָבע קומט ביד-חזקה און צווינגט...

דער, וואָס צווינגט, פירט אויך אויס.

ווילי נעמט יעדע זאַך לײַכט —, און טאַקע מחמת אים איז אַלצאײנס, צו וואָסער אמונה זײַן זון וועט אָפיציעליש אָנגעהערען, איז ער גיך מסכים צו דערפילען זײַן מוטערס ווונטש. ער קוקט אַף דער טויפצערעמאָניע נאָר ווי אַף אַ פאָרמאַלישקײט. דערבײַ האָט ער אַ פראַקטישען חשבון: „איך זאָל מײַן קינד שטויסען אין אומגליק, פאַראַכטונג?"...

ער טרײסט דאָס ווײַב: „וואָס פאַר אַ קריסט ער וועט זײַן, איז דײַן זאַך: דו וועסט אים דאָך דערציען!" — קומט די אָביעקטיווישעווירקלעכקײט און צוקלאַפּט אומדערבאַרעמדיק אויך דעם לעצטען חלום. ראַציאָנאַליסטישע דערציונג איז פונקט אַזאַ אוטאָפּיע, ווי די אַבסטראַקטע מענטשלעכע פערזענלעכקײט, אויסגעטוענע פון נאַציאָנאַלישע און רעליגיעזישע עלעמענטען. ראָזע האַלט זיך אָן ספּענסערס פּעדאַגאָגישע פּרינציפּען, — קומט די גאַס, די הערשענדיקע מײנונג און מאַכען צו-נישט איר גאַנצע מי. דאָס זיבעניעריקע ייִנגעל רײַסט זיך אַלײן אין דער קריסטלעכער זונטיקשול: די באָבע און די מומע זענען בײז, וואָס ער באַזוכט נישט לעקציעס פון קאַטעכיזיס; די חברים מאַכען פון אים חוזק, רופען אים „ייִד". — „אַלע קינדער גײען. איך וויל נישט, מ'זאָל לאַכען פון מיר. איך וויל זײַן אַן אַמעריקאַנער", — ווײנט בעני.

ראָזע לאָזט אים נישט גיין, נאָר סוף=כל=סוף ווערט ווילין נמאס די סצענע, וואָס חזרט זיך איבער רעגולעריש יעדען זונטיק: „ראָזאַ, פאַרוואָס זאָלסטו פון אַיעדער זאַך מאַכען אַ לעבענספראַגע. זײַנע פרײַנט פלאָרענץ און דזשים גייען, זאָל ער אויך גיין מיט זיי. דײַן גאַנצע פילאָזאָפיע האָט באַ מיר נישט אַזוי פיל ווערט, וויפעל איין טרער פון מײַן קינד". — בעני גייט צום ערשטען מאָל אין דער זונטיקשול, און ראָזע דערפילט מיט גרויל, אַז זי האָט פאַרלוירען איר קינד. פריער מיט עטלעכע מינוט האָט עס זיך אויסגעדריקט: „פאַפאַ, איך האַס דאָס יידישע פאָלק". — און די מוטער באַגרײַפט, אַז מיט יעדען טאָג וועט דאָס יינגעל אַלץ מער אַסימילירט ווערען. — „ער וועט שוין גיין אַלע זונטיק, — קלאָגט זי זיך: — די גוים זענען אַ גרויסע מאַכט. דאַכט זיך, אומגערן, אומווילליק, רויבען זיי די אומאָפהענגיקייט פון אַלע די, וואָס זענען נישט זייער=גלייביקע. ווילי, שײַנט עס, איז אינדיפערענט אין רעליגיע, אָבער ער דענקט און האַנדעלט, אַלס שטאַרקער, הערשענדיקער גוי. ער האָט געוואָלט, דאָס קינד זאָל זײַן געטויפט, — איך האָב געמוזט נאָכגעבען. ער האָט מיר פאַרשפּראָכען, עס וועט זײַן אַ פאָרמאַלישקייט נאָר, — הײַנט האָט ער אים שוין געשיקט אין אַ זונטיקשול". —

אין די ווערטער שטעקט די הויפּטאידייע פון גאַנצען שטיק, אַלע אַזויגערופענע פאָרטגעשריטענע לאָזונגען, וואָס רופען צו איגנאָרירען די נאַציאָנאַלישע און רעליגיעזישע ווענט, זענען נאָר ניינסטיק פאַר די שטאַרקע פעלקער, פאַר דער הערשענדיקער מערהײַט, — פאַר'ן שוואַכען יידישען פאָלק ווערען זיי אַ קוואַל פון נײַע ליידען, פון נײַער אונטערדריקונג. ווען מ'דרשנט: נישטאָ קיין פּאָליאַקען, דײַטשען, פראַנצויזען, ענגלענדער, יידען, — הייסט עס נישט, אַז פּאָליאַקען, דײַטשען, פראַנצויזען, ענגלענדער, יידען דאַרפען אויפהערען צו זײַן דאָס, וואָס זיי זענען, און בילדען איין נײַע נאַציע: מענטש, — ניין, דאָס הייסט בלויז, אַז דער ייד דאַרף אַוועקוואַרפען זײַן יידישקייט און ווערען פּאָליאַק, דײַטש, פראַנצויז, ענגלענדער, קורץ: אויסמישען זיך מיט די „בעל=הבתים" פון לאַנד, אין וועלכען ער זיצט... ווען מ'רעדט=אײַן: „דאָס אָנבאַלאַנגען צו אַנ'אָפיציעלישער רעליגיע איז מער נישט ווי פאָרמאַליש=

קייט, איז דערפון קודם־כל געדרונגען, אז ווייל ס'איז נאר א פאר־מאלישקייט, דארף דער ייד זיך טאקע נישט אפזונדערן — ער דארף גיין מיט אלע, ד. ה. טויפען זיך... די הערשענדיקע פעלקער האבען אפילו פון די פראגרעסיווע אידייען באוויזען צו מאכען א פריש מיטעל צום אונטערדריקען די שוואכע, און צום אלעמערשטען — די יידען.

חתונה־האבענדיק מיט א יידיש מיידעל, בלייבט ווילי פאר זיינע עלטערען דאך אן 'איינגעבער: זיי פילען זייער מאכט, זיי האבען נישט מורא, דער זון זאל פון זיי אוועקגיין צו די יידען. — „מיינע קינדער פילען און פארשטייען ווי איך!” —זאגט דער אלטער סטענטאן, און ראזעס ברודער איז מודה: „יא, עס איז אמת, אייערע קינדער גייען נישט אזוי ווייט פון די עלטערען, ווען זיי פאנגען זיך אן צו בילדען, ווי מיר, יידישע קינדער; צווישען אונדז און אונדזערע עלטערען, אבער, ווערט געשאפען א גאנצער אפ־גרונט”. — און דערפאר, ווען ראזע ווערט א גויס א ווייב, האלט זי שוין דער פאטער אירער פאר א פרעמדע: — ער פילט אונדזער שוואכקייט, ער ווייסט, אז די משפחה, אין וועלכער די טאכטער איז אריינגעגאנגען, וועט זי נישט רעכענען פאר קיין אייגענע, ביזוואנעט זי וועט ווירקליך זיך נישט אפפרעמדען פון יידישקייט, ביז־וואנעט זי וועט נישט ענדערען איר גלויבען...

און דער גרינדער פון דער „דוכאוונא־ביבלייסקאיע בראטסטווא” שטעלט זיך איינגאנצען אף דער זייט פון אלטען אברהם גערשוני, פון וועלכען ער מאכט א סימבאל פון טראדיציאנעליִשען יידענטום, וואס איז באוווסטזיניק פון זיין לאגע און היסטאריִשען שיקזאל. גארדין טוט אים אפילו צוליב און גיט אין סוף פון דריטען אקט א סצענע, ווו ס'ווערט מקוים דאס אויבענדערמאנטע נביאות פון יידישען זיידען: דאס קריסטלעכע אייניקעל צוזאמען מיט אנדערע חברים באפאלען אים מיט שנייקוילען, ווארפען־אום און צובלוטיקען... דאס בילד איז אפשר אביסעל מעלאדראמאטיש, אבער ס'איז א שטארקער שטריך. בא אונזער מעמד — דארף יע־דער ייד געדענקען, — זענען אזעלכע טראגישע פאלען תמיד מעג־לעך... געלעבט אין פעטערבורג א באקאנטער העברעיִשער דיכ־טער — אב"א שאפירא. אין דער יוגענט איבער א נאריִשקייט געטויפט זיך און דערנאך ס'גאנצע לעבען א טיפע וואונד אין ברוסט

געטראָגען. אײנמאָל האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר'ן צװײטען באַװוסטען העברעיִשען דיכטער — יהודה־לײב גאָרדאָן, און דער לעצטער האָט איִם אַ האַרבען זאָג געטון: „װאָס טויגען מיר די טענות, — איך גלייב, אַז כ'װעל נאָך דערלעבען, װי דײַנע אײניקלעך װעלען אויסזעצען די שויבען באַ מײַנע"! — אַב"אַ שאַפּירע האָט געקריגען ספּאַזמעס...

אַזוי טיף־פּסיכאָלאָגיש און אַמנאַציאָנאַליש האָט יעקב גאָרדין באַגריפען און באַלײַכט דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. איבערהויפּט, באַװײַזט ער, אַז די אַלע ראַציאָנאַליסטישע אויטאָפּיעס שטאַמען פון אַזעלכע באַנקקװעטשערס, װי מײק, װאָס קענען נישט ס'רעאַלישע לעבען, און מעסטען אַלץ בלויז מיט'ן בוך.

אַלס דראַמאַטיש װערק איז דער „אמת" — שװאַך. דער רײַכער פּסיכאָלאָגישער מאַטעריאַל — נאַכלעסיק באַאַרבעט. כ'װײס נישט, װען ס'שטיק איז פאַרפאַסט געװאָרען, נאָר קענטיק פאַר „סאַפאָ", „קרײַצערסאָנאַטע" און „שחיטה", װען גאָרדינס פעדער האָט נאָך געפעלט די פעסטקײט פון אַ געניטען דראַמאַטורג.

די האַנדלונג איז נישט אַרומגעשליפען.

דאָס אָפּיציעל־קאָמישע פּאָרעל קלמן און גראָסי װאָלט מען געמעגט דרײסט אַרויסלאָזען.

איבעריק איז די צװײטע פאַרװאַנדלונג פון צװײטען אַקט. די ערשטע װאָלט געדאַרפט אַנדרש באַאַרבעט װערען.

די דראַמע ענדיקט זיך מיט'ן דריטען אַקט, װען ראָזע קערט־אום צו די עלטערען, — דער גאַנצער פערדער אַקט, מיט'ן גט פאַר'ן ריכטער, — איז לגמרי נישט נײטיק.

בעני, װאָס איז געבליבען באַם פאָטער, װערט קראַנק, און די מוטער קומט צוריק אין דעם פאַרלאָזענעם הויז. קײן שלום צװישען מאַן־און־װײַב װערט, אָבער, נישט, און אין אַ צײַט אַרום גייט ראָזע װידער אַװעק. דאָסמאָל גייט דאָס יינגעל נאָך איר: זײַן האַרץ האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער פרוי, װאָס האָט איִם דעררעטעװעט צום לעבען... װילי װיל דערשיסען זיך און ס'קינד, נאָר האָט חרטה און לאָזט אַרויס די קוילען אין לופט... ראָזע האָט

אויסגעטראַכט אַף זיך אַליין אַ בלביל וועגען עפּעס אַ געליבטען, וואָס זי האָט קלוימערשט געהאַט, — דאָס איז „אַנ׳אָפּגערעדטע זאַך" אַף צו באַקומען אַ גט. ווילי פּרווט אויסנוצען די געלעגענהייט — פאָדערט באַם ריכטער, ער זאָל אָפּנעמען ס׳קינד באַ דער „נישט־מאָראַלישער פרוי"... נאָך אַ גאַנצען ביליק־עפעקטישען ויכוח צווישען ביידע צדדים, דערקלערט ווילי, אַז ראָזע איז ריין ווי אַ טרער, — און ער זאָגט זיך גערנווילליק אָפּ פון בעני...

דאָס אויסמישעכץ פון מעלאָדראַמע און פאַרס, וואָס האָט שוין קיין שייכות נישט צום פּראָבלעם פון דער פּיעסע, — איז, קענטיק, צוגעשטיקעוועט געוואָרען ספּעציעליש פאַר׳ן אַמעריקאַנער פּובליקום, — אפשר לויט פאָדערונג פון „מענעדזשער": — „אַ קלאַפּ צו טון אינ־בער׳ן קאָפּעלוש".

אַ שלעכטען איינדרוק מאַכט די שפּראַך פון „אמת".

גאָרדין איז געווען דורך־און־דורך רעאַליסט. אַלע פּע־דעם פון זיינע ווערק האָט ער גענומען גלייך פון לעבען. שילדערט ער פּראָסטע יידען, — רעדען זיי באַ אים מיט אַנ׳אמת פאָלקסטימ־לעכען, כאַראַקטעריסטישען, געזונטען, קנילעכדיקען יידיש. ס׳איז נאָר צו שטוינען, ווי קומט צום שרייבער, וואָס האָט ביז אַמעריקע מאַמע־לשון נישט געקענט, — אַזאַ רייכטום פון געשליפענע, יאָדערדי־קע פּראָסט־יידישע אויסדריקען און ווערטלעך.

אָבער ווי ס׳קומט נאָר צו מענטשען, וואָס רעדען נישט קיין יידיש — קריסטען אָדער אינטעליגענטישע יידען, — ווייסט ער שוין נישט, וואָס מיט זיי צו טון. ער מוז אַליין באַשאַפען פאַר זיי אַ שפּראַך — איז זי טויט, געבראָכען, ס׳פעלט איר די זאַפטיקייט פון אַנ׳אָרגאַנישען, לעבעדיקען דיאַלעקט. משונה פאַרדייטשט, מיט אויס־לענדישע ווערטער איבערפולט, — אַז ס׳איז אַ וווּנדער, ווי די אַק־טאָרען צוברעכען זיך נישט די ציין...

* *

*

די אויפפירונג באַ די „פאַראייניקטע" האָט מיך אַנ׳איבעריק מאָל איבערצייגט, ווי שטאַרק ס׳איז דער מוז אויסצוגעפינען עפּע־אַנ׳אָנשטענדיקען ליטעראַריש־דראַמאַטישען רעזשיסער, וואָס זאָל אונ־זער בעסטע טרופּע ענדלעך שטעלען אַף די פיס.

ס׳מעג זיין די ערשטע פאָרשטעלונג פון אַ ניי שטיק, אָבער די ראָלען איז אַ חיוב צו קענען. ווי פילט זיך דער צושויער, אַז אפילו אין דער לעצטער ריי הערט ער דעם דיאַלאָג פריער פון סופלער, און ערשט דערנאָכדעם פון די אַקטאָרען?

אַן׳אַרטיסטין פון דער מאָס, ווי אסתר-רחל קאַמינסקי, קומט-אַריין אין אָנהייב פון צווייטען אַקט פון גאַס — און שטויסט זיך נישט אָן ביז צו דער לעצטער מינוט, צוצוגיין צום וויגעל, וואָס שטייט אַף דער סצענע, אַ קוק טון, וואָס מאַכט דאָס קינד!

נאָר די אמתע פלאָג פון אונדזערע אַקטאָרען איז דאָס לאַכען אַף דער בינע, און דוקא אין די סאַמע ערנסטע מאָמענטען. אַפנים, מ׳טאָר טאַקע נישט מישען קיין צוויי פאַרשידענע רעפּערטואַרען, — דער נישט גלייכער שידוך איז זיך נוקם...

די סצענע גופא וואָלט באַדאַרפט אָנשטענדיקער אויסזען. מיט-וואָך, און פינסקיס „מוטער״, אין רוסלאַנד, אַף דער וואַנט — צוויי געמעלער עפּעס, — און דאָנערשטיק דיזעלביקע צוויי לייוועטען — אין גאָרדינס „אמת״, אין אַמעריקע.

אַ פּיעסע מוז קאָרעגירט ווערען. פאַרשטייען די „פּאַראייניקטע״ אַז דער פערדער אַקט דינט נאָר „אַ טריל צו געבען איבער די געהי-רען״, פאַרוואָס האָבען זיי אים נישט אָפּגעוואָרפען? דעם אָוועגט פאַר-ענדיקען וואָלט געקאָנט עפּעס אַן׳איינאַקטער...

צוגעבען נאַרישע קונצען, וועלכע זענען באַם מחבר נישטאָ, איז אודאי נישט קיין חכמה. באַ גאָרדינען טרייסעלט קלמן איינמאָל נאָר אויס אַ מאַטראַץ, און דאָס וואָלט געקאָנט געטון-ווערען אידעל, אין הינטערגרונט, — האָט זיך ווייסמאַן פאַרגינען דעם „וויץ״ דוקא צוויי-מאָל, און דורכויס אין מיטען סצענע, אַז ס׳טעאַטער איז פול געוואָרען מיט שטויב.

באַ גאָרדינען הערט מען נישט, ווי דער צוג קומט-אָן און גייט-אַוועק. די „פּאַראייניקטע״ האָבען געוואָלט, מ׳זאָל הערען, — איז גע-נוג געווען אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו, — צו וואָס האָט נאָך געטויגט דאָס פּויקען אין בעקענס?

פרוי קאַמינסקי האָט געהאַט עטלעכע מאָמענטען, ווען זי איז געווען די אַלטע באַקאַנטע אסתר-רחל, — איבערהויפט אין דריטען אַקט, וועלכער איז דער בעסטער אין גאַנצען שטיק. זייער שיין איז געווען די סצענע פון שיידען זיך מיט ווילי.

ה׳ סיעראָצקי, אַלס איר מאַן, איז געווען אַנ׳עכטער אַמע־ריקאַנער — געשאַפען אַ לעבעדיקען טיפּ.

דער פיינפילענדיקער ליבערט האָט זיך אַליין טיף אַדורכגענומען מיט דער ראָלע פון אַלטען יידען, און אין ערשטען אַקט, — איינגעהילט אין טלית, האָט ער פאָרגעשטעלט אַ מאָלעריש בילד.

ה׳ קרויזע איז אַ נוצלעכער אַקטאָר, אָבער אַפ׳ן אַמפּלואַ פון רעזאָנער דאַרף ער נאָך אַ סך אַרבעטען איבער זיך. אַלס מייק — צו־פיל פּאַטאָס, און ווייניק באַוווסטזיניקייט פון די אייגענע רייד.

פרוי יערמאָלינע און ה׳ בערמאַן אַפ׳ן אָרט.

[„אונדזער לעבען“ 1909, נ״ג 110—108].

# „מירעלע אפרת" אין פעטערבורג.

אָפּגעזונדערט פון ייִדישען תחום, פילט זיך דאָס היגע יודענטום שטענדיק עלענט, בענקט נאָך אַ ייִדישער ספערע, גאַרט צו הערען אַ ייִדיש וואָרט. דאָס קומען פון אַ ייִדישער טרופּע איז תמיד אַ גרויסער יום־טוב פאַר אַלע קרייזען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער רעזידענץ. איך געדענק — מיט 4 יאָר צוריק, ווען אַהער איז געקומען ספּיוואַקאָווסקי מיט אַ שונדרעפּערטואַר, איז מען אויך געלאָפען ווי אַף וואונדער. בײַ זייער טײַערע פרײַזען — 4 מיט אַ האַלבען ביז 5 מיט אַ האַלבען רובל אַ שטול אין ערשטער צײַל — איז דאָס טעאַטער זייער אָפט געווען איבערפולט איבער די ברעגעס. און אַ מאָדנע באַקוועמע וואַרעמקייט, אַ מאָדנע האַרציקע באַגײַסטערונג האָט געשוועבט איבער'ן זאַל: אַנ'אילוזיע פון היימישען ווינקעל האָבען די צושויער דאָ געהאַט און זיך געקוויקט מיט דעם פאַרדאָרבענעם, דײַטשמערישען זשאַרגאָן, וואָס האָט געקלונגען אין זייערע אויערען, ווי אַ זיס ליד פון די ווײַטע קינדעריאָרען...

נאָך די פּאַראַיאָריקע גאַסטראָלען פון קאַמינסקיס טרופּע איז די ליבע צום ייִדישען טעאַטער הי געוואָרען נאָך שטאַרקער. די ייִדישע בינע איז פאַר די פּעטערבורגער ייִדען איצט שוין נישט נאָר אַ קוואַל, פון וועלכען זיי שטילען זייער אינסטינקטען נאַציאָנאַלישען סענטימענט: זי נערט זייער נאַציאָנאַלישען שטאָלץ. פאַר אַ יאָרען איז אונדזער סצענע פייערליך אָנערקענט געוואָרען דורך די פאָרשטייער פון דער רוסישער דראַמאַטישער קונסט און קריטיק, און איז אָפיציעל אַרײַנגעטרעטען אין דער משפחה פון די קולטורעלישע איראָפּעישע סצענעס. קריסטען — אַקטאָרען, שריפטשטעלער און גלאַט אינטעליגענטען — זענען געגאַנגען זען רחל קאַמינסקי און האָבען איר געגעבען דעמזעלביקען נאָמען, מיט וועלכען נאָך דער וואַרשעווער „וועג" האָט זי געקרײַנט, — „ייִדישע דוזע". און גאָרדין, וועלכען נאָר אַ פוילער זידעלט הײַנט נישט אין דער ייִדישער גאַס, איז געפּעלען געוואָרען אַלס קלוגער און געניטער דראַמאַטורג, פּראַכטפולער קענער פון דער סצענע און צאַרטער פּסיכאָלאָג. באַזונדערס האָט אויסגענומען זײַן „מירעלע אפרת",

וועלכע איז איבערזעצט געוואָרען אַף רוסיש, דרוקט זיך איצט אין פאַרלאַג „טיעאַטר אי איסקוסטוואָ“ און וועט אינגיכען אויפגעפירט ווערען אין איינעם פון די היגע רוסישע טעאַטערס.

קורץ: די יידישע בינע ווערט איצט געשעצט הי, אַלס איינע פון אונדזערע נאַציאָנאַל-קולטורעלישע גיטער.

מיט אומגעדולד האָט די גאַנצע יידישע קהלה געוואַרט, ווען וועט די ער טע אונדזערע ליטעראַריש-דראַמאַטישע טרופּע נאָכאַמאָל קומען אַהער. איך קען היזער, ווו די פרויען האָבען זיך באַציי־טענס געמאַכט קניפּלעך, כדי צו קאָנען באַזוכען אַלע ספּעקטאַק־לען פון דער טרופּע.

נעכטען—מאָנטיק— איז פאָרגעקומען דער ערשטער ספּעקטאַקל אין טעאטער פון פרוי קאָמיסאַרזשעווסקאַ. דעמזעלביקען אָוונט איז אין די קאָלאָסאַלע זאַלען פון „דוואָריאַנסקאָיע סאָבראַניע“ גע־ווען דער גראַנדיעזישער יערלעכער באַל פון דער חברה „מפיצי השכלה“, וועלכער איז אָפגעלייגט געוואָרען צוליב'ן באַראָן גינצ־בורגס טויט, און אַף וועלכען מ'האָט נאָך מיט אַ חודש צוריק פו־נאַנדערגעטיילט די בילעטען. נישט קוקענדיק דערויף, איז דאָס טע־אַטער געווען פול, און דאָס פובליקום — די סמעטענע פון דער היגער אינטעליגענץ — האָט הייס באַגעגענט זיין ליבלינג, רחל קאַמינסקי.

געגאַנגען איז „מירעלע אפרת“.

באַ אונדז איז איצט אַ מאָדע צו שרייען, אַז גאָרדין איז „אַמעריקאַניש“, און זיינע פּיעסען — שונד, לייכטפאַרגרימירטער מיט ליטעראַרישע פאַרבען. נאָר די שאָלעכץ איז אין זיי ליטעראַריש, דער קערן — פויל, און דער אָנשטעל אַף ליטעראַטור איז „געפערלעך“, ווייל ער פאַרדאַרבט דעם געשמאַק פון פובליקום. איך זע אין די געשרייען נאָך איינעם פון די פיל אויסדריקען פון אונדזער אויבער־פלעכלעכקייט. מענטשען מיט גראָשעדיקער בילדונג און צווייפעלדיקער קולטור, מענטשען אָהן געוווינהייט צו ערנסטען דענקען און אָהן אַ היסטאָרישען בליק, געבען אונדזערע היימישע קריטיקער זיך נישט די מי, זיך אַליין קלאָר-צו-מאַכען די דערשיינונג, וועגען וועלכער זיי שרייבען, און ווייסען אויך נישט, ווי צו אַכטען די ווייניקע אַרבעטער, וואָס אַקערען און באַפרוכטען דאָס אָרעמע פעלד פון אונדזער געגענוואַרטיקען קולטורעלישען לעבען.

מ'מוז מודה־זיין: גאָרדין האָט אָנגעשריבען אַ סך שוואַכע פּיעסען; זיין „יידישער קעניג ליר" און „געבּרידער לוריע", למשל, זענען נידעריקער פון יעדער קריטיק. אָבער וועגען אַ שריפטשטעלער דאַרף מען דאָך אורטיילען נישט פון זיינע שוואַכע ווערק, נאָר פון די בעסטע, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין היסטאָרישער ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם געביט, אין וועלכען ער אַרבּעט.

און ווער וועט לייקענען אין דער היסטאָרישער ראָלע, וואָס גאָרדין האָט שוין אָפּגעשפּילט אין דער געשיכטע פון יידישען טעאַטער?

ווען די יידישע בינע האָט נאָך נישט עקזיסטירט, איז געקו־מען גאָלדפאַדען, האָט צונויפגעשטעלט אַ טרופּע און גענומען אויפפירען זיינע „שמענדריק", „שפּרינצע די אַדעסער מעקלערין", „חפני און פנחס" א. ד. ג.. שטעלט אייך פאָר, אַז דעמעלט וואָלט אַרויסגעשפּרונגען עפּעס אַ חכם פון דער מה נשתנה און אָנגעהויבען שרייען: „געוואַלט, יידען, גאָלדפאַדען פאַרדאַרבט דעם געשמאַק פון יידישען טעאַטערפּובליקום!" דערויף וואָלט מען געוויס געענטפערט: „ר' ייד, גאָט איז מיט אייך! ווו האָט איר אַ יידיש טעאַטערפּובלי־קום?! איר רעדט וועגען געשמאַק פון דעם סוביעקט, וועלכער דאַרף ערשט אַמאָל געבּוירען ווערען! מיט זיין שונד טוט גאָלדפאַדען איצט ערשט שאַפען אַ פּובּליקום פאַר'ן יידישען טעאַטער!"

דעמזעלביקען ענטפער קאָן מען געבען גאָרדינס קריטיקער: „וועגען וואָסער געשמאַק רעדט איר? אויב דאָס יידישע פּובליקום האָט אַ שטיקעל געשמאַק, האָט ער דאָך זיך אויסגעבילדט אונטער גאָרדינס איינפלוס! דאָס האָט דאָך ער, גאָרדין, דער ערשטער אַ טויטשלאָג געגעבען דעם אַלטען רעפּערטואַר; דאָס האָט דאָך ער, גאָרדין, געבראַכט דער יידישער בינע די ערשטע ליטעראַרישע פּיעסען, און אָט אַף די פּיעסען זענען דאָך אויסגעוואַקסען איבער נאַכט אַ דער ערנסטער יידישער אַרטיסט, אי דער ערנסטער יידישער טעאַטערבאַזוכער... דאָס ליטעראַרישע געשמאַק, וועל־כעס מ'קאָן געפינען אין ביסעל יידישען טעאַטערפּובּליקום, איז איין גאָרדינס אַרבעט, זיין פאַרדינסט און זיין רום!"

אמת, אַרום דעם יידישען טעאַטער האָט זיך ביסלעכווייס אויס־געבילדט אַ קליינע גרופּע באַזוכער, מייסטענס—אינטעליגענטען, וועל־

כע זענען שוין איבערגעוואַקסען גאָרדינס רעפּערטואַר, און גאַרען נאָך עפּעס סובטעלישערעס, פיינערעס, דינערעס, אָבער דאָס פֿאַרקלענערט גאָר נישט דעם ווערט פון גאָרדינס פּיעסען און זיין גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער בינע.

אַזאַ שטיק ווי „מירעלע אפרת“ וועט נאָך לאַנג, אָ, זייער לאַנג, פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין אונדזער רעפּערטואַר, און אַפילו די ליבהאָבער פֿון העכערער קונסט וועלען מיט פֿאַרגעניגען פֿאַרברענגען דעם אָוונט אַף דער פֿאָרשטעלונג פון „מירעלע אפרת“.

יעדעס פֿאָלק האָט זיך זיינע גרויסע גייסטער. אַ טייל זענען — געניאַלישע קינסטלער, טאַלענטפולע כללטוער. אַנדערע — בלויז שטילע מענטשען, וואָס זייער טעטיקייט גייט נישט אַרויס פון די פֿיר ווענט פון זייער קליין ווינקעלע. אַזעלכע שטילע מענטשען זענען פֿאַר דער קליינער אַרומיקער סביבה אַ לעבעדיקער קוואַל פֿון קלאָרען פֿאַרשטאַנד, ווייכען טאַקט, האַרציקער גוטסקייט, ריינעם שטאָלץ און דערהויבענער פעסטקייט. גלאַט ווי אַ שפּיגעל איז די פֿלאַך פֿון זייער מאָראַלישען לעבען, גלייך ווי אַ סטרונע דאָס שנירעל פון זייערע טאַטען, האַרמאָניש ווי אַן אַקאָרד פֿון אַ האַרף איז זייער האַנדלונג אין אַלע פראַגען און אין אַלע פאַלען, מיט וועלכע ס׳איז אַזוי רייך דאָס לעבען. און אַ צירונג זענען זיי פאַר דער סביבה, וועלכע באַשאַפט זיי.

„ברײַנדעלע־קאָזאַק“ — דאָס איז דער פאָלקסטימלעכער נאָמען פון דער יידישער אשת־חיל. מירעלע אפרת — דאָס איז דער טיפער ליטעראַרישער טיפּ, אין וועלכען דער קינסטלער, דער פראַכטפולער קענער פון יידישען לעבענסשטייגער, האָט פאַרקערפּערט די „ברײַנדעלע־קאָזאַק“. אַ פּערעל פון קונסט איז דאָס, ווייל פֿון זעלטען ריינע, איידעלע, גייסטיק־אַריסטאָקראַטישע ליניעס איז זי אויסגעוועבט. נאָר זייער אַלטע פעלקער קאָנען אַרויסגעבען אַזעלכע שיינע, טיף־מענטשלעכע גייסטער.

די אויסערגעוויינלעכע ענערגיע פון מירעלע אפרת, איר מיניסטאָרישער קאָפּ, איר פֿאַראַכטונג צו אַלעם קליינלעכען, שמוציקען, נאַרישען; איר געטלעכע זעלבסטאויפּאָפּערונג, קלאַסישער טאַקט און אומדערשיטערלעכע פעסטקייק אין אַלע באַשלוסען; דערביי — דאָס ווייכע ווייבלעכע, טיף־פֿילענדיקע האַרץ, די ברייטע האַנט, אַנטפינדלעכע ווירדיקייט, אַריסטאָקראַטיע פון געדאַנק, וואָרט און

גאַניערע — דאָס אַלץ איז אַזוי דערהויבען, אַזוי שיין, אַזוי שטאָלץ, אַזוי אינטים-יידיש. מ'זאָגט, אַז „מירעלע אפרת" איז נאָכגעאַהמט שעקספּירס „קעניג ליר". מ'זאָגט: מירעלע אפרת איז די יידישע קעניגין ליר. איך געפין דאָס נישט. מירעלע אפרת איז קליגער, טיפער און שטאַרקער פון קעניג ליר, זאַנפטיקער אין דער פסיכיק, שענער אין די לעבענספאָרמען... מירעלע אפרת איז אַ פולקאָם אָריגינעלישע קרעאַציע.

נאַציאָנאַל-יידיש נאָכ'ן גייסט, איז מירעלע אפרת נאָך די אויסערלעכע אַקסעסואַרען פון איר לעבען און טעטיקייט אַ כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייערין פון איין באַשטימטער עפּאָכע אין אונדזער לעבענסשטייגער. זי פאַרקערפּערט די שענצטע שטריכען פון דער אַלטער פאָרמאַציע פון יידישען לעבען אין רוסלאַנד, פון דער פאָרמאַציע, וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצען אָפּגעשטאָרבען און גוססט נאָך ערגעץ אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך אַף דער פּראָווינץ. מירעלע אפרת איז אַנ'אידעאַלישע פאַרטרעטערין פון דעם אַלטמאָדישען יידישען גבירישען לעבען, וועלכעס שלום-עליכם שילדערט אין „סטעמפּעניו", אין די „מעשות פאַר יידישע קינדער". דאָס לעבען האָט זיך געהאַט זיין שיינעם אַריסטאָקראַטישען גייסט, וועלכער האָט זיך געפונען אַ גלענצענדיקען אויסדרוק אין דער אויסערלעכער קולטור פון מירעלע אפרת.

רחל קאַמינסקי איז נאָר אַביסעל ווייניק מאַיעסטעטיש פאַר דער ראָלע. איך האַלט נישט, ווי די היגע רעצענזענטען, אַז דאָס איז איר בעסטע ראָלע. פאַר דער ראָלע איז אונדזער רחל צו מאָדערען-באַוועגלעך. זי שפּילט, אָבער, געניאַליש! דער סוד פון רחל קאַמינסקיס קראַפט באַשטייט אין דעם, אַז זי געפינט יעדע ראָלע אין זיך. זי דאַרף זי נישט אויסטראַכטען פון קאָפּ, זי דאַרף נישט באַקלערען יעדע באַוועגונג באַזונדער, זי דאַרף נישט באַשאַפען דעם טיפּ, זי דאַרף נישט אַרבעטען איבער אים. ער דרימעלט אין איר נשמה אַלס מעגלעכקייט. בעסער — אַ סך לעבענס טראָגט אין איר ברוסט רחל קאַמינסקי. זי וואָלט אַליין געקאָנט זיין אַנ'עטיע („קרייצערסאָנאַטע"), אַ כאַשע („די יתומה") אַ מירעלע אפרת. און נעמט זי איינע פון די ראָלען — ווערט קאַמינסקי אַף אַנ'אָוועגט פאַרשוואונדען, בעסער — פון דער קאַמינסקי וואַקסט אַרויס פאַר אונדזערע אויגען אַ כאַשע, אַ מירעלע אפרת

און לעבט־דורך אַף דער בינע אַ שטיק פֿון איר לעבן אָדער דאָס גאַנצע לעבן...

דערבײַ איז די שפּיל זײער סובטעליש, רײַך אין דינע ניואַנסען, — פֿיליגראַניש.

אַן׳אוצר פֿאַר אונדזער בינע איז דאָס פּאָרעל ווײַסמאַן־יערמאָלינע... ווײַסמאַן — אַ לעבעדיקער טביה דער מילכיקער, יערמאָלינע — אַ געבוירענע שײנע־שײנדעל, — ד. ה. צוויי נאַציאָנאַל־יידישע טיפּען. דערפֿאַר, ווײַסמאַן אַ ליכטיקער, אָפּטימיסטישער, גוטהאַרציקער קאָמיקער. יערמאָלינע — אַ מרה־שחורהניצע, די יידישע קלאָגפֿרוי מיט איר פּעסימיזם און נישטגעצערלעכע זלזולים.

זײער שפּיל אין די ראָלען פֿון מירעלעס מחותנים איז אַ קאָנצערט פֿון נישטגעקינסטעלטען, כאַראַקטעריסטישען יידישען הומאָר. בײדע פֿאַרמאָגען דערבײַ — געפֿיל פֿון מאָס און גרויסע אינטויציע, און דאָס מאַכט זײ פֿאַר ערנסטע אַרטיסטען.

ה׳ ליבערט איז, ווי שטענדיק, זײער גוט אין דער ראָלע פֿון זלמן, כאָטש די ראָלע גיט אים נישט די מעגלעכקײט צו אַנטוויקלען זײַן געוואַלטיקען טעמפּעראַמענט.

אַפֿ׳ן אָרט איז ה׳ סיעראָצקי אַלס יוסעלע. זײַן שפּיל איז זײער ווייך, סובטעליש, ווירדיק און אַדורכדרונגען מיט אַ האַרציקען סענטימענט.

גוט איז געווען ה׳ זשעלאַזע, אַלס דאָניע, און פֿולקאָם באַפֿרידיגענדיק פֿרײַלײן אײדעלמאַן, אַלס די שנור. די אַרטיסטקע מאַכט באַטײַטעוודיקע פּאָרטשריטען. אַ גרויסען פּאָרטשריט האָט אויך געמאַכט די לעצטע צײַט פֿרוי בערטעל־ליבערט, וועלכע האָט מיט טאַקט און געפֿיל אַדורכגעפֿירט די שווערע ראָלע פֿון מחלה. מיר האָבען געזען אַף דער בינע אַ טרײַע, איבערגעבענע, אַלטמאָדישע יידישע דינסט, וועלכע איז אין גרונט אַ ייִנגערער מיטגליד פֿון דער משפּחה.

אַן׳אָנגענעם בײַעס פֿאַר דער יידישער בינע איז דער סופֿלער, ה׳ פּרידמאַן, וועלכען מהערט נישט אַפילו אין דער ערשטער רײ!

[„אונדזער לעבן“ 1909].

# „מירעלע אפרת“ אין וואַרשע.

מירעלע אפרת איז נישט בלויז אַ „בריינדעלע קאָזאַק“, אַ יידענע אַנ׳„אשת חיל“, אַ ווייבעל אַ „בריה“. אירע סוחרישע טאַלענטען פאַרנעמען טאַקע אַנ׳אָנגעזעען אָרט אין ספור־המעשה פון דער פיעסע. אָבער ווער ס׳קוקט זיך בעסער צו, מוז באַמערקען, אַז נישט דאָס איז אין שטיק דער עיקר.

אַ קליין סצענקעלע בעת יאָסעלעס חופה:

שלמון: „דער בעל־הבית דאָ וויל פאַרקויפען פיר טויזענט פוד פלאַקס“.

מירעלע: „דאָ אַפ׳ן פלאַץ קויף איך נישט, נאָר מיט׳ן צושטעלען קיין ריגע“.

גאַנץ עפעקטיש, — אָבער דער פעסטער שטעל פון אַ געאיבטען קאָמערסאַנט איז, סוף־כל־סוף, ווייניק כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פרוי.

ס׳גאַנצע האַנדלען פון מירעלע אפרת, אין די וויכטיקערע מאָמענטען פון איר לעבען, איז גאָר נישט פון אַ „בריינדעלע קאָזאַק“.

אַ פּראָסטע „אשת־חיל“ וואָלט נישט אַרויסגעלאָזט די שליסלען פון דער האַנט, די עלעמענטאַרישע פּראַקטישע לאָגיק וואָלט זי אָפּגעהאַלטען פון אַזאַ ריזיקאַלישען שריט. ווי גיט מען עס איבער אַ גרויס געשעפט צוויי אומדערפאַרענע יינגלעך?

אַ ווייבעל אַ „בריה“ וואָלט אויך נישט געקומען דערצו, זי זאָל אַף דער עלטער דאַרפען איבערגיין אַף בעטעלברויט צו איר געוועזענעם „פּריקאַזטשיק“. — אין ביידער אויסגעשריי מירעלעס איז געוועען געגוג, דער פאַרדאָרבענער דאַניע זאָל אָהן אַ שום פּראָטעסט אָפּגעבען דעם טייסטער, וועלכען ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון שיינדעלעס הענט... אין האַרב וואָרט דער שוויגערס, — און שיינדעלע איז שוין גרייט אומצוקערען דאָס צירונג, וואָס זי האָט אַרויסגעגנבעט פון דער שקאַטולע... כ׳מיין, מירעלע זאָל געוועען וועלען, וואָלט איר גאָרנישט שווער אָנגעקומען צו פועלען, מ׳זאָל איר צוריקגעבען די שליסלען פון גאַנצען פאַרמעגען...

דאָס גאַנצע, פון סוחריש־בעל־הביתישען שטאַנדפונקט נישט לאָגישע האַנדלען פון מירעלע אפרת, אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגען אַ טיפען, שיינעם גייסט, אַנ׳איידעלע, אַריסטאָקראַטישע נאַטור.

ס׳איז אַ שטאַרקער מענטש, וואָס דערשרעקט זיך נישט פאַר די לעבענסמלחמות. ווען דער מאַן איז „געשטאָרבען פון יסורים און שאַנד, ווייל ער האָט געמוזט באַנקראָטירען״, האָט די יונגע אַלמנה באַוויזען, מיט אייגענע כחות „צו רעטען זיין נאָמען״, — „אַלע זיינע שולדען האָט זי באַצאָלט, אַ רובל פאַר אַ רובל״, און געטון אַלץ, „אַז דאָס הויז פון שלמהלע אפרת זאָל זיך פירען, ווי פריער״, די יתומים דערצויגען „ווי עס פאַסט פאַר אפרתעס קינדער, מיט לערערס, מיט מוזיקפראָפעסאָרען, מיט אַלע ווילטיקען״... אָבער אַנ׳אמתע העלדין איז די פרוי דערמיט, וואָס אין שווערען קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט די איינגעבוירענע ריינקייט פון הארץ תמיד זי געהאַלטען אַף דער הייך, ווו אַף די ווייסע פליגעל האָט קיין שטויבעלע זיך נישט געקאָנט זעצען.

מירעלע אפרת גיט איינגאַנצען אַ ציטער, ווען נחומצע חנה־דבורהס וואַרפט אַוועק דאָס שוועבעלע אַף דער פאָדלאָגע. — „מ׳דאַרף נישט וואַרפען קיין שמוץ אַרום זיך!״ — זאָגט זי. דאָס איז נישט קיין פעדאַנטיזם. אין דעם פינטעלע שפיגעלט זיך נאָר אָפּ די אַלגעמיינע צ י כ ט י ק י י ט, וואָס איז דער גרונטשטריך פון דער־דאָזיקער פרוי, אַלס כאַראַקטער, אַלס פערזענלעכקייט.

אַ שטילען טעמפעל פון דערהויבענער גייסטיקער אויסגעלייטערטקייט טראָגט מירעלע אין איר ברוסט, און אַנטלויפט פאַר אַלץ, וואָס קאָן באַפלעקען אירע איגנערלעכע הייליקטימער.

זי גיט־איבער דאָס פאַרמעג, ווייל זי פילט זיך אומפעיק צו קעמפען מיט׳ן געמיינקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר הויז.

— „איך האָב נישט געמיינט, אַז פאַר אַזאַ נאַרישקייט, ווו עס זאָל שטיין אַ בענקעל, וועלען מיר זיך דאַרפען קריגען״, — זאָגט שיינדעלע, און מירעלען רונצלען די ווערטער: „קריגען זיך! הם! קריגען זיך, קריגען זיך״... חזרט זי איבער מיט פאַראַכטונג.

זי קען זיך נישט קריגען, און וויל זיך נישט קריגען.

צו איידעל, צו שטאָלץ איז זי דערצו.

אין איר רעדט אויך די מוטערליבע. יעקב גאָרדין האָט פיל טיפער ווי דוד פינסקי אויפגעפאַסט די פסיכאָלאָגיע פון אַ מוטער. טיפער: — דראַמאַטישער און מענטשלעכער.

מירעלע אפרת קען געוועלטיקען איבער די קינדער מיט מאָ־

ראַליִשען אויטאָריִטעט. מוז מען שוין לאָזען איִן די אַרבעט דעם שטעקען, בייגט זי בעסער אָן דעם קאָפּ: „לאָז מײַנס איִבער־גייִן“... אַפילו איִן מוטערליִבע קען מען בלײַבען אַריִסטאָקראַט פון גײַסט.

— „מײַן גליק איִז — איִר זאָלט זיך פּילען גליקליכער, און מײַן צופריִדענקייִט איִז — איִר זאָלט צופריִדען זײַן“, — מיִט די ווערטער רוקט זיך מיִרעלע אָפּ פון געשעפט...

זי וואָלט אפשר געקענט צווינגען יאָסעלען צו אַ גט מיִט׳ן ווײַב, וואָס האָט דעמאָראַליִזיִרט די גאַנצע שטוב, — אָבער זי האָט דאָס ניִשט געטון:

— „אַ גאַנצער פּאָלק אַזעלכע שניִרען־בריות, ווי דו, וואָלטען מיִך ניִשט פאַרטריִבען און וואָלטען באַ מיִר ניִשט אויסגעפּיִרט די קלענצטע זאַך, ווען עס זאָל גייִן נאָר איִן עקשנות. אָבער, פאַר־שטייִסטו מיִך, דאָ האָט זיך געהאַנדעלט, ווערמענס לעבען זאָל צו־בראָכען ווערען: מײַן לעבען, אָדער יאָסעלעס? איִך האָב אָפּגע־טרעטען, ווײַל, דו פאַרשטייִסט, איִך האָב יאָסעלען ליִב. —

געוואַלטיִקע זעלבסטאָפּפערונג, וואָס האַרמאָניִרט אַזוי מיִט׳ן גאַנצען אָנבליִק פון מיִרעלע אפרת, אַלס פאַרקערפּערונג פון איִדעאַליִשער רייִנקייִט.

אַמוויִכטיִקסטען איִז, אָבער, פאַר׳ן גײַסטיִקען פאָרטרעט פון דער פרוי, אַז באַ איִר אומענדלעכע צוגעבונדענקייִט צו די קיִנדער, טרעט זי ניִשט איִבער די גרענעץ, נאָך וועלכער זעלבסטאָפּפערונג נעמט שוין אָן ניִשט עסטעטיִשע, בהמהשע פאָרמען. אויך איִן זעלבסטאָפּפערונג טאָר די פרוי ניִשט פאַרגעסען איִר מענטשענוויִרדע.

די זעלבסטאָפּפערונג קען באַוועגען מיִרעלע אפרת, איִן אַלץ נאָכצוגעבען דער שנור, אָבער ס׳געפּיל פון מענטשלעכער זעלבסט־וויִרדע לאָזט זי ניִשט פאַרבלײַבען אַף ווײַטער איִן איִיגענעם הויז:

— „גענוג! איִך וויל ניִשט, איִך קען ניִשט, איִך דאַרף ניִשט מער דולדען! מיִרעלע אפרת איִז נאָך ניִשט אַזוי אַראָפּגעפאַלען באַ זיך, זי זאָל דערלויבען, יעדען טאָג זאָל מען זי טרעטען מיִט די פיִס!.. קיִנדערליִבע און געפיִלען פון אַ מוטער האָבען אויך אַ מאָס און אַ גרענעץ“...

אייִנס וואָלט זי נאָך געקאָנט אָפּהאַלטען פון דעם שריִט: די בושה פאַר מענטשען.

זאָגט איר, אָבער, דער איניקסטער אַריסטאָקראַטישער אינסטינקט אונטער אויך די גרענעץ צווישן באַרעכטיקטער און פאַלשער בושה.

— די ווונדען פון מיין האַרצען וויל איך נישט אויפדעקען פאַר פרעמדע! — זאָגט זי שטאָלץ פאַר׳ן אַוועקגיין, מיט געוואַלט איינהאַלטענדיק די טרערען, וואָס שטיקען זי. דאָס איז די הייליקע שעמעוודיקייט פון פיינפילענדיקע נאַטורען, וואָס באַהאַלטען אייפערזיכטיק די אינטימע ווינקעלעך פון זייער איניקסטען לעבען פאַר׳ן קאַלטען בליק פון זייטיקע מענטשען. מירעלע אָנערקענט, אָבער, נישט די אויבערפלעכלעכע, צבועדיקע שעמעוודיקייט, וועלכע צווינגט קליינלעכע נאַטורען, די שענדלעכסטע מעשים צו פאַרדעקען אונטער דער מאַסקע פון אויסערלעכער אָנשטענדיקייט:

— „איך גיי — זאָל די גאַנצע וועלט וויסען דעם אמת... באַהאַלטען די שאַנד, וואָס איז שוין געשען, נאַרען די וועלט און זאָגען ליגען? ניין! דאָס איז געווען פון מיר אַ שוואַכקייט... שענדלעכס עקזיסטירט נאָר דערפאַר, ווייל מ׳פאַרלייקענט עס“...

---

מירעלע אפרת, אַלס טיפ, איז אויך די אידייע פון דער פיעסע.

אַריסטאָקראַטיש־אידעלער און ריינער מענטשענגייסט, ווייטער פון קליינלעכקייט און צביעות, — דאָס איז גאָרדינס אידעאַל.

ווער עס איז נעענטער באַקאַנט מיט יעקב גאָרדין, אַלס פערזענלעכקייט, אַלס כללטוער, אַלס דענקער און מאָראַליסט, — דער ווייסט, אַז מירעלע אפרת — איז דער פאַרשטאָרבענער דראַמאַטורג אַליין.

אַזאַ איינהייטלעכער, פסיכאָלאָגיש־טיפער, גייסטיק־ליכטיקער טיפ — איז געווען גאָר אַ נייעס פאַר דער יידישער בינע, ווי אויך בערהויפט די אידייען, וועלכע מירעלע אפרת פאַרקערפערט אין זיך און אין איר האַנדלונג.

פאַר דעם ביסעל נייעס, פאַר דעם שריט פאָרווערטס מעגען גאָרדינען געשענקט ווערען די חסרונות פון זיין פיעסע, וועלכער ס׳פעלט די סובטעלישערע ליטעראַרישע באַאַרבעטונג.

דער „אל־מלא־רחמים“ צום סוף פון ערשטען אַקט איז טאַקע גאַנץ עפעקטיש, אָבער צו שרייענדיק.

נחמצע חנה־דבורהס וואָלט געמעגט זיין נישט אַזאַ קוני־לע־מעלישע פיגור.

מחלה איז אַ בלאַסער שאָטען. ווינט צו פיל.

די פּערזאָנען רעדען צו זיך אַליין — אַ גאַנץ פּרימיטיווישער מנהג.

שלמונס קונץ מיט די קלוימערשטע צדקהחברות — צו גראָב.

די פוטערווייכע צוויי בילדער, — אויב נישט דער גאַנצער פערדער אַקט, — לגמרי איבעריק.

די חסרונות, וואָס זענען נישט מער ווי מעשה־אָנפענגער און אַביסעל רעזולטאַט פון איילעניש, קענען, אָבער, ווי געזאָגט, נישט פאַרטונקלען דעם גאָלדענעם גלאַנץ, וועלכער איז אויסגעגאָסען אַף דער פּיעסע. אין איר שפּירט זיך דער ריינער אָטעם פון אַ שטאַר־קער פּערזענלעכקייט, דער צאַרטער דופט פון אַ גרויסען טאַלענט.

נישט אומזיסט האָט „מירעלע אפרת“ אַזאַ געוואַלטיקען דער־פאָלג אַף דער רוסישער סצענע. אין מאָסקווע — האָט מען מיר דערציילט — איז אַף דער פּופּצעטער פאַרשטעלונג נישט געווען צו קריגען אַ בילעט!

דער מחבר איז נישט געפאַרען זיך משתדל־זיין, נישט גע־חנפעט קיינעם, נישט געזוכט קיין פּראַטעקציעס: טאַלענטפולע ווערק געפינען זיך אַליין דעם וועג צו רום...

---

אין דער אויפפירונג פון די „פאַראייניקטע“ האָט זיך געפילט אַ געוויסע נישטצונויפגעשפּילטקייט: אין דער לעצטער מינוט פאַר'ן ספּעקטאַקל זענען צוויי ראָליסטען פון דער פּיעסע — פרוי יערמאָ־לינע און ה' ווייסמאַן — אָפּגעפאָרען פון װאַרשע, און מ'איז געווען געצוואונגען אַף גיך זיי פאַרטרעטען מיט אַנדערע.

זשעלאַזע, אַלס נחומצע, האָט נישט געשאַפען קיין טיפּ.

פרוי בערטעל איז אַ בעסערע מחלה, ווי אַ חנה־דבורה. — פריילין איידעלמאַן האָט פון מחלה געמאַכט עפּעס אַ שטיקעל קאַריקאַטור.

ה' קרויזע איז צו אַלט פאַר אַ דאַניע.

ווייך און באַהאַרצט איז געווען ה' סעראָצקי, אַלס יאָסעלע.

— לעבעדיק און געשליפען האָט די באַגאָבטע פריילין רעגינסקע אַדורכגעפירט די ראָלע פון שיינדעלע. — ווי שטענדיק גוט און סוב־טעליש האָט זיך געהאַלטען ה' ליבערט (שלמון).

און דיִ העלדיִן פון אָוועגט, מיִרעלע אפרת? — די אַלטבאַקאַנ־טע אסתּר רחל קאַמיִנסקיִ, — דערמיִט איִז אַלץ געזאָגט!

[„אונדזער לעבען“ נ׳ 100 פון 30. אפּריִל 1909].

# „די שבועה".

יעקב גאָרדין — דערציילט מען — האָט אין אַ משך פון 18 יאָר אָנגעשריבען בערך 80 פיעסעס.

צוויי סבות האָבען אים געשטופּט צו זיין אַזוי אויסערגעוויינליך פּרודוקטיבאַר.

ראשית, האָט ער געלעבט פון דער פּען, און אַ יידישער קינסטלער, אַז ער וויל לעבען פון דער פּען, מעג ער פאַרגעסען אָן דעם גאָלדענעם חלום פון פרייער שאַפונג. די ניויאָרקער אַנטרעפּענערס האָבען געמאַכט פון ערשטען יידישען דראַמאַטורגס אַרבעטצימער אַן עכט אַמעריקאַנישען „שאַפּ", אין וועלכען דער רעפּאָרמאַטאָר פון אונדזער בינע האָט געמוזט אַדורכגיין אַלע „שבעה מדורי גיהנום" פון „שוויצסיסטעם".

אויסער דאגת־פּרנסה איז, אָבער, געווען נאָך אַ מאָטיוו, אַ העכערער, אַ הייליקער, וואָס האָט געגעבען דעם מחבר פון „מירעלע אפרת" כח און מוט, אַזאַ לאַנגע צייט צו טראָגען דעם יאָך פון קנעכטשאַפט באַ די עם־ארצישע שפּעקולאַנטען: דאָס באַוווסטזיין פון דער היסטאָרישער מיסיע, וואָס ס'איז באַשערט געווען, אַף זיינע שטאַרקע פּלייצעס זאָל זי זיך לייגען, האָט מיט איינביקע קייטען אים צוגעשמידט צו די ברעטער פון דעם באַלאַגאַן, אין וועלכען ער האָט דער ערשטער פאַרפלאַנצט די קונסט.

קומענדיק קיין אַמעריקע, איז יעקב גאָרדין געווען צובראָכען פון דער מאָראַלישער קאַטאַסטראָפע, וועלכע ער האָט געליטען אין רוסלאַנד אַלס גרינדער פון דער אומגליקלעכער סעקטע. ווען ער האָט דערשפּירט, אַז די יידישע בינע איז דאָס פעלד, וועלכעס ער קאָן באַפרוכטען מיט דעם התלהבות פון זיין רייכבאַגאָבטען גייסט, אַז דאָ ליגט זיין אמתער באַרוף אַלס פרייריקער פון סאָציאַלישער און עטישער ריינקייט, האָט אַ ניי לעבען אָנגעהויבען צו שטראָמען אין זיינע אָדערען, און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פלאַמיקער נאַטור האָט ער זיך אַ וואָרף־געטון צו דער גרויסער אַרבעט.

איין שטאַרקער מענטש האָט אַראָפּגעטריבען פון דעם פעלד די טשאַטע שאַקאַלען, וואָס לעבען פון דעם המונס גראָבען געשמאַק און נידעריקע אינסטינקטען ... אַן איינגענומענע פעסטונג דאַרף מען, אָבער, קענען איינהאַלטען. און דאָ האָט יעקב גאָרדין פון

קיין שום זייט הילף נישט געזען, „אַרום זיך נאָר אומוויסענקייט, קנאה, שנאה, און פאַרדראָס" (זיין אייגענער אויסדרוק) באַגעגענט.

„איינער איז קיינער", — זאָגט דאָס שפּריכוואָרט. דער פאַר־שטאָרבענער דראַמאַטורג האָט נישט אָנערקענט דעם כּלל. — „מיט אַ טעמפּעראַמענט, ווי זיינעם — זאָגט מאָריס ווינטשעווסקי, — וואָגט מען ווייט, קלעטערט מען הויך, לאָזט מען זיך אַרונטער טיף, שפּילט מען מיט אַזעלכע סטאַווקעס, אַז דאָס לעבען ווערט געשטעלט אין קאָן, און מען פאַראַכט די געפאַרען"... און דער פאַנאַטיקער, וואָס איז פעיִק געווען 5 יאָר צו גראָבען ערד אין אַ דאָרף, האָט זיך אַליין געצוואונגען 18 יאָר צו זיין כּמעט אַליינהער־שער אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע. פאַרפולען דעם רעפּערטואַר מיט זיינע פּיעסען; 18 יאָר פאַרקערפּערען דעם וווקס פון דער יידישע דראַמע, פון וועלכער טאַקע ער האָט דעם ערשטען ווינקעלשטיין געלייגט; 18 יאָר אַ טריט נאָך אַ טריט בויען „די בריק, וואָס פירט פון באַלאַגאַן צום מוזענטעמפּעל"...

4—5 אָריגינעלישע שטיקער אַ יאָר איז, אָבער, איבער די כּחות פון דעם סאַמע באַגאָבטען שריפטשטעלער. קיין איבערצײַצוגגען האָ־בען זיינע ברויטגעבער נישט אָנגענומען. „דער קעניג ליר", „קאַבאַ־לאַ און ליבע" און אַנדערע קלאַסישע פּיעסען האָבען געמוזט פאַריידישט ווערען. דערפילענדיק די אומדאַנקבאַרישע אַרבעט, האָט גאָרדין גאַנץ שכלדיק געקלערט זיך: אַלץ בעסער, ווי „בלימעלע", ווי „שלמה גאָרגעל"!..

אויך „די שבועה" באַלאַנגט צו די פאַריידישטע שטיקער, מיט וועלכע גאָרדין האָט פאַרבאַריקאַדירט זיינע טירען פאַר די הערען לאַטיינער, הורוויץ עט קאָמפּ'.

צו אַלץ, וואָס יעקב גאָרדין האָט ווען־עס־איז פאַרגענומען, האָט ער זיך תמיד באַצויגען, ווי אַ כּהן צו דער עבודה.

אין די פרעמדע, דורך אים איבערגעאַנדערשטע, דראַמעס האָט ער אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה פונקט אַזוי, ווי אין זיינע אָריגי־נעלישע שאַפונגען. צוזאַמען מיט'ן ווקס פון זיין קינסטלערישער קולטור, איז אויך געשטיגען דער ליטעראַרישער ווערט פון זיינע פאַריידישטע שטיקער. „די שבועה" איז פאַרפאַסט אין די לעצטע יאָרען, ווען גאָרדינס טאַלענט האָט זיך אויפגעוויקעלט אין זיין גאַנ־צען גלאַנץ, און דערפאַר איז פון דייטשישען „פורמאַן הענשעל"

אַרויסגעקומען כמעט אַ זעלבסטשטענדיקע, פולקאָם יידישע דראַמע, איינס פון אונדזער פאַרעכאָרבענעם דראַמאַטורגס בעכטע ווערק.

דאָס פּראָבלעם, דער ענין, די ככעמע פון דער האַנדלונג און פון די הויפּטפיגורען, זאָגאַר די וויכטיקסטע דראַמאַטישע מאָמענטען זענען געגומען באַ הערהאַרדט הויפּטמאַן, אָבער גאָרדין האָט די געליגענע ליניעס, די בלויזע ביינער פון דער זאַך, אָנגעטון אין זיין אייגען לייב און הויט. דאָס בלוט, דער גייסט פון דעם שטיק זענען זיינע. די טיפען זענען נאָך אַלעמען — פון אייגענער פאָר-טרעטענגאַלעריי, דער שטעל פון דער האַנדלונג — לויט זיין אייגענעם שטייגער.

אָנשטאָט דעם פורמאַן הענשעל האָבען מיר די פּאָטש-טאַרקע ראָניע, — גאָרדין שילדערט תמיד שטאַרקע כאַראַקטערס גערנער אין פרויענגעשטאַלט — נאָך אַ מירעלע אפרת, נאָר פון נידעריקען גראַד, ווי די איבעריקע העלדינס זיינע — קלוג, ענערגיש, טיכטיק, דערביי נאַיוו, וויל — ריין. טרויט אַלעמען, וויל אינערלעך זיכער, אַז איטלעכער איז אַזוי אָרענטלעך ווי זי. און — ווי אַלע גאָרדינס פרויען — פאַלט אַריין צו אַ גאָרנישט און קומט אום...

איציבויש: — מיט איינציקע שטריכען — וולאַדימיר טראַכטענבערג, מיט אַנדערע — גרעגואַר פון „קרייצער-סאָנאַטע“, אָבער אינגאַנצען — אַן׳אייגענאַרטיקער טיפּ. — וויל אויך די סביבה, וועלכע ווערט דאָ פאָרגעשטעלט, איז אַן׳אייגענאַר-טיקע...

און ווי לעבעדיק, ווי זאַפטיק איז אין דער פיעסע טאַקע אָט די סביבה, דער לעבענסשטייגערישער עלעמענט. — די קליינ-רוסישע דאָרפישע לופט, די אַטמאָספערע פון אַ פאַרצייטיקער פּאָטשטסטאַנציע... אין אמתען, אַ זעלטענעם זכרון אַף דעטאַליען און אַ סך אינטויציע האָט געמוזט פאַרמאָגען דער פאַרשטאָרבענער, אויב נאָך 18 יאָר אָפּגעריסענקייט פון רוסלאַנד איז ער געווען אימשטאַנד אַזוי פאַרביק זיך אַלץ אויסצומאָלען...

האַרמאָניש, און וואָס ווייטער — אַלץ אָריגינעלישער, אַנטוויקעלט זיך די האַנדלונג נאָכ׳ן ערשטען אַקט.

אַ שיינער איינפאַל איז די סצענע פון צווייטען אַקט, ווו איציבויש פּרוווט זיך מיט אַקסלען. די אייזענקראַפט, וועלכע דער

ערשטער ווײַזט בעת־מעשה אַרויס, דאַרף אַ שטאַרקען אײַנדרוק מאַכען אַף דער צורודערטער אלמנה, וואָס געפינט זיך אין אַ קריטישען גײַסטיקען צושטאַנד; נאָכמער צוטומלען דעם קנויל געגענגעזעצטע געדאַנקען און געפילען, וואָס צורײַסען איר נשמה; נאָכמער צוטרייסלען די יסודות פון דער אַמאָליקער אינערלעכער האַרמאָניע...

נאָכ׳ן צווייטען אַקט ווערט די האַנדלונג אַלץ אָנגעשפּאַנטער און דראַמאַטישער. מיט אַ זיכערער האַנט שפּינט דער אויטאָר דעם דראַמאַטישען פּאָדעם, וואָס ברענגט אונדז דורך די לײַכטע און לעבעדיקע סצענעס, ווי אייביש זאָגט־אָפּ אַקסלען, שאַפּט זיך מיט דער שטאָלצער פּאָטשטאַרקע, שלאָגט דעם יתום א. אַ. וו., צום שרעקלעכען, אָבער אומפאַרמײַדלעכען, ווײַל פעסטמאָטיווירטען, פינאַל.

דעם צוקוקער איז קלאָר, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. איינזאַם — דאָס קינד דערטרונקען, אייביש געפינט, אַז זי איז שוין צו אַלט; באַליידיקט אין אירע איידעלסטע געפילען — דער מאַן זי אָפּגענאַרט מיט׳ן דינסטמיידעל; מיט שרעקלעכע מאָראַלישע שמערצען — דאָס גליק, צוליב וועלכען זי האָט געבראָכען די שבועה, דעם שטאַרבענדיקען ערשטען מאַן געגעבענע, איז אַוועקגעפלויגען ווי אַ רויך, און דאָס געוויסען האָט אָנגעהויבען אומדערטרעגלעך צו נאָגען, — קען דען ראָניע בלײַבען לעבען? אייביש מיט זײַנע געמיינע קאָמבינאַציעס, שכורער אָפענהאַרציקייט און גראָבער לײַכטשעצונג, צובלאָזט נאָכמער איר פאַרצווייפלונג, און אין דער לעצטער מינוט גיסט זיך די קאַטאַסטראָפע אויס אין אַ פיל גרויזאַמערער פאָרם, וועלכע איז מיט אַ רגע פריער דער אומגליקלעכער פרוי אַפילו אַפ׳ן געדאַנק נישט געקומען.

ווי אַלע גאָרדינס פּיעסעס, אַפילו די בעסטע, האָט אויך די „שבועה" פעלערען, וועלכע קומען פון אײַלעניש. איבעריקע פראַזען, ווייניק אַרומגעשליפענע מאָמענטען, איבערטריבענע אויסדריקען. ווײַל די דראַמע איז אַ שיינע, פאַרדריסט נאָכמער, — נאָר לאָז די שאַנד דערפאַר פאַלען אַף די טעאַטערדירעקטאָרס, וועלכע זענען כסדר געשטאַנען איבער׳ן פאַרשטאָרבענעם מיט דער בײַטש פון גראָבער עקספּלאָאַטאַציע, האָבען געטרעטען מיט די פיס זײַנע געפילען אַלס קינסטלער, נישט געלאָזט קיינמאָל ווי ס׳דאַרף צו זײַן אַדורכצוליינען אַפילו דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבען. פיללײַכט געדענקען די לעזער, אַז ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט איינער פון די גרויסע אַמעריקאַ־

בער „סטאַרס" זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלען דעם דעמעלט שוין שטערבלעך-קראַנקען דראַמאַטורג דעם האָנאָראַר פאַר זײַן לעצטער פּיעסע דערפאַר, וואָס ער האָט זי צוגעשטעלט מיט אַ פאַרשפּעטיגונג פון אַ פּאָר וואָכען קייגען דעם אָפּגערעדטען טערמין...

---

פרוי גורעוויטש האָט גאַנץ נישט שלעכט, מיט געוויסער עקספּרעסיע זאָגאַר, אַדורכגעפירט די ראָלע פון ראָניע דער פּאָטשטאַרקע.

אַ טיפּישע, ווי פון פעלז אויסגעהאַקטע, פיזיש-רײַכע און גײַסטיק-אָרעמע פיגור האָט געשאַפען ה' ליבערט, אַלס איציש.

נאָך איין אײַדעלע קרעאַציע, פול מיט פײַנגעפיל און קינסטלערישען טאַקט איז צוגעקומען צום רעפּערטואַר פון טיף-פילענדיקען ה' זשעלאַזע, אַלס לייבוש.

אַפ'ן אָרט איז געווען ה' ווײַסמאַן, וואָס האָט אין דער ראָלע פון „משוגענעם אַקסעל" געגעבען אַ סך פּשטות, ה' קרויזע און פּ' בערטעל.

אַגב, — אַ באַמערקונג פאַר די רעזשיסערען: ס'וואָלט נישט געשאַדט, אַז אין הינטערגרונט זאָל אין די לעצטע 2 אַקטען, אָנשטאָט דער ווײַסער פלאַכטע, קומען עפּעס אַ שטיקעל דעקאָראַציע. אויך די פּאַפּירענע „לבנה", וועלכע מ'ציט אַדורך אין פערדען אַקט אַף אַ צוקערשטריקעל, גלײַך איבער'ן קאָפּ פון די אַקטאָרען, שמעקט אַביסעל מעשה פּורימשפּיל...

[„אונדזער לעבען" נ, 291 פון 7 יאַנואַר 1910].

# „אָהן אַ היים".

אזוי הייסט יעקב גאָרדינס פּיעסע. מ'זאָגט: זיין לעצט טעאַטערשטיק.

„אָהן אַ היים" — דער מחבר האָט, קענטיק, געוואָלט, דער טיטעל זאָל קלינגען סימבאָליש.

„אָהן אַ היים" — דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון יידישען פאַמיליענלעבען אין אַמעריקע, — פון אַמעריקאַנישען לעבען בכלל. — דאָס איז אויך דער עצם פון גאַנצען יידישען לעבען.

אָהן אַ היים איז אייבי ריווקין. ער הייסט שוין „אייבי"; דאָס ווייב זיינס — אַלץ נאָך: בת־שבע. ער — שוין אַמעריקאַניזירט; זי — דיאַייגענע פרומע, קליינשטעטלדיקע יידענע. — אין שטוב, — קלאָגט ער זיך, — האָט זי די דעה: אַלס ווירטין, אַלס מוטער. ער וואָלט וועלען געבען דעם טאָן — איז ער אַ גאַנצען טאָג באַ דער אַרבעט, — און אינדערהיים טוט זיך אַלץ, ווי זי וויל. — איז אים, זאָגט ער, ענג. — דערצו איז זי קראַנק, אַלס פרויענצימער, — און דאָס שפּילט אפשר אין דער דראַמע די גרעסטע ראָלע.

אָהן אַ היים איז אויך בת־שבע. זי ליבט דעם מאַן, און ער האָט זיך פון איר דערווייטערט. צווישען זיי שטייט שוין בעסי שטיינבערג. די אייפערזוכט ברענט. די אומגליקלעכע פרוי טרוימט וועגען אַנ'אָפּעראַציע, וואָס קען זי צוריק מאַכען פאַר ווייב, נאָך אַ קינד מיט אים צו האָבען! — און אין מינוטען פון יאוש הייבט זי אָן צו פאַרפאָלגען די געשיכטע מיט שרהן און הגרען. אפשר איז דאָס דער אויסגאַנג? זי וועט דערשטיקען אין זיך די אייגענליבע, זי וועט זיך ברענגען פאַר אַנ'אָפּפער, און אין גליק פון מאַן מיט דער צווייטער וועט זי אויך איר טרייסט געפינען. — און אָט קומט זי צוריק פון דולהויז, וווהין עס האָט זי אַרייַנגעוואָרפען דעם זונס אַרעסט, און טרעפט: „אברהם" מיט „הגרען" אונטער איין דאַך, אַ זאַט באַקוועם לעבען, דער פאַרצווייפעלטער פּלאַן פאַרווירקלעכט — אָהן איר באַטייליגונג. און איר דערשייַנען רופט אַרויס אַ מהומה. פונדערווייטענס האַלט מען זיך. איבערראַשטע, צוטראָגענע, אומצופרי-

יענע פּנימער. אַפילו דער בן=יחיד, וואָס האָט זי אַמאָל אַזוי געליבט, בלייבט קאַלט, שרעקט זיך צוצוגיין. — נישטאָ פאַר שרהן קיין אָרט אין דער „אידיליע“! — אין אַ משוגעימהעמדעל פירט מען זי צוריק אַוועק.

אָהן אַ היים איז משה ווייס. די מוטער לויפט צופיל אַרום אַף מיטינגען און פאַרלעזונגען. פאַרלאָזט צום סוף דעם מאַן. דאָס יינגעל וואַקסט אָהן אַ האַנט איבער זיך, — ווערט אַ גנב, הגם אין נאַטור, איז ער אַ ווויל קינד.

אָהן אַ היים איז זיין פאָטער, דער לעקיש, — ווי אַ קאָטער פאַרליבט אין דאָס לייכטזיניקע ווייבעל און האָט ווייניקער ווי אַלץ אין זינען דעם זון.

אָהן אַ היים איז, ענדלעך, די יונגע, שיינע בעסי, וועלכע מוז איר גליק בויען אַף די חורבות פון אַ פרעמדער נעסט, נישט האָבענדיק קיין מינוט אינעווייניקסטע רו — תמיד שפירענדיק פאַר זיך בת=שבעס טראַגיש געשטאַלט.

נישט אָהן אַ היים איז בלויז יעקב אלחנן, בת שבעס אַלטער טאַטע, וואָס האָט ס׳גאַנצע לעבען צו טון נאָר מיט גמטריות: רעכענט אַלץ, ווען משיח וועט קומען, און איז איבערגליקלעך: אַלע חשבונות ווייזען, אַז ס׳איז שוין נישט לאַנג צו וואַרטען: סך הכל 31 יאָר!

איין צופרידענער מענטש, — איז דער קוואַל פון זיין שטענדיקער גוטער לוין דערין, וואָס ער איז לגמרי בלינד פאַר דערווירקלעכקייט, פאַרטראָגען אין ראָמאַנטישע חלומות! —

אין דער פיעסע איז פאַראַן אַביסעל צופיל מעלאָדראַמאַטיזם: דעם אַנטלאָפענעם אייביס צוריקקומען אַהיים פונקט צום סדר, אָפגערופען זיך אַפ׳ן רירענדיקען געבעטבריף, וועלכען דער קליינער הערי האָט אין פאָטערס שטענדיקער צייטונג אַלס אַנאָנס פאַרעפענטלעכט; די גנבה, וואָס הערי באַגייט; משהס אומקערען, אָפגעריסען=אָפגעשליסען, אַף אַ קיל, פון דער תפיסה; דאָס משוגעימהעמדעל אַף דער סצענע...

די גרונטאידייע פון שטיק איז עטוואָס פאַרנעפּעלט, צושוומען: צופיל טוט זיך אין אים, צופיל פעדים קרייצען זיך, — און דאָס שטערט דער האַרמאָניע פון גאַנצען, דער אויפוויקלונג פון הויפּט=ספּור=המעשה.

נאָר אין אַלגעמיין בלייצען דאָ און דאָרט דורך געלונגענע איינפאַלען. איניקע פון זיי דערמאָנען די מאָטיוועו פון דעם פאַר־פאַסערס פריערדיקע דראַמעס. די פיעסע איז פול מיט רעמיניס־צענצען פון יעקב גאָרדינס ב סטע ווערק. ווי שטענדיק באַם פאַר־שטאָרבענעם מחבר פון „מירעלע אפרת", האָבען מיר אַ סך לע־בענסאַרט. „אָהן אַ היים" באַזיצט גענוג וואָרהאַפטיקע שטריכען פון יידישען לעבען אין אַמעריקע. ענדלעך, דאָס שטיק פאַרמאָגט עטלעכע, טרעפלעך און לעבעדיק אויפגעצייכענטע, עכט־גאָרדינישע טיפען.

אויסגעצייכענט, אַלס פיגור, איז דער אַלטער בדחן, וואָס דרייט זיך אַרום אַף דער בינע, ווי אַנ'ענלעכער טיפ אין דער „וואָרהייט", — אַלס סימבאָל, סימבאָל פון אַלטען יידענטום, מיט זיין גייסטיק גלייכגעוויכט, וואָס זיין מקור איז אין דער שטאַרקער אמונה. — מייסטערהאַפטיק איז געווען אין דער קליינער ראָלע — ה' ווייסמאַן, מיט זיין האַרציקער ווייכקייט, גוטמוטיקער שטילקייט, און מיט זיין אויסגעצייכענטער כאַראַקטעריזאַציע.

אַ סובטעלישער קאָמישער טיפ איז פיליפ ווייס, וועלכען עס האָט זייער גוט, נישט שאַרזשירט, מיט טאַקט, געשפילט דער אַלזיי־טיק־פעיקער ה' לאַנדע.

אַפ'ן אָרט איז געווען ה' סיעראָצקי, אַלס אייבי; פרוי נאַדי־נאַ־דראַנאָוו, אַלס ליבאַ ווייס. — גוט — די באַגאַבטע אידאַ קאַ־מינסקאַ, אַלס הערץ; ה' קליין, אַלס משה. —

אַ נייע קרעפטיקע ראָל איז צוגעקומען דער פרוי אסתר רחל קאַמינסקי. די לעצטע צוויי אַקטען פון שטיק האָבען דער באַוווס־טער דראַמאַטישער אַרטיסטין געגעבען די געלעגענהייט אַרויסצוווי־זען איר גרויסען טאַלענט פון אַ נייער זייט.

גוט איז זי אין דריטען אַקט, אַלס „שרה", וואָס טראָגט זיך אַרום מיט די געדאַנקען וועגען געבען „אברהמען" — „הגרען". זייער פיל אמת.־יידישע ווייבלעכקייט ווייזט זי דאָ אַרויס.

און ווירקלעך אויסגעצייכענט איז אסתר רחל קאַמינסקי אין פערטען אַקט. מיט געוואַלטיקער אינטויציע שפּילט זי די אומגליקלע־כע, פון דולהייז צוריקגעקומענע בת־שבע. דערקענסט, וואָס זי איז אַדורכגעגאַנגען, און פונוואַנען זי קומט, — אָן דער פראַסטקייט פון די קליידער, און אָן דער אַרט, ווי זיי ליגען אַף איר; אָן איר

אייגענטימלעכען האַלטען די הענט און דעם קאָפּ, אָן איר שטים און שפּראַך; אָן דעם טאָן פון איר גאַנצער פיגור. די צובראָכענקייט פון איינעם, וואָס קערט אום „פון יענער וועלט״; און די קינדישע זעליקייט פון אַנ׳אומגעקומענעם, וואָס די כוואַליע האָט אים גאָר אומגעריכט צוריק צום ברעג פון לעבען צוגעבראַכט; און די אומ־ענדלעכע צוגעלאָזענקייט פון אַ שטערבלעך קראַנקען, וואָס איז ערשט נאָר וואָס פון דער סכנה אַרויס; און דאָס שרעקלעכע לאָקערען פון דער ווילדער חיה –– משוגעת, –– וואָס אָט־אָט כאַפּט זי ווידער דעם אומגליקלעכען קרבן אין אירע שאַרפע נעגעל, –– דער גאַנ־צער אַזוי געמישטער צושטאַנד, די גאַנצע גאַמע שטימונגען און פי־לונגען איז אויסגעגאָסען אַף איטלעכען ריר, אַף איטלעכס וואָרט פון אסתר רחל קאַמינסקי.

און אַזוי פּראָסט, אַזוי ביז גאָר נאַטירלעך וואַקסט אין איר אָן די אַנטטוישונג, און דער וויטיק, –– די אויפרעגונג, — דאָס ווילדקייט, –– ביז דער שוידערלעכער נעפּעל הילט ווידער איין די אומגליקלעכע נשמה, און אין דער שוואַכער, דערשלאָגענער פרוי ברעכט־אויס דער שטורם, דער ווט, דער דאָרשט צו שטיקען, פאַרניכטען...

[„מאָמענט״ נ׳ 105 פון 1913].

# „געברידער לוריע״.

דאָס וואָס, די טעמע איז אַלט, איז דוקא פון די לעצטע זאַכען. שעקספיר איז אויך נישט אָריגינעליש אין זיינע סיוזשעטען! די מענטשהייט פאַרמאָגט אַ באַגרענעצטע צאָל אידייען, כאַראַקטערס און לאַגעס, און די קונסט דרייט זיך אין זיי, ווי אין אַן'ענגגעשלאָסענעם עיגול. נישטאָ קיין נייעס אונטער דער לבנה! אַלץ חזרט זיך איבער — אמת, אין אַנדערע פאָרמען, אין אַנדערע פאַרבען.

דאָס אוראַלטע פּראָבלעם פון מאָנטעקיק=אַפּולעטי, פון צוויי אייזערנע שטאַמען, וואָס פלאַקערען מיט טייוועלישער שנאה איינער צום אַנדערען, און וואָס זייערע צווייגען רעכענען זיך נישט מיט דעם פאַמיליענהאַס און ציען זיך איינס צום אַנדערען, אינ־דערהויך, איבער דער ערד, אונטער'ן בלאָען הימעל, באַוועגט פון דעם הייסען געפיל, וועלכעס הייסט — ליבע, — דאָס פּראָבלעם איז פאַריידישט געוואָרען פון ה' גאָרדין, אָבער געלונגען זענען דאָ טאַקע נאָר די יידישע פאָרמען.

מענדעלע=מוכר=ספרים און שלום=עליכם האָבען אונדז געגעבען אַ סעריע געניאַלישע טיפּען, וועלכע דערשעפּען די גרונטשטריכען פון אַ נאַציאָנאַלישען יידישען כאַראַקטער און זענען טיפּע נאַציאָנאַלישע סימבאָלען. יעקב גאָרדינס טיפּען זענען אויך ספּעציפיש=יידישע, אין אַ געוויסער מאָס, קאָן מען זאָגען, נאַציאָנאַלישע, אָבער די סומע פון זייער גייסטיקען אינהאַלט איז אַן'אַנדערע, מער אינדיווידועליש=פּסיכאָלאָגישע, שטעלט אונדז פאָר אין יידישען געשטאַלט אינטערעסאַנטע קאָנצעפּציעס פון'ם אַלמענטשלעכען פּסיכאָלאָגישען לעבען. גדליהו לוריע און זיין ברודער טוביה זענען אַזעלכע טיפּען.

דער יידישער „סאַמאָדור״ אין צווייערליי אויסגאַבען: גדליהו — אַ געלערענטער, טוביה — אַ פּשוטער ייד. ביידע — פלאַמיק בלוט, איינגעשפּאַרט ווי די בעק, בעלי=כעס, צינדען=זיך אָן ווי אַ שוועבעלע און דערביי — דעספּאָטען. דאָך, אין גרונט גענומען: גוטהאַרציקע. נאָר אימאַלגעמיין: קליינלעך. — די סבה פון דער

שנאה: געלט, פון גדליהוס זייַט — פוסטע גאוה; פון טוביהס — דער גראָשען! דער לעבענסשטייגערישער עלעמענט, ד. ה. די מאַטעריעליש-זייטלעכע לעבענספאָרמען, זענען גוט געכאַפּט דורך יעקב גאָרדין. צוזאַמען מיט „מירעלע אפרת“ און מיט דער „יתומה“ איז די פּיעסע אַ דענקמאָל פון אַלטמאָדישען יידישען לעבען, פון יענע זייַנע פאָרמען, וואָס שטאַרבען שוין איצט אָפּ.

אָבער דאָך אַ שוואַכע פּיעסע. קיין דראַמע נישט: אַביסעל איז, אפשר, שולדיק דאָס יידישע לעבען, וועלכעס האָט פאַר אַזעלכע פּראָבלעמען אָרעמע אויסערלעכע פאָרמען. נאָר מער שולדיק איז גאָרדין אַליין. ער האָט צו אויבערפלעכלעך גענומען די דערשייַ-נונג: אויפגעכאַפּט אירע קלייניגלעכע צוגען און אַדורכגעלאָזען די טי-פערע, אמת-דראַמאַטישע פעדעם. און דערפאַר טאַקע איז אויסגעקו-מען אַ הילצערנע מעלאָדראַמע: אָנשטאָט ערנסטע דראַמאַטי-שע מאָמענטען גיט אונדז דאָ גאָרדין נאָר מעכאַנישע עפעק-טען: אַ געשלעג — אין ערשטען אַקט, אַ צובראָכענע האַנט — אין צווייטען. דער דריטער אַקט טויג אינגאַנצען אַף כפרות, וואָלט זיך געפּאַסט אין „חנה די נייטאָרין“. דער לעצטער אַקט מיט זייַנע פּוטערדיקע סצענעס, ווו עס מישען זיך גראָב אויס אַלע מענטשלע-כע געפילען און צום סוף טריומפירט דער צוקערזיסער שלום, און מיט די באַלאַגאַנומערען פון דעם איבערגעניצוועטען קוני-לעמעל, וואָס הייסט באַ גאָרדינען — „רחמיאל“ — איז שוין אַנאמתע שאַנדע פאַר אַנ׳ערנסטען דראַמאַטורג. קענטיק, אַז די זאַך איז אויפ-נייט געוואָרען איבערנאַכט, לויט באַשטעלונג, און צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון פּובליקום. —

---

די אויספירונג?

ה׳ קליין (יאַנקעל) און פרוי שלאָסבערג (רבקהלע) האָ-בען אָנשטאָט אַ יידישער „ראָמעאָ און יוליע“ אונדז געגעבען, אַ דו-עט פון גרויזאַמען פּאַטאָס אין זשאַנר פון „אָפעליע, גיי אין מקוה!“ נישט שלעכט, נאָר וויניק מאַיעסטעטיש אין איינדרוק, איז געווען ה׳ לאַנדע, אַלס ר׳ שרגא. פרוי אַבעלמאַן (שרה-דבורה) — נישט קיין גרויסער טאַלענט — שפּילט, אָבער, שטענדיק מיט טאַקט און זייער אויסגעהאַלטען, און דאָס איז אַ זעלטענע דערשייַנונג אַף

דער יידישער בינע. ה׳ ר אַ פּ ע ל, וועלכער פּאַסט זיך פאַר אַזעלכע ראָלען ווי טוביה, פעלט נאָר — טעמפּעראַמענט און נאַטירליכע מאָדולאַציע אין דער שטימע. ה׳ ד ר אַ נ אָ וו האָט דעם טעמפּעראַמענט, וואָס איז נייטיק פאַר גדליהן, אין ערשטען אַקט איז ער געווען גאַנץ נישט שלעכט, נאָר דערנאָך איז ער אָפט אַרויסגעגאַנגען פון דער שטימונג.

[„טעאַטערוועלט״ נ׳ 5 פון 12 נאָוועמבער 1908].

# וואָס זאָגען פרעמדע וועגען יעקב גאָרדין?

פון זיך אַליין, אָהן שום השתדלותען, קריכעניִשען, פראָטעקציעס, „בריף“, און עפּעס אַזוי מיטאַמאָל, אַזוי אומדערוואַרטעט און אַזוי שיין, אַזוי קעניגלעך איז יעקב גאָרדין אַריבער אַף די איראָפּעאישע סצענעס און געוואָרען אַ שריפטשטעלער מיט אַן׳אַלבאַקאַנטען, שטאַלץ-קלינגענדיקען נאַמען.

נישטאָ קיין יאָר, ווי מ׳האָט אָנגעהויבען אויפפירען זיינע פּיעסעס אַף דער רוסישער בינע, — און „מירעלע אפרת“, „די שחיטה“, „דער אומבאַקאַנטער“, „גאָט, מענטש און טײַוועל“ פאַרנעמען שוין דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין רעפּערטואַר פון אַלע רוסישע טעאַטערס, ווערען געשפּילט אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלעך, גייען-אַדורך באַ פולגעפּאַקטע זאַלען, רופען אַרויס אַ שטורמישע אַנטציקונג...

די טעג איז געמאַכט-געוואָרען די ערשטע פּראָבע צו פאַרפלאַנצען דעם פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורגס ירושה אַף דער פּוילישער סצענע, — און די פּראָבע האָט אַ פרישען קראַנץ אַרויפגעלייגט אַפ׳ן קבר פון גרויסען קינסטלער, וואָס האָט נאָכ׳ן טויט און באַ פרעמדע זוכה-געווען צו אַ גרעסער גליק, ווי באַם לעבען באַ אייגענע...

אין וואַרשעווער „קליינעם טעאַטער“ ווערט געשפּילט „גאָט, מענטש און טײַוועל“, — דאָס שטיק, וועגען וועלכען דער באַקאַנטער פראַנצויזישער טעאַטערקריטיקער בריסאָן האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאַריזער צייטונג „טאַן“: „דאָס איז די מערקווירדיקסטע פּיעסע פון צוואַנציקסטען יאָרהונדערט“, — און אָט וואָס מיר לייענען וועגען דער ערשטער פאָרשטעלונג, אין די וואַרשעווער בלעטער:

די איינגעהאַלטענסטע רעצענזיע — אין „קוריער פּאָראַנני“ — איז געשריבען מיט אַזאַ נוסח:

„גאָרדינס שטיק וועגען „גאָט, טײַוועל און מענטש“ איז געווען אַ געוויסע סענסאַציע פון פּאַראַיאָריקען טעאַטערסעזאָן אין מאָסקווע... דאָס שטיק איז אָנגע-

שריבען געוואָרען דורך אַ שריפטשטעלער, וועלכען מ'קאָן נישט אָפּזאָגען אין געוויסער ליטעראַרישער קולטור און אמתען טע־אַטראַלישען טאַלענט. אויסגעהערט האָט מען זי נעכטען אין קליינעם טעאַטער מיט אַלץ מער שטייגענדיקער פאַראינטערעסירטקייט און מ'האָט לעבעדיק אַפּלאָדירט אי דאָס שטיק אי די אַרטיסטען... דאָס שטיק, וואָס האַלט זייער סצעניש און מייסטעריש אונטער דעם עפעקט פון דראַמאַטישער אָנשפּאַנונג, האָט אַלע תּנאים פאַר פולקאָמענעם און לאַנגדויערענדיקען ערפאָלג"...

פיל שטאַרקער און הייסער רופט זיך אָפּ די „נאָוואַ גאַזעטאַ":

„יעקב גאָרדינס פּיראַקטיק שטיק „דער שטן" (אָדער „גאָט, טייוועל און מענטש", ווי ס'קלינגט דער טיטעל אין יידישען אָריגינאַל), וואָס איז נעכטען צום ערשטען מאָל אויפגעפירט געוואָרען אויף דער „פרייער סצענע" באַם קליינעם טעאַטער, איז נאָך איין פּראָבע פאָרצושטעלען אין דראַמאַטישער פאָרם דעם גרונטמאָטיוו פון „געטעס פאַוסט". אַ פּראָבע, איבעריגענס, זייער אַ געלונגענע. גאָרדינס שטיק האָט פיר אַקטען. דער ערשטער, צווייטער און דריטער פון זיי זענען קליינע מייסטערווערק פון מחברס טעכנישער קונסט... דעם נעכטיקען אָוועגט אין קליינעם טעאַטער דאַרף מען פאַררעכענען צו די סאַמע געלונגענסטע אין היינטיקען סעזאָן".

אַ גרויסען פעליעטאָן ווידמעט דאָס שטיק איינער פון די עלטסטע און געבילדעטסטע פּוילישע טעאַטערקריטיקער, ה' אַ. דאָבּ־ראָוואָלסקי אין „קוריער וואַרשאַווסקי".

דער אָנהייב פון אַרטיקעל:

„אַ יידישער מחבר און אַ דראַמע, וואָס איז אירע אויסערלעכע פאָרמען אויפגע־שטעלט אַפ'ן פאָן פון יידישען לעבען, און באַרירט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון אַלגעמיין־מענטשלעכען גייסט. ענלעך צו „פאַוסטען", איז גאָרדינס „שטן" דורך־און־דורך אַ מאָדערן ווערק און, נישט אַכטענדיק אַף די מעלאָדראַמאַטישע שטריכען, איז עס זייער אָנציענדיק, אין די עפעקטען שטאַרק, אין גאַנג פון דער האַנדלונג נישט איינטאָניק, און אין אידייענאינהאַלט נישט אַלטעגלעך, אָריגינעל און העכסט־אינטערעסאַנט"...

אָנווייזענדיק אַף איינִיקע פעלערען אין דער פּיעסע, ענדיקט דער פּוילישער רעצענזענט:

„האָבענדיק אין אַכט די אָנמערקונגען, דאַרף מען יעקב גאָרדינס שטיק אָנערקע־נען פאַר איינס פון די אויסגעצייכענטסטע סצענישע ווערק פון די לעצטע יאָרצענדליקער. ס'וועקט שטאַרקע איינדריקען, ברענגט צו געדאַנקען, באַרירט און נעמט אַדורך ביז'ן גרונט פון דער נשמה... די איינדריקען האָט אויך איבערלעבט נעכטען דאָס פּובליקום און האָט הייס אויפגענומען די פּרעמיערע... דאָס קליינע טעאַטער און זיין דירעקציע האָבען ווי־דער באַלייגט אַ באַווייז פון אַרטיסטישען לעבען... דאָס פּובליקום האָט פאַרלאָזט דאָס טעאַטער אונטער אַ שטאַרקען איינדרוק, וואָס וועט לאַנג נישט אָפּגעריבען ווערען"...

דאָס איינציקע יידישע בלאַט, וואָס האָט זיך אָפּגערופען אַפ'ן

ערנסטען און גלאַנצענדיקען טריומף פון דער יידישער דראַמאַטישער קונסט אַף דער פוילישער סצענע, — „דער שטראַל" — שלאָגט זיך על־חטא:

„ניט ווילענדיק הייבען מיר זיך אָן צו דערמאָנען, ווי אונדזערע געשווירענע רעצענזענטען האָבען באַשאָטען מיט בלאָטע דעם פאַרשטאָרבענעם גאָרדין; ס'האָט שוין געהאַלטען דערביי, אז פון דער עסטראַדע אין „פילהאַרמאָניע" האָט מען אַ חרם געוואָרפען אַף גאָרדינס ווערק. „גייט נישט אַף גאָרדינס טעאַטערשטיק: אין זיי איז גיפט!" — האָט געקנאַלט דער עפעקטפּאַטאָס. דער אמת שווימט, אָבער, ארויס, און די קולטורעלישע וועלט קוקט נישט אַף אונדזערע רעצענזענטען און נעמט־אויף דעם יידישען גאָרדין מיט ברייטע אָרעמס. ער איז אַף זיירע סצענעס אַ געווינשטער גאַסט, אַנ'אורח הגון. מיר ווילען און שטרעבען צו אַ יידיש וואָרט, און קוים קומט אַ מענטש, וועלכער קען די סצענע אויסגעצייכענט און באַזיצט אַ פּראַכטפולען דיאַלאָג, שטויסען מיר אים אָפּ מיטביידע הענט און מאַכען פון אים אַ קאַריקאַטור. פרעמדע לויבען מיר, אייגענע באַמערקען מיר נישט, ביז עס קומט דער פרעמדער און עפענט אונדז אויף די אויגען". —

דער שרייבער פונ'ם אַרטיקעל פּרווט זיך אַפילו צו פאַרענטפערען אַביסעל יענע „רעצענזענטען", וועלכע האָבען נישט פאַרשטאַנען גאָרדינס ווערט. ער זאָגט וועגען דער פוילישער אויפפירונג:

„מיר הערען זיך צו צו די ווערטער, מיר זעען די געשמאַקפולע דעקאָראַציעס, די ערנסטע באַהאַנדלונג פון די איינצעלנע עפּיזאָדען, און מיר ווילען נישט גלייבען, אז דאָס איז דערזעלביקער גאָרדין, וועלכען מיר האָבען אַזויפיל געזען אין „ערמיטאַזש", „עליזיום" און אַנדערע יידישע טעאַטערס. ווי מיט אַ צויבערשטעקען זענען פאַרשוואונדען געוואָרען אַלע באַנאַלישע תנועות, שאַרזשירטע עפעקטען און שרייענדיקע סענסאַציעס. די דראַמאַטישע אינטערהאַנדלונג גייט כסדר, יעדער טיפּ האָט זיין אָרט, קיינער דרייט זיך נישט איבעריק אַף דער סצענע, און די אמתע דראַמאַטישע מאָמענטען מאַכען אַנ'אומגעהייערען עפעקט". —

זאָל, הייסט עס, דערפון געדרונגען זיין, אַז די „גאָרדינפרעסערס" האָבען געקאָנט אַ טעות האָבען...

אמת איז, אַ פּיעסע געווינט אומגעהייער באַ גוטער אויפפירונג און ליידט אומגעהייער באַ שלעכטער. אָבער אַ קריטיקער אין ריכטיקען באַגריף פון וואָרט, ד. ה. אַ מענטש מיט עסטעטישער קולטור, מיט קענטענישען, מיט פאַרשטאַנד און קודם־כל מיט טאַלענט און חוש, וועט אין אָרעמסטען טעאַטערעל און באַ דער געמיינסטער אויפפירונג אימשטאַנד זיין צו אונטערשיידען ליטעראַטור פון שונד...

אונדזער טעאַטער פעלט טאַקע אַ רעזשיסער אַנ'איראָפּעיער, די דעקאָראַציעס, די קאָסטיומען, די אויספירונג זענען טאַקע נאָך זייער פּרימיטיוו, אָבער נישט אין דעם דאַרף מען זוכען די סבה

דערפון, וואָס די „געשווירענע רעצענזענטען“, פון וועלכע „דער שטראַל“ רעדט, האָבען נישט באַמערקט, אַז יעקב גאָרדין איז אַן׳ערשטקלאַסיקער קענער פון יידישען לעבען, אַ טיפער פאָרשער פון דער מענטשלעכער נשמה, אַ מייסטער פון דער סצענע, אַ קינסטלער פון דיאַלאָג, און — דאָס איז דער גרונט — אַ גרויסער קאָפּ און אַ גרויס האַרץ...

עם־הארצות און טאַלענטלאָזיקייט גייען האַנט אין האַנט מיט חוצפה, — איז טאַקע נישטאָ אַזאַ געמיין וואָרט, וועלכעס אונדזערע „געשווירענע רעצענזענטען“, מ׳שטיינסגעזאָגט, וואָלטען שוין נישט צוגעקלעבט צו גאָרדינס נאָמען... קיין דרך־ארץ פאַר אַ פרישען קבר! קיין אַכטונג צו פערציק יאָר אַרבעט פאַר׳ן! קיין איינפאַכיקע קאָרעקטקייט פון אַ דערצויגענעם מענטשען! קיין כבוד צום געדרוקטען וואָרט!...

זייער אָרעם איז נאָך די יידישע גאַס אין קולטור, און דאָס רופט זיך אָ אַף שריט און טריט: אין קהלזאַכען, אין טעאַטער—אויך אין דער פרעסע: איבעראַל דאָסזעלביקע ווילדקייט, די־זעלביקע הפקרות, דאָסזעלביקע אומרעכט...

און ערגער פון אַלץ — די חוצפה...

[פון „מאָמענט“ נ׳ 14]

# שלום-עליכם

# שלום=עליכם אַלס דראַמאַטורג

אײנער פון די געצײלטע אינטעליגענטישע שריפטשטעלער
אין אונדזער אָרעמער ליטעראַטור, האָט שלום=עליכם
פאַרט נישט דאָס, וואָס הייסט באַ די אומות העולם — קולטור
פון אַ קינסטלער. שולדיק דערין זענען די אומשטענדען, אין
וועלכע ס'איז אַדורכגעגאַנגען זײַן ביזאַנטיקע ליטעראַרישע טעטי=
קייט. אונדזער ליטעראַרישע וועלטעל האָט גאָך נישט קיין טראַדיציעס,
קיין אָרגאַנישע סביבה. אַלץ איז אין אים צופעליק, און אויך דער
קינסטלער לעבט באַ אונדז ווי אין דער לופטען: נישטאָ די תנאים,
וואָס זאָלען אים מאַכען באַוווסטזיניק פון אַלע מעגלעכקייטען, וועל=
כע נעסטען אין זײַן טאַלענט; און פון אַלע מיטלען, מיט וועלכע ער
קען וואָס פולער און אַלזײַטיקער אויסדריקען זײַן קינסטלערישע פער=
זענלעכקייט.

שלום=עליכם האָט זיך זײַנע באַליבטע ליטעראַרישע פאָר=
מען. לײַנט די בריוועלעך פון מנחם=מענדעל און שיינע=שיינדעל,
צו די מאָנאָלאָגען פון טביה דעם מילכיקען, פון יענטע דער קוראָ=
לאַפניטשקע, פון דעם קאַסרילעווקער בעל=עגלה, פון ייד מיט'ן מאָ=
גען — און אײַך מוז זיך וואַרפען אין די אויגען דאָס באַזונדערע
אַרטיסטישע פאַרגעניגען, וואָס פילט זיך אין יעדער שורה
פון דידאָזיקע שאַפונגען. שלום=עליכמען איז אָנגענעם צו ווע=
בען די בריוועלעך און די מאָנאָלאָגען. מיט אינטימער באַקוועמלעכ=
קייט שפּינט ער אַ פעדעמעל נאָך אַ פעדעמעל, און יעדעס באַזונדער
איז אויפמערקזאַם אויסגעפּרווט — ס'זאָל, חלילה, קיין פגימהלע אַף
אים נישט זײַן; און דאָס גאַנצע געוועב — האַרמאָניש און ריין,
ווי די לײַווענטען פון דזשאָן רעסקינס האַנטפאַבריק.

אָבער שלום=עליכם האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף זײַנע באַ=
ליבטע פאָרמען גאָר אומבאַוווסטזיניק, בלויז אינסטינקטיוו. די ברי=
וועלעך פון די „מיליאָנען" און די מעשהלעך פון טביה דעם מילכי=
קען זענען אידעאַלישע מוסטערען פון עפּיסטאָלאַרישער דערציילונג
און פון מאָנאָלאָג, און זייער קראַפט ליגט טאַקע אין דער נאַטירלע=
בער אוממיטלבאַרישקייט און אין געטלעכען פשטות, — אָבער די

דערמאָנטע ליִטעראַריִשע פאָרמען זענען פאָרט פון די פּריִמיִטיִווע אין דער קונסט פון וואָרט. שלום-עליכמען האָט געפעלט דאָס באַוווסטזיִניִקייִט פון זייַנע אייִגענע קרעפטען, און ער האָט ניִשט פאַרשטאַנען אויסצונוצען אַלע זייַטען פון זייַן טאַלענט, וואָס איִז רייַך ווי די סיִביִרער גאָלדגרובען.

למשל, איך בין איִבערצייַגט, אַז שלום-עליכם וויִיסט נאָך ביִז הייַנט ניִשט, וואָס פאַר אַ גרויסע פעיִקייִטען ער פאַרמאָגט אַלס דראַמאַטורג. שוין דער פאַקט אַלייִן, אַז ער שרייַבט ניִשט ווי אַ מאָלער, וואָס דריִקט-אויס איִנערלעכען איִנהאַלט איִן אויסערלעכע שטריִכען; אויך ניִשט ווי אַ בייִלדהויער, וואָס האַקט-אויס פיִגורען פון שטייִן; — נאָר גיִט אונדז די נשמה פון זייַנע העלדען איִן איִרע רייִנע פאָרמען, איִן וואָרט און האַנדלונג, דער פאַקט אַלייִן האָט איִם געדאַרפט געבען אַן'איִמפּולס, ער זאָל פּרוּוען זייַנע כחות אויך איִן דראַמע. שלום-עליכם האָט זיִך אַפילו געכאַפּט אַמאָל צו דער דראַמאַטיִשער פאָרם, אָבער זייִער זעלטען, און האָט ניִשט געקוקט ערנסט אַף די זאַכען, וועלכע ער האָט אָנגעשריִבען איִן דעם זשאַנר. דאָס זענען פאַר איִם געווען נאָר „שפּריִצען פון פעדער". ער האָט, דעריִבער, ניִשט געזאָרגט צו דערפיִלען די עלעמענטאַריִשע פאָדערונגען פון דראַמאַטיִשער קונסט.

זייַן „צוזייִט און צושפּרייִט" האָט ער אויך אָנגעשריִבען תחלת אַלס אַ פעליעטאָן, און ער אַלייִן דריִקט-זיִך-אויס: „הגם די דאָזיִקע ביִלדער זענען געשריִבען איִן אַ דראַמאַטיִשער פאָרם, דאָך האָט זיִך מיִר אַפילו ניִשט געחלומט, אַז איִך וועל אַמאָל זוכה-זייַן צו זען זיי אויפגעפיִרט אַף דער סצענע". נאָר דער אומדערוואַרטעטער ערפאָלג פון דער זאַך אַף דער פּוילישער ביִנע האָט אַביִסעל געעפענט שלום-עליכמען די אויגען אַף זייַן אייִגענער פּיעסע. איִן איִם האָט דערוואַכט דער איִנסטיִנקט פון אַ דראַמאַטורג. — „מיִך האָט דאָס „בראַוואָ" שטאַרק פאַרדראָסען — דערצייִלט ער. — איִך האָב געפיִלט, אַז דער פּיעסע פעלט אַ סך מער, וויִפעל זי פאַרמאָגט; איִך האָב געפיִלט, אַז אַף דער ביִנע ווערט געשפּיִלט אַ פעליעטאָן, ניִשט קייִן דראַמע".

שלום-עליכם איִז ניִשט געווען בלייִנד זיִך אייַנצורעדען, אַז די פעלערען פון דער פּיעסע זענען נאָר אַ מעלה, אַז דאָס איִז קלוימערשט אַ „צוקונפטסדראַמע" — ער האָט זיִך ניִשט געפוילט, האָט

זיך אַוועקגעזעצט „אויסבעסערען“ די זאַך, און — האָט אָנגעשריבען כמעט אַ ניי שטיק.

## II.

אַז שלום-עליכמס דראַמאַטישע ווערק האָבען אַלע מעלות פון די איבעריקע זאַכען זיינע, — וועגען דעם האַלט איך פאַר איבעריק ברייטער צו רעדען: דאָס פאַרשטייט זיך אַליין. נישט נאָר „צוזייט און צושפּרייט“, — אַפילו „אַ דאָקטער!“, „דער גט“, „מזל-טוב“, „אַגענטען“ — זענען גוטע ליטעראַרישע ווערק. זייער אינהאַלט איז אין די גרונטשטריכען כמעט דערזעלביקער, ווי אין שלום-עליכמס ראָמאַנען, מעשהלעך און מאָנאָלאָגען. דאָס לעבען איז דאָסזעלביקע. דער גאַנצער „מזל-טוב“ איז פאַר מיר, פּונקט ווי „סטעמפּעניו“ צי „סענדער בלאַנק“, אַ טייערער מעדאַליאָן, אַן'אַנטיק, וואָס טראָגט אַף זיך פאַר די קינפטיקע דורות דעם גייסט פון דער אַלטמאָדישער יידישער שטוב, אַף וויפיעל ער דריקט זיך אויס אין די כאַראַקטעריסטישע פּרטים פון דער מאַטעריעלישער און זיטלעכער קולטור... די סכעמע און די אידייע פון די „אַגענטען“ געפינט איר שוין אין די „מיליאָנען“... די טיפּען זענען אויך דיזעלביקע. דאָס יונגע פּאָרעל פון „גט“ איז לעבעדיק אַרויסגעכאַפּט פון „סטעמפּעניו“. די שוויגער פון „גט“ איז אַן'אויסגעבעסערטער אויסגאַב פון מנחם-מענדעלס שוויגער. פּעסעל פון „צוזייט און צושפּרייט“ איז טביה דער מילכיקער אין אַ קליידעל; דאַווידקאַ — אָסיפּ זעמעלס אַ לייביקער ברודער; משהלע זיידענשטאַמער פיגורירט שוין אונטער אַן'אַנדער נאָמען אין „עס פידעלט נישט“. — אויך שלום-עליכם איז דאָ דערזעלביקער: מיט זיין האַרציקפרייליכען, געזונטען געלעכטער אין „מזל-טוב“, מיט דעם שטילען סאַרקאַזם מיט ווי געמישט אין „אַגענטען“ און מיט דער בענקשאַפט נאָך אַ שענערע, ליכטיקערער וועלט אין „צוזייט און צושפּרייט“. —

## III.

נישט צופעליק האָט שלום-עליכם אָנגערופען זיין „צוזייט און צושפּרייט“: „בילדער פונ'ם יידישען לעבען“. ער האָט זיך געמוזט וואַקלען צווישען „דראַמע“ און „קאָמעדיע“, ווייל אין דער פּיעסע זענען ביידע עלעמענטען ענג צונויפגעפלאָכטען.

דאָס פּראָבלעם איז אין גרונט עכטדראַמאַטיש. מאיר שאַלאַנט, „אַ ייד אַ סוחר, אַנ׳אויפגעקומענער גביר“, איז שטענדיק פאַריאָגט אין זיינע געשעפטען. פאַרדינט אַ סך. צו וואָס דאַרף ער אַזוי פיל געלט? וואָס פאַרלאַנגט ער פון לעבען? זיער ווייניק: בלויז — נחת פון קינדער. — „פון וועמענס וועגען, אייגענטלעך, האָבען מיר דאָס גאַנצע לעבען געהאָרעוועט, אויסגעריסען געוואָרען, אָפּטמאָל נישט דערשלאָפען, נישט דערעסען, אַ סך מאָל געליטען בזיונות, הכלל זיך מפקיר־געוועזן, געקליבען אַ קערבעל צו אַ קערבעל?“ — פרעגט ער זיין טאָכטער חנה, און ענטפערט אַליין: „אייך נאָכגעגעבען אַלצדינג, וואָס אייער האַרץ גלוסט“... נאָר אים איז נישט באַשערט דעם נחת צו האָבען. דאָס הויזגעזינד שאַלאַנט איז נישט קיין אָרגאַניש לייב, פאַראייניקט דורך איין מאָראַלישער קראַפט, — דאָס איז בלויז אַ מעכאַנישע גרופּע מענטשען, וואָס וואוינען צופעליק אונטער איין דאַך. דער פאָטער קוקט ווייניק אַריין אין לעבען פון די קינדער. איז ער אין גוטען מוט — שענקט ער זיי מתנות, איז ער בייז — שרייט ער. רעדען צו זיך, ווי צו אַ גלייכען, לאָזט ער נישט: פאַר אַ טאַטען דאַרף מען דרך־ארץ האָבען. הערען און שווייגען. זאָל גאָט היטען – ענטפערען! — די מוטער, ווידער, איז אַ שוואַכער כאַראַקטער, כאָטש „אַנ׳ערלעכע, כשרע נשמה“; די גרויסע שטאָט האָט זי גאָר איבעראַשט, און זי גייט־אַרום ווי אַ פאַרלוירענע; ליבט די קינדער, אָבער זיי הערען זי נישט, ווייל דער פאָטער אַליין מיט זיינע אומטאַקטישע וויצען האָט אונטערגעגראָבען איר אויטאָריטעט.

די גרויסע שטאָט טוט אירס. מאַטוויי ווערט אַ שאַרלאַטאַן, אַ קאָרטענשפּילער. פלאָרע אַ גרושה, פירט זיך אַלאַ „פען־דע־סיעקל“, — ווי שלום־עליכם אַליין דריקט־זיך־אויס. סאַשקע, אַ בחור פון 13 יאָר, שפּילט זיך נאָך מיט קעץ און מיט הינט. — חיים און וואָלאָדיע, ווידער, זענען היינטוועלטיקע: דער ערשטער — אַ ציוניסט, דער צווייטער — אַ סאָציאַליסט, קריטיקירען שוין דעם פאָטער. חנה — רייסט זיך אַף די קורסען. הכלל: „איטלעכער גייט, וואוהין ער וויל; איינער אין ליסי, דער אַנדערער אין סטריסי, מישטיינסגעזאָגט, צוזייט און צושפּרייט אַף אַלע זיבען ימים“... שלום־עליכם ווייזט אונדז, ווי די שטוב צוקריכט זיך ביסלעכווייס. די ערשטע באַמערקט דאָס די דערשלאָגענע מוטער. דערנאָך

הייבט־אָן צו באַמערקען אויף דער פּאָטער. טראָפּענסוויס טריפט זיך אַריין דער אמת אין זיין באַוווסטזיין, און אין דריטען אַקט דערפילט ער שוין מיט זיין גאַנצען וועזען, אַז ער האָט קיין קינדער נישט. ווערט אינגאַנצען צובראָכען.

דאָס איז, אַלדזאָ, די אַלטע דראַמע פון די עלטערען און די קינדער. די אַלטמאָדישע עלטערען קוקען אַף די קינדער ווי אַף טויט צירונג, מיט וועלכען מען קאָן טון, וואָס מען וויל, — און זולען פון זיי נחת — פ אַ ר ז י ך. דאָס לעבען איז זיך, אָבער, ביטער נוקם פאַר אַזאַ עגאָיזם און איז גורם אַ טרויריקע אַנטטוישונג.

אָבער דער אַלגעמיינער פאָן איז אַ ק אָ מ י ש ע ר. די העלדען זענען קליינלעכע, און אינטערעסען האָבען זיי אויך קליינלעכע, לאַנגווייליק און נודנע איז שאַלאַנטס אידעאַל פון פאַמיליענגליק. זיין עמבלעם וואָלט געקאָנט זיין: אַ הון, וואָס זיצט אין זיפּ און האַלט אונטער די פליגעל אַ טוץ דראָבנע עופעלעך. צולויפען זיך די הינדעלעך — איז אויס גליק. ש אַ ל אַ נ ט פאַרשטייט, אַז עלטערען קאָנען זיך שיידען מיט קינדער, „אָבער, — זאָגט ער, — „שיידען זיך הייסט באַ מיר, אַז קינדער האָבען חתונה, באַזעצען זיך ווי מענטשען, דער באַ אַזאַ געשעפט, דער באַ אַזאַ געשעפט"... נאָר אַז אַ טאָכטער זאָל קאָנען פאַרלאָזען די עלטערען און פאָרען אין דער פרעמד שטודירען, — דאָס קאָן שוין זיין קליינער מוח נישט פאַרנעמען! און וויל זיינע אידעאַלען זענען אַזוי פלאַך, מוז זיין דראַמע האָבען אַ קאָמישען נאָכגעשמאַק.

קאָמיש איז דאָס, ווי ש אַ ל אַ נ ט צאַפּעלט אַזוי נאָך אַ יחוסדיקען שידוך פאַר זיין טאָכטער. קאָמיש איז די מוטער — אין אַמ ען אַ דראַמאַטישע פיגור — אין איר אומבאַהאָלפענער שוואַכקייט. קאָמיש — דער מחותן, וואָס האַנדעלט מיט יחוס, ווי מיט ציבעלעס.

ווי מיר זעען, מעג מען זאָגען, אַז „צוזייט און צושפּרייט" איז די העכסטע פאָרם פון קאָמעדיע: דאָס איז אַ ק אָ מ ע ד י ע, וואָס גייט־איבער אין דראַמע, אַ טרויריקע קאָמעדיע. דערביי אַ קאָמעדיע פון זיטען[1]. די אָרדנונג אין ש אַ ל אַ נ ט ס הויז; די באַציונגען פון

[1] די ליטעראַטורטעאָריע ווייסט צוויי אַרטען קאָמעדיע: פון א י נ ט ר י ג ע און פון ז י ט ע ן, אין דער ערשטער—פאַרנצמט זיך דער מחבר דערהויפּט מיט דער אינטריגע, אין דער צווייטער— לייגט ער מער אַכט אַף שילדערען די זיטלעכע סביבה.

פאָטער צו די קינדער און פון די קינדער צו דער מוטער; פעסעלס וויזיט; די העויות פון דעם מחותן, דעם בעל־יחוס, און בכלל די באַציונגען צווישען צווײ מחותנים, באַזונדערס דער וויזיט פון שדכן אין לעצטען אַקט — דאָס זענען פראַכטפולע בילדער פון די אַלטמאָדישע יידישע זיטען.

## IV.

די דראַמאַטישע האַנדלונג אין „צוזייט און צושפּרייט" איז אַנטוויקעלט מיט אַ געניטער האַנט. די גאַנצע אַקציע וויקעלט זיך אויף פאַר אונדזערע אויגען, ווי דער פאַרמעט פון אַ מגלה. די פאַרבינדונג איז זייער אַ געלונגענע. דער ערשטער אַקט פירט אונדז מיטאַמאָל אַרײַן אין סאַמע קאָך פון דער פיעסע. אַלע פאַרשוינען זענען אַף דער סצענע, אין זייער האַלטען זיך שפּיגעלט־זיך־אָפּ זייער כאַראַקטער. 3‑2 געוויינלעכע פראַזען, אַ פּאָר שטעכווערטלעך, וועלכע זענען אַזוי נאַטירלעך אין אַזאַ שטוב, דעקען אונדז אויף אַלע אירע סודות. די סצענע מיט'ן בריף צום גראַף איז געניאַליש. אין איר איז דער פאָטער איינגאַנצען. און זי זשע עפענט אויף דעם תהום, וואָס צווישען פאָטער אין די אינטעליגענטישע זין . . . דער פאָטער זאָרגט וועגען געלט, און הינטער זיינע פּלייצעס טוען־זיך־אָפּ מעשים, וואָס וועלען אים מאַכען אומגליקלעך. דערנאָך — דער וויזיט פון מחותן: עס צייכענט־זיך־אָן דער שאָטען פון אַ ר ע אַ ל י ש ע ר קאַטאַסטראָפע — דער יחוסשידוך איז אין סכנה! איין סצענע פליכט, נאַטירלעך, נישט געצווונגען, אַרויס פון דער אַנדערער, אַלץ בינדט זיך אַזוי האַרמאָניש, און דער אַקט ענדיקט זיך מיט אַנ'אכת־שלום־עליכמדיקען אַקאָרד, דערווײַל נאָך אַ קאָמישען... דער צווייטער אַקט — אַביסעל אַ שוואַכער — דעקט אונדז נאָך מער אויף די אַנאַרכיע און דעם חורבן פון מאיר שאַלאַנטס שטוב. — דער דריטער אַקט איז שוין זייער אָנגעשטרענגט. ער איז איינגאַנצען אַדורכגעפלאָכטען מיט קאָמיזם, אָבער דער דראַמאַטיזם וואַקסט שוין פון דער ערשטער סצענע, ווען שאַלאַנט קריגט זיך מיט'ן ווײַב: „ווער איז שולדיק?" דער פאָטער רעדט דאָס ערשטע מאָל ערנסט מיטע די קינדער, און באַמערקט מיט שרעק, אַז זיי פלאַפּלען נישט, נאָר רעדען „ווי אַ בר־דעת". דאָס איבערצייגט אים, אָבער, נישט. זער יאוש וואַקסט. כראַכטפול איז דער געדאַנק מיט'ן פריצס קומען.

אָנגעהויבען מיט'ן פריץ, — געענדיקט מיט'ן פריץ, — דער גאַנ־צער עגול פון די יידישע אינטערעסען! אָבער דאָכמאָל האָט דער ווײַ גובר־געווען: שאַלאַנט לאָזט זיך גיין צום פריץ, נאָר דאָס האַרץ האַלט נישט אויס. אים ווערט נישט גוט. ער בלײַבט אין דר'היים. צווייַנט זיך ווי אַ קינד. שטאַרק מוז שוין זײַן דער ווײַ! מיט דעם ריין־דראַמאַטישען אַקאָרד ענדיקט זיך די פיעסע.

די דראַמאַטישע מאָמענטען זענען זייער געלונגען: אין ערשטען אַקט — דער וויזיט פון מחותן, אין לעצטען — דער געשפּרעך מיט דער טאָכטער. אָריגינעליש זענען די קאָמישע מאָ־מענטען: דער בריף, אין ערשטען אַקט, און דער שפּײַ, אין סוף פון ערשטען; דער וויזיט פונ'ם שדכן — אין דריטען.

דאָס טעמפּאָ פון דער פיעסע איז זייער לעבעדיק, ווי שוי־מיקער ווײַן, לײַכט, גראַציעזיש, פליסיק. אָהן לאַנגווײַליקע ערטער. די פיעסע ווירקט אַפּ'ן צושויער: פריער ווײַלט זי אים, מאַכט אים פריילעך; דערנאָך ווערט ער טרויריקער, צום סוף — גערירט.

די שפּראַך — אַ שלום־עליכמדיקע.

# V.

קורץ, „צוזייט און צושפּרייט" דאַרף גערעכענט ווערען פאַר אַ קלאַסישער פיעסע פון אָרעמען יידישען רעפּערטואַר. דאָס פּשטות און די נאַטירלעכע אוממיטעלבאַרישקייט פון דער דראַמאַטישער שטי־מונג און די לופטיקע לײַכטקייט פון די ליניעס איז אַ זעלטענע דערשײַנונג אין אונדזער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

[„טעאַטערוועלט" נ' 6, אָקטאָבער 1908].

# אינהאַלט

## פון ערשטען באַנד.

### I. אַלגעמיינס:


1) פראַגמענטען . . . . . . . . . . 3.
2) אינדזער טעאַטערקריטיק . . . . . . . 17.
3) קריזיס פון אונדזער דראַמאַטיש טעאַטער . . 22.
4) פיר יאָר יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד און פוילען 31.
5) דער יידישער אינטעליגענט און דאָס יידישע טעאַטער 63.
6) בײַ „זיי" און בײַ אונדז . . . . . . . 69.
7) די רעכטלעכע לאַגע פון יידישען טעאַטער . . 73.


### II. יעקב גאָרדין:


1) נעקראָלאָג . . . . . . . . . . 81.
2) מ. ליליענבלום און יעקב גאָרדין . . . . . 93.
3) יעקב גאָרדין און זיין סעקטע . . . . . 102.
4) יעקב גאָרדינס ווידוי . . . . . . . . 112.
5) „מירעלע אפרת" אין פעטערבורג . . . . . 123.
6) „מירעלע אפרת" אין ווארשע . . . . . . 129.
7) „די שבועה" . . . . . . . . . . 135.
8) „אָהן אַ היים" . . . . . . . . . . 140.
9) „געבריִדער לוריע" . . . . . . . . . 144.
10) וואָס זאָגען פרעמדע וועגען יעקב גאָרדין? . . . 147.


### III. שלום־עליכם:


שלום־עליכם אַלס דראַמאַטורג . . . . . . . . 153.

# נח פּריִלוּצקיִס כּתבים

באַנד IV

נח פּרילוצקי

# יידיש טעאַטער

1905 — 1912.

באַנד II

פערלאַג א. אלבעק
ביאַליסטאָק

1921.

# אַרטיסטען

# יעקב ליבערט.

(כאַראַקטעריסטיק).

וואָס איז אַזוינס אַן׳אַרטיסט?

אַן׳אַרטיסט איז אַ באַזונדער מין מענטש, אַן׳אויסנעם פון אַלע מענטשען.

יעדער מענטש האָט זיך זיין פסיכאָלאָגיע, זיין נשמה, ווי מ׳זאָגט: לעבט זיך מיט זיין אינערלעך לעבען.

דאָסזעלביקע, נאַטירלעך, אויך דער אַרטיסט.

אָבער דער אַרטיסט האָט אויסער דעם אַ באַזונדער ברכה פון גאָט: ער קען באַווייזען „נסים“, — ער קען אַראָפּוואַרפען פון זיך זיין אייגענע פסיכאָלאָגיע, זיין אייגען לעבען, — ווערען אַף עטלעכע שעה אַן׳אַנדער מענטש, מיט אַן׳אַנדער פסיכאָלאָגיע, מיט אַן׳אַנדער לעבען. ער קען זיך אומוואַנדלען אין פאַרשידענע טיפען, אין פאַרשידענע כאַראַקטערס. ער „שפּילט“, ווי מ׳רופט עס, דעם, יענעם „העלד“. היינט איז ער האַמלעט, און מאָרגען קאַרל מאָאָר. היינט איז ער בר־כּכבא און מאָרגען שלמה גאָרגעל. און ווען איר זיצט אין טעאַטער, זעט איר פאַר זיך טאַקע אַ לעבעדיקען האַמלעט אָדער קאַרל מאָאָר, אַ לעבעדיקען בר־כּכבא אָדער שלמה גאָרגעל.

צו דעם דאַרף מען זיין באַזונדערס באַגאָבט, האָבען, ווי עס הייסט, אַ טאַלענט. דער אַרטיסט האָט נישט געזען נישט האַמלעטען, נישט קאַרל מאָאָר. ער האָט נור געליינט אַ ווערק פון שעקספּיר אָדער שילער, וווּ עס פיגורירען דידאָזיקע טיפען. מיר האָבען דידאָזיקע ווערק אפשר אויך געליינט, פאַרשטאַנען און, קען זיין, דורכגעפילט, — פאַר׳ן אַרטיסט איז דאָס נאָך ווייניק, ער דאַרף איינזאַפּען אין זיך די גאַנצע פסיכאָלאָגיע פון דעם טיפּ. ער דאַרף נישט נאָר אַריינדרינגען אין זיין נשמה, ער דאַרף זיין מיט איר אַדורכגעדרונגען, ער דאַרף זיך אין איר אומוואַנדלען. דער שרייבער גיט איהם די ווערטער און די מעשים פון דעם העלד, און דער אַרטיסט דאַרף דעם גאַנצען העלד באַשאַפען. ער דאַרף מאַכען אַ לעבעדיקען מענטשען, מיט

אַ באַשטימטען כאַראַקטער, פון וועלכען עס זאָלען לאָגיש און פסיכאָלאָגיש אַרויסגיין די ווערטער און מעשים, וועלכע דער העלד רעט און טוט באַם מחבר. און דערדאָזיקער מענטש דאַרף זיין דער אַרטיסט אַליין. אין זיך, פון זיך דאַרף ער מאַכען אַ האַמלעט אָדער אַ קאַרל מאָאָר. אויסער דעם, וואָס ער איז מקיים אַלץ, וואָס דער שרייבער הייסט אים, דאַרף ער נאָך אויפשטעלען אַלץ, וואָס דער מחבר האָט געמוזט אַדורכלאָזען. יעדער מאַך מיט דער האַנט, יעדער ווונק פון די מוסקולען אין געזיכט דאַרף זיין אַזוי, ווי ווען האַמלעט אַליין אָדער קאַרל מאָאָר אַליין וואָלטען דאָ געווען פאַר'ן צושויער.

ווען דער אַרטיסט איז אינטעלעקטועליש הויך אַנטוויקעלט, ווען ער האָט באַקומען אַ ברייטע אַלגעמיינע בילדונג, ווען ער איז באַקאַנט מיט דער אַלוועלטלעכער, אָדער כאָטש נאַציאָנאַלישער ליטעראַטור, מיט דער געשיכטע, מיט די יסודות פון פסיכאָלאָגיע, — האָט ער דערפון גרויסע נוצען. וואָס אינטעליגענטישער דער אַרטיסט איז, אַלץ פיינער, אַלץ איידעלער איז זיין שפּיל, אַלץ לייכטער איז אים צו דערפילען זיין אויפגאַב.

אָבער נישט אין דער אינטעלעקטועלישער אַנטוויקלונג ליגט דער עיקר פון דעם, וואָס איז נייטיק דעם מענטשען, ער זאָל זיין אַנ'אַרטיסט. דער גרעסטער געלערטער קען זיין דער ערגסטער לאַיצלח אַף דער בינע. ער וועט זעלטען-גוט פאַרשטיין דעם כאַראַקטער, וועלכען ער דאַרף שפּילען, אָבער נאָר פאַרשטיין; — אוממואַנדלען זיך אין אים וועט ער נישט קענען.

די קראַפט פון דעם אַרטיסט ליגט אין דעם, וואָס מ'רופט איטויציע.

אינטויציע איז אַנ'איינגעבוירענע, געהיימנישפולע קראַפט, עפּעס אַ באַזונדער אינסטינקט, מיט וועלכען עס זענען געבענטשט זייער ווייניק גליקלעכע. דער באַרימטער געלערטער פּאַלעאָנטאָלאָג קיוויי האָט נאָך איין געפונענעם ביין פון אַ חיה, וואָס האָט געלעבט נאָך „פאַר'ן מבול", אויפגעבויט דעם גאַנצען אָרגאַניזם אירען. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט מען אויסגעגראָבען די איבעריקע ביינער פון דערזעלביקער חיה, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז קיוויי האָט זי ריכטיק זיך פאָרגעשטעלט. נאַטירלעך, האָבען איבּ אין דעם פאַל מיטגעהאָלפען זיינע ריזיקע קענטענישען. אָבער די הויפטראָלע

האָט דאָ געשפּילט גאָר עפּעס אַנדערש. די פֿאַנטאַזיע האָט, קוקענ=
דיק אַפ׳ן ביינדעל, אָנגעהויבען צו וועבען איר פֿרייע אַרבעט, אָנ=
צייכענענדיק נאָך איין שטריך דאָס גאַנצע בילד, און די אינטוּ=
יציע, דאָס געהיימע געפיל פון דעם, וואָס איז דאָ, און וואָס
איז נאָך באַהאַלטען פֿאַר דעם מענטשענס אויגען, דער וואונדערבאַרער
אינסטינקט האָט געווירקט, אַז דאָס בילד זאָל זיין ריכטיק,
אַנטשפּרעכען דער אומבאַוואוסטער ווירקליכקייט.

אַנ׳אַרטיסט מעג זיין רוי, אומוויסענדיק, ער מעג נישט האָבען
קיין ברעקעל אַנטוויקלונג, ער מעג נישט אָנהייבען פֿאַרשטיין דעם
כאַראַקטער, וועלכען ער שפּילט, אָבער — איז ער אַנ׳אַרטיסט,
ציט ער עפּעס מיט אַ געהיימנישפֿולער אינערליכער, אינסטינקטיווי=
שער קראַפֿט איין אין זיך דאָס גאַנצע וועזען פֿונ׳ם כאַראַקטער.
ער הערט אַ וואָרט פֿונ׳ם העלד, הערט וועגען אַ טאַט פֿון אים, —
ער פֿאַרשטייט זיי אפשר נישט, — אָבער דאָס וואָרט, די טאַט
רירען=אָן עפּעס אַ סטרונע אין אים. די אינטוּיציע הייבט=אָן צו אַר=
בעטען. ער באַגייסטערט זיך, ער אָטעמט=איין אין זיך, שעפּט=איין
דעם גאַנצען אינהאַלט פֿון דעמדאָזיקען העלד, — און אַ נס איז
געשען: דער אַרטיסט איז שוין נישט דער מענטש, וועלכער ער איז
אין געוויינליכען לעבען, — ער האָט אין זיך, פֿון זיך באַשאַפֿען
דעם העלד, וועלכען ער דאַרף פֿאָרשטעלען.

וואָס שטאַרקער און טיפֿער עס איז די אינטוּיציע באַם אַר=
טיסט, דאָס גרעסער איז ער.

יעקב ליבערט געהערט צו די אַרטיסטען, וועלכע האָבען
אַנ׳אומגעוויינליכע אינטוּיציע. קיין גרויסע אינטעלעקטועלישע אַנט=
וויקלונג באַזיצט ער נישט, — ווי אַלע יידישע אַרטיסטען. די סבה
איז אַנ׳איינפֿאַכיקע: ער האָט נישט געהאַט, ווו זי צו באַקומען.
נע-ונד איז דער יידישער אַרטיסט, זיין לעבען איז אַנ׳אייביק וואַנ=
דערען אין אייביקער נויט. 31 יאָר סך=הכל איז ליבערט אַלט,
און 14 יאָר קומט ער שוין אָפּ די קאַטאָרגע, וואָס הייסט — „שפּי=
לען אין יידישען טעאַטער”.

און באַ דעם אַלעם איז ער אַנ׳אַרטיסט אין אמתען זין פֿון
וואָרט. פֿאַרשידענע ראָלען קומט אים אויס צו שפּילען, און ער פֿילט
אַדורך מיט זיין אומגעהייערער אינטוּיציע אַלע, גיט זיי איבער
מיט לעבעדיקער שאַפֿענדיקער קראַפֿט. זיין רעפּערטואַר איז פֿילזיי=

טיִק, און דיִ בעסטע ראָלען ליִגען אין פאַרשיִדענע סאָציִאַליִשע שיִכ־
טען און פּסיִכאָלאָגיִשע געביִטען. סאַטיִן אין „נאַ דניע“, דער
גרויס־איִנקוויִזיִטאָר אין „כּל־נדרי“, דער פורמאַן אין
„הערצעלע מיוחס“ — דאָס זענען זײַנע טיִפּסטע ראָלען, אין
וועלכע ליִבערט הײבט זיך אויף ביִז דער הײך פון אַ געניִאַליִשען
אַרטיִסט. מיִט גרויס טאַלענט שפּיִלט ער דיִ איִבעריִקע זײַנע ראָלען:
זלמן אין „מיִרעלע אפרת“, יואל — דודס פאָטער אין
„וויִלנער בעל־הביתעל“, זאַלקיִנד אין „דער מוטער“.
איִך אַלײן האָב איִם ניִשט געזען, נאָר מען זאָגט, אַז פּראַכטפול
איִז ער אויך אַלס פּאַפּוס אין „בר־כּכבא“ און שמואל־בן־
נתניה אין „חורבן ירושלים“.

ליִבערט איִז אַ דראַמאַטיִשער טאַלענט. ווען ער שפּיִלט
אַ דראַמאַטיִשע ראָלע, רײַסט ער מיִט דאָס גאַנצע טעאַטער. צוואַנגען
פון באַגײַסטערונג און עקסטאַז ציִען דעמעלט צו איִם אַלע צושויער.
ער האָט אײן ראָלע, דער ריִטער אין „ד״ר יאָזעלמאַן“, ווען ער
אַנטוויִקעלט אַף דער ביִנע אַזאַ קאָלאָסאַליִשע, כּמעט איִבערמענטש־
לעכע דראַמאַטיִשע קראַפט, דאָס דער אַנטוויִקעלטער עסטעטיִשער
געשמאַק פיִלט פאַר איִם אַ טיִפע ערפורכט, — און דאָס דעמעלט,
ווען דאָס רוב פון דיִ פּיעסעס, איִן וועלכע ער שפּיִלט, זענען שונד.
הײַנט וואָס וואָלט ער שוין געקענט באַווײַזען אין אַן׳אמתען ליִטע־
ראַריִשען רעפּערטואַר! דאָס זעען מיִר טאַקע אין דיִ ווײניִקע ליִטע־
ראַריִשע ראָלען, וועלכע ער האָט.

קײן „געליִבטער“ איִז ליִבערט ניִשט קײן פּאַסענדיִקער, און
דאָך פיִרט ער אַזוינע ראָלען אויס אויך מיִט גרויסער דראַמאַטיִשער
קראַפט (אַרנאָלד אין „חנה דער נײטאָרין“).

און וואָס איִז נאָך מער צו באַוואונדערען: ער איִז אַ פּראַכטפול־
לער קאָמיִקער. דאָס האַרץ בלוטיִקט צו זען אַזאַ גרויסען דראַ־
מאַטיִשען טאַלענט, וויִ ליִבערט, אין אַזעלכע ראָלען, וויִ שלמה
גאָרגעל אין דעם שונדשטיִק מיִט דעמזעלביִקען נאָמען, און וויִ
דער קעלנער אין דעם שונדשטיִק „אײַזיִק־קצב“. אָבער אָנערקע־
נען מוז מען, אַז אַפיִלו דיִדאָזיִקע ראָלען שפּיִלט ער, וויִ ליִבערט.

וויִ אַ רויטער פאָדעם ציִט זיך דורך דער גאַנצער שפּיִל פון
ליִבערטען אײן איִנטערעסאַנטער מאָטיִוו. אין זײַן שפּיִל פיִלט
זיך שטענדיִק אַ פּעס אַזאַ שטיִלע, גוטהאַרציִקע איִראָניִע. אַ מענטש,

וואָס טראָגט אין זיך אַ גרויסע קראַפט, וואָס שטייט, נישט פילענדיק און נישט וויסענדיק דאָס, העכער פון דעם אַלטעגלעכען לעבען, קוקט ער, ווי פון אויוועז אַראָפּ, ווי אַ דערוואַקסענער אַף קינדער, — אַף די אַלע מענטשען, אין וועלכע עס קומט אים אויס זיך אומ־צוואַנדלען.

און אפשר אין דערדאָזיקער איינגעבוירענער באַציונג צו די געשטאַלטען פון זיין אייגענער שאַפענדיקער קראַפט ליגט דער סוד פון דער פאַרשידענזייטיקייט, מיט וועלכער עס ציינכענט זיך אויס זיין גרויסער טאַלענט?

[„דער וועג“, 5־טער יוני 1906, נ׳ 143].

# פּעניִ וואַדיאַ-עפּשטייִן.

## „דיִ פּרוי עוואַ“.

מאַדאַם פּעניִ וואַדיאַ-עפּשטייִן — ווער פון אייך האָט געהערט דעם נאָמען?

זאָל דיִ פרוי האָבען געוועזן אויפטרעטען איִן דיִ פאַראייִניִקטע שטאַטען, ווו ס'איִז פאַראַן אַ גרויסע יידיִשע פּרעסע, וואָלט צו אונדז, פיִלייַכט, דערטראָגען זיִך אַ ווייַטער אָפּקלאַנג פון איִר אַרטיִסטיִשער טעטיִקייִט. זיִ האָט געשפּיִלט איִן פּאַריִז, לאָנדאָן, בועּנאָס-אייַרעס, — קייִן באַטייַטעוודיִקע יידיִשע צייַטונגען איִז דאָרט ניִשטאָ, — ווייִסען מיִר גאָרניִשט פון איִר.

דאָס טעאַטער „אַלעקסאַנדריִן“, ווו דיִ אַרטיִסטיִן גאַסטראָליִרט, איִז שבת און זונטיִק ניִט געוועזן געפּאַקט: וועמען, כ'לעבען, גייִט עס אָן, אַז עפּעס אַ מאַדאַם פּעניִ וואַדיאַ-עפּשטייִן האָט זיִך פאַרוואָלט אַרייַנצופאָרען קייִן וואַרשע?... פאַר דעם הייַפעל מענטשען, וואָס האָט זיִך יאָ פאַראיִנטערעסיִרט מיִט דער אומבאַוווסטער יידיִשער אַרטיִסטיִן, זענען, אָבער, דיִ צוויִי פאָרשטעלונגען געוועזן אַנ'אמתע איִבערראַשונג.

אַ יידיִשע אַרטיִסטיִן, וואָס טראָגט ניִט אַף זיִך דעם טרויריִקען גלותשטעמפעל.

אַ איִנדיִוויִד, וואָס איִז ניִט צוקוועטשט און ניִט צובראָכען פון לאַנגע יאָרען אַרומוואַלגערען זיִך און אונטערהונגערען. אַ שוישפּיִלעריִן, וואָס האָט ניִט פאַרזוכט דעם טעם פון דיִ רוסיִשע רדיפות.

דיִ ערשטע דאַמע אַף דער יידיִשער ביִנע איִן פּוילען און רוסלאַנד, — דאָס, וואָס קאָן אויסגעדריִקט ווערען מיִט'ן פּויליִשען באַגריִף „Pani“.

אַ פרוי, וואָס וועט זיִך קענען האַלטען און באַנעמען איִן אַ גרויסוועלטיִקען סאַלאָן.

אַ יידיִשע אַקטריִסע — מיִט איִנטעליִגענטיִשקייִט, אַ יידיִשע אַקטריִסע — מיִט אַרטיִסטיִשער קולטור.

אַ גליִקלעך אויסזען פאַר דער סצענע. הויכוווקסיִק און שלאַנק. מיִט דער פיִגור און מיִט'ן האַלטען זיִך איִז מאַדאַם עפּשטייִן זייִ-

ער ענלעך צו סאַראַ בערנאַר; איבערהויפּט, ווען זי הייבט די אַקסלען און בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ איז די ענלעכקייט מערקווירדיק.

אַ צאַרטע ווייבלעכע ווייכקייט און גראַציע אין יעדער באַוועגונג.

אַ ווייס, איידעל, באַוועגלעך פּנים מיט אַ פּאָר גרויסע טיפע אויגען, וואָס באַלייכטען ס׳גאַנצע געזיכט.

אַ רייכע שטים מיט אַ שטאַרקען, טיפען, ברוסטלעכען, העכסט־מעלאָדישען טעמבר.

דערביי — אַ זידיקער טעמפּעראַמענט, ממש — קוועקזילבער.

אויפגעפירט איז געוואָרען „די פרוי עווא״ — עפּעס אַנ׳אי־בערגעמאַכץ פון ענגלישען, אַנ׳אַמעריקאַנישׁ שטיק מיט מיליאָנען, פאַרשווענדונגען, דועלען, — פון וועלכען ס׳לוינט נישט אַ סך צו רעדען. אין אַזעלכע פּיעסעס וועט איר געפינען כּלערליי אויסערלעכע עפעקטען, אָבער זייער ווייניק פּסיכאָלאָגישען און דראַמאַטישען (ניט מעלאָדראַ־מאַטישען!) מאַטעריאַל. מאַדאַם עפּשטיין איז דער טיטעלראָלע האָט, אָבער, באַוויזען פון דעם ביסעל, וואָס דער אַנאָנימער מחבר האָט פאַר איר צוגעגרייט, צו באַשאַפען עטוואָס שיינס און רירענדיקס.

זי פאַרמאָגט אַ בייגעווּדיקע דראַמאַטישע קראַפט, וואָס פאַראייניקט זיך אין איר מיט לירי זם, וועלכער פלייצט פון די טיפסטע ווינקעלעך פון איר פרויענהאַרץ. אַפילו די לאַנגע מעלאָדע־קלאַמאַציעס, מיט וועלכע ס׳שטיק איז אָנגעשטאָפּט, קלינגען אין איר מויל באַהאַרצט און איבערציינגענדיק.

זי האָט אונדז געגעבען אַף דער סצענע אַנ׳איינגענאַרטיק, שטאַרק און ווייך, פעסט און מילד, דופּטיק, סובטעליש פרויענגע־שטאַלט, די פאַרקערפּערונג פון דראַמאַטישען לירי זם, און מינוטענווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳זע פאַר זיך די שיינע און אומגליקלע־כע זאַבעידאַ פון הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַלס פּאָעטישער טראַגעדיע.

קיין איין מאָמענט איז בא מאַדאַם עפּשטיין ניט קיין גע־מאַכטער. פון דער ערשטער מינוט ביז דער לעצטער איז זי באַגייס־טערט. דערצו באַזיצט זי אַ גוטע רוטינע; דער עלעמענט פון באַוווסטזיניקייט נעמט אַדורך איר גאַנצע שפּיל, וועלכע איז דאַדורך פּיליגראַניש, איידעל און חנעוודיק.

פול מיט דיסטינקציע און באַחנט איז איר ווינען און איר לאַכען, איר ביזוערען זיך און איר אויפרעגונג.

איר מימיק איז פּראַכטפול, אויך די מאָדולאַציע פון דער שטים.

איטלעכס אבער אין איר באַטייליקט זיך אין דער שפּיל, — איר שווייגן רעדט אָהן ווערטער.

יעדער ריר האָט אין זיך אַנ'אינעווייניקסטע ווירדיקייט, אַנ'ערנסטע איינגעהאַלטענקייט, — און אַלע צוזאַמען זענען זיי שטרענג־האַרמאָניזירט, — איטלעכע פּאָזע קומט, דעריבער, אַרויס געטאָקט, פּלאַסטיש.

שיין זענען די שנעלע איבערגאַנגען פון איין געפיל, געזיכטס־אויסדרוק און סיטואַציע צום אַנדערען. פלינק און גראַציעזיש זענען זיי און ווייך, שטיל, כמעט אומבאַמערקבאַר, באַלייט מיט די סובטע־לישסטע ניואַנסען פון מימיק און קול.

ליידער, איז דאָס שטיק אויסגעשטעלט געוואָרען אַף גיך, און פון די היגע אַקטאָרען האָט, אויסער מאַדאַם קאָמפּאַנייעץ און סעם־אַדלער, קיינער די ראָלע נישט געקענט. אַנ'אומדערהערטע זאַך! אַזאַ באַגאַבטער און סימפּאַטישער אַרטיסט, ווי דראַנאָוו, זאָל זיך דערלויבען אַרויפגיין אַף דער סצענע, ניט געדענקענדיק אַ וואָרט. דער סופלער האָט געאַרבעט אַף אַלע כּלים, אַזוי אַז דאָס פּובליקום האָט עטלעכע מאָל הויך פּראָטעסטירט.

[„אונדזער לעבען“ נ' 121 פון 7. יוני 1910].

# „מעדעאַ“.

פראַנץ גרילפּאַרצער[1] — דער באַטייטענדיקסטער עסט־רייכישער דראַמאַטורג. אַ לאַנגע צייט איז ער נישט אָנערקענט געוואָרען, — ערשט גאָר פאַר'ן טויט האָט מען זיך אַף אים אומגעקוקט, — מיט כּבוד באַשיט... פאַראיאָרען האָט הערהאַרד הויפּטמאַן דערהאַלטען אַ פּרעמיע אַפ'ן דראַמאַטישען קאָנקורס פון גרילפּאַרצערס נאָמען וועגן, — און שטאָלצירט זייער מיט זייער פעולה.

די זאַכען פון פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער האָבען, אָבער,

[1] געלעבט פון יאָר 1791 ביז 1872.

שוין אָפּגעלעבט. איבסען און הויפּטמאַן, מיט זייער נײַ וואָרט אין דראַמע האָבען אים לגמרי פאַרשטעלט. גרילפּאַרצער באַלאַנגט צו דער אַלטער, אַזויגערופענער קלאַסישער שול. ער האָט ליב ראָמאַנטישע שרעקען און הילכענדיקע עפעקטען, — אָבער די טעכניק זײַנע איז שוואַך, די האַנדלונג רײַסט זיך, איר טעמפּאָ איז לאַנגווײַליק, איינע און דיזעלביקע סיטואַציעס חזרען זיך איבער כמעט אין אַלע אַקטען פון שטיק.

„מעדעאַ", וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרען נאָך אין 1822־טען יאָר, האָט אַוודאַי אַלע, פאַר גרילפּאַרצער כאַראַקטעריסטישע, חסרונות, — און איז פּאָפּולעריש נאָר צוליב'ן געלונגענעם טיפּ פון דער טיטעלהעלדין.

אין דער טראַגעדיע ווערט אַדורכגעפירט די אידייע, וואָס וואַקסט נאָך פון זשאַן־זשאַק־רוסאָ: דער מענטש אין ווילדען צושטאַנד איז ריינער, ווי אין קולטורעלישען, וואָרען די ציוויליזאַציע איז דורך־און־דורך פאַלש, געבויט אַף צבועישע יסודות. אַלס אילוסטראַציע האָט דער דײַטשישער קינסטלער אויסגענוצט דעם אַלטגריכישען מיטה וועגען העלד יאַזאָן, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אומבאַוווסטען ים, צום פינצטערען לאַנד קאָלכיס, נאָך דער לעגענדאַרישער גאָלדענער שעפּסענפעל. אין דער ווילדער מדינה האָט זיך אין אים פאַרליבט אַ שטאָלצע פּרינצעסין, באַרימטע שיינקייט, איינעקעל פון געטער, און אַליין פון פאָלק פאַרגעטערט. צו ראַטעווען דעם פרעמדען, האָט זי דעם פאָטער און דעם ברודער מקריב־געווען. דער פלאַם פון ליידענשאַפט האָט איר גורל צו זײַנעם צוגעשמידט. זי איז נאָך יאַזאָנען, שטיל געטיילט מיט אים די צרות און יסורים פון צוועלף יאָר וואַנדערען. צוריקקומענדיק קיין קאָרינט, האָט דער העלד אַזוי איר אָפּגעדאַנקט: צוגענומען ביידע קינדער, וועלכע זי האָט אים געבוירען, — און די מוטער זייערע פאַרטריבען פון זיך... און אָפּגעטון געוואָרען איז דאָס אומרעכט — אין נאָמען פון דער גריכישער „קולטור", אין נאָמען פון דער „געטלעכער גערעכטיקייט"!

מעדעאַ, דער קרבן פון די ציניש־עגאָיסטישע פּרינציפּען, וועלכע דער קעניג און דער כהן פאַרדעקען מיט'ן פײַגענבלאַט פון פאַרקריפּעלטער עטיק, איז אויך דער מעכטיקער פּראָטעסט קיינגען זיי, — מיט איר פרײַער ערלעכער נאַטור, אײַנגעבוירענעם געפיל

פון גערעכטיקייט, אומפעיקייט צו האַנדלען מיט'ן געוויסען, שטאָלצער פאַראַכטונג צו די קליינינקע מענטשעלעך, צו זייער געמיינעם פחדנות און שמוציקען אַכזריות. —

דאָס שטיק, וואָס פאַרלאַנגט גוטע עטלעכע חדשים אַרבעט, אַ סך קאָפּ און מי בלויז אַף דער דרויסענדיקער זייט אַליין, — אַף דער בינע זאָל אויפלעבען דער גייסט פון דער אוראַלטער עפּאָכע, פון וועלכער דער ספּור־המעשה איז גענומען, — איז אין „אַלעקסאַנדרין" אויפגעפירט געוואָרען צווישען יאָ און ניין, — פאַרשטייט זיך, אַז וועגען די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען איז בעסער נישט צו רעדען. איבעריגענס, אַ יידישער טעאַטערדירעקטאָר איז גאָרנישט אימשטאַנד צו לייגען די הוצאות, וואָס זענען פאַרבונדען מיט דער געהעריקער אויסשטעלונג פון אַ היסטאָריש שטיק. כל־זמן אונדזער כלל וועט נישט איבערנעמען די יונגע יידישע בינע אין זיינע הענט, האָבען מיר גאָרנישט ס'רעכט אפילו פאַראיבעל צו האָבען אַף איר פּרימיטיוויקייט.

אָבער, הגם אויך דער אַנסאַמבל איז וויינינק צוגעגרייט געווען צו באַטייליגען זיך אין דער טראַגעדיע,[1] האָט מאַדאַם עפּשטיין פונדעסטוועגען באַוויזען בלויז מיט איר אייגענער שפּיל צו באַצווינגען דאָס פּובליקום און אַרויסרופען אומאויפהערלעכע אָוואַציעס. אַלע מעלות פון דער אַרטיסטין האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער ראָלע, וואָס מוז זיין די בעסטע אין איר רעפּערטואַר. קענטיק, גוט איינגעשטודירט האָט די קינסטלערין ס'שטיק, טיף פאַרשטאַנען און אַדורכגעפילט דעם כאַראַקטער און דעם גורל פון דער שיינער מעדעאַ.

אַדורכגענומען זיך מיט אירע אָנשויונגען און געפילען, מיט איר ווילדער אוממיטעלבאַרישקייט און טראַגיש־געהיימעניספולער קראַפט, האָט מאַדאַם עפּשטיין פון דער ראָלע באַשאַפען אַ גרויזאַמע און ליכטיקע, האַרבע און מילדע פּאָעמע, וואָס וויקעלט זיך אויף אַף דער סצענע האַרמאָניש און פליסיק, ווי דער פּאַרמעט פון אַ מגילה.

סטיכיש, מעכטיק, ווי די אַפריקאַנישע זון — היים, ווי די טוי אין וואַלד — נאַיוו, ווי דער שטורעם אין מדבר — פריי, איז אַדורכגעגאַנגען פאַר אונדז די לעגענדאַרישע פּרינצעסין, קעניג־

[1] בלויז מאַדאַם קאָמפּאַנייעץ איז געווען אַמ'ן אָרט און האָט געהאַט עטלעכע שיינע מאָמענטען. —

לעך־שײַן אין איר ווילדער ריינקייט, אין אירע פלאַקערדיקע ליידענשאַפטען. פּאָטערמערדערין און קינדערסמערין, בלוטפאַרגיסערין און אונמערציינדערין, — און דערבײַ פּאָעטיש, ווייך, גוט, רייצעוודיק אין איר אומענדלעכער ליבע, באַחנט אין איר נאַיווען גלויבען, נאָענט אין איר צובראָכען געמיט, דערהויבען אין אירע מוראדיקע ליידען. די גאַנצע גאַמע פון אירע שטאַרקע און איידעלע, שוידערהאַפטיקע און האַרציקע איבערלעבעכע איבערלעבונגען, האָט מאַדאַם עפשטיין באַוויזען אַדורכצושפּילען דײַטלעך און ריין, ווי אַ מוזיקער אַ ווירטואָז, וואָס פירט־אויס אַפ׳ן אינסטרומענט דאָס ווערק פון אַ גרויסען קאָמפּאָזיטאָר.

אויסער אײַנגעבוירענעם טעמפּעראַמענט און קינסטלערישער אינטויציע, האָבען מיר דאָ צו טון מיט אינטעליגענטישער באַוווסטזיניקייט. איטלעכער שטריך אין דער שפּיל פון מאַדאַם עפשטיין איז קענטיק אויסגערעכענט און באַקלערט. פרײַ אַף דער בינע, ווי נאָר אַ טאַלענטפולע אַרטיסטין קאָן פרײַ זײַן אַף די טעאַטערברעטער, יאַרליִרט זי דאָך אַפילו אין די שטאַרקסטע מינוטען נישט די קאָנטראָלע איבער זיך. יעדע רגע פילט זי און ווייסט, וואָס זי טוט און רעדט, — איטלעכער זשעסט, דעריבער, איז געמאָסטען און געשליפען, איטלעכס וואָרט מערקווירדיק אַקצענטירט.

און נאָכאַמאָל מוז איך מיך אָפּשטעלען אַף דער זעלטענער פּלאַסטיק פון אירע באַוועגונגען און פּאָזעס. ווי אַ ווילדע קאַץ, ווי אַ טיגערין, עלאַסטיש און לײַכט טראָגט זי זיך אַף דער סצענע, און די אײַנגעבוירענע גראַציע מאַכט יעדען ריר פון דער אַרטיסטין פאַרקײַלעכדיקט און באַחנט. אַ שטיקעל מאָדערניסטיש־מיסטישער ריין שטעקט אין אירע באַוועגונגען און פּאָזעס: זיי רעדען מיט דער איידעלסטער פּאָעטישער שפּראַך, וואָס איז פול מיט הונדערטער אומדערוואַרטע און סובטעלישע ניואַנסען. איבערהויפּט איז שיין, ווען פרוי עפשטיין שטרעקט־אויס די הענט מיט געבעט אָדער טרויער: זייער גראַציע דערמאָנט דעמעלט איזעדאָרא דונקאַן.

ענדלעך — דאָס שטאַרקע קול מיט דעם ברייטען דיאַפּאַזאָן, מוזיקאַלישען קלאַנג און רײַכער גאַמע. די שטים איז מאָדנע באַהערצט. אין איר ציטערען אָפּטמאָל אַזעלכע דינע סטרונעס, אַז ס׳פאַרכאַפּט דעם אָטעם, פון געריִרטקייט און אַנטציקונג. כ׳וועל אָנווײַזען נאָר אַף צוויי מערקווירדיקע מאָמענטען: מעדעאַס אויסרוף:

„יאַזאָן, כ׳ווייס אַ לידו!" און דערנאָך איר פּראָטעסטאויסגעשריי: „אָ, איר שלעכטע געטער!" — וויפל צאַרטע קונסט, וויפל כשוף איז געווען אין די צווייִ פראַזען, ווען זיי האָבען זיך אַרויסגעריסען פון פרוי עפשטיינס מויל, — ריכטיקער: גלייך פון איר ברוסט, אַדו״כ־געווייקט מיט׳ן פרישען בלוט פון דער ליידענדיקער פּרינצעסין אויס קאָלכיס!...

איין חסרון, פון וועלכען מאַדאַם עפשטיין דאַרף וואָס גיכער פּטור־ווערען, כדי צו זיין אַ ווירקליך גרויסע אַרטיסטין, אַנ׳אמתער אוצר פאַר אונדזער אָרעמער בינע: דער פּאַטאָס, אין וועלכען זי פאַלט אַריין אין מאָמענטען, ווען זי דאַרף אַ סך רעדען, דעמעלט רעדט זי מיט אַ ניגון. שוין אין „פרוי עוואַ" האָב איך באַמערקט דעם פעלער, — בשעת דער דערקלערונג מיט׳ן מאַן. — אין „מעדעאַ" האָט זי גלייך פון אָנהייב גענומען אַ פּאַטעטישען טאָן. אמת, אין קלאַסישע פּיעסען איז שוין אַזאַ מנהג צו רעדען מיט אַ געהויבענער שטים. צו דער ראָלע פון מעדעאַ פּאַסט ספּעציעליש דאָס צוזינגען, דען דיווילדע רעדען געווינטליך מיט אַ ניגון. כמעט אין אַלע אייראָפּעישע לשונות שטאַמען די ווערטער, וואָס בא־טייטען „רעדען" און „זינגען" פון איין שורש.[1] דאָך האָט מאַדאַם עפשטיין אַריבערגעכאַפּט די מאָס. אין די גאָר שטאַרקע מאָמענטען פון פערדען אַקט האָט זי גערעדט דוקא אָהן פּאַטאָס, — און דע־מעלט איז דער איינדרוק געווען פולער. —

[„אונדזער לעבען" נ׳ 124 פון 10 יוני 1910].

# איז דער „שחיטה", אין „סאַפּאָ" אין „כאַשע די יתומה".

באַוווסטזיניקייט איז זייער אַ זעלטענער גאַסט אַף אונדזער בינע, און ס׳איז אַ האַרציקע פרייד, דעריבער, צו האָבען פאַר זיך אַ יידישע אַרטיסטין, פאַר וועלכער איטלעכע ראָלע איז אַ בוך, וואָס דאַרף געוויסענהאַפטיק אַדורכגעליינט, אַנאַליזירט, באַ־גרייפט און איינגעחזרט ווערען.

---

1 למשל, אף דייטש: „זינגען" און „זאגען". —

כ'האב געזען די וואך מאדאם פעני עפשטיין אין דער „שחיטה", אין „סאפא" און אין „כאשע דער יתומה", — יעדעס מאל איז זי געווען אנ'אנדערע, — אי מיט דער פסיכיק, אי מיט'ן גאנצען אויסזען — מיט די מאנערען און מיט דער קליידונג. קענטיק איז, אז די פרוי באגנוגט זיך נישט מיט בלויזער אינטויציע. — שטודירט אויס יעדעס שטיק אפ'ן איראפעישען שטייגער; דער־גראבט זיך ביז'ן מיין פונ'ם מחבר; טייטשט זיך אויס אף אלע זייטען איטלעכס ווארט, וואס איר וועט אויסקומען צו רעדען אף דער סצענע, איטלעכע פאזע, געזיכטאויסדרוק, גלידערבאוועגונג; מאכט זיך קלאר די מינדסטע פרטים פון אנטון.

א ס ת ר ק ע אין מאדאם עפשטיינס אינטערפרעטאציע איז, דאכט זיך, טאקע דייענוקע אסתרקע, וועלכע יעקב גארדין האט זיך פארגעשטעלט, — נישט א שטארקע נאטור, וואס איז באוווסטזיניק זיך מקריב צוליב אירע עלטערען, נאר די שטילע, די ווייכע, די צנועהדיקע, די כשרע יידישע טאכטער, וואס פאסיווקייט איז דער גרונטשטריך פון איר כאראקטער. איר ערשט דערשיינען אף דער בינע רופט ארויס אנטציקונג: דאס פנים — פארקערפערונג פון יידישער נאיווקייט, מיידלישער ווייסקייט און שעמעוודיקייט; דער גאנג — מיידליש־געבונדען און גראציעזיש צוזאמען. דאס פראסטע פראווינציעלישע יאקעלע פארפולקאמט דאס בילד, אפשפיגלענדיק אין זיך די גאנצע שטילקייט און ווייכקייט פון דעם שיינעם יידישען כלהמיידעל. אונדז ווערט גלייך פארשטענדלעך, פארוואס אסתרקע, ליבענדיק שמואל־יאסעלען, איז מסכים חתונה צו־האבען מיט צלאל ראפאפארט: טאטע־מאמע הייסען; ווי־זשע קען אנ'ארענט־לעכע יידישע טאכטער ווידערשפעניק זיין? דערדאזיקער מאטיוו איז מערקווירדיק אויסגעדריקט אין דער סצענע פון תנאים־שרייבען; פול מיט מורא, מיט טרערען אין די גרויסע אויגען, זיצט אסתרקע און קוקט אף דער מוטער, — מיט אזא טיף און צוזאמען נאיוו געבעט, — ווי א קינד, וואס ווייסט, אט־אט קומט־צו דער דאקטער צו מאכען די שרעקלעכע אפעראציע; צאפעלט איינגאנצען און האלט זיך מיט געוואלט איין ניט צו וויינען, ווייל די גוטע טייערע מא־מע באראיקט, זאגט־צו, ס'וועט נישט וויי־טון... ווען דאס אומגליקלעכע מיידעל הייבט דאך אן צו העשען, הערט איר, דאכט זיך, אין די כאראקטעריסטיש־מיידלישע ספאזמעס דעם גאנצען קומענדיקען גורל

אסתרקעס, איר שפעטערדיקע שוואַכקייט און היסטעריע, און פילייכט אויך אַ ווײַטען אָפּקלאַנג פון בלוטיקען סוף... שיין, ווי אַ נאַיוו, טרויריק, ליריש ליד איז אסתרקע אין ערשטען אַקט, פון וועלכען די איבעריקע דרײַ בינדען זיך שוין אויס מיט אינעווייניקסטען מוז.

אין דער „שחיטה" — פאַרקערפערונג פון פּאַסיווקייט, אין „סאַפאָ" — די פרײַע, די זעלבסטשטענדיקע פרוי, די יעניקע, וועלכע רעכענט זיך ניט מיט די הערשענדיקע מיינונגען, נאָר — מיט'ן אייגענעם האַרץ, מיט'ן אייגענעם שכל, מיט'ן אייגענעם ווילען. שיין, קלוג, געבילדעט, מוזיקאַליש, פּאָעטיש, שטאָלץ איז די העלדין פון דער פּיעסע — אָפּשפּיגלונג פון יעקב גאָרדינס אידעאַל — איניקסט ערלעך, ריין — ווי דער שניי אַף די בערגשפּיצען. זי ליידט אָרגאַניש ניט קיין פאַלשקייט, קיין צביעות, ווי אויך קיין אויסבאַהאַלטען זיך מיט דעם אמת, קיין שעמען זיך מיט'ן ערנסטען געפיל. גאַנץ, ווי פון איין שטיק ליכטיק גאָלד אויסגעקריצט, איז אין „סאַפאָ" איר פּסיכיק, ווייסט ניט פון קיין אינעווייניקסטע שפּאַלטונגען און ריסען, און דעריבער — אמת שטאַרק — אין אירע ליידענשאַפטען און אין אירע יסורים, אין איר גליק, ווי אין אומגליק. און אַזעלכע איז אויך מאַדאַם עפּשטיין אין דער ראָלע. פרײַ, שטאָלץ, קלוג און שיין אין יעדער באַוועגונג, דורכזיכטיק־ריין און ליידענשאַפטלעך־שטאַרק אין יעדען אָטעם. מיט געפיל און דין גיט זי איבער סאַפאָס ליבע, וואָס איז פלאַקערדיק ווי די זון, און דופּטיק ווי די בלוטיקע רויז, שטורמיש ווי אַ טײַך און צאַרט ווי די טוי, פרײַ ווי אַ פויגעל אין בלאָען חלל פון דער לופט און ליכטיק ווי ווענוס, וואָס טויכט־אויף פון דער שוים אין ים... אין דער פּיעסע איז נישטאָ קיין שרײַעדיקע עפעקטען. נישטאָ קיין משוגע־ווערען און קיין מאָרד, ווי אין דער „שחיטה", און קיין סמען זיך, ווי אין „כאַשע די יתומה". — די ראָלע פאַרלאַנגט אַ שטילע, אינטעליגענטישע שפּיל, מיט געטאָקטער מימיק און געשליפענער זשעסטיקולאַציע, — און מאַדאַם עפּשטיין, וועלכע איז אויסגעצייכענט אין דעם פערדען אַקט פון די דערמאָנטע צוויי פּיעסעס, איז נאָכמער אַפ'ן אָרט, נאָכמער נאַטירלעך און פרײַ דאָרט, ווו מ'דאַרף זײַן איניקסט־אײַנגעהאַלטען, מאָדערן־רויק.

אַלס „כאַשע" — גאָר אַנ'אַנדער מענטש אַף דער בינע. ס'גייט־אַרויס אַנ'אמת דאָרפיש מיידעל, אַ ווילדס, אַ פאַרשײַטס. דער־

פון, ווי זי שטעלט די פּיס, זעסטו, אַז זי איז נישט געוווינט צו קיין שיך, איר איז ענג. אויך די ראָלע איז גוט באַקלערט געוואָרען. מאַדאַם עפּשטיין מאַכט בולט פּיל נייע, ביז־איצט אומבאַמערקטע, מאָמענטען. איינציקע ניואַנסען באַקומען בא איר אַנ׳אייגענאַרטיקע סובטע־לישע באַאַרבעטונג. פּאַקטיש, די אַרטיסטין לאָזט נישט אַדורך קיין איין פּרט. אַלץ ווערט גענומען אין חשבון און אַריינגעוועבט אין דער ווייכער סטענגע פון דער ראָלע. אויך אין דעם שטיק באַשאַפט מאַדאַם עפּשטיין אַ גאַנצען טיפּ, פון אָנהייב ביז צום סוף איינ־הייטלעכען. דאָך האָט זי מיך אין דער ראָלע נישט צופרידענגע־שטעלט. ס׳איז נישט דאָס, וואָס מעדעאַ, נישט דאָס אַפילו, וואָס סאַפאָ. אַ געוויסע געקינצעלטקייט שפּירט זיך אין די ערשטע צוויי אַקטען: אָדער די טאַלענטפולע אַרטיסטין האָט זיך נאָך נישט צו־נויפגעוואַקסען מיט דער ראָלע, אָדער זי איז בכלל צו אינטעליגענ־טיש פאַר כאַשען, און איר איז שווער איינגאַנצען צוצופּאַסען זיך צו דאָרפישקייט, וואָס איז דער היפך פון מעדעאַס פּאָעטישער, פאַנטאַסטישער, מיסטישער ווילדקייט. אַ חסרון איז אויך, וואָס אין דערדאָזיקער ראָלע ווענדט זיך די אַרטיסטין צופיל מיט׳ן פּנים צום טעאַטערזאַל...

אין אַ געוויסער מאָס דעטאָנירט זי אין אַלע דריי פּיעסען דער אַנסאַמבל.

ה׳ מאָגילניצקי איז גראָד אַ גאַנץ גוטער ר׳ זיסעל און גאָרנישט קיין שלעכטער צינער. — מאַדאַם שלאַמאָוויטש — אַ פּעיקע אַרטיסטין, אַלס טשאַרנע און קריינע גאָר אַפ׳ן אָרט. — גוט איז ה׳ סעם־אַדלער, אַלס אלקנה און מאָטי־שטריי־כעל, — אין לעצטען אַקט פון „כאַשע דער יתומה“ — פּשוט פּראַכטפול, און אַלס מאַטיאַס פינגערהוט אין „סאַפאָ“ — אויסגעצייכענט. אין דער ראָלע ווייזט דער טאַלענטפולער אַרטיסט אַרויס אַ סך סובטעלישען קאָמיזם, דערמאַנט מאָמענטענווייז קאַזשי־מיעזש קאַמינסקי אין „באָגאַטי וויאַשעק“. — דערפאַר איז ה׳ בראָנשטיין — ווי געבוירען פאַר׳ן שוחטעל, — שוואַך און צוקראָכען אַלס אַפּאָלאָן און אַלס טראַכטענבערג. — ה׳ ליפּ־מאַן — נישט שלעכט אַלס באָריס סטאַוראָפּאָלסקי, אָבער נישט אַפ׳ן אָרט אַלס צלאל ראַפּאָפּאָרט. — און אַלע אָהן אויסנעם, גוטע, ווי די שוואַכע, זעען־אויס פרעמד אין די פּיעסען: ס׳פעלט דייגד

צונויפגעשפּילטקייט און די איינגעשפּילטקייט, וועלכע מאַכען פון ספּעקטאַקל אַ האַרמאָניש גאַנצקייט. — אפילו סעם־אַדלער קען נישט שטענדיק די ווערטער פון דער ראָלע. — די פאָרשטעלונג גייט מיט אַ צו לאַנגווייליקען טעמפּאָ, „קלאַפּט נישט", אַפּ'ן אַקטאָרישען לשון זיך אויסגעדריקט. — מאַדאַם עפּשטיין, וועלכע קען יאָ די ראָלע און איז באַוועגלעך ווי קוועקזילבער, מוז זיך צופּאַסען צו די חברים, — דאָס וואַרטען אַף דער רעפּליק צייט איר אַרויס די נשמה, די לאַנגווייליקייט מאַכט זי מיד, — דאָס מוז זיך אָפּרופען אַף איר שפּיל. אַזוי איז דער גאַנצער דריטער אַקט פון דער „שחיטה" אַדורך אָהן איינדרוק נאָר צוליב דעם, וואָס די פּאַרטנע־רען האָבען אַראָפּגעזעצט די גאַסטראָלערין פון טראָפּ.

דאָס איז שוין, אָבער, די טונקעלע זייט פון אַלע גאַסטראָלען, ווען אַ פרישע קראַפט גייט אַריין אין אַ צופעליק צונויפגעשטעל־טער טרופּע.

[„אונדזער לעבען" נ' 128 פון 7. יוני 1910].

# נעקראָלאָג.

אביסעל שפּעטלעך, — נאָר די האַנט האָט זיך אַלץ נישט אויפגעהויבען צום שרייבען.

ס'האָט זיך נישט געגלייבט, אַז ס'איז אמת: פּעני עפּשטיין, די הויכע, די שלאַנקע, די אָריגינעלישע, די שטענדיק עלעגאַנטישע, די שטענדיק עקספּאַנסיווע, די עטוואָס עקזאָטישע, עטוואָס רעטזעל־האַפטיקע פּעני עפּשטיין איז שוין נישטאָ.

נישטאָ. — קיינמאָל וועט שוין נישט קלינגען איר טיפע האַרציקע שטימע. קיינמאָל וועלען די לאַנגע, ציכטיק־מאַניקירטע פינגער זיך שוין נישט צונויפפלעכטען אין דער כאַראַקטעריסטישער, אומגעדולדיק־נערוויזישער באַוועגונג. קיינמאָל וועלען די גרויסע קאַרע אויגען מיט די עטוואָס בלאָלעכע ווייסלען שוין נישט פאַרלוי־פען מיט אַ קרישטאָלענער טרער פון אויפרעגונג, עגמת־נפש אָדער ה פּעלות. — נישטאָ, ווי קיינמאָל גאָר נישט געווען!

מ'האָט זיך אַפילו געריכט. שוין אַ יאָר צוריק איז זי אַראָפּ פון דער בינע. און וואָס איז אַן'אַרטיסטין, ווען זי הערט אויף צו

שפּילען? — עפּעס ווי אין אַ מאָדנע פּוכטער, מאָדנע טרייבער וועטקייט איז זי פאַרשוואונדען, און פון דאָרטען, פון דערדאָזיקער אויסטערלישער וועטקייט, זענען פון צייט־צו־צייט אומגלויבלעכע ידיעות, ווי שווערע, בייזע חלומות, אָנגעקומען. די שרעקלעכסטע קראַנקהייטען, וואָס לאָקערען נאָר אַפּ׳ן מענטשלעכען גוף, האָבען זיך ווי צונויפגערעדט, ווי אָנגעזעצט זיך, די לעבענסלוסטיקע און לעבענסדורשטיקע פּעני עפּשטיין אומצוברענגען: אַ קרעפּס אין די לונגען, אַנ׳אָנצינדונג אין די נירען, שווינדזוכט, — אַלץ אַף איין מאָל. מ׳האָט געוווסט, אַז זי וועט נישט לעבען. מ׳האָט געוווסט, אַז אירע טעג זענען שוין געציילט. און דאָך ווען מאָנטיק אין אָוונט, נאָך אַ שיינעם, זוניקען, וואַרעמען טאָג, וואָס האָט געשמעקט מיט פרילינג, איז מען געוואָר־געוואָרען, אַז פּעני עפּשטיין איז אַנט־שלאָפען געוואָרען מיט דעם לעצטען שלאָף, האָט די ידיעה איבער־ראַשט. — ווי אַ שטיין האָט זיך געלייגט אַף דער ברוסט. — טאַקע ווייל די לעצטע עטלעכע חדשים זענען געווען אַזוי מוראדיק, טאַקע ווייל מ׳האָט זיך געריכט, טאַקע דערפאַר האָט דער טראַגי־שער סוף אַזאַ מרה־שחורה געוואָרפען. דער פאַרשטאַנד האָט משיג־געווען, נאָר דאָס געפיל האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם געשע־ענעם פאַקט.

און מאָדנע אויסטערליש האָט, דעריבער, עפּעס אויסגעזען די לויה, וואָס איז געגאַנגען פון הינטער דער שטאָט, פון יידישען שפּיטאָל אַף טשיסטע, אין אַנ׳עכט־קליינשטעטלדיקער בלאָטע, אונ־טער אַ גאָסרעגען. — דאָס זילבערנע באַשלעג אַף דער דײַטשישער עגלה האָט זיך עפּעס צופּיל געוואָרפען אין די אויגען, נישט גע־שטימט מיט דעם טריבען וועטער און מיט דעם עצם פון דער פּראָצעסיע, אָפּגעיאָגט דעם שאָטען פון טויט, וואָס האָט געדאַרפט אַף איר שוועבען. — הינטען איז געהאַנגען אַ גרויסער קראַנץ מיט ברייטע בלעטער פון אַ פּעכערפּאַלמע, וואָס האָבען מער דערמאָנט אָן עפּעס אַ יום־טוב, ווי אָן טרויער. — תחלת זענען נאָכגעגאַנגען כמעט בלויז אַקטאָרען. זעלטען איינער אָהן אַ צילינדער, דראָזשקעס זענען נאָכגעפאָרען. די זענען אויסגעשטיגען, צוגיין אַביסעל צו־פוס, יענע זענען אויפגעזעסען, אָפּצורוען זיך אַביסעל. די נאָכגייענ־דיקע האָבען איבער די קעפּ פון מענטשען און פערד זיך אַדורכ־געשמועסט מיט די נאָכפאָרענדיקע. ס׳האָט גערעשט, געטומעלט.

אויסגעזעען אַף אַ מחנה מחותנים, וואָס פֿאָרען פֿון אײן שטעטעל אין דאָס צווײטע אַף אַ חתונה.

און געדאַכט האָט זיך מינוטענווײַז, אין לאַנגען צוג, אַז זי אַלײן, די פֿאַרשטאָרבענע, דאַרף אויך דאָ ערגעץ, אין דעם רוישי־קען אַקטאָרענגעזינדעל מיטגײן.

זי, די לעבעדיקע, די פֿרײלעכע, וואָס האָט אַזוי ליב־געהאַט צו זײַן צווישען מענטשען, אויס דעם אײַנגעבוירענעם געפֿיל פֿון געזעלשאַפֿטלעכקײט, פֿאַרברענגען אין אַ שמועס וועגען דער וועלט, וועגען די שטעט, וועלכע זי האָט באַזוכט, וועגען די פּערזאָנען, וואָס זי האָט געקענט, וועגען די ביכער, וואָס זי האָט געלײענט, וועגען דער מענטשלעכער נויט, וועגען וווילטעטיקײט.

זי, וואָס האָט געקלעבט צו די חברים פֿון דער בינע, נישט בלויז ווי אַ חברטע, נאָר ווי אַ שוועסטער, רעדענדיק וועגען יעדען פֿון זײ מיט דער צערטלעכער זאָרגלעכקײט כמעט פֿון אַ מוטער, — געוויײטיקט מיט זײַנע לײדען, געפֿרײט זיך מיט זײַנע פֿרײדען, — מעג ער אַפֿילו זײַן איר אַ שונא, מעג ער אַפֿילו האָבען איר אַנ־עולה געטון.

אָט איז זי אויסגעמישט מיט דעם לעבעדיקען עולם, וואָס באַלײט דעם שוואַרצען וואָגען. זוכסט זי אומבאַוווסטזיניק מיט די אויגען. ווי דען? ווי וועט זי דאָס נישט זײַן דאָרט, ווו אירע ליבע ברידער און שוועסטער האָבען זיך צונויפֿגעזאַמעלט? לעבט זי דען נישט? זי איז דאָך אַזוי יונג: קוים 34 יאָר אַלט. אַ רויז אין בליען.

* * *

נאָר פֿאָרט געשטאָרבען אַזוי יונג.

דאָס לעבען האָט זי אויפֿגעגעסען.

און, ווילט איר, פּאַסט זיך דער פּריצײַטיקער טויט צו דעם גאַנצען אָנבליק פֿון פּ ע נ י ו ו אַ ד י אַ ־ע פּ ש ט ײ ן.

אַזעלכע, ווי זי, קענען נישט לאַנג לעבען.

אַ גרויס קינד. גוט ווי די יועלט. אַ טויבענהאַרץ.

שנעל זיך צוגעבונדען צו מענטשען. יעדען געגלײבט. אַוועקגעגעבען דעם ביסען פֿון מויל. קײן שפּור קנאה. געפֿרײט זיך מיט יענעמס ערפֿאָלג, מיט יענעמס גליק נישט ווײניקער, ווי מיט אײגענעם. נישט אויסגעקומען פֿון איר צו הערען אַ שלעכט וואָרט אַפֿילו

וועגען די קאָנקורענטען. האָט זי פון עמיצען אַן עולה געליטען, זעבען איר נאָר די גרויסע אויגען מיט אַ שטילער טרער פאַרלאָפען. קיין שנאה האָט זי, אָבער, נישט נאָכגעטראָגען. און קיין נקמה נישט געזוכט. אדרבא, זייער שנעל פאַרגעסען.

אָפט באַגעגענט, נאָר קיינמאָל נישט געכּרעגט: „פאַרוואָס קומט איר נישט אַף מיינע אַרויסטריטען? פאַרוואָס שרייבט איר פון מיר נישט?" — אירע ערשטע גאַסטראָלען אין וואַרשע האָבען אַרויסגערופען די אָנערקענונג פון יענע שריפטשטעלער, וועלכע פאַרמאָגען אַן אייגענע באַציאונג צו דער זאַך און שטייען זיך נישט קלאָר אַרויסצוזאָגען דאָס, וואָס זיי מיינען, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, ווי אַנדערע וועט געפעלען צו קוקען אַף דעם געגענשטאַנד. — פעלט, אָבער, נישט קיין „קריטיקער"-לצים, וואָס האָבען נישט דעם מינדסטען זין פאַר דאָס פּאָזיטיווע, וואָס האָבען אין זייער לעבען גאָרנישט געשאַפען, וואָס זייער גאַנצע קונץ באַשטייט אין דעם, צו זאָגען קאַפּויר, נאָכדעם ווי עמיצער האָט שוין אַרויסגעגעבען דעם אָדער יענעם אורטייל. איינער אַזעלכער, — מיט 6 יאָר צוריק, ווען אַנדערע האָבען אסתר-רחל קאַמינסקי אין יידישען „באַלאַגאַן" אַנטדעקט, האָט ער אין אַ סקאַנדאַליעזישען מאמר די ערשטע דראַמאַטישע אַרטיסטין אונדזערע מיט גראָבע זידלערייען באַפאַלען, געפינענדיק, אַז מער ווי אַ „פּורים-ווינקעלשפּילערין" איז אסתר-רחל קאַמינסקי נישט, — האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב אויך פּעני עפּשטיין אַ גראַטש צו טון: אַריינגעפאַלען אַף איינע פון אירע לעצטע גאַסטראָלען און אויסגעשאָסען מיט אַ „רעצענזיע", — צווישען נאַרישע, געשמאַקלאָזיקע, אין פולער מאָס געמיינע, בלויז פאַר דעם לאַנדליך גופא אפשר כאַראַקטעריסטישע אָנצוהערענישען מכּח עפּעס אַ „רעקלאַמע", מכריז-געווען, אַז די קלענצטע באַרישטין האָט גוט געשפּילט, בלויז איין פּעני וואַדי-עפּשטיין טויג אַפילו פאַר קיין סטאַטיסטין נישט. — מיינט איר, די קינסטלערין האָט געהאַט טענות? — ס'האָט איר וויי-געטון, זייער, זייער טיף וויי-געטון דאָס אומרעכט. אָבער גערעדט האָט זי דערפון אין אַ טאָן, ווירדיק, וואָס זעלטען צו טרעפען, מיט פולער אַכטונג צו דער פרייהייט פון קריטיק, מיט דעם גרעסטען דרך-ארץ פאַר דער פערזענלעכקייט פון געגנער. די אמתע קולטור פון געדאַנק און געפיל. די אמתע דיסטינקציע, אַלס רעזולטאַט נישט אַזוי-

פיל פון דערציִונג, ווי פון אײַנגעבוירענעם טאַקט, פון אײַנגעבוירע־נעם אַריסטאָקראַטיזם.

אין אַ פאַנטאַסטישען גאָרטען, ווו די בײמער זענען אײביק גרין, ווו די בלומען וועלקען קײנמאָל נישט, ווו די ווילשמעקעדיקע לופט ווײסט נישט פון קײן קאַלטען ווינט, ווו דאָס גראָז איז ווײ־כער פון סאַמעט, ווו דאָס וואַסער איז שטאַרקער און זיסער פון ווײַן, — אין אַזאַ ווינקעלע, וואָס איז, לײדער, אַף דער ערד נישטאָ, וואָלט אַזאַ פּענע געקענט בליען און בליען ביז צום נאַטירלע־כען אויסלאָז.

די אומפּראַקטישקײט אַלײן, פון אָרעמקײט צו פירשטלעכען רײַכקײט דערהויבען, געוואָרען דאָס ווײב פון אַן׳אינדישען פּרינץ, וואָס האָט זי מער פון זײַן לעבען פאַרגעטערט, פונאַיבערגעטווע־גען צו 25 יאָר אין לאָנדאָן זיך ייִדישען געלאָזט. נאָר דערשפּירט, אַז דאָס עשירות איז אַ קײט פאַר איר פרײַהײַט, פאַר איר גײַסט, פאַר איר קונסט, — די וואַדיאַ ווערט צוריק אַ נ׳עפּשטײן, אַוועקגעוואָרפען דעם קעניגלעכען פּאַלאַץ, די אײגענע רײטעלעפאַנ־טען און דעם גאַנצען אָריענטאַלישען לוקסוס, — צוריק געלאָזט זיך אין לעבען, ווי אַף אַ שמאָלער ברעט איבער׳ן שטורמישען ים.

נישט געוווּסט דעם ווערט פון געלט. געדאַרפט — געקומען, גענומען. געהאַט — אַוועקגעגעבען דעם ערשטען, וואָס האָט אויס־געשטרעקט די האַנט.

איר גאָט — די קונסט.

די קונסט אין לעבען און אַף דער סצענע.

צווײ זאַכען האָבען אָנגעפילט פּעני עפּשטײנס לעבען: די בינע און טואַלעטען.

מיט דער בינע אויפגעשטאַנען, מיט דער בינע זיך געלײגט. אַף די רעפּעטיציעס — די ערשטע. געשפּילט — איז אַ גאַנצען טאָג געלעבט מיט דעם אָווענט, וואָס דאַרף קומען, געפיבערט, גע־קאָכט. זעקס אין אָווענט שוין געווען אין טעאַטער. געהאָלפען דעם רעזשיסער, דעם דעקאָראַטאָר, דעם סצענאַריער, דעם סופלער, דעם מינדסטען אַקטאָר. אָנגעוויזען יעדערען, ווי זיך אָנטון, ווי זיך גרי־מירען. מ׳האָט געטריבען קאַטאָוועס: „אַלײן די בינע אויסגעקערט״. — און אַהײמגעגאַנגען די לעצטע. מ׳האָט זיך געוויצעלט: „פאַרלאָ־שען די לאָמפּען אין טעאַטער״. — און נישט געשפּילט — גלאַט

אַזוי געקומען, אָפּגעזעסען ביז 1 באַנאַכט אין טעאַטער, כאָטש אָטע־מען מיט דער לופט פון דער בינע.

די סצענע — אַ טעמפּעל.

די ראָלע געקענט — צום שטוינען.

יעדען פּרט אין דער האַלטונג און אין טואַלעט פליייסיק, געוויסענהאַפטיק, אַלזייטיק באַקלערט.

כ׳וועל נישט פאַרגעסען איר ערשטען אַרויסטריט אין וואַרשע.

דער אַנסאַמבל האָט איר וויניק מיטגעהאָלפען, אַראָפּגעשלאָגען זי פון טראָפּ. דאָס פּובליקום האָט דאָס אַפילו וויניק וואָס באַמערקט. אַלע אויגען זענען געווען געווענדעט בלויז אַף איר. — כ׳קום אַריין הינטער די קוליסען. ערשט — זי ציטערט אינגאַנצען פאַר אויפּ־רעגונג, און טרערען, ווי גרויסע פּערעל, קייקלען זיך איר פון די אויגען. זי, וועט אַנטלויפען. מ׳האָט פאַרשוועכט די הייליקייט פון אָרט! פאַרשוועכט דאָס מיסטעריום פון שוישפּיל!

...טאַפּעלט, ווי גענומען געהאַלט, האָט זי אויסגעגעבען אַף קאָסטיומען און די איבעריקע זאַכען פאַר דער בינע.

נישט געפרעגט: פון וואַנען? — נישט געפרעגט: ווי לאַנג וועט קלעקען?

אָנגעטון זיך תמיד מיט געשמאַק, תמיד שטרענג אויסגעהאַלטען, נישט אַזוי רייך, ווי עלעגאַנט, קינסטלעריש.

און דאָס אַריינגעפירט אין יידישען טעאַטער. די ערשטע און איינציקע פאַר אַ מאָדערן־איראָפּעישען רעפּערטואַר.

אָפּגעשפּילט אַ זומער אין „אַלעקסאַנדרינע״, דערנאָך אַפ׳ן מוראַנאָוו.

ווינטער — אין „עליזעום״.

אַ גאַנצען סעזאָן האָט מען געטרעטען מיט די פיס איר מענטש־לעכע און אַרטיסטישע ווערדע.

אַנ׳אַרטיסטין פון דער מאָס — געצוואונגען נאַכט אין נאַכט צו ליידען, צו קאָמפּראָמעטירען זיך אין אַ לעצט עפּיזאָדיש ראָלכעל אין אַזאַ שמאַטע ווי „דאָס פּינטעלע ייד״.

אויסגענוצט איר עלענט, איר אומבאַהאָלפענקייט, איר נאָכגיבי־קע אומפּראַקטישקייט.

און כ׳געדענק אַ שרעקלעכען אָוונט. אַ קנאַקעדיקער פראָסט, און די פרוי פון אינדישען פּרינץ האָט מיט דעם שטענדיקען באַחנ־

טען שמייכעלע אַף די בלאָע ליפּען, שטיקענדיק אין זיך אַליין דעם איניקסטען שרעק, געהילט דאָס ציטערענדיקע לייב אין אַ רויטען טו־כענעם מאַנטעל, אָהן פוטער, אָהן אונטערשלאָג זאַגאַר.

די ערד איז נישט קיין פּאַראַדיז. דאָס לעבען שוינט נישט קיין גרויסע קינדער. מענטשען זענען שלעכט, מענטשען האָבען אַ האַרץ אָפּצונאַרען אַ קינד. מענטשען מיסברויכען דעם צוטרוי פון לייכטגלויביקע. ווייסען נישט דאַנקבאַר צו זיין פאַר דאָס גוטע, וואָס מ'טוט זיי.

און פאַר קיין פאַל האָט  פ ע נ י  נישט געוואָלט פאַרלאָזען רוסלאַנד, ווו נאָר, ווי איר האָט זיך געדאַכט, די יידישע דראַמאַטישע קונסט קען נאָך האָבען אַ צוקונפט.

מיט די לעצטע כּחות האָט זי, מיט אַ האַלב יאָר צוריק, פון רייגערץ צוריק קיין וואַרשע זיך דערשלעפּט. נישט קיין לאָנדאָן, ווו זי האָט עלטערען, קרובים, פריינט. אַף דזיעלנע גאַס, בּאַ אַ ווייטען גואל, ווי מ'רופט דאָס אַף יידיש, — אַנ'אָרעמען בעל־מלאכה, אין אַ חדרעל ד' אַף ד', אַפ'ן קראַנקען בעט זיך געלייגט.

דעם לעצטען זונטיק, ליגענדיק מיט נאָך דריי קראַנקע יידע־נעס אין איין קעמערעל אַף טשיסטע, פאַנטאַזירט, וויאַזוי זי וועט נאָך שפּילען „מעדעאַ“.

וואָרום נישט האָבענדיק אַף אַ גלאָז מילך, האָט זי דעם מערקוויר־דיקען קאָסטיום פאַר דער ראָלע, אין פּאַריז פאַר, אַ ריזיקען פּרייז באַשטעלט.. ווי אַנ'אויג אין קאָפּ געהיט, נישט געלאָזט אַף געלט פאַרוועקסלען...

*  *

*

אפּט: אַ קינסטלער גייט יונג פון דער וועלט.

איז דער יונגער טויט נישט אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון לעבען, איז ער — אַ נ אַ ט י ר ל ע כ ע ר, — פון אַ לאַנגער קרענק; — אַ ק אַ ט אַ ס ט ר אָ פ אַ ל י ש ר, — עמיצער ווערט „אויס־געכאַפּט“, ווי מ'זאָגט דאָס, — דער ווייז איז גרויס, נאָר דער פאַקט לייגט זיך ווי נישט איז איין אין די אינערלעכע איבערלע־בונגען.

נאָר איז דער יונגער טויט ווי געבוירען צוזאַמען מיט דעם קרבן, איז ער ווי אַנ'אומפאַרמיידלעכער געדראַנג פון דער פּערזענ־לעכקייטס גייסטיקער הויכקייט, דאַן האָט דער צער אין זיך נאָך עפּעס אַזוינס, נאָך אַזאַ מין ביטערקייט, וואָס איר עצם איז גאָר אוממעגלעך אין ווערטער אויסצודריקען.

# מאָריס מאָסקאָוויטש.

## אלם אוריאל מזיק.

דער אַמעריקאַנער גאַסט באַלאַנגט, קענטיק, גראָד ניִשט צו יענעם טיפּ גאַסטראָלערען, וואָס האָבען פיינט צו שפּילען מיט אַ גוטען אַנסאַמבל און באַ אַן אָנשטענדיקער רעזשי, נאָר ליִבען — אַרום זאָל אַלץ אָרעם, אָפּגעלאָזען, ניִשטיק, טאַנדייט זיין, דאָס פּובליקום זאָל זען — בלויז זיי, זיי — באַוואונדערען, זיי — אַפּלאָדיִרען.

מאָריס מאָסקאָוויטש שפּירט זיך אַף דער בינע, נאָך איידער ער ווייזט זיך אַרויס פון היִנטער די קוליסען, — און צום גוטען. באַ אַזאַ ענגער סצענע, ווי אין טעאַטער „עליזעום“, באַ אַזאַ צאָל ראָליסטען, ווי אין דער פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוועל“, און באַ אַ טרופּע, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר אַדורכגעשטופּט מיט —

אוי, ס'איז מיר וויל!
אוי, ס'איז מיר גיט!
אוי, ס'איז מיר דאָבזשע!

האָט אַף דער זונטיקדיקער פאָרשטעלונג אָנגענעם זיך געוואָרפען אין די אויגען דער געוויסער סדר אַף דער בינע, די געוויסע צונויפגעשפּילטקייט פון די אַקטאָרען, דער געוויסער אויסגעהאַלטענער טעמפּאָ אין דער אויפוויקלונג פון די סצענעס.

מ'דערציילט, אַז דער ניויאָרקער אַרטיסט איז אַ דערפאַרענער רעזשיסער, און ס'האָט זיך געלאָזט פילען אין איטלעכען פּרט, אַז ער האָט זיך געגעבען די מי אַפּדאָסנ[illegible] איינצואַרבעטען דאָס לאַנגאָפּגעשפּילטע שטיק מיט זיינע וואַרשעווער קאָלעגען, — און דאָס איז שוין אַ סימפּאַטישער שטריך, וואָס ווייזט אָן אַף אַן ערנסטען און סובטעלישען כאַראַקטער.

אַ שאָד, וואָס דער מענטש איז אַראָפּגעקומען נאָר אַף עטלעכע ספּעקטאַקלען און קען ניִשט פאַרבלייבען באַ אונדז איינגאַנצען. אַף דער יידישער בינע אין רוסלאַנד און פּוילען איז מאָריס מאָסקאָוויטש ניִשט קיין אַלטעגלעכע דערשיינונג. מיר פאַרמאָגען טאָ-

קע שוין עטלעכע זייער באַגאַבטע דראַמאַטישע אַרטיסטען, — מיר האָבען אַ יעקב ליבערט, אַ דראַנאָוו, אַ יוליוס אַדלער, — מאָריס מאָסקאָוויטש איז, אָבער, נישט ענלעך צו קיינעם פון זיי, ער האָט זיך זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע, און מיט איס וואָלט דאָס געזינדעל רייכער, שענער געוואָרען.

וואָס מיר געפעלט באַזונדערס אין דעמדאָזיקען אַרטיסט, — דאָס, וואָס צייכענט איס אָפּ פון זיינע טאַלענט־פולע קאָלעגען, דאָס, וואָס געהערט ספּעציעליש איס, — איז די זעלטענע גרינגקייט, די פלינקייט, מיט וועלכער ער באַוועגט זיך אַף דער סצענע, און די מערקווירדיקע, אמ־קינסטלערישע דיקציע.

אַ הויכער, אַ שלאַנקער, שווימט מאָסקאָוויטש, קען מען זאָגען, אַף דער סצענע. ער שלייכט זיך אַדורך פון איין עק צימער אין אַנדערען אַזוי לייכט, אַזוי גראַציעזיש, אַז דו באַמערקסט נישט די שריט — זעסט נאָר: אָט ערשט איז ער געווען דאָ, אָט איז ער שוין דאָרט. — אין די פּאָזעס, וועלכע ער נעמט אָן, אין גאַנצען האַלטען זיך, אין די מאַניערען, אין די העויות, אין דער מימיק איז איס, ווירקלעך, געראָטען אין דער ראָל פון אוריאל מזיק צו באַשאַפען די פיגור פון אַ נישטגוטען, אַזויווי די פּאָלקס־פאַנטאַזיע מאָלט איס זיך אויס: — אַ ספּרינזשינדיקער, עלאַסטישער קערפּער, מיט ביינגעוודיקע גלידער און אונטערשפּרינגענדיקע באַוועגונגען און מיט אַ בייסענדיקען סאַרקאַזם, וואָס איז צוגאָסען אין אַלע געזיכטסצוגען און אין אַלע אברים, אין איטלעכען ריר.

די ראָל איז, קענטיק, גוט איינשטודירט, יעדער שטריך פּאָרויס באַקלערט, אָפּגעמאָסטען, אַרומגעטאָקט און אַרומגעשליפען, — אָפטמאָל קומט עס אַפילו אויס צו געקינצעלט און אַביסעל איבער־טריבען.

מאָסקאָוויטש באַזיצט דערביי גרויסע אינטויציע און אַ סך געפיל. נעמט זיך אַדורך מיט דער ראָלע ביז גאָר. אין די סצענעס, ווו דער טייוועל גיסט זיין סם אין הערשעלע דובראָוונערס האַרץ, רעדט איס איבער, ברעכט אין איס אַלע איינגעוואָרצעלטע אמתען, גלייבונגען און מדות, — רעדט דער אַרטיסט אַזוי פליסיק, אַזוי זיכער, מיט אַזאַ גיהנומפלאַם, מיט אַזאַ פעך־און שוועבעל־איבערצייגונג, אַז דעם צושויער איז קלאָר ווי דער טאָג: דער פרומער סופר מוז זיך אונטערגעבען, מוז גיין אין דער נעץ. —

מוזיקס זשעסטיקולאַציע איז אין די מינוטען אַזעלכע, אַז דו זעסט באַשיימפערלעך: ער פאַנגט דעם קרבן, ער וועבט אים אַרום, זיי גיסען זיך ביידע צונויף, ווערען איינס: פאַר אונדז איז אַ שוואַכער כאַראַקטער, וואָס לעבט איבער אַן׳איינערלעכען איבערבראָך, און לעבען אים — זיין פאַרקערפּערטער יצר־הרע.

אין דער ראָל העלפט דעם גאַסטראָלער באַזונדערס צו זיין דיקציע, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען נישט אין אונדזער טעאַטער. מאָסקאָוויטש רעדט מיט אַ פּראָסטען שיינעם יידיש. דאָס איז נישט קיין ליטווישער דיאַלעקט, נישט קיין פּוילישער, נישט קיין וואָלינער, דאָס איז אַן׳אַלייִדישע קולטורעלישע אויסשפּראַך. מיט אַ שטים איז ער באַשאָנקען מיט אַ געזונטער, ריינער, רייכער, וואָס לאָזט זיך בייגען ווי נאָר איר בעל־הבית וויל, און ווי נאָר דער מאָמענט פאָדערט. אָט רעדט אוריאל הייס, לייִדענשאַפטלעך, געשווינט, אַזוי, אַז דאָס קול גייט־איבער אין אַ צופלאַקערט פליסטערען, און אָט דערהייבט עס זיך פּלוצים, ווערט הויך, שטאַרק, — און דער איבערגאַנג איז אומדערוואַרט און שיין, ווייל נאַטירלעך, ווייך, האַרמאָניש, אָהן שום אָנשטרענגונג, אָהן אַ ריס און אָהן אַ גראַטש...

מאָסקאָוויטש לאַווירט מיט זיינע באַוועגונגען און מיט זיין שטים, קען מען זאָגען, ווירטואָזיש.

צוליב׳ן גאַסט האָבען אויך די איבעריקע אָנטיילנעמער פון אָוונט ערנסטער זיך באַצויגען צו זייערע ראָלען.

אַן׳אמתע איבערראַשונג פאַר׳ן פּובליקום איז געווען ה׳ פּי־ שעלעוויטש אַלס לייזער בדחן. ווער וואָלט זיך געגלייבט, אַז דערדאָזיקער קלאָון, וואָס זיין הויפּטאויפגאָב איז פריילעך צו מאַכען דעם עולם אין „פּינטעלע ייד״ מיט אַ ריקודעל, אַ קאָזיאָלעק און ענלעכע שוואַרצע קונצען, זאָל טראָגען אין זיך אַזאַ געטלע־ כען פונק, פאַרמאָגען אַזאַ ערנסטען, טיף־טובטעלישען, קאָמישען טאַלענט, אַזויפיל צאַרטע אינטויציע און ווייך געפיל! ווי אויסגע־ וועבט פון טייערען זייד איז אויסגעקומען דער טיף פון דער פאַר־ פאַלענער נשמה, וואָס איז געבוירען געוואָרען אפשר צו עפּעס אַ הויכען ציל, און איז אומגעקומען אין די וויסטע אומשטאַנדען פון דער עלענטער יידישער גאַס, און בענקט, בענקט, מאַכט זיך צו נאַר, ווייל דאָס האַרץ אינעווייניק נאַגט, רייסט זיך, טריפט בלוט און טרערען...

אַנ׳אומגליקלעך פאָלק, באַ וועלכען פּישעלעוויטשעס באַדאַרפען שפּילען ציר־קראָלען!..

גוט, ווי געווינלעך, איז געווען אַלס פּריידע די טאַלענטפולע מאַדאַם עפּשטיין, וואָס ליגט אין איטלעכער ראָלע אַריין אַ סך האַרץ און שטימונג.

געוויסענהאַפטיק און מיט געפיל האָבען געשפּילט די ה״ה ראַפּעל, שאַפּירע און די פרויען קרויזע און גאָטליב. די לעצטע אַרבעט זיך אויס אַף אַ גוטער מוטעררעאָליסטין.

[„מאָמענט״ נ׳ 127 פון 16 יוני 1911].

# אַלם ראָטמיסטער.

ענדלעך, נאָך אַ לאַנגער, זייער לאַנגער הפסקה, האָבען מיר זוכה־געווען צו זען אַף דער בינע, וואָס ווערט סיסטעמאַטיש אויסגענוצט צו באַלאַגאַנפאָרשטעלונגען, — אַ נייע ערנסטע דראַמע.

אַ נייע, פאַר׳ן יידישען פובליקום. באַ די אומות העולם איז דער „פאָטער״ שוין יאָרען פּאָפּולער.

סטרינדבערגס שנאה צו פרויען איז אַ פאַקט, פון וועלכען אַפילו „קינדער אין די וויגען״ האָבען שוין געהערט. פלאַכקעפּ ווילען זיך: דער פאַרשוין האָט זיך געמוזט עטלעכע מאָל גאַנץ פיין אָפּבריען, — שעלט ער. ס׳איז ריכטיק: דער באַרימטער סקאַנדינאַווישער שריפטשטעלער האָט שוין געהאַט דריי אָדער פיר ווייבער און קיין איינמאָל, דערציילט מען, נישט צוגעטראָפען. ס׳קען קיין ספק נישט זיין: די פּערזענלעכע אַנטוישונגען האָבען דעם מענטש פאַרביטערט קייגען דעם „שיינעם געשלעכט“. אָבער, ס׳איז מער ווי נאַיוו צו מיינען, אַז סטרינדבערגס באַציונג צו דער פרוי איז כאָטש אַף אַ האָר ענלעך צו דעם אויבעפלעכלעכען פלוידעריי פון די פוילע וויצלינגער, וואָס ליוועריען הומאָריסטיש צייג אַפּ׳ן אַרשין און אַפּ׳ן פונט פאַר די „פליגענדע בלעטער“ און אַנדערע אַזעלכע יוקסט־זשורנאַלעכלעך.

ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז דער שורש פון אָטאָ

ו ו ִי ִנ ִנ ג ע ר ס תּורה דאַרף מען זוכן אין סקאַנדינאַווישען דיכטערס ווערק. דער מחבר פון „פאָטער" האָט זײַן האַס צו דעם „שוואַכען מין" טיף באַגרינדעט. אין זײַן באַקאַנטער דראַמע, — איך האַלט, זאָגאַר, פאַר מעגליך זי צו רעכענען פאַר אַ ט ר אַ ג ע ד י ע, — האָט ער אויפגעשטעלט אַ קלאָרע אויסגעדריקטע טעאָריע, וועלכע מ'קען, אמת, אָננעמען נאָר מיט גרויסע באַגרענצונגען, וועלכע איז, אָבער, כּולל אין זיך עטלעכע היסטאָרישע, סאָציאָלאָגישע און ביאָלאָגישע שטאַרק־באַרעכטיקטע גרונטגעדאַנקען.

ס ט ר ִי נ ד ב ע ר ג האָט, קענטיק, געהאַט צו טון מיט ט ִ פ ִי ש ע פרויען, ד. ה. מיט אַזעלכע, וואָס זענען רײַך באַשענקט געוואָרען מיט די ס פ ע צ ִי פ ִי ש ־ ו ו ײַ ב ע ר ִי ש ע אייגענשאַפטען. באַמערקענדיק אין דער פּסיכיק פון דעם „שיינעם געשלעכט" איינציקע אייגענאַרטיקע, פאַר אַ מאַנצבעל ווילדע, אויסטערלישע, אומפאַרשטענדלעכע שטריכען, האָט דער טאַלענטפולער דראַמאַטורג זיך געגעבען די מי צו דערגראָבען זיך ביז צו די וו אָ ר צ ל ע ן פון דער דערשײַנונג, וועלכע האָט צוגעצויגען צו זיך זײַן אויפמערקזאַמקייט.

זײַענדיק פון קאָפּ ביז פיס באַוואָפענט מיט קענטעניסען, און באַזיצענדיק אַ שאַרפען געדאַנק, איז ער געקומען צו אַ געדראַנג וועלכען מ'קען נישט אָפּזאָגען אין אָריגינעלישקייט.

צוויי געשלעכטען — צ ו ו ײ ר אַ ס ע ן. איטלעכע פון זיי איז פון דער נאַטור באַשטימט געוואָרען צו אַן'אַנדער וועלטציל. — דערפון וואַקסט דער גרונטחילוק צווישען זייער פּסיכיק.

די פרוי איז קודם־כּל און אויסשליסלעך, — איבערהויפּט אין אָנהייב פון דער מענטשלעכער קולטור — אַ מ ו ט ע ר, און דאָס לייגט אַן'אײַזערנע חתימה אַף אַלע אירע פּסיכישע קרעפטען, פעיִקייטען און נייגונגען. די קרוין דערפון, וואָס אַ פרוי איז אימשטאַנד צו באַשאַפען, איז — אַ קינד, דערפאַר קען גאָר פאַר איר קיין שום העכערע זאַך אין דער וועלט נישט זײַן. א ִי ב ע ר אַלץ שטייט דאָס קינד. דאָס מוטערלעכע געפיל איז דאָס איינציקע געזעץ אין לעבען. דעמעלט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען קינד, איז אַ כּפּרה — רעליגיע, אַ כּפּרה — מאָראַל, אַ כּפּרה — אַלץ, אַלץ! די מ ו ט ע ר אין דער פרוי איז פעיִק זי צו מאַכען האַרט ווי אַ שטיין, ווילד — ווי אַ טיגער.

דער מאַנצפערשוין — איז פרײַ פון דעם היפּנאָטישען, דעם־

פּאָטישען געפּיל, וואָס פאַרשקלאַפּט זיך די גאַנצע נשמה פון מענ־טשען. דער מאַנצפערשוין — האָט, דעריבער, פון די ערשטע טעג זיינע אָף דער ערד, תמיד געהאַט פאַר זיך אַנדערע וועגען, און אַ סך. דער מאַנצפערשוין — איז שטענדיק אַ זוכער, אַ קעמפער, אַנ־אַנטדעקער, אַ דערפינדער, אַ רעוואָלוציאָנער. ער האַלט אין איין שאַ־פען. ער שאַפט און ברעכט, כדי אָף די חורבות נייע וועלטען אויס־צובויען, וואָס וועלען סוף־כל־סוף אויך צושטערט ווערען, אָפּצוטרע־טען דאָס אָרט נאָך פרישערע. דער מאַנצפערשוין קלעטערט אָהן אויפהער אַפּ׳ן הויכען באַרג, וואָס זיין שפּיץ שפּאַרט אָן אין הימעל, ווו דער אמת נעסט. דער מאַנצפערשוין איז דער דיכטער און דער קינצלער, דער כהן און דער פילאָזאָף, דער געלערטער און דער פאָרשער. דער מאַנצפערשוין איז דער באַשאַפער פון אונדזער גאַנצער גייסטיקער קולטור.

און ווייל די מאַכטיקע אַרבעט פאָדערט קרבנות, ווייל צוליב איר שטעלט מען אָפּט אָף דער קאָרט דאָס פאַמיליענלעבען, די מאַ־טעריעלישע עקזיסטענץ, — האָט דער מאַנצבעל אין גאַנצען לויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע געהאַט די פרוי קייגען זיך.

די פרוי איז אַ פאַרביסענע הינטערין פון דעם, וואָס איז שוין דאָ. זי איז לויט איר גאַנצער פסיכיק פעסט־קאָנסערוואַטיוו. און קוים זעט זי אין מאַנס טעטיקייט אַ סכנה פאַר איר הויז, פאַר אירע קינ־דער, — מעג ער זיין אַ גאון, מעג ער שטרעבען צו דערהויבענע צילען, — זי שטעקט אים שטעקענס אין די רעדער, זי וואַרפט אים שטיינער אונטער די פיס, — דאַרף מען — בינדט זי אים די הענט, שערט זי אים אָפּ, ווי דלילה שמשונען, זיינע כשופלאָ־קען, צוטרעט זי אים, ווי מ׳צוטרעט אַ נישטיקען וואָרעם.

היסטאָריש און ביאָלאָגיש איז דאָס בילד, וועלכעס סטרינד־בערג מאָלט, העכסט־ריכטיק. דער גרויסער טעות פון קינצלער־דענקער באַשטייט, אָבער, אין דעם, וואָס ער לייקענט, אַז די פרוי פון אונדזער צייט איז שוין נישט די מוטער־חיה פון דער וואַלד־מענטשהייט, אַז דער שוואַכער מין האָט אויך פיל, זייער פיל גע־נאָסען פון דער מענטשלעכער קולטור, גרויסע, זייער גרויסע פאָרט־שריט געמאַכט, אַז אין די בעסערע פרויען פון דער נייער צייט זענען די ספּעציפיש־ווייבערישע שטריכען כמעט אינגאַנצען אָפּגעריי־סען, אַרויסגעשטופּט פון מענטש, וואָס איז אין דער פרוי ביז גאָר

אויסגעוואַקסען. אַז אַזעלכע פּרויען ווי לאַורע פון „פּאָטער", זענען איצט נאָר אַ טרויריקער אויסנעם, נישט קיין כלל, ווי סטרינדבערג וויל דאָס פֿאָרשטעלען.

אין וואַרשע, אַף דער יידישער סצענע, האָבען מיר געהאַט די מעגליכקייט צו זען די אָריגינעלישע פּיעסע, נאָר אַ דאַנק אַ פּראָסטען צופאַל, אַ דאַנק מאָסקאָוויטשעס גאַסטראָלען, הגם איך ווייס פאַקטיש, אַז אויך בּאַ אונדז דרייט זיך שוין אַרום פון אַ יאָר פיר אַ כתב-יד מיט דער איבערזעצונג פון „פּאָטער", קיינער פון אונדזערע טעאַטער-בעלי-בתים האָט נישט געפונען פאַר מעגלעך דאָס שטיק אויפצופירען, האַלטענדיק, אַפנים, אַז „מאַדאַם איקס" צי „חורבן ירושלים" זענען מער מיוחס.

אָנגעמערקט מוז, אָבער, ווערען, אַז די אַמעריקאַנישע איבערזעצונג איז, צום בּאַדויערן, זייער אַ שלעכטע, אָנגעשריבען מיט אַ צוקאַליעטשעטען דייטשמעריש, וועלכעס אין אַ סך מאָמענטען גרילצט פּשוט אין די אויערען און רייצט ביז ווייטיק. שוין-זשע איז אַזוי שווער אָפּצוזוכען אַ שרייבער, וואָס זאָל די זאַך אָנשטענדיק איבערזעצען?!...

אַ פעלער איז אויך געווען פון מאָסקאָוויטשען, אַלס געוויסענהאַפטיקען רעזשיסער, איבערצוגעבען אַזאַ שווערע ראָל, ווי לאַורע דער פרוי גאָטליב, וועלכע איז אַ גאַנץ בּאַגאָבטע אַרטיסטען און האָט אין דעם שטיק אויפגעטון אַלץ, וואָס נאָר אירע כחות האָבען איר דערלויבט, — וועלכע קען, אָבער, דורכויס נישט בּאַטרעטען קיין דראַמאַטישע פּרעמיערשע.

נאָר אין אַלגעמיין, איז דאָס שטיק גוט אויסגעשטעלט געוואָרען, וואָס ס'איז צוזען, למשל, שוין פון פרוי ראַפּעל, וועלכע בּאַזיצט בּאַגאָבונג, קען זי, אָבער, נישט אויסנוצען, ווייל איר פעלט שולע, — דאָסמאָל, אונטער מאָסקאָוויטשעס רעזשי, האָט זי בּאַשאַפען אַן'אויסגעהאַלטענע און רירענדיקע מאַרגאַריטע.

אַ פאַרגעניגען איז געווען צו זען דאָס שטיק צוליב מאָריס מאָסקאָוויטש אין דער טיטעלראָל.

העכסט סימפּאַטיש איז אין דעם אַרטיסט די ערנסטע בּאַציִונג צו זיין אויפגאָב. אים פאַרלאָזט נישט אַף אַ מינוט דאָס בּאַוווּסטזיין, אַז יעדער אויפטריט אַף דער בינע דאַרף פאַר'ן שוישפילער זיין אַ טאַט פון בּאַגייסטערונג, פון קונסט. ער „שפילט" נישט קיין „ראָלע".

ער באַגנוגט זיך נישט מיט איבערחזרען, שיין און ריכטיק די ווערטער, וועלכע דער מחבר האָט אַרײַנגעלייגט אין מויל פֿון זײַן העלד. ער באַשאַפֿט אַף דער סצענע אַ גאַנצען לעבעדיקען מענטש, אַ באַזונדערע גײַסטיקע וועלט, אַן אײנהײַטלעכע אייגנאַרטיקע נאַטור, וואָס איז אַ האַרמאָנישער, קלאָרער, ריינער אויסדרוק פֿון דער אידייע, וועלכע דער אויטאָר האָט אין איר געוואָלט פֿאַרקערפּערן.

אין מאָסקאָוויטשעס ראָטמיסטער איז פֿאַר אונדז דער קינסטלעריש-אויפֿגעפֿאַסטער אידעאַליזירטער מאַנצבעל, דער סימבאָל פֿון אַלדעס גוטס, שיינס, דערהויבענס, ריינס, ווי סטרינדבערג וויל אים זען, אַנטקעגנשטעלענדיק אים דער פֿרוי, דער שלאַנג, דער צונויפֿזאַמלונג פֿון אַלדעס בייז, מיאוס, נידעריקס, פֿאַלשס. — אַ דענקער, אַ פּאָעט, אַ זוכער, אַ טרוימער, וואָס שוועבט איבער דער פּראָזע פֿון לעבען, נישט באַרירענדיק זי אַפֿילו מיט די קנאַפּעל פֿון די שיך, — און זײַן וועזען איז אײנגאַנצען צונויפֿגעגאָסען מיט די ליכטיקע רוימען פֿון הויכע אידייען, שיינע געדאַנקען, דערהויבענע געפֿילען, ריינע פֿאַרלאַנגען. אָפֿען, פֿראָסט, גלײַך, כּשר, צנועדיק ווי אַ קינד, ווי אַ גרויס קינד, — דען איטלעכער אמת-גרויסער גײַסט — איז אַ גרויס קינד, — און דעריבער שוואַך, שוצלאָזיק, הילפֿלאָזיק, אוממעכטיק קעגען די פֿינצטערע ערדישע כּחות, קעגען מענטשלעכען רשעות און נידערטרעכטיקייט.

גוטסקייט און ווייכקייט זענען בכלל, ווי עס שײַנט, גרונטשטריכען פֿון מאָסקאָוויטשס כאַראַקטער. ער באַזיצט אומענדלעכע קוואַלען פֿון טיפֿען, שטילען, לויטערען, וואַרעמען ליריזם. אמת-שטאַרק איז ער, ער באַצויבערט אין יענע מינוטען, ווען אַ ברייטע כוואַליע סענטימענט רײַסט זיך אַרויס פֿון זײַן ברוסט, און טראָגט אַרויס גאַנצע שטיקער האַרץ, לעבעדיקע, נישט געקינצעלטע, צאַפּלדיקע געפֿילען, סובטעלישע, איידעלע, זאַנפֿטיקע באַוועגונגען פֿון אַ פֿאַרחלומטער, פֿאַרבענקטער נשמה.

מערקווירדיק שנעל, בײַ איניקסטער שלאַנקייט, זענען בײַ מאָסקאָוויטשען די איבערגאַנגען פֿון איין עמאָציע צו דער אַנדערער, פֿון ברענענדיקען ווייטיק צו אַ האַרצרײַסענדיקען קינדערשען קלאָג, פֿון וויטענדיקען משוגעת צו צובראָכענער, אומבאַגרענעצטער נאָכגיביקער ווייכקייט. זעסט באַשײַמפּערלעך, ווי די פֿאַרשידענע רייד פֿון די אַרומיקע גיסען זיך איבער שנעלער ווי אַ בליץ אין

דער נשמה פֿון אַנטפּינדלעכען ראָטמיסטער. אַ מאָמענטאַלישע, כעמישע רעאַקציע געשעט, דאָס פּנים ווערט אין איין אויגענבליק אַנדערש פֿאַרפֿאַרבט. אָט האָט אַ קרעפּטיקער צאָרן אַף דער פֿרוי געקרומט זיין געזיכט — זי זאָגט נאָר אַרויס אַ וואָרט געדעכעניש וועגען די ערשטע טעג פֿון זייער יונגער ליבע, — וואָסער דורכזיכטיקע, צאַרטע, ראָזע שיין שטראַלט גלייך אויף אַף די זעלביקע באַקען, ליפּען און אויגען, וואָס האָבען זיך נאָר יואָס גערונצעלט פֿאַר כעס!... ווי באַטירלעך און ווי פּיליגראַניש, ווי פּאָעטיש גייט אַדורך באַ מאָסקאָוויטשען די לעצטע סצענע, די סצענע ווי די אַלטע ניאַניע פֿאַרכשופֿט אים מיט די אַלטפֿאַרגעסענע קינדערמעשהלעך, פֿאַרכשופֿט, ווי אַ צויבערין, אַזוי, אַז ער באַמערקט אַזש נישט, ווי זי טוט אַף אים אָן דאָס משוגעימהעמד...

...און דאָס פּובליקום האָט דאָס אָפּגעשאַצט, פֿאַרפֿילט דאָס טעאַטער אַף אַלע פֿאָרשטעלונגען, באַוויזען, אַז פֿאַראַן באַזוכער פֿאַר אַ ליטעראַרישען רעפּערטואַר.

[„מאָמענט“ נ' 139 פֿון 30 יוני 1911].

# באָריס טאָמאַשעווסקי.

זעלטען וואָסער באַגאָבטער דראַמאַטישער אַרטיסט פאַרמאָגט ליטעראַרישען געשמאַק. — דאָס איז אַ באַקאַנטע דערשיינונג.

אַזעלכע מייסטערס, ווי דאַוויסאָן, זאָנענטאַל, קאַינץ, סטאַניסלאַווסקי, מאַקס ריינהאַרד, קאָמיסאַרזשעווסקאַ וכדומה, וואָס זאָלען אויסער סצענישען טאַלענט באַזיצען נאָך אַלגעמיינע גייסטיקע קולטור, אויסער אייגענער קאַריערע זען נאָך די הויכע אויפגאָבען פון דער בינע, אַלס איינער פון דער קונסט קוואַלען, — אַזעלכע קינסטלער געהערען צו די „ראַריטעטען".

אַ טעאַטער־„שטערן" זוכט, געוויינליך, קודם־כל אַ ראָל. — די פּיעסע אַליין גייט אים קנאַפּ אָן. די מיסיע פון דער סצענע, אַלס פאַרמיטלערין צווישען די גרויסע דיכטער פון דער מענטשהייט און די ברייטע קרייזען פון דער געזעלשאַפט, — פאַרמיטלערין־שאַפערין, וואָס איר פאַרמיטלערישע טעטיקייט איז אַ זעלבסטשטענדיקע פּרעכטיקע פלאַנצונג אין די גערטנער פון דער מענטשלעכער גייסטיקער קולטור, — דאָס איז דעם „סטאַר", ווי מ'רופט עס אין אַמעריקע, מערסטענטיילס, לגמרי פרעמד.

דער רעפּערטואַר פון ס'מיינסט אייראָפּעישע טעאַטערס באַשטייט, דעריבער, על־פּי־רוב פון מיסט, וואָס ווערט פאַרגעסען צוּמאָרגענס נאָך דעם, ווי מ'הערט עס אויף צו שפּילען, און לאָזט נישט איבער דעם מינדסטען פאָזיטיווען שפּור אין דער געשיכטע פון דער דראַמע.

זעלטען וואָסער פעיקען אַקטאָר עס פעלט, אָבער, דער פּראָפעסיאָנעלישער אינסטינקט בנוגע צו די ראָלען. — דער פּרעמיער פון דער טרופּע מעג זיין אַ פאָלקאָמענער „קאַבאָטין", נישט באַזיצען די העכערע קולטורעלישע אַנטוויקלונג, נישט זען גאָרנישט אויסער זיך אַליין און זיין ערפאָלג, — אַ ראָל זיך צוצוקלויבען איז ער אַ בריה.

ניינאונניינציק פון יעדען הונדערטער שמאַטעס, וואָס מ'ווייזט אונדז אַף די טעאַטערברעטער פון דער גאַנצער וועלט, ווערען אויפגעפירט, אין אַ באַטייטעוודיקער מאָס, — אויסער פיל אַנדערע סבּות

— דערפאַר, וואָס זיי אַנטהאַלטען ראָלען פאַר די הויפּטקרעפטען פון די טרופּעס.

ס'טרעפט, אַ ראָל איז ניט טיף ווי געהעריק, נישט באַאַרבעט ווי ס'דאַרף צו זיין, — אַ טאַלענטפולער קינסטלער פאַרטיפט זי, פאַרבולט, פאַרפיינערט מיט זיין אינטויציע און אַרטיזם, — אָפטמאָל, פון דער בלאַכער, שוואַכער, פרימיטיווער צייכנונג, וואָס דער ווייניק באַגאָבטער דראַמאַטורג, דער בעל-מלאכה גיט אים, — באַשאַפענדיק אַן אויסגעצייכענטע קרעאַציע.

דער אַמעריקאַנער גאַסט, באָריס טאָמאַשעווסקי, וואָס האָט דעם פאַרגאַנגענעם פריטיקצונאַכטס צום ערשטען מאָל זיך באַוויזען אין טעאַטער אַף אָבאָזשנע גאַס, — ליידט, ווי ס'זעט-אויס, נישט בלויז אַף מאַנגעל פון ליטעראַרישען געשמאַק, נאָר אויך אַף מאַנגעל פון דעם אויוועגדערמאָנטען פראָפעסיאָנעלישען חוש, אָהן וועלכען ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלען דעם מיטעלמעסיקסטען דראַמאַטישען אַקטאָר.

נאַטירלעך, פון איין גאַסטראָל איז שווערלעך צו געבען אַ פולקאָמע כאַראַקטעריסטיק פון אַ שוישפּילער, אָבער אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגען זיין אַרטיסטישען אַקטיוו קען מען באַקומען שוין פון איין מאָל זען.

ס'וואַרפט זיך אין די אויגען: די נאַטור האָט דעם מענטש אַ סך געגעבען: אַן אימפּאָזאַנטישע פיגור; לעבעדיקע, פלאַסטישע באַוועגלעכקייט, אַרורכגעדרונגען מיט פיל פרייקייט, ווייכקייט, גראַציע; אַן אויסדריקלעך געזיכט מיט אַן אומאויפהערלעכער שפּיל פון ליכט און שאָטען, אַן אמתע מיניאַטורע בינע, אַף וועלכער שטימונגען, געפילען, עמאָציעס, געדאַנקען, כוונות טרעטען-אויף און טוישען זיך, בולט, געניי, לעבעדיק; אַ דאַנקבאַרע שטימע מיט אַן אָנגענעמען טעמבר און טיפע ברוסטלעכע טענער, וועלכע זענען מינוטענווייס אויסגעאיילט מיט זיסער פרויענווייכקייט.

פאַר אונדז איז, אַדזוי, אַ סך דאַנקבאַרער מאַטעריאַל, — אַ קאָמפּלעקס שטריכען, וואָס עפענען אַ פּערספּעקטיוו פאַר שיינע מעגלעכקייטען, — איינגעשאַפטען, וואָס וואָלטען באַדאַרפט מאַכען זייער אייגענטימער פאַר אַ באַטייטעוודיקען דראַמאַטישען אַרטיסט.

אָבער, צי איז ה' באָריס טאָמאַשעווסקי אַזעלכער?

אַף דער פראַגע איז, נאָך זיין ערשטען אויפטריט, נאָך אוממעגלעך

צו ענטפערען פּאָזיטיוו. — עס זענען פּאָרלויפיק געבליבען אומקלאָר די גרענעצען פון זיין באַגאַבונג, די מאָס פון איר ברייטקייט, דער קאָעפיציענט פון איר אָנשטרענגונגספעיקייט און פון איר אינערלעכער דיסציפלין.

כ׳וועל שוין נישט פרעגען קיין שאלות, ווי ריזיקירט מען עס, דעם ערשטען דעביוט אין ווארשע צו געבען אין אַזאַ שוידערהאַפטיק שטיקעל יוקסט, אַז ס׳עקעלט אפילו בלויז באַם דערמאָנען זיך וועגען דעם, — געוואַלט געשריען: ה׳ טאָמאַשעווסקי האָט דאָך אין דעם מיכטבאַרג זאָגאַר קיין פּיצעל פּאָסיקע ראָל נישט!! — מיט וואָס־זשע, אום גאָטעס ווילען, לאָזט זיך פאַרענטפערען אַזאַ פאַרברעך, ווי דער פרייטיקצונאַכטיקער סעקטאַקל אין קאַמינסקיס טעאַטער!? —

גאַנצע דריי אַקטען גייט ה׳ טאָמאַשעווסקי ניט אַראָפּ פון דער בינע — איטלעכער אַקטאָר טרוימט פון אַזאַ גליק! — אָבער דעם אַמעריקאַנער שוישפּילער נוצט די „פּריווילעגיע" לגמרי נישט. ער גיט אונדז נישט עפּעס אַ פאַרענדיקטע גאַנצקייט. מיר זעען נישט דאָס, וואָס מ׳זאָל קענען אָנרופען פיגור, כאַראַקטער, — דאָס, וואָס מ׳זאָל, שרייבענדיק אַמאָל ברייטער וועגען ה׳ טאָמאַשעווסקי — אין דער געשיכטע פון יידישען טעאַטער, צי אין אַן ענציקלאָפּעדישען נאָטיץ, — קענען פאַררעכענען צו זיינע פּאָזיטיווע לייסטונגען פאַר דער יידישער דראַמע. — ניין, אַזעלכע „מיספאַרשטענדענישען" — וואָלטען דאָס כאָטש געווען בלויז מיספאַרשטענדענישען! — איז, פאַרקערט, בעסער נישט צו געדענקען.

געווען זענען פרייטיקצונאַכטס אייניצעלנע גוטע פראַגמענטען: אייניצעלנע געלונגענע מאָמענטען, — נאָר די עטלעכע אויסנעמלעכע מינוטען האָבען געזונקען אין אַ שרעקלעכען שטראָם פון אומגעלומפּערטער געשמאַקלאָזיקייט, פון מפשער וולגאַרישקייט, וועלכע אַ קינסטלער, וואָס איז נאָר אַזעלכער, אַן אַרטיסט, וואָס וויל שוינען זיך און זיין גאָב, דאַרף מיידען, ווי אַן עפּוש.

מיט אַ שווער געפיל, אויפגערעגט ביז גאָר, ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער. געקענט האָט זיין אַן עסטעטישער גענוס, נאָר ער איז געשטערט געוואָרען, — און אַף אַזאַ אופן, אַז פאַרדראָס, צאָרן און ווייַ פאַרגיסען דאָס געמיט. — ענלעכס איבערלעבט מען, זעענדיק אַ שיין פרויענגעשטאַלט, וואָס די פּאָקען האָבען עס אַכזריותדיק אין אַ פאַרקריפּעלט פאַרזעעניש פאַרוואַנדעלט.

דעם ערשטען אַקט, וואָס איז אָן=און פֿאַר=זיך דורך און דורך פֿאַלש, הן אין דער פֿאַרבינדונג הן אין די סיטואַציעס און אין דער גאַנצער אַרכיטעקטאָניק, — ראַטעוועט נאָך ה׳ טאָמאַשעווסקי. ווי ביִשט איז, — זיין שפּיל איז דאָ אַ וואַרעם ליריש געדיכט, אַ צאַרטע אידיליע פֿון ריינעם געפֿיל.—רייך, אין דער אמתען, זענען די מיטלען, מיט וועלכע דער שוישפּילער באַמיט זיך אויפֿצודעקען פֿאַר אונדז די צוזינגטע נשמה פֿון דעם שטענדיקען „העלד“, וואָס ער וויל אים פֿאַרקערפּערען.

אָבער שוין אין צווייטען אַקט קאַפּיטולירט ער שענדלעך פֿאַר דעם גרויזאַמען געץ, וואָס הייסט: שונד. — גוט איז בעניס אַריינקומען, זיין רעדען צום ווייב, די ליבע, דאָס גוטסקייט, דער צוטרוי, וואָס ער ווייזט איר אַרויס. — עס רירט דאָס בלינדע נאַיווקייט, מיט וועלכען ער לאַכט, זעענדיק פּעניען באַטריבט, הערענדיק אירע ווערטער, אַז זי איז גאָר קלוימערשט עפּעס שולדיק פֿאַר אים. — נאָר אָט מוז ער שוין אָנהייבען צו פֿאַרשטיין, אַז דאָ האַנדעלט זיך מער, ווי וועגען אַ ווייבערישען קאַפּריז. — „אַ שאַרלאַטאַן“ האָט געקושט זיין פּעני. טאָמאַשעווסקי ווערט בלאַס, די אויגען עפֿענען זיך ברייט, און פֿון זיי שלייכט זיך אַרויס אַ שטומער, הכנעהדיקער, אומענדלעך רחמנותדיקער בליק פֿון אַ שטערבלעך-פֿאַרוואונדעט האַרץ. דער בעסטער מאָמענט טאָמאַשעווסקיס אין משך פֿון גאַנצען אָוועגט. — און דאָ דאַרף זיך ערשט אָנהייבען די אמתע דראַמאַטישע האַנדלונג, דאָ איז ערשט די אמתע פֿאַרבינדונג אירע. — נאָר באַם אַמעריקאַנער גאַסט ענדיקט זיך גאָר די דראַמע גראָד אַף דעם אָרט. — דער אומדערבאַרעמדיקער טאַנדייטניק צווינגט אים צוצוגיין צום בוטיל משקה, איבערקערען אַ קעלישעק נאָך אַ קעלישעק. — אין אַ פֿאַרס וואָלט מען דאָס אפֿשר נאָך געקענט דערליידען, אין אַ דראַמע איז דאָס אַ האָטענטאָטיש באַרבאַרישקייט. — אָנשטאָט דראַמאַטישער אָנשפּאַנונג דערלאַנגט מען אייך אַ נאַרישען, אַ העסלעכען שיכּורען סקאַנדאַל, מיט ברעכיען לייכטערס און מיט ערב=יום=כּפּורדיקע יללות. — דער שכל זאָגט זיך אָפּ משיג=צו=זיין: ווי שעצט מען אַזוי ווייניק די אייגענע ווערדע! — ה׳ טאָמאַשעווסקי פּרעטענדירט דאָך אַף דעם טיטעל פֿון אַ דראַמאַטישען שוישפּילער — און פֿאַרמאָגט גענוג מיטלען, דורך וועלכע ס׳איז מעגלעך צו דער פֿאַרענטפֿערלעכער שטעלונג צו קומען!

און מיט „הייליקען תמימות“ ווייזט זיך ה׳ טאָמאַשעווסקי אין דריטען אַקט שכור ווי לוט, — פון קאָפּ ביז פיס איינגעריזט אין מעל — אַנדערש קען מען אין אַמעריקע נישט אויסדריקען דעם יאוש פון אַנ׳אָפּגעגאַרטען מאַן. — דאָס ווייב שפּילט אין צווייטען צימער פּיאַנע, — בעני ווערט אין כעס, וואַרפט-אַריין אַהין אַ שטול: „גענוג געשפּילט!“ — דאָס איז נאָך פאַרשטענדלעך. — אָבער ווייטער גייט אַוועק אַ יריד, — רחמנא-לצלן, — זיפצט, ווי אַף הייסע קוילען, ווי אַף אַנ׳אינקוויזיציעשטול, און די פּיין איז גאָרנישט צו באַשרייבען. — איינציקווייס, אָהן אַ סדר, אָהן וואָסער נישט איז לאָגישען צוזאַמענהאַנג, גייען-אַדורך דורכ׳ן צימער כמעט אַלע פּערזאָנען פון דעם „שטיק“. צו יעדען רעדט בעני, קלאָגט זיך פאַר אים, וויינט, — און דערנאָך שרייט אַף אים, באַליידיקט אים. — אַ מבול מיט גראָשענער פילאָזאָפיע און שכורע פּלוידערייען, קריגערייען און זידלערייען, אַ פלאָנטער פון „דראַמאַטישע מאָמענטען“, וועלכע זענען אפשר מעגלעך אין אַזאַ סיטואַציע, נאָר וועלכע וואָלטען געקלעקט אַף צוואַנציק אַקטען. — און סקאַנדאַלען — אָהן אַ שיעור: איבערגעקערט דעם טיש, געשליידערט בענקלעך, געבראָכען טעלערס, געזעצט שויבען אין דער שאַנק. — אַ פּאָגראָם פון אַ ווילדער אָנשטאָט שטילער, נאַטירלעכער דראַמאַטישער האַנדלונג. — ה׳ טאָמאַשעווסקי באַגרייפט, קענטיק, נאָך נישט, אַז ליאַרעם און גערויש זענען ווייט נישט דאָסזעלביקע, וואָס דראַמאַטישע אָנשפּאַנונג. — דער צושויער איז נישט גערירט, — ער קריגט בלויז קאָפּשמערצען, און ס׳טוט אים באַנג דער פאַרלוירענער אָוועט...

פרוי נעמי איז, זעט מען, אַנ׳אינטעליגענטישע שוישפּילערין. זי קען זיך האַלטען נאַטירלעך. טוט זיך אָן מיט געשמאַק. נאָר, מיר דאַכט, אַז ביז-איצט האָט זי אין ה׳ יוגיויצס טרופּע נאָך נישט געהאַט קיין ראָלע, וואָס זאָל פּאַסען צו איר אַרט פעיקייטען. אי אין די „געגנאַרטע מענער“, אי אין „דעם פאַרלוירענעם גן-עדן“ האָט זי נישט איבערצוגעבען אַ פּסיכאָלאָגישע דראַמע, וואָס פאַרבינדט זיך, אַנטוויקעלט זיך, שטייגט און לאָזט זיך אויס נאַטירלעך, מיט אינערלעכער נויטווענדיקייט, — זי איז געצוווּנגען צו ווייזען בלויז אָפּגעריסענע, פאַלשע, שרייענדיקע קינעמאַטאָגראַפישע עפעקטען מיט באַ-

נאַלישען אינהאַלט און ביליקער ווערט. — אַזאַ באַלאַגאַנסחורה איז נישט פון דעם דאַנקבאַרען מאַטעריאַל, פון וועלכען אַן׳אַרטיסט זאָל קענען עפּעס אויפטון.

אמת־גוט איז פרוי קרויזע־מילער, אַלס דאָס דינסטמיידעל סערקע. — ערטערווייס, פיללייכט, אַביסעל אונטערגעשטראָכען, פירט זי, אים אַלגעמיין, נאַטירלעך, מיט אַ סך הומאָר, טעמפּעראַמענט און אויפטועריישקייט אַדורך די קליינע, קוים־קוים אָנגעצייכענטע, אין שטיק אייגענטלעך כמעט, קען מען זאָגען, לגמרי איבעריקע ראָלע.

ה׳ האָכשטיין (מרדכי) איז נישט קיין שלעכטער און גאַנץ פלייסיקער קאָמיקער מיט אַ שטילער, נאַטירלעכער מאַניערע.

פרוי גאָטליב (דאָבע), די קלאָגמוטער פון דער „פּיעסע“, האָט זיך גאָר פיין אַנ׳עצה־געגעבען מיט דעם ים יאָמער און טרערען. — ס׳איז בײַ איר אַרויסגעקומען גאַנץ נאַטירלעך.[1] —

[„מאָמענט“ נ׳ 142 פון 4. יולי 1913].

מילטאָן האָט פאַרפאַסט „דעם פאַרלוירענעם גן־עדן“; קאָראָלענקאָ האָט אָנגעשריבען „דעם בלינדען מוזיקאַנט“. — אין קאָברינס „שאַפּ“ זענען צוגעשניטען געוואָרען צוויי שונדשטיק פאַר דער יידישער בינע אין אַמעריקע, האָט ער די העזה געהאַט אַ נאָמען צו געבען איינעם נאָך דער באַרימטער ענגלישער פּאָעמע, דעם צווייטען—נאָך דעם שיינעם רוסישען עטיוד. — פונקט ווי די קליינע פאַבריקאַנטלעך פון ציקאָריע, גילזען אָדער שוואַקס, וואָס קלעפּען־אָן אַף זייערע פאַלסיפיקאַטען עטיקעטען פון גרויסע באַוווסטע פירמעס.

אין ערשטען אַקט פון „בלינדען מוזיקאַנט“ האָבען מיר אַ חופּה אַף דער סצענע. אין זאָלאָטאַרעווסקיס „אַף דער עלטער“, וואָס איז נישט לאַנג פון נאַטאַנזאָנס טרופּע געשפּילט געוואָרען אין „עליזעום“, קען מען זען אַ גאָלדענע האָכצייט. — דאָרט, ווו עס קלעקט נישט קיין טאַלענט, מוזען אַרויסהעלפען אומשולדיקע „עפעקטען“.

אין סאַמע מיטען פון דער פייערלעכער צערעמאָניע, דאָ אַפּ׳ן פּלאַץ, צווישען די פיר שטאַנגען, ווערט קאָברינס העלד פּלוצים

[1] געשפּילט:—„דער פאַרלוירענער גן־עדן“.—

בּלינד. — פאַרוואָס נישט טויב? — פאַר אַ מוזיקער דאַרף דאָס, דאַכט זיך, זיין אַ גרעסער אומגליק! — נאָר אַזוי וויל דער מחבר, — און אַז אים איז עס ליב, מוז עס אונדז זיין ניחה. — גוט כאָטש, וואָס דער פאָרהענג לאָזט זיך אין דער מינוט אַראָפ, און מ׳קען אַרויסגיין אין „פאָיע״ רייכערען.

אין צווייטען אַקט און אין דריטען, וואָס איז מער נישט ווי זיין נודנע איבערחזרונג, קומט ערשט פאַר די אמתע „דראַמע״, די איינציקע—סטערעאָטיפּישע — „דראַמע״, אַף וועלכער די איצטיקע אַמעריקאַנער „דראַמאַטורגען״ זענען פעיק, דער אומבאַהאָלפענער מעכאַנישער מישמאַש פון טאָוולענע פיגורען — אַלס „פערזאָנען״; שכּרות און זנות — אַלס „ליבעאינטריגע״; מייזיש אַרומפילדערען אַף דער סצענע — אַלס „האַנדלונג״; גראָב, ציניש אַרומקריגען זיך— אַלס „דיאַלאָג״; קינדערשע, לעכערלעכע צופעליקייטען — אַלס „דראַמאַטישע אָנשפּאַנונג״.

אין פערדען אַקט, וואָס באַשטייט בלויז פון איין סצענע, פאַלט אַריין אומגעריכט, ווי פון דער לבנה אַראָפ, — „טראַגעדיע״: דער סגי־נהור דערשטיקט דאָס ווייב. — פאַרוואָס — פאַרווען? — זוכט נישט קיין פאַרבינדונג דאָרט, ווו אַ וואָרט צו אַ וואָרט קלעפּט זיך נישט. — מענטשלעך געדולד האָט קיין גרונט נישט, און קיין איין פאַרשטונקען איי, קיין איין פוילער עפּל איז יענעם אָוועגט נישט געפלויגען פון צושויערזאַל.

און ה׳ טאָמאַשעווסקי האָט, קענטיק, זיך געשמאָלצען פאַר תּענוג. זמאַוויע האָט געשפּרייזט איבער די ברעטער, און פון מינדסטען ריר האָט געשפּריצט זעלבסטצופרידענקייט. אַ קלייניקייט: אַ סאַמעטען רעקעל, אַ גרויסער, שוואַרצער, פרייפאַרבונדענער שניפּס — אַ „מוזיקער״ מיט׳ן קנאַק. אַזעץ זיך בּרייט צום קלאַוויר — געגנומען עטלעכע אַקאָרדען, — אמת, פאַלשע, אָבער דערפאַר עכטע. און די בלאָע שפאַקולען וועקען רחמנות באַם פעבעל. — הײַנט, אַז מ׳זעצט זיך אַנידער אין אַ שטול סאַמע באַ די לאָמפען, — אַראָפּ די ברילען, — פאַטעטישע ווערטער זעצען ווי פון אַ שפּרינגברונען, — און מיט׳ן קאָפּ וואַרפט מען, און מיט די אויגען דרייט מען, — די ווייסלעך זאָלען כסדר בלאַנקען — ס׳זאָל אויסזען, דער „אומגליקלעכער״ איז טאַקע אַף אַנ׳אמתען בלינד,—ווי „שיין״, ווי „אינטערעסאַנט״ מוז מען דעמעלט זיין?

און ס׳פאַרזעט דער אַמעריקאַנער גאַסט לגמרי, צוזאַמען מיט זיין יאָרליוווערענט, אַז דער עיקר פעלט אין דער „פּיעסע״: דער בּלינ־

דער איז אין איר נישטאָ, — און דער מוזיקאַנט — אויך נישט, — שוין נישט רעדענדיק פון אַלעם איבעריקען, אָהן וואָס אַ שטיק איז קיין דראַמע נישט, און וואָס איר וועט אין דעם קריפּעל מיט ליכט נישט געפינען. — ביידען — דעם באַשטעלער און דעם צושטעלער — דאַכט זיך, אַז מ'איז יוצא, איינמאָל, פאַרבייגייענדיק, לאָזענדיק פאַלען אַ פראַזע: „אוי, וואָסער געהער איך האָב דאָס געקריגען, זינט כ'האָב אָנגעוווירען די ראיה!" — אין דעם איינעם זאָג, זענען זיי ערנסט איבערצייגט, שטעקט שוין די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון אַ טונקעלען, — מער דאַרף מען נישט. — און אַז דער „העלד" איז, ווירקליך, אַ „מוזיקאַנט", מוז מען גלייבען, הערענדיק שמועסען וועגען זיין קומענדיקען קאָנצערט, וואָס וועט אים געבען אַ נאָמען און געלט.

ווידער קיין טיפּ, ווידער קיין לעבען. אַ מאַנעקען אָהן אַ נשמה, אַ סצענישער זייפענבלאָז, — און ס'איז ביז פאַרדרוס, פּראָסט אומדערבאַרעמדיק קלאָר דאָס, וואָס עס האָט זיך שוין נאָכ'ן ערשטען אָווענט געבעטען אונטער דער פּען, נאָר וואָס דו האָסט עס בכח אין זיך געשטיקט, נישט צו ווען דעם אייגענעם איינדרוק זיך אונטערצוגעבען: די רייכע אויסערליכע מיטלען פון דעם גאַסטראָלער האָבען נישט הינטער זיך די פאַסיקע גייסטיקע באַגאָבונג, וועלכע זאָל זיי קענען אויסנוצען. ס'איז אַ פאַרגילדעט ניסעל אָהן אַ יאָדער אינעווייניק.

מ'קען נאָך מוחל־זיין אַ שוישפּילער, וואָס פּרעטענדירט אַף אַ נאָמען, דאָס, וואָס ער טרעט־אויף אין אַ נישטעל. — ס'איז, אָבער, אוממעגליך צו פאַרצייען אַזאַ אַקטאָר דאָס, וואָס שפּילענדיק אין אַ טאַנדייט־„פּיעסע", פילט ער נישט און באַגרייפט נישט איר נישטיקייט. פאַרקערט — האַלט זי פאַר אַ מייסטערווערק, פאַר אַ קונסט־שטיק, — האָט די שמאַטע ליב.

ה' טאָמאַשעווסקי האָט פאָרט געוואָלט געווינען יענץ פּובליקום, באַ וועלכען זיינע אויפטריטען אין די צוויי אויוועכדערמאָנטע „פּיעסעס" האָבען נישט געקענט אויסנעמען, — האָט ער אויפגעפירט „בערטשע אין אַמעריקע"; — און מ'איז געקומען אָנזאָגען: „אָט דאָ איז ער אמת גוט! אָט דאָ איז דער עכטער טאָמאַשעווסקי".

„באַנטשע אין אַמעריקע" — די טעמפּעראַמענטפולע קלאַרע יאָנג אין מאַנצבילשע הויזען. — האָסט זיך געריכט, דעם אַמערי־

קאַנער „סטאַר" צו דערזעען אין אַ ווײַבעריש קלייִדעל. — נאָר אַזוי שלעכט איז עס נאָך נישט געווען.

אַ קאַנווע פאַר אַ לוסטיקען פאַרס: אַ יונג מיט ביינער פון דרום־רוסלאַנד, אַ בעל־גוף און אַ מגושם, נאָר מיט אַ ווויל הארץ, קומט קיין אַמעריקע, און ווערט פאַרפלאָנטערט אין אַ שמוציקער אינטריגע, וואָס ברענגט אים צו אַ געצוווּנגענעם שידוך, דאַן ווען ער האָט גאָר אין רוסלאַנד אַ רחלע, וועלכע ער ליבט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן פּרימיטיווישער נאַטור.

נאָר ה' קאָברין האָט דעם נישקשהדיקען איינפאַל אויך באַוויזען צו פאַרדאַרבען, אָנפילענדיק דאָס שטיק מיט גרילצענדיקען „דראַמאַטיזם" און מיט אומגעלומפּערט־עקעלהאַפטיקען „נאַטוראַליזם".

ה' טאָמאַשעווסקין איז דער פּראָסטער פערדהענדלער בערטשע פיל נעענטער, ווי די „ליטעראַטען" און „מוזיקאַנטען" פון זײַן איבעריקען רעפּערטואַר; גרינגער צו פאַרשטיין — ער ווייסט כאָטש, „מיט וואָס מ'עסט דאָס", און לײַכטער צו שפּילען: מ'קען זיך וואַרפען, שפּרײַזען, שפּרינגען, רוישען, מאַכען מיט די פיס און מיט די הענט, מיט'ן מויל און מיט די אויגען. און דאָס איז, קענטיק, דעם אַמעריקאַנער גאַסטראָלער צום ליבסטען.

און אויך די ראָלע פּירט־אויס ה' טאָמאַשעווסקי בלויז מיטעלמעסיק, „אַף אַ דרײַ". — ס'איז יאָ אַ טיפּ און נישט קיין טיפּ. — זײַן בערטשע איז נישט אַ פיגור פון איין גאָס. נישט אַ גאַנצע, האַרמאָנישע קרעאַציע. — אין דער ערשטער העלפט פון די ערשטע 3 אַקטען איז ער אַנ'אַנדערער: צו ווילעריש; אין דער צווייטער העלפט פון די־ייגענע אַקטען און אין לעצטען אַקט, שוין נישט אינגאַנצען דערזעלביקער: תמעוואַטער און ציטעריקער. — מינוטענווײַס איז ער נאַטירלען, אוממיטעלבאַריש, און באַלט נאָכדעם געמאַכט; די אַנטוויקלונגסליניע פון טיפּ רײַסט זיך און די פגמים שטעכען די אויגען.

אין בערטשען האָט ה' טאָמאַשעווסקי אַרויסגעוויזען דאָס בעסטע, וואָס ער איז פעיק, — און האָט נישט פיל געוויזען. — אים פעלט קודם כל דער אמתער פּאַטאָס, יענע אינערלעכקייט, אָהן וועלכער בלויז די אויסערלעכע פליוסען געבען נאָך נישט קיין דראַמאַטישען אַרטיסט.

[„מאָמענט" נ' 148 פון 11. יולי 1913.]

# דוד קעסלער.

אַ ייִניקע גוטמוטיקע האָבען זיך אַלייִן געוואָלט נאַרען: — דוד קעסלער איז אַנ׳אַרטיסט אין אייִראָפּעיִשען זין. — האָט זיי באָטש געעפענט די אויגען זייַן לעצטע „גאַסטשפּיל״?

— מ׳דערציילט: ער האָט געקערט וועלטען: נאָר לאָזט אים אויפטרעטען אין „בר כּכבא״. אַף אַ „זייַ־געזונט״ דעם וואַרשעווער פּובליקום דערלאַנגט זייַן אמתע וויזיטקאַרטע: אָט דאָס בין איך.

אין די אַנאָנסען, וואָס די דירעקציע האָט געלאָזט דרוקען אין די צייַטונגען, האָט זי אים גערופען נישט אַנדערש, ווי: „דער וועלטקינסטלער״. עכט־אַמעריקאַנישע העזה! — דער ריכטיקער נאָמען וואָלט געווען: „אַ גאַסט פון יענער וועלט״.

דוד קעסלער איז אַ טיפּיש קינד פון גאָלדפאַדענס טעאַטער. — די פאַרשידענזייַטיקע טעטיקייט פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער — דער אויטאָר פון „שולמית״ האָט אומבאַדינגט געהאַט אין זיך אַ פּאָעטישען אָדער — פאַרנעמט אַ בכּבודיק אָרט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער בינע, פאַר וועלכער ער האָט אַזוי פיל אויפגעטון, — וועלכע ער האָט אַף די וועלט גערופען. די עפּאָכע, וואָס איז פאַרבונדען מיט גאָלדפאַדענס נאָמען, איז אונדז ליב, — זי פאַרדינט געשעצט און געפּאָרשט צו ווערען. אָבער נאָר אַלס פאַרגאַנגענהייט. לכל־הפּחות אין אונדזער באַוווסטזייַן איז זי שוין בלויז אַ נעכטען. — און רייַסט זי זיך אַרייַן אין דעם הייַנט, וואָס זעט שוין אויס, דאַרף שוין אויסזען אַנדערש; און פאַרנעפּעלט זי די פּערספּעקטיוו פון דעם נייַעם מאָרגען, — זענען מיר איר, אין דער מינוט, שונאים, און מער ווי עגמת־נפש, צער פאַרשאַפט זי אונדז דאַן נישט. — קעסלערס גאַסטראָלען זענען, דעריבער, געווען פאַר אונדז נישט אַנ׳אָנגענעם נייַקייט, נישט אַ שיינער גרוס פון דער ייִדישער קולטורשאַפונג אין נייַעם, גרויסען ייִדישען צענטער, — נאָר אַ פריקרע דערמאָנען עפּעס, וואָס מיר באַמיִען זיך מיט אַלע קרעפטען עס נישט אַרויסצולאָזען מער פון אַרכיוו; וואָס עס טאָר נישט פאַרשאָטענען די מאָדערנע טענדענצען אין אונדזער יונגער דראַמאַטישער קונסט. דער מעטיקער ייִדישער קבוץ אין אַמעריקע האָט אונדז צוגעשיקט אַ פאַרטרעטער פון זייַן קולטורלעבען, — און גלייַך בייַ דער ערשטער באַקאַנט-

שאַפט האָט זיך אַרויסגעוויזען: אַ פאַרקריפּעלט איבערחזרניש פון דעמזעלביקען, וואָס די ערשטע יידישע עמיגראַציעכוואַליעס האָבען מיט 30 יאָר צוריק מיטגענומען מיט זיך אויס דער אַלטער גלותהיים.

פון אַלע פּיעסעס יעקב גאָרדינס האָט דער ניו־יאָרקער טעאַטער־דירעקטאָר אויסגעקליבען דווקא די שוואַכסטע, — „שלמהקע שאַרלאַטאַן“, איינס פון די 80 — 90 שטיק, וועלכע דער פאַרשטאָרבענער דראַמאַטורג האָט געמוזט פאַרפאַסען נאָר דערפאַר, וואָס די „סטאַרס“ האָבען באַשטעלט, און די מאַטעריעלישע אומשטאַנדען האָבען געצוואונגען אַזאַ באַשטעלונג אויסצופירען. די טיטעלראָלע איז לחלוטין נישט דראַמאַטיש אין טיפערען זין פון באַגריף. — אין ערשטען אַקט: אַ לעבקינד אין דער יוגענט. „אַנ׳אַדעסער שאַרלאַטאַן“. „אַנ׳אַפּיקורוס“. נאָך אַ סך יאָר נישט זיין אינדערהיים, קומט נעמען ירושה נאָכ׳ן פאָטער. לייכטזיניק ביז גאָר: אַבי אַפּיסעל מזומנים אין האַנט אַריין, לאָזט ער זיך באַשווינדלען און באַגזלענען פון ברודער, דעם „פרומאַק“. — אין צווייטען אַקט — שלמהקע אין 20 יאָר אַרום: אַלט, אָרעם, אָפּגעריסען־אָפּגעשליסען, דאָס, וואָס מאַקסים גאָרקי רופט: אַ „געוועזענער מענטש“. צושרויפטע גלידער, צושרויפטע באַוועגונגען, צושרויפטע צונג. — אַלדזאָ, אייגענטלעך, נאָר צוויי סטאַטישע מאָמענטען, ווי אַף יענע מוסר־אָלעאָגראַפּיעס, וועלכע מ׳קען געפינען אין פרומע דייטשישע בירגערהייזער: 1) אַ הולטאַי אין די יונגע יאָרען, 2) אַ הולטאַי אַף דער עלטער. — ס׳פעלט דאָ די דינאַמיק, וואָס איז די נשמה פון דראַמע: נישטאָ קיין אויפוויקלונג פון דעם דראַמאַטישען פאָדעם; דער מחבר ווייזט אונדז נישט די שטאַפּלען פון דער ירידה און זייער אינערלעכע באַגרינדונג, די איבערגאַנגען פון „אַפ׳ן פערד“ ביז „אונטער׳ן פערד“ און צוריק — און זייער אינערלעכע נויטווענדיקייט, וואָס פליסט פון כאַראַקטער און זיינע גרונטשטריכען; מיר זעען אויך נישט דעם אינערלעכען קאַמף, וואָס דאַרף, — אַלענפאַלס, וואָס קען באַלייטען אַזאַ שטורמיש לעבען. — וואָס־זשע איז דעם אַמעריקאַנער שוישפּילער אַזוי געפעלען אין ז ע׳ ראָלע, אַז דווקא אין איר האָט ער געהאַלטען פאַר מעגלעך, פאַר נייטיק צו דעביוטירען אין וואַרשע? — ווי לעכערלעך דאָס זאָל נישט קלינגען: גראָד איר אויסערלעך קוריאָזישקייט! — צו וואָס זיך געבען די מי איינצושטודירען אַ שווערע, אַ רייכע, אַ פולקאָם־דראַמאַטישע ראָלע, אַז מ׳קען יוצא זיין בלויז מיט וואָלוועלע עפעקטען: אין ערשטען אַקט — אַ מאָלדאַוואַנקער פראַנט אַף דער סצענע, — אַ ווייסער אָנצוג, לאַנגע כאָלעוועס; אין

צוווייטען — אַ שכורער בעטלער, האַלב-געפרוירען, האַלב-מטורף, אַלץ אויסגעוועזען און געבליבען באַ די מאַניערען, וויצען און קינצען פון אַ פראָווינציעלישען קלאָון „אַנ׳עובר-ובטל“. — גיין אַפ׳ן קאָפּ אַף דער בינע! — קען נאָך זיין עפּעס דערהויבענערס, עפּעס טיפערס, עפּעס פרעכטיקערס פון אַ ראָלע, וואָס גיט די מעגלעכקייט אַ „וועלטקינסטלער“ זיך צו ווייזען דעם פּובליקום אין אַזאַ אויסעראָרדענטלעכער פּאָזע, מיט די פיס אַרויף! — און ה׳ קעסלער טוט זיין שטיקעל אַרבעט מיט גרויס ערנסט און איבערגעבענקייט, זאָגאַר מיט זעלבסטאָפּפערונג. אַ מענטש שטעלט זיך ממש איין דאָס לעבען, — אַ קלייניקייט: אין די יאָרען זיך שטעלען אַפ׳ן קאָפּ און אַרומשפּרינגען אַף איין פוס. און פאַר אַזאַ „מקריב-זיין זיך“ פאַרלאַנגט דער „סטאַר“ פון יענער זייט ים — רחבות. די ראָלע איז אַ פלאַכע, אַ צופעליקע. אין צווייטען אַקט טאָר שלמהקע נישט פאַרנעמען מער, ווי 2—3 מינוט, — ה׳ קעסלער איז אין ניו-יאָרק אַ בעל-הבית פון אַ טעאַטער, „טוט ער זיך וויל“, צולייגט זיך אַף דער סצענע, ווי באַ זיין טאַטען אין ווייַנגאָרטען, — צוציט דעם הומאָריסטישען אויפטריט אַף אַ קנאַפּע האַלבע שעה, חזרט יעדע קונץ איבער צו עטלעכע מאָל, פאַלט-אַריין אין שאַרזש, — און לסוף פאַרגעסטו, ווו דו ביסט: אין טעאַטער צי — אין צירק? — אין דעם קלענצטען ראָלכעל קען מען זיין אויסגעצייכענט, ווען מ׳באַציט זיך צו דעם מיט פאַרשטאַנד און געשמאַק, ווען מ׳באַקלערט עס ווי ס׳דאַרף צו זיין, ווען מ׳באַזיצט געפיל פון מאָס און דאָס, וואָס מ׳רופט — „דאָס געהיימעניש פון דער פאָרם“. — דאַרף מען אַ מער עפּיזאָדישע און עקסטראַוואַגאַנטע ראָלע, ווי דער קאָנטאָרשטשיק מיט׳ן צונאָמען „צווייאונצוואַנציק אומגליקען“ אין טשעכאָווס „ווייַנשעלגאָרטען“, — אָט ווו עס איז באַזונדערס גרינג צו פאַרלירען דעם טאָן, אוטרירען און אַ תל-מאַכען פון דעם סובטעלקאָמפּאָנירטען טראַגיקאָמישען געשטאַלט. און וואָסער פערל שאַפט דערפון דער אַרטיסט פון סטאַניסלאַווסקיס טרופּע — מאָסקווין, אַ דאַנק זיין אַרטיסטישער באַשיידענקייט, פיינגעפיל און טאַקט. דאָס קאָמישע טרעט אָפּ פאַר׳ן טראַגישען. און צוזעענדיק דעם אומגעלומפּערטסטען, דעם אוממעגלעכסטען, דאַכט זיך, טיפּ אַף דער וועלט, — לאַכט זיך דיר עפּעס נישט, נאָר ס׳פאַרקלעמט דיך באַם האַרצען, אַ פחד נעמט דיך אַרום פאַר דער געהיימער, אומדערבאַרעמדיקער קראַפט, וואָס פירט אָן די וועלט און טרייבט אַזעלכע קאַטאָוועסען מיט לעבעדיקע מענטשען, אירע באַשעפענישען. — דעם הער קעסלער בינדט גאָרנישט, — נישט

די אינטעליגענטישקייט, וועלכע ער האט זיך נישט באַוויזען צו דערווערבען; נישט די אַרטיסטישע קולטור, וועלכע איז אין אַמעריקע, קענטיק, לגמרי נאָך נישט בנמצא; נישט די אַכטונג צו דער קונסט, וועלכע גייט אים, ליידער, קנאַפּ אָן; נישט די הויכע אַרטיסטישע אַספּיראַציעס, וועלכע ער האט קיינמאָל נישט געהאַט. — און עס שפּילט זיך אָפּ אין צווייטען אַקט פון „שלמהקע שאַרלאַטאַן" אַנ'אמתע אָרגיע פון געשמאַקלאָזיקייט און קאַבאָטיניזם.

דער חסרון איז, וואָס דוד קעסלערס שוישפּילערישער אַקטיוו איז נישט רייך: אַ זעלטענע פיזישע קראַפט; אַ שטאַרקער „אָרגאַן", ווי מ'רופט דאָס אַפ'ן טעאַטערזשאַרגאָן; אַ גענוג-באַוועגלעך געזיכט, און געוויסע אימפּולסיווקייט: דער אַמעריקאַנער רעגט זיך שנעל אויף, אַפ'ן פאַרלאַנג, אַף דער מינוט, — וויינט לייכט, לאַכט לייכט, פרייט זיך, בייזערט זיך גרינג. — אַלדזאָ, מער נישט, ווי אַ שאַבלאָנישער קאָמפּלעקס, בלויז טעכנישע מיטלען, אַזויצוזאָגען, — הינטער וועלכע עס פעלט, אָבער, ליידער, די אויסדריקלעכע אַרטיסטישע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל מיט זיי דיריזשירען, — עס פעלט דאָס, וואָס מאַכט ערשט איינעם פאַר אַ וואָרען קינסטלער פון דער בינע, — נ אַ ט ו ר פעלט. — וואָרום אויסערלעכע מיטלען אַליין זענען דאָך נאָך גאָרנישט. אַ געזונטער קערפּער, אַ קרעפטיקע שטימע, מימיק, זשעסטען — דאָס זענען ווי פ אַ ר ב ע ן אין מאָלעריי. נישט זיי אַליין זענען דער עיקר, — דער תּוך איז: ווי מ'לייגט זיי, און ווער; ווי מ'קאָמביבירט זיי, און וואָס דערפון קומט אַרויס, דאָס גאַנצע, וואָס בליקט אויס זייער האַרמאָניע, — די נ ש מ ה פון דעם געמעל, — דער ג ײ ס ט פ ו ן מ אָ ל ע ר.

פון גרויסען יוסף ק אַ י נ ץ שרייבט הערמאַן ב אַ ר: דער עפּאָכעמאַכער פון דייטשישען טעאַטער האט געשפּילט אַ מענגע קלאַסישע ראָלען, אָבער אַ טעות איז צו מיינען, אַז אַף דער סצענע איז תמיד געווען בלויז ק אַ י נ ץ; עס איז אויך נישט ריכטיק זיך פאָרצושטעלען, אַז ווייזענדיק זיך פאַר'ן פובליקום אין דער אָדער יענער ראָלע, איז קאַינץ אַליין, קאַלט און אומבאַוועגלעך, גלייך ווי אַ צושויער, געשטאַנען לעבען דער ליידענשאַפט פון דעם „העלד", וועלכען ער האט געשפּילט. — ניין, און דאָס איז וויכטיק צו פאַרשטיין, — דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער פון דער דייטשישער סצענישער קונסט האט שטענדיק אָ פּ ג ע ז ו נ ד ע ר ט רוסטאַנען פון קאַרלאָסען, ראָ-

מעאָן פון האַמלעטען, און זיי אַלע פון קאַינצען: ער האָט תמיד באַשאַפען לעבעדיקע, זעלבסטשטענדיקע, און זיך איינגעשלאָסע־נע געשטאַלטען. — ווי אַ סקולפּטאָר, וואָס האַקט־אויס סטאַטועס פון מאַרמאָר: יעדע איז זיך אַ וועלט פאַר זיך, מיט איר „איך", — און אָף אַלע ליגט די אָפּזיגלונג פון זיינער באַשעפער, — זיי זענען קינדער פון זיין הייליקער באַגייסטערונג און שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם געטלעכען גלאַנץ פון זיין גרויסער פערזענלעכקייט.

קעסלערס „איך" דערלויבט אים נישט צו שפּילען עפּעס העכערס, ווי פּראָסטע, מגושמדיקע, פּרימיטיווע טיפּען. אָבער זיין שאַפונגספעיקייט איז אַף אַזויפיל קליין, אַז אַפילו מיט די נישטשוועֵרע, נישטפאַרוויקעלטע, איינפאַכיק־געקנאָטענע כאַראַקטערס קען ער זיך אויך קיין עצה נישט געבען. — ער איז אוממעכטיק צו געבען אַ פיגור פון איין גאָס, — אַזוינס, אַף וואָס מ'זאָל קענען זאָגען: ס'איז אַ געשטאַלט. — כסדר זעט מען אַף דער סצענע נאָר דוד קעסלער, וואָס פאַרשטעלט זיך, דאָ פאַר אַ שלמהקע שאַרלאַטאַן, דאָ פאַר אַ יעקעל שאַפּשאָוויטש, דאָ פאַר אַ יעקעל שמיד. — דער אַקטאָר קען זיך בשום אופן נישט אָפּטיילען פון די פּערזאָנען, וואָס ער שטעלט־פאָר. דער שטראָם פון דער שאַפונג האַלט זיך אין איין איבערהאַקען, מינוטענווייס קען זיך איין אויסדאַכטען: אַנ'אמתער שאַפּשאָוויטש! אַ ריכטיקער שמיד! — און דידאָזיקע אָפּגעריסענע מאָמענטען זענען דער זעניט פון קעסלערס שוישפּילערישער מאַכט, דער העכסטער פונקט, צו וועלכען זיין באַגאָבונג איז אימשטאַנד זיך צו דער־הייבען. נאָר אַ רגע — און די אילוזיע איז צושטרייט. דאָס פאַר דיר נאָר אַנ'אַקטאָר, וואָס מיינט, אַז ער שניצט אַ סטאַטוע, דאַן, ווען ער פּלאָנטערט זיך אין אייגענער אַרטיסטישער אימפּאָטענץ, — און דיר איז קלאָר: געווען איז אַמאָל אַ מעגלעכקייט, נאָר זי איז נישט רעאַליזירט געוואָרען.

דער ניו־יאָרקער גאַסטראָלער איז, זאָגאָר, נישט ביכולת אָפּצו־זונדערען איין העלד אויס זיין רעפּערטואַר — פון צוויי־טען. — אַלס יעקעל דער שמיד איז ער כאַראַקטעריזירט פונקט אַזוי, ווי אין דער ראָלע פון יעקעל שאַפּשאָוויטש: דאָסזעלביקע בערדעל, דעראייגענער ראָק. — אין דריטען אַקט פון פּינסקיס קאָמעדיע, אין דער סצענע פון בעל־בריתס אָנשיכורען זיך אין דער קוזניע, פּלוידערט יעקעל פאַרשידענע נאַרישקייטען, און כאַפּט זיך אַרויס מיט אַזאַ „וויץ":

„איך האָב אַ יאַטעל, אַ ייִטעל, אַ יוטעל!" — דאָס איז אַ „חכמה" אויס „שלמהקע שאַרלאַטאַן", ווו דער אַלטער קינצענמאַכער רעדט בערדיטשעווער דײַטשיש און קאַלעטשעט יעדעס וואָרט דרײַפּאַכיק, — ווי למשל: „אַ פּערד, אַ פֿאַרד, אַ פּאָרד", — וכדומה. — אין דער דראַמאַטישסטער סיטואַציע פֿאַרגעסט דער פּאַרשוין, וואָס ער שפּילט און „כמאַליעס" אַרײַן אַ טריוק פֿון אַנ׳אַנדער ראָלע! — אַזאַ „טועה־זײַן זיך" איז אומגעהײַער כאַראַקטעריסטיש, אָהן רחמנות פֿאַרראָטענדיק דעם שױשפּילערס פֿלאַכקײַט און אומבאַהאָלפֿענקײַט, — דער מענטש פֿאַרמאָגט זײַן אײגענס אַ בײַטעלע אָפּגעריבען מינץ, אַ בינטעל פֿאַרשמאָלצעווע־טע שטיקלעך פֿון נישטפֿאַרענדיקטע קרעאַציעס, אַ שנירעל אַלטגעבאַקענע אײנצעלנע עפֿעקטען, און דערמיט מאַכט מען אַ „וועלטקינסטלערישע" קאַריערע! — אַ וווּנדער, אַז מ׳געדענקט אָפּטמאָל נישט, ווו מ׳איז אין דער וועלט, אַז מ׳פֿאַרבלאָנדזשעט זיך „צווישען דרײַ סאָסנעס", אַז מ׳שטעלט די פּיס אין „גאָט פֿון נקמה" און אין „יעקעל דער שמיד" אַקוראַט אַזוי, אַף אַ האָר נישט אַנדערש, ווי אין ערשטען אַקט פֿון „שלמהקע שאַרלאַטאַן"; אַז אײן פּאָר שטיוועל דינט פֿאַר אַלע דרײַ פּיעסעס, אײן גרים פֿאַר די לעצטע צוויי, און אײן אַרט רעדען, אויפֿרעגען זיך און װײנען פֿאַר׳ן גאַנצען רעפּערטואַר! —

אַביסעל מי, עפּעס אויפֿצוטון, האָט ה׳ ק ע ס ל ע ר, קענטיק, זיך יאָ ווי־ניט־איז געגעבען — אין אַשס פּיעסע, — און באַ ווײניק קריטישער באַציִונג צו דער זאַך, האָט ער דאָ, אַפֿילו, געקענט „געפֿעלען" — אָבער אויך אין „גאָט פֿון נקמה" איז ער נישט בכח געווען צו געבען אַנ׳אויסגעהאַלטענע קרעאַציע, — אַדורכגײן דורך דאָס גאַנצע שטיק אַלס אײן פּ ע ר ז אָ ן, פֿון דעם ערשטען אויפֿטריט ביז צום לעצטען — אין דעם אַנטשפּרעכענדיקען טאָן, די איבערלעבונגען פֿון דעם געשפּילטען „העלד" אַרויסגעבענדיק אין ריכטיק־אָנגעטאַפּטע שטריכען.—

דער אַמעריקאַנער „סטאַר" פֿאַסט־אויף איטלעכען אַקט פֿון אַ פּיעסע אַלס אַ זעלבסטשטענדיק ליטעראַריש ווערק, גאָר אָהן שום צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריקע טײלען פֿון שטיק. ער באַגרײַפֿט נישט, אַז די שטימונג, האַלטונג און האַנדלונג פֿון אַ פּערזאָן אין צווייטען אָדער דריטען אַקט הענגט־אָפּ, מוז אָפּהענגען דערפֿון, וואָס עס קומט פֿאָר אין ערשטען, אָדער אין די ערשטע צוויי.—זײַן שפּיל איז, דעריבער, אָפּגעריסען, פֿראַגמענטאַריש,—און קען נישט האָבען

די ווערט פון אַ קינסטלערישער גאַנצקייט.

אין ערשטען אַקט פון אַשס שטיק האָט דער גאַסטראָלער, — מער צופעליק, ווי באַוואוסטזיניק, — קען מען זאָגען, געכאַפּט, אין אַ געוויסער מאָס, דעם טאָן, אין וועלכען ס'איז אַמגעהעריקסטען אַדורכצופירען די ראָלע פון יעקעל שאַפּשאָוויטש, — אָבער אין דריטען — האָט ער פאַרלוירען דעם פאָדעם, אַריבערגעשפרונגען אַף אַנ'אַנדער ליניע און אויסגעלאָזט גאָרנישט דערמיט, מיט וואָס אָנגעהייבען.

לויט דער אידייע פון דעם טיפּ, וועלכע דער פּאַרפאַסער אַליין האָט, לאָזט זיך באַמערקען, נישט איינגאַנצען קלאָר תּופס־געווען, — איז יעקעל שאַפּשאָוויטש אַ פּאַרשוין מעין יענע, פינצטערע, אָבערגלויבערישע איטאַליענער, וואָס יעדער פון זיי מוז זיך האָבען אין שטוב די סטאַטוע פון זיין „פּאַטראָן"; צו איר ווענדט ער זיך אַף שריט און טריט: „באַשירם מיך פון דער סכּנה! — לענק אָפּ פון מיר דאָס אומגליק! — שטיץ מיך אין מיין אונטערנעמונג!" — וכדומה; אָפטמאָל פאָלגט נאָך אַ צוזאָג: „קריגסט דערפאַר אַ שיינע מתּנה," — ליכט, בלומען, מינץ; — די זאַך אַדורך בשלום — : „ביסט דער גרעסטער, דער מעכטיקסטער פון אַלע הייליקע!" — ; חס־וחלילה, נישט געראָטען — : „טויגסט צו גאָרנישט!" — דער און דער איז טויזענט מאָל בעסער פון דיר!" — דאָס געצעל באַקומט אַ פּאָר שמיץ און ווערט אַרויסגעוואָרפען.

יעקעל טרוימט, זיין טאָכטער צו דער חופּה צו פירען אומשולדיק, ווי אַ טויב, און נעמט אַריין — זי צו פאַרהיטען — אַ ריינע ספר־תּורה אין שטוב אַריין; אָבער דעם אָפּגרונט, אונטער דער פּאָדלאָגע פון רחלעס צימער, פאַרשייט ער נישט — אַ שאָד: אַזאַ שמאַלצגרוב! — וואָס־זשע איז דער חידוש, אַז דאָס „כשרע, ריינע, יידישע כּלהמיידעל" פאַלט אַהין אַריין? — דאָס טיר אין מענטשלעכען געשטאַלט האָט געוואָלט אָפּנאַרען גאָט און איז אַליין געבליבען צו נאַר, — די סיטואַציע פון דעם אַנטטוישטען שאַפּשאָוויטש, כּון דער אינערלעכער און פון דער אויסערלעכער זייט, שיינט מיר, אין איינציקע פּונקטען, זייער ענלעך צו זיין צו דער לאַגע פון סקוואָזניק־דמוכאַנאָווסקי אין לעצטען אַקט פון גאָגאָלס באַרימטען „רעוויזאָר". — ס'קען קיין ספק נישט זיין: יעקעל ליידט פיל, ס'טוט אים שטאַרק וויי, ער לעבט איבער אַ טראַגעדיע, — אָבער ער איז דערביי דאָך זייער קאָמיש, —

ווײַל נאַריש, פינצטער, פֿאַרגרעבט: די שולד פֿאַר דאָס געשעענע ליגט אַף אים און אין אים אַליין — און ער ביזערט זיך אַף דער תּורה, — ווי דער עם־האַרצישער פּויער פֿון הינטער נעאַפּאָל אַף זײַן ליימענעם „באַשירמער“; — זיך — שפּירט ער אין גאָרנישט; אַלע זענען שולדיק, נאָר ער זעלבסט איז אין אָרדנונג.

דער שוישפּילער, וואָס וואָלט פֿאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער און זײַןווירקלעכן אינהאַלט, וואָלט אין דריטן אַקט באַדאַרפֿט שילדערן אַ ווילד געוויטער פֿון בלינדן, דעספּאָטישן פֿאַרדראָס, בהמהשן, שכורען צאָרן און נאַיווער, אומגעלומפּערטער לעסטערונג. — ה׳ קעסלער האָט אונדז געוויזן, להיפּך, אַ שטערבלעך־פֿאַרווונדעטן, גײַסטיק אומגעהײַער־צובראָכענעם מענטש, וואָס גייט אויס פֿון פּײַן און טרערן, — און דאָס בילד פּאַסט זיך לחלוטין נישט אין „גאָט פֿון נקמה“.

וואָרום אַשס פּיעסע איז אין גרונט אַ קאָמעדיע, הגם ער גופא האָט דאָס, אפשר, נישט געמיינט און נישט געוואָלט, — און דערין, אין דער סתּירה צווישן דעם פּלאַן און דער אויפֿפֿירונג, שטעקט, אייגנטלעך, די סיבה דערפֿון, וואָס דאָס שטיק איז אַרויס אַזוי שוואַך. — אַ דראַמע, און אַן׳אינטערעסאַנטע, אין גײַסט פֿון די גריכישע „מאָיראַ“־טראַגעדיעס, וואָלט זײַן דאַן, ווען שאַפּשאָוויטש זאָל, לאָזענדיק שרײַבן דאָס ספֿר, גלײַכצײַטיק אַוועקוואַרפֿן דאָס שענדלעכע געשעפֿט און זיך נעמען צו אַ מענטשלעכער פּרנסה. — דעמעלט וואָלט געקענט זײַן פֿאַרשטענדלעך זײַן מרידה קעגן דעם „אל־קנא“, קעגן דער שרעקלעכער נעמעזיס פֿון לעבן, — נאַטירלעך, בײַ דעם איינעם באַדינג, אַז דער שרײַבער זאָל פֿאַרמאָגן די קראַפֿט, די אומגלויבלעכע סצענע מיט דעם מאָנאָלאָג צו דער ריינינקייט אין דריטן אַקט, אַזוי קינסטלעריש־איבערצײַגענדיק פֿאַרצושטעלן, דאָס מיר זאָלן איר מוזען גלייבען. — אויך וואָלט קענען זײַן אַ דראַמע, — אַפּילו נישט אַזאַ טיפֿע, ווי אין ערשט אָנגעוויזענעם פֿאַל, — ווען יעקעל זאָל, נאָכ׳ן צווייטן אַקט, דערשפּירען זײַן גרויסע שולד. — אין דער סיטואַציע וואָלט ער, ווירקלעך, געקענט זײַן אַזוי פּסיכישדערשלאָגען און פֿון ווייטיק וואַנזיניק, ווי ה׳ קעסלער ווײַזט דאָס, — נאָר דער פּראָטעסט קעגן דער איבערשטער קראַפֿט וואָלט שוין געווען פּסיכאָלאָגיש־אוממעגלעך און אין דער אַנטוויקלונג פֿון שטיק אינגאַנצען איבעריק.

דער „וועלטקינסטלער" וויל נישט, — ער איז צום באַדויערען, אויך נישט פֿעיק, — זיך אָפּצוגעבען מיט אַזאַ דעליקאַטען שטאָף, ווי די ווירקלעכע, אָדער מעגלעכע, אידייע פֿון ווערק, טאָן פֿון טיפּ, סטיל פֿון אויפֿפירונג. ער איז געוויינט די זאַך צו נעמען ווי אַמ־אויבערפלעכלעכטען. ער לייגט, דעריבער, זייער ווייניק אַכטונג אַף דער אינערלעכער זייט פֿון די ראָלען און רעכענט זיך, קען מען זאָגען, גאָרנישט מיט די אינערלעכע מיטלען, וואָס זענען דאָס טיפּ, סטע און דאָס שענסטע אין דער דראַמאַטישער קונסט, — מיסברוי־כענדיק, דאַגעגען, אַף דעם באַרבאַרישסטען אופֿן מיט די אויסער־לעכע.

אין דער סצענע מיט'ן רב דאַרף יעקעל שאַפּשאָוויטש שפּירען יראת־הכבוד, — שפּרינגט באַ קעסלערען, — און מ'זעט, אַז ס'איז גע־מאַכט, — די האַנט, ווי אין אַ קאָנוואולסיע, — ווי איינער רעדט: „קוקט, מענטשען: אָט־אַ־דאָ צאַפּעל איך פֿון ערפּורכט!"

פּינסקיס יעקעל איז אַ שמיד, אַ בעל־עגלהס אַ זון, — אַלדזאָ — אַ מענטש פֿון פּראָסטען גראַד. מ'הערט וועגען דעם רעדען, און אַף דער סצענע איז דאָס זייער גרינג צו ווייזען מיט שטילע, אומבאַ־מערקבאַרישע מיטלען, — באַ קעסלערען קומט־אַריין עפּעס אַ פּאַרזע־עניש, — הגם דער קליינשטעטעלדיקער דאָן־זשואַן שמט פּאַר אַ שיי־נעם יונג, — שטעלט די פּיס, ווי אַ גאָרילע, — און בעת דעם ראָמאַנ־טישען, אַנטשיידענדיקען געשפּרעך מיט דעם בעל־הביתישען מיידעל, האַלט אין איין אַרויפּציען די הויזען. די גאַליאָרקע קײַכט פּאַר גע־לעכטער, — און דער „סטאַר", איר צוליב, חזרט־איבער זיין נאַ־שען העסלעכען „עפעקט" עטלעכע מאָל.

דער אַמעריקאַנער שוישפּילער איז אַליין נישט זיכער אין דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט אַפ'ן פּובליקום, העלפט ער זיך כסדר אַרויס מיט דעם אומאויפהערלעכען אונטערשטרייכען, — ווי אַ שרײַפּטשטעלער, וואָס קען נישט אויסדריקען בולט זיינע געדאַנקען, און הייסט דעם זעצער צוויי דריטעל פֿון טעקסט צו „שפּאַצירען", — און מיט די עקעלהאַפּטיקסטע „טריוקען".

מ'האָט אָנגעהויבען אין אַמעריקע באַ אַ פּובליקום פֿון „פּינצטערע גרינהאָרנס", באַ וועלכע מ'האָט זייער גרינג אויסגענומען...

מיט דעם ביסעל אויסערלעכע פעיקייטען פון דעם אלטפעטערישען טיפ, וועלכען א באקאנטער מערב-איראפעישער קריטיקער באצייכענט טרעפלעך מיט׳ן טערמין „שווערע אטלעטיק״. — מ׳איז שנעל געווארען „גדולים״ און ווייטער שוין נישט געגאנגען, — געבליבען שטיין בא „בר-ככבא״ און „חפני און פנחס״. — פארקערט, נאך געזונקען ביז א „כינקע-פינקע״, „פינטעלע ייד״ וכדומה אזעלכע שונדשטיק. צו וואס זוכען נייעס, אז די ריזענשיפען ברענגען וואך-איין וואך-אויס פרישע שטראמען עמיגראנטען פון איראפע, — נייע טויזענטער צושויער פאר די טאמאשעווסקיס און קעסלערס? —

און איטלעכער „גדול״ איז א „דירעקטאר״, — און די עטלעכע געשעפטמאכערס האלטען אין געפאנגענשאפט די יידישע בינע אין אמעריקע, — קיין פרישע קרעפטען ווערען נישט צוגעלאזט, קיין יונגען טאלענט לאזט מען נישט אויפהייבען דעם קאפ, — און אזוי גוססט דארט די יונגע יידישע דראמאטישע קונסט.

איצט פארשטיי איך יעקב גארדינען, וועלכער האט אין דער קאטעגארישסטער פארם ארויסגעזאגט זיין איבערצייגונג, אז דאס יידישע טעאטער האט נישט קיין צוקונפט — אין אמעריקע. ——

[„מאמענט״ 1913].

# פר׳ מ. לאָבעל.

(„אַלעקסאַנדער בריסאָן, „מאַדאַם איקס“.—געשפּילט אין „עליזעום“)

אַ פּריש ווינטעל אין וויסטען מדבר פון יידישען טעאַטערלעבען אין וואַרשע. דינסטיק איז אין טעאַטער „עליזעום“ פאַרגעקומען די ערשטע גאַסטשפּיל פון פרוי מאַלווינע לאָבעל, וועלכע האָט זיך שוין געוויזען אין וואַרשע מיט צוויי יאָר צוריק, אָבער בלויז אין איין פּיעסע. דאָסמאָל זאָגט זי צו אַרויסצוטרעטען אין עטלעכע,— און דאָס וועט, נאַטירלעך, געבען די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגען דער מאָס און וועגען די גרענעצען פון איר טאַלענט.

אַז טאַלענט האָט זי — דאָס האָבען מיר געזען שוין בשעת איר ערשטען וויזיט. נאָר כ׳מוז מודה־זיין: כ׳בין דעמעלט קוים דערזעסען ביז צום סוף פון צווייטען אַקט. און די לעצטע סצענעס זיינע האָבען מיר — און, ווי ס׳איז מיר דערנאָך אויסגעקומען צו הערען, אויך פיל אַנדערע — פאַרשאַפען ממש פיזישען ווייטיק, אויס לאַנגווייליקייט און פאַרדראָס. די לעצטע צוויי אַקטען האָב איך שוין נישט געהאַט קיין געדולד און קיין מוט צו זען. געגאַנגען איז דעמעלט, דאַרף איך באַמערקען, „מאַדאַם איקס“.—דער צושויער האָט אַהיימגעטראָגען אַ אומבאַשטימטען איינדרוק. קלאָר איז געווען, אַז אַף דער בינע האָט געווירקט אַ נישטגעוויינטלעכע פּערזענלעכקייט. אָבער קיינער האָט נישט געקענט ענטפערען אַף די קשיא: וואָס איז דאָ אַדורכגעגאַנגען פאַר אים — איין קינסטלערישע קרעאַציע פון אַנ׳אַרטיסט, וואָס פאַרמאָגט נאָך אַנדערע, אויסער דערדאָזיקער? אָדער אַ געוויסער טעאַטראַלישער קוריאָז, באַשאַפען פון אַ באַגאָבטער, נאָר אויסגעלענקטער נאַטור, וואָס האָט אין דער און דער פיגור געפונען דעם איינציקען אויסגאַנג פאַר אירע שאַפונגסקרעפטען און פאַר איר שאַפונגסדורשט, און פיליכט — זיך אַליין איינגאַנצען? —

אויך איצט האָט פ׳ לאָבעל אָנגעהויבען מיט „מאַדאַם איקס“. זי האַלט דאָס, מסתמא, פאַר איר בעסטע ראָלע, — אָדער אפשר, איז דאָס בלויז איר באַליבטסטע קרעאַציע?—נאַטירלעך בלייבט, נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג, נאָך אָפען די פראַגע מכח דעם געניערען אַרטיסטישען אָנבליק פון דער שוישפּילערין. אָבער שוין מוז פעסטגעשטעלט ווערען,

אַז דינסטיק איז מעגלעך געווען צו זיצען אין טעאַטער — דעמעלט, ווען אַף דער סצענע איז געווען פּ׳ לאַבעל, — און טאַקע נאָר צוליב איר אַליין. ווען ניט די ספּעציפיש אומהיימלעכקייטען פון דעם שטיק גופא, וואָלט, זאָגאַר, געקענט זיין אַ רעדע וועגען אַ נישט מיטעלמעסיקען עסטעטישען גענוס.

אַלעקסאַנדער ב ר י ס אָ ן איז אין פראַנקרייך אַ נאָמען. אָבער פאַר אַ מענטש מיט געשמאַק קען קיין ספק נישט זיין, אַז אין דער געשיכטע פון מאָדערנעם טעאַטער וועט דערדאָזיקער מחבר קוים דערמאָנט ווערען. — דאָס פּעבעל — דעליקאַטיש רופט מען עס: „דאָס ברייטע פּובליקום״—האָט פון שנים קדמוניות ליב די מעלאָדראַמע. דער בעל־הבתישער מענטש, דער „מענטש פון אַ גאַנץ יאָר״ פאַרלאַנגט צו זען אין טעאַטער דאָס, וואָס ווערט אים טאָג־איין טאָג־אויס, פון אינדערפרי ביז אַפדערנאַכט, געפּויקט אין די אויערען פון כלערליי גאַטספּאָרכטיקע מגידים, און וואָס עס ווערט אין ווירקלעכען לעבען זייער זעלטען באַגעגענט. אַף שריט און טריט לויערט די זינד. לייכטזיניקע ווערען געשטרויכעלט און קומען־אום. ווער עס גייט נאָך דעם יצר־הרע, מוז סוף־כל־סוף באַקומען זיין ערלעך אויסקומעניש. די מדות־טובות, דאַגעגען, מוזען תמיד באַלוינט ווערען. די מעלאָדראַמע גיט אַ טרייסטעל מיט׳ן צושויער, ווייזט אים די תפיסה, די תליה און דעם גיהנום, מאַכט אים וויינען און גלייך — לאַכען, — און אַהיים גיט זי אים מיט אַ צוקערלעקעכל און אַ פּאָר זיסע טראָפּען — אַף גוט צו שלאָפען. דער געדאַנק זיינער און די טיפערע סטרונעס פון זיין האַרץ ווערען געשוינט. די מעלאָדראַמע ווירקט מיט שרייעדיקע עפעקטען. רק קאָנטראַסטען: ווייס — לעבען שוואַרץ, אָפּגרונטען— לעבען בערג, — און אַלץ ווערט פאַרענטפערט, פאַרגלעט מיט אַ פּוטערדיקען קוש פון איבערבעטען זיך צווישען שונאים, חרטה — אין שלעכטען, גרויסמוט — אין דעם גוטען, מחילה אין שטראָף— פאַר׳ן זינדיקען, רויזענקראַנץ דורך ליידען — פאַר׳ן כשרען. — דאָס פּעבעל איז אינטעליגענטישער געוואָרען — האָט מען אויך אין דער מעלאָדראַמע אַ געוויסע „פאַרפיינערונג״ אַריינגעפירט. דער גראָשענער מוסרי־השכל איז קוים קוים היינטוועלטיקער. מ׳קען פאַלען, וואַלגערען זיך אין די טיפסטע זומפּען, אויסעלעך דעם מענטשלעכען אָנזען פאַרלירען, און אינערלעך דאָך בלייבען אַ מענטש מיט איידעלע מענטשלעכע געפילען און טרוימען. און נאָך: דערלאַנגט באַציטענס דעם מאָראַלישען יורד די האַנט — קען מען אים נאָך דערראַטעווען; ווער עס פאַרזאָגט דעם בעל־תשובה אין

הילף — דער איז, אין זיין קלוימערשט שטאָלצער ריינקייט, ניט בעסער פאַר דעם ערגסטען חוטא. דאָס זענען די אידייענבערעקלעך, וואָס בריסאָן האָט אויפגעקליבען פון דער רייכער מאָלצייט פון די גרויסע אייראָפּעישע שריפטשטעלער פון 19-טען יאָרהונדערט. די מיטלען — אין פלוג אַנדערע, אין תוך — דיזעלבּיקע. אין ערשטען אַקט ווערט אַ שיינע אינטעליגענטישע פרוי פאַריאָגט פון איר מאַן, וועלכען זי איז געוואָרען אומטריי, צו וועלכען זי קומט צוריק מיט הכנעה, קושענדיק זיינע פיס און צוזאָגענדיק אים ליבע, נאָר וועלכער שטויסט זי עגאָיסטיש אָפּ פון זיך, און אין צווייטען אַקט זעען מיר זי שוין אין 20 יאָר אַרום — דאָס, וואָס מ'רופט מיט גאָרקיס וואָרט: „געוועזענער מענטש". אויסגעוואַנדערט די גאַנצע וועלט, איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אַלץ נידעריקער און נידעריקער געפאַלען, אַלץ טיפער און טיפער געזונקען, און לסוף, אין בוענאָס-איירעס — דער נאָמען אַליין וואָס איז ווערט! — אויפגעקליבען געוואָרען, אַף דער גאַס, נאָך אַ טיפוס, וואָס האָט פאַרצערט די שפורען פון איר ווייבלעכקייק, — פון איינעם אַנ'אַפּאַש מיט אַ רייכער קרימינעלישער פאַרגאַנגענהייט. אַלץ איז מעגלעך אונטער דער זון. און דעם אונטערפראָקוראָרס פאַרשייטע פלוניתטע קען, נאָך צוויי יאָרצענדליקער טלטולים דורך די מ"ט שערי טומאה, ווערען אַזאַ אַלטע פאַרוואָרלאָזטע שכורטע, ווי בריסאָן ווייזט זי אייך. נאָר דער אויפגאָב פון אַ דראַמע איז — אָנצוווייזען דעם פּראָצעס, וויאַזוי איז דאָס פאָרגעקומען, — און נישט אַזוי די אויסערלעכע געשעענישען, די פאַקטענטרעפּ פון פאַלען, נאָר די אינערלעכע איבערלעבונגען, קאַמפען און אומגעשטאַלטונגען דער מחבר פון דער מעלאָדראַמע יכולט, אָבער, נישט. דעם איינציקען זין פון דער דראַמע — דאָס לעבען און די איבערקערעניש פון דער מענטשלעכער נשמה — לאָזט ער אַרויס. ער דערלאַנגט אייך בלויז דעם פאַרטיקען רעזולטאַט. דעם אויסערלעכען סך-הכל.

און אָט איז פאַר אייך אַ צושרויפטע מאָרפיניסטין מיט דעם טריבען בלאָנדזשענדיקען בליק און מיט די אומנאַטירעלכע, אומאָנגענעמע, איבעריקע אברימבאַוועגונגען און מוסקולצאַפּלונגען פון אַ פאַרשוין, וואָס קיין איין נערוו אין אים איז נישטאָ אַ געזונטער. — און, ווידעראַמאָל, ווי אין די אַלטע, גוטע מעלאָדראַמעס, נעמט מען אייך — מיט דער אויסערלעכקייט. אַ נקבה, מיט אַ פרצוף ווי ערשט

פון רינשטאָק אַרויס, מיט בלאָע באַקען, אַ רויט נעזעל און אונטערגעשלאָגענע אויגען, — טרינקט אַבסענט און אַנדערע געהיימעניש־פולע פלעשלעך עפּעס; רייכערט פּאַפּיראָסען, לייגט קאָרטען; גענעצט און ציט זיך, און שפּייט און הוסט אַף די פאַרשידענסטע אופנים, און סמאָרעט מיט דער נאָז, און שרייט מיט אַ לעכערענדיק קול, און לאַכט, און וויינט — שטיל, און הויך און היסטעריש; מאַכט ווילדע אויגען, און וואַרפט זיך, ווי אַ נכפהניצע... צו וואָס? זענען די אַלע קינצען דורכויס נייטיק פאַר'ן נאַטירלעכען גאַנג פון דער דראַמע, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג? — וואָלט דען די דראַמאַטישע סיטואַציע נישט געווינען אין בולטקייט, קראַפט און איבערצייגונגסאיינדרוק, ווען דער צווייטער אַקט פון „מאַדאַם איקס" זאָל זיין איינגעהאַלטענער, שטילער, קאַרגער און ווייכער? און קומט דען נישט אויס, קייגען אויטאָרס כונה, טאַקע צוליב די פאַרשידענפאַרביקע „עפעקטען" פון דעמדאָזיקען אַקט, פלעריאָס שולד באַטייטעוודיק קלענער, ווי די אידייע פון שטיק פאַרלאַנגט? —

אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט צו זוכען אין דער פיעסע די האַרמאָניע פון גאַנצען. אָנשטאָט איין דראַמאַטישען פאָדעם, וואָס זאָל זיך שלאַנק אַנטוויקלען אַפ'ן קאָלערעל פון סיוזשעט, האָבען מיר אַ בינטעל פאַר די האָר צונויפגעשלעפּטע פאַקטען. וועגען קיין איין אַקט קען נישט געזאָגט ווערען, ער זאָל זיין נויטווענדיק. איין סצענע קלעבט נישט אינערלעך צו דער אַנדערער. — אַרטיסטען, און, צום באַדויערען, דוקא באַגאָבטע, האָבען, אָבער, אַ באַזונדער מין שוואַכקייט צו אַזעלכע, מיט קינצענמאַכעריי שמעקענדיקע, שטיק. — געוויס, קען אינטערעסאַנט זיין צו זען אַמאָל אַף דער בינע גלאַט אַזוי אַן'אויסטערלישע פיגור. אין די „וואַריעטעס" ווייזט מען אָפט אַזוינע. אָבער אויפפירען אַ פיעסע, וואָס איז תחלת געשריבען נאָר לשם דער וואַריעטעשער פיגור, הייסט — פאַרדאַרבען דאָס טעאַטער. און אַן'אַרטיסט, וואָס פירט אַזאַ מין שטיק איין אין זיין רעפּערטואַר, ריזיקירט זייער פיל: ער איז עלול צו פאַרלירען די גרעגעץ פון קונסט, און דאַדורך צו צושעדיקען זיין אייגענע באַגאָבונג. —

דאָס איז טאַקע געשען מיט מאַדאַם לאָבעל, ווען זי האָט פאַרצווייאָרען געשפּילט „מאַדאַם איקס" אין וואַרשע. — מ'האָט געזען: די פיעסע — אַ טפלזאַך, אויפגעפירט בלויז צוליב'ן צווייטען אַקט. און דער צווייטער אַקט גופא — נאָר פאַר זשאַקלין פלעריאָ.

און מאַדאַם לאָבעל, וואָס האָט די ראָלע געשפּילט, איז נישט געווען געבונדען מיט קיין זאַך, — נישט מיט'ן שטיק, וואָס איז אינדעראמתען אַף דער בינע געווען נישט מער, ווי אַ שפּאַניש ווע טעל; נישט מיט דעם דראַמאַטישען אויפגאָב, וועלכער איז אין דער פּיעסע כמעט ווי אינגאַנצען נישט אָנגעצייכענט. ס'איז אַרויסגעקומען אַ וואַריעטענומער, נאָר צופּיל צוצויגען, צופּיל איבערגעטריבען, אַרויסגעלאָזט דעם רודער פון האַנט, אַריינגעפאַלען אין שאַרזש, נאָך ערגער: אין איינפאַכיק אומאָנשטענדיקייט. איר פּאַרטנער, ווייסמאַן, וואָס האָט געשפּילט דעם באַנדיט לאַראָש, האָט פאַר קרענקונג שיר נישט געחלשט אַף דער סצענע. דאָס פּובליקום האָט געגלאָצט מיט די אויגען, נישט געוווסט: צי איז דאָס שפּיל, צי וואָר? — און עס האָבען פאַרלוירען אין איינדרוק אַפילו די קורצע גוטע מאָמענטען, ווען ס'האָבען איבערראַשט די דייטלעכע סמנים פון אינטויציע און אויסעראָרדענטלעכער טעכניק. —

דינסטיק[1] האָט פ' לאָבעל דעם צווייטען אַקט אַדורכגעפירט איינגעהאַלטענער, מיט מער געפיל פון מאָס, — איך וואָלט געזאָגט: קינסטלערישע ניכטערער, און זי האָט איבערצייגט: זי איז אַן אַרטיסטין. דאָס, וואָס איז בײַ אונדז אַזוי זעלטען: אַן'אייראָפּעישער שטעמפּעל ליגט אַף איר, די שפּיל איז באַקלערט און געשליפען, באַלייט מיט אַ מענגע דעליקאַטישסטע פיינקייטען. דאָס, וואָס זי האָט געזאָלט אין דער ראָלע ווייזען, האָט די גאַסטראָלערין געוויזען אַזוי — נישט גערעדט פון די קליינע דעפעקטען, אַז בעסער איז זיך שווער פאָרצושטעלען. די פרוי איז פעיק אַ סך און טיף צו פילען. זי איז אַריינגעדרונגען אין דער מעגלעכער פסיכיק פון דעם טיפּ, וועלכען זי האָט געשילדערט, און פאַר אונדז אַנטפּלעקט — און אין די מינוטען אונדז געצוווּנגען איר צו גלייבען — דאָס לויטערע קוועלעכעל, וואָס פאַרבאַהאַלט זיך שעמעוודיק און די טיפסטע טיפעניִשען אפילו פון אַזאַ פאַרשמוצטער און פאַרשפּיגענער נשמה, — און אַזאַ פאַרגיפטען, מנוולען גוף. — ס'איז גוט געווען איר קאַלט, גלייכגילטיק פאַרהאַלטען זיך צו דעם פאַרברעכער, וועמעס „לעבענסבאַלייטערין" זי איז געווען די לעצטע זעקס חדשים. מיט דעם האָט זיך געבונדען די פּראַכטפול-אַדורכגעפירטע סצענע מיט'ן קאָרטענלייי

[1] דעם 30-טען יוני 1914.

גען — דאָס בענקען נאָך דער שטראַל און דעם שרעק פאַר דער פינצטערניש, וואָס וועט קומען נאָך אים. אומגעריכט און געלונגען האָט זיך אַריינגעריסען די עטוואָס-קאָמישע און דאָך רירענדיקע סצענע, ווען אין דעם שאָטען פון אַ פרוי דערוועקט זיך די קאָקעטעריע, בײַ לאַראָשס חניפה, אַז זי איז געפעלען פעריסאַרען. — דערבײַ זענען די מיטלען מאַדאַם לאָבעלס זייער רײַך, אַ דאַנקבאַרע שטים, אַנ'אויסדריקלעכע, ווײַכע מאָמענטעניוויסע זיסע דיקציע, מײַסטערהאַפטיקע, אומגעריכטע, אַמאָל נאָר קוים-קוים צו שנעלע, איבערגאַנגען פון איין עקסטקײַט צו דער אַנדערער, פון דעם זעליקסטען, האַלב היסטערישע-הײַזעריקען, האַלב קינדערש-זילבערנעם געלעכטער — דעם ווילדסטען, שרעקלעכסטען, אוממענטשלעכסטען געוויין, — צו דער גאַנצער קערפּער שפּילט אין איר, געהאָרכזאַם איר אַרטיסטישען ווילען. זי איז אַ קינסטלערין פון גרימאַסע, פון קרענקלעכע באַוועגונגען, פון הוסט — אין אַלע זײַנע גראַדאַציעס, געוויין און געלעכטער — אין דער גאַנצער סקאַלע פון זײַערע מינים און מדרגות, — קורץ: פון אַלע אַפעקטען אין זײַערע מעגלעכע אויסדריקונגען. —

און ס'וואָלט זיך וועלען זען די קראַפט נישט נאָר אין אַזאַ עפּיזאָדישער ראָל, נאָר אין אַ מער דאַנקבאַר רעמעל, — אין אַ פּיעסע, וואָס ליגט אַרויף אַפ'ן אַרטיסט ערנסטע פליכטען, מיטהעלפענדיק מיט איר האַרמאָנישער גאַנצקייט, די צוואָרפענע עפעקטען אין איין אמת-פאַרענדיקטער קרעאַציע צונויפצוגיסען.

---

ווי שטענדיק, האָבען געקענט די ראָלען און זיך זייער גוט געהאַלטען אונדזערע סימפּאַטישע בערמאַן (פעריסאַר) און פּישעלעוויטש (דער האָטעלבאַדינטער). — דראַגאָוו זעט תמיד עפעקטיש אויס אַף דער סצענע, נאָר דאָסמאָל (אַלס פלעריאָ) איז ער אין דריטען און פערדען אַקט אַביסעל צו פלעגמאַטיש. — ה' סאַמבערג האָט אין זײַן ראָל (לאַראָש) אַרײַנגעלייגט אַ סך מי.

נאָך אַ וואָרט וועגען דער איבערזעצונג פון דער פּיעסע. ווי פּראָטעסטירען נישט די אַרטיסטען, ווען מ'צווינגט זיי אײַנצוחזרען אַזאַ מין צובראָכען, עם-האַרציש דײַטשמעריש! — שוין-זשע איז אַזוי שווער צו קריגען אין וואַרשע אַנ'אָנשטענדיקען איבערזעצער פאַר אַ פּיעסע!? —

[„מאָמענט“ נ״נ 144 און 146 פון 1914].

# בועז יונגוויץ.

אין טעאַטער „עליזעום“ גאַסטראָלירט אַ פרישער אַמעריקאַנער גאַסט — ה׳ בועז יונגוויץ.

זײַן ערשטער אַרויסטריט האָט נישט געקענט איבערלאָזען קיין איבעריק גינסטיקען אײַנדרוק.

„סאַלאָמאָן קאַוס“ איז אַ מעלאָדראַמע, וואָס האָט אפשר אַמאָל, מיט יאָרען צוריק, אַף דער פראַנצויזישער פאָלקסבינע, געהאַט אַ געוויס אָרט, צוליב דעם סאַטירישען עלעמענט און די דעמאָקראַטישע פראַזען, אָבער איצט פאַסט זי העכסטענס פאַר אַ פראָווינציעלישען אילוזיאָן.

און מער ווי אַ קינעמאַטאָגראַפישע סטענגע מיט אַ קייט אויסערלעכע עפעקטען, איינער אומדערטרעגלעכער פאַר׳ן אַנדערען, האָבען מיר, טאַקע, נישט געזען אין דער קעלערשטוב אַף קאַראָווע גאַס.

נישט קיין טיפ פון אַ געניאַלישען דערפינדער, וואָס איז צו פרי געבוירען גע אָרען, אַ ליכטיקע זון אַפ׳ן הימעל פון אַרומיקען אַלגעמיינעם עם־הארצות און טפשות, ווײַזט מען אונדז אין דער פיעסע, — נאָר עפעס אַנ׳אומגליקלעך פאַרלוירען נעבעכל.

אָנשטאָט אַ דונערענדיקען פראָטעסט פון אַ גײַסטיקען ריז לאָזט מען אונדז צו הערען אין צווייטען אַקט היסטערישע אויסגעשרייען פון אַ האַלבען מטורף.

אין דריטען אַקט טראָגט מען אײַך אונטער אַ סצענע פון משוגעת. זוכט נישט אין איר די פײַנע קראַפט פון אַ טיפען פסיכאָלאָגישען מאָמענט. די סצענע איז שטאַרק — מיט דער פעסטקייט פון אַ זעץ מיט אַ דראָנג איבער דער פאַטילניצע.

און דער פערדער אַקט — נישט קיין פען האָט אים געשריבען, — אַ מאַזניצע.

דער אַלטער בעל־תאוהניק און דעספאָט רישעליע ווערט מילד ווי יאַכענפלאַסטער און קלאָגט אַפ׳ן גורל פון גאון, וועלכען ער אַליין האָט אומגעבראַכט. דעם אינטריגאַן פון דער פיעסע, דעם קאַרדינאַלס הויפשפיאָן, שמידט מען אין קייטען, אַקוראַט ווי דעם „געלען“ אין „כינקע־פינקע“. מ׳ברענגט פון דולהויז אין פּאַלאַץ

אַרײַן דעם פאַרמוטשעטען קאַוס, וואָס איז שוין אַ פּאָלקאָמער אידיאָט און זעט־אויס ווי אבנר אין די לעצטע סצענעס פון „אשה־רעה“, אָדער ווי שמואל־הנביאס שאָטען אין אַ פּורימשפּיל. זײַן ווײַב האַלט דאָס נישט אויס, לייגט זיך אַוועק אַף אַ שטול און שטאַרבט שטיל, געלאַסען, ווי אַ לעמעלע. דערנאָך, פאַרשטייט זיך, הייבט דער מאַן אָן צו טון דאָטזעלביקע. טאָמער האָט עמיצער אַ שוואַכע ראיה און דערזעט נישט ווי ס'דאַרף צו זײַן, לאָזט מען אַרויס דעם רעפלעקטאָר פון פוטערפאַס, און די בינע ווערט פאַרגאָסען און פאַרפלייצט מיט ליכט. דער באַצויבערטער צושויער קוקט און האָט די זכיה צו זען אין דער העלער שײַן, ווי די פאַרב און דאָס שמירעכץ זופּ'ן אַרטיסטס פּנים שמעלצט און רינט אין גלאַנצענדיקע ריטשקעלעך...

לאַנגע מינוטען שטאַרבט דער גרויסער סאַלאָמאָן קאַוס, און ווען ער ליגט שוין אַף דער ערד אַ טויטער, נאָך קאָן דער פאָרהענג לאַנג נישט אַראָפּפאַלען, און דער רעפלעקטאָר אַרבעט אַף אַלע כּלים, — און די ברוסט פון אומגליקלעכען בר־מנן וויגט זיך ווי אַ בלאָזזאַק...

ווען אַ דראַמאַטישער אַרטיסט קלײַבט אויס פאַר זײַן ערשטען דעביוט אַזאַ פלאַכע זאַך און צאַצקעט זיך אַזוי מיט די פּרימיטיווע עפעקטען, טרעט אויף ווי אַן אָפּערעטענהעלד אין באַלייכטונג פון פוסקען און רעפלעקטאָרס, דרייט זיך אַף איין מינוט נישט אויס מיט'ן רוקען צום פּובליקום און רעדט נאָר צו די הענט פון די בראַוואָ־פאַטשערס, — קענסטו נישט האָבען קיין גרויס צוטרויען צו זײַן טאַלענט און אַרטיסטישער קולטור...

דערמיט לאָזט זיך, רעכען איך, דערקלערען דאָס, וואָס אַף דער צווייטער פּיעסע, אין וועלכער ה' בּועז יונגוויץ האָט אויפגעטרעטען, האָט דאָס טעאַטער געהאַט דאָס אויסזען פון אַ מדבר.

אַ שאָד, דען די נײַע פּרעמיערע גיט אַ פיל בעסערען באַגריף וועגען אַמעריקאַנער גאַסטראָלער.

„עץ־הדעת“ איז נישט קיין געשעעניש אין רעפּערטואַר פון דער יידישער בינע. — מ'קען, אָבער, פאַרבײַ דער פּיעסע אויך נישט אַדורכגיין גלײַכגילטיק.

זי איז, ערשטענס, אינטערעסאַנט פאַר יעקב גאָרדינס גײַסטיקען אָנבליק, פאַר זײַנע סאָציאַלישע און געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען.

„עץ־הדעת“ דאָס איז אַ מין יידישע „די פּרות פון דער בילדונג“.

די אידייע איז נישט קיין נייע, דיאַיינגענע ווי אין טאָל־סטויס באַקאַנטער קאָמעדיע.

בילדונג איז נאָך נישט אַלץ. ס'איז ווייניק צו שאַרפען דעם מוח. דער עיקר איז דאָס האַרץ. אין דער דערציִונג דאַרף די מאָראַלישע זייט האָבען די העגעמאָניע.

פאַר יעקב גאָרדינס אינערלעכער ביאָגראַפיע גיט, אָבער, די דראַמע אַ נייעם שטריך.

אויסערדעם איז דאָס שטיק אינטערעסאַנט אויך פון דער ליטעראַרישער זייט.

„עץ־הדעת“ באַלאַנגט צו דעם פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורגס בעסטע דראַמאַטישע ווערק.

די פּיעסע איז טענדעציעזיש, איינזייטיק, — זעט, אָבער, שיין אויס אַף דער בינע.

זי פאַרמאָגט אַלע מעלות פון יעקב גאָרדינס זאַכען, און איז פריי פון אַ סך חסרונות זייערע.

די האַנדלונג אַנטוויקעלט זיך לייכט, פליסיק, — בלויז דער לעצטער אַקט איז אַביסעל צונויפגעקנייטשט.

נישטאָ קיין איבעריקע פערזאָנען. אַף דער סצענע טוט זיך נישט צו פיל.

די פיגורען זענען אַלע ריכטיק און לעבעדיק אויפגעצייכענט, און צווישען זיי ציען באַזונדערס צו דאָס אויג די עכט־גאָרדינישע טיפּען — מאָזי דער סטאָליאַר און זיין געזעל — שמאַיקע.

מאָזי איז אַ נאָענטער קרוב פון גאָרדינס אַלע באַליבטע הויפּטהעלדען.

דאָס איז די גוטסקייט אַליין, די אָרענטלעכקייט אַליין, די אידעל־קייט אַליין. נאַיוו און אָפענהאַרציק ווי אַ קינד, ווי אַ וואַרעמער שטראַל, גוט און צוטרוילעך צו אַלעמען. ריין און צאַרט ווי אַ ווייסע בלום.

לויט'ן אויטאָרס אידייע איז דער אומגליקלעכער סטאָליאַר — דער אַפּאָטעאָז פון די פּראָסטע, נישטגעלערענטע, נאָר פון גע־בורט גופא גרויסע און ליכטיקע נאַטורען, וואָס זייער גאָלדען האַרץ פאַרטרעט זיי אַלץ — אי דערציִונג, אי בילדונג, אי קענטענישען, אי אינטעליגענטישקייט.

אַרויסגעקומען איז, אָבער, אויסערדעם, אַ דופּטיקע פּ אָ ע מ ע פון פּ אָ ט ע ר ל י ב ע.

מיר ליינען אָפּטמאָל אין דער צייטונגסכראָניק: אַ פּאָטער האָט זיך דערשאָסען אפ'ן קבר פון דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער טאָכ-טער, אַ פּאָטער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ פענצטער, נישט קענענדיק איבערטראָגען דעם טויט פון זיין געליבטען זון, — מיר זענען דאַן אַביסעל פאַרוואונדערט: — שוין-זשע קען אַ מאַנצפּערשוינס האַרץ אַזוי שטערבלעך זיך צוקלעבען צוט האַרץ פון אַ קינד? — יעקב גאָרדין ווייזט אונדז צום ערשטען מאָל אַף דער יידישער בינע די פּסיכאָלאָגיע פון אַזעלכע מאַנסלייט.

ה' בועז י ו נ ג ו י ץ, אַלס די הויפּטפּערזאָן פון דעם שטיק, האָט אויסגענומען.

ס'איז געווען אַן'אויסגעהאַלטענע, ערנסטע, סובטעלישע, גוטבאַ-קלערטע שפּיל.

ס'איז קענטיק, אַז די ראָלע איז אַדורכגעטראַכט, אַדורכגעפילט, אַדורכגעלעבט און מיט גרויס ליבע, מיט אַ סך פּיעטיזם אַרויסגעגעבען.

דער גאַסטראָלער האָט מיך איבערצייגט, אַז ס'לאָזט זיך רעדען וועגען אַ ספּעציעלישער אַ ר ט י ס ט י ש ע ר ש ו ל ע, אַף וועלכער עס ליגט מאָסקאָוויטשס שטעמפּעל. אַ גוטער סימן פאַר דער יידישער דראַ-מאַטישער קונסט אין אַמעריקע, וואָרום דאָרט, וווּ ס'בילדען זיך שוין אויס ש ו ל ע ן, איז דאָ אַ פונדאַמענט פאַר ווייטערדיקען פּרוכטרייכען ווּוקס.

ה' י ו נ ג ו י ץ איז אַ פלייסיקער שילער פון זיין חדר.

דער חסרון פון דעמדאָזיקען חדרס מאַניערע איז דאָס, וואָס די אַקטאָרען פון דעם טיפּ לייגען שוין צופיל אַכט אַף דער אויסערלעכער זייט פון דער שפּיל.

צו פיל קאָפּ ווערט אַריינגעלייגט אין די קלענצטע פּרטים פון האַלטען זיך און פון באַוועגען זיך.

אַן'אַרטיסטס שפּילען טאָר נישט זיין אַזוי מאַטעמאַטיש אויסגערע-כענט פון דער אויסערלעכער זייט, דען אַז מ'וויל זיין קנעכטיש טריי דעם פאָרויסצוגעפיגעשטעלטען פּלאַן פון דעם, ווי צו שטעלען אַ פוס און ווי צו הייבען אַ האַנט, בינדט מען אַף שריט און טריט דאָס אינעווי-ניקסטע געפיל און מ'רייסט די גאַנצקייט פון דער לעבעדיקער שאַפונג אַף די ברעטער פון דער בינע.

אַנ'אַקטאָר פון גרויסען מאַסשטאַב ווייַסט, סוף-כל-סוף, ווען יאָ צו פאָלגען דעם רעזשיסערס אינסטרוקציע, און ווען אַ שפּיי צו טון אַף רער דרעסור און נאָכגיין דעם רוף פון דער אינטויציע.

ה' בועז יונגוויץ איז צו פיל געבונדען מיט דעם איינגעהזרטען פּלאַן.

עסט בולט: אָטאַדאָ וואָלט ער, לויט דער אינעווייניקסטער שטימונג, געוואָלט זיך אַ קער-טון אַזוי,—ער געדענקט, אָבער, אַז אַף די רעפּעטיציעס איז געבליבען, אַז די באַוועגונג דאַרף גאָר אַנדערש אויסזען, צווינגט ער זיך אַליין צו האַנדלען נישט אַזוי, ווי ס'ווילט זיך לויט די פסיכישע אומשטאַנדען פון סצענישען מאָמענט.

דערפון רייַסט זיך דער פאָדעם. עס גייט פאַרלוירען די גאַנצקייט פון טיפּ און פון זיינע איבערלעבונגען. די אילוזיע פאַרשווינדט.

ה' יונגוויץ איז, אָבער, אַנ'אַקטאָר פון דער מאָס, וואָס קען אַנדערש נישט, אים פעלט דער גרויסער שטריך, און דעם מאַנגעל אין אינטויציע און אוממיטעלבארישער שאַפונג מוז ער זיך פאַרטרעטען מיט אויסערליכע עפעקטען, מיט איינגעשטודירטע פּאָזעס, זשעסטען און קערען.

אים אַלגעמיין איז דאָס אַ סובטעלישע, אינטעליגענטישע, סימפּאַטישע באַגאָבונג.

אַנ'איינדרוק האָט איבערגעלאָזט אויך ה' סאַמבערג.

זיין שמאַיע איז געווען אַ פאָרטרעפליכער פּאַרטנער פאַר מאָזי סטאָליאַרען.

דער יונגער אַקטאָר האָט זייער דעליקאַט און טאַקטיש אַדורכגעפירט די קאָמישע ראָל פון דעם גוטהאַרציקען תמעוואַטען געזעל, און האָט דערמיט באַוויזען, אַז ער איז אַ נוצליכער מיטגליד אין אַ דראַמאַטישער טרופּע.

אַפ'ן אָרט איז געווען ה' ראַפּעל, וועלכער האָט געהאַט עטליכע באַהאַרצטע מאָמענטען.

ה' סיעראַצקי האָט געמאַכט, וואָס ס'האָט זיך געלאָזען, פון דעם סטודענט שמואל.

מאַדאַם ראַפּעל פאַרגעסט, אַז זי איז אַף דער בינע, און האַלט אין איין לאַכען—ניט שיינן!

מאַדאַם באַדינאַ-דראַנאָוו האַלט זיך צו פאַרסעוואַטע.

[„מאָמענט", נ' 168 פון 2. אויגוסט 1912].

נח פרילוצקי.

# מ. מייערסאָן

א גרויסער פויגעל פון אברהם גאָלדפאַדענס נעסט. נישט אַ צופאַל איז, וואָס די בעסטע אַקטיאָרען פון דער יידישער בינע האָבען זייער טעאַטראַלישע קאַריערע אָנגעהויבען אונטער דער האַנט פון דעם גרינדער פון אונדזער סצענע. פאַנאַטיקער פון קונסט שאַפען טאַלענטען.

גענוג איז צוויי, דריי מאָל צו זען מ. מייערסאָן אַף דער סצינע, אום צו באַמערקען, אַז דאָס איז אַן אַקטיאָר מיט אַן אייגענער, דערביי אָריגענעלישער פערזענלעכקייט, וועלכע מאַכט אים פאַר אַן אמתען אַרטיסט.

איין זייט פון זיין נאַטור — אַ שטאַרקער, און דערצו אייגענאַרטיקער, עקזאָטישער טעמפעראַמענט, וועלכער פאַרקערפערט זיך פראַכטפול אין דער שווערער ראָלע פון „ווילדען מענטש". דידאָזיקע גאָרדינס פיעסע איז איינע פון די באַליבסטע אין זיין רעפערטואַר. אַ באַזונדערע סטיכישע קראַפט אָטעמט אין יעדער באַוועגונג זיינער אַף דער בינע. נאָך אַ ברייטער פעלד געפינט זיך מייערסאָנס טעמפעראַמענט אין שילערס „רויבער". אין דער ראָלע פון פראַנץ מאָאָר האָט ער זיך באַזונדערס קונה-שם געווען בא די וואַרשעווער אינטעליגענטישע קרייזען.

דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון מייערסאָנס פערזענלעכקייט — אַ גוטע, ווייכע, שטילע סובטעלישקייט, וועלכע דרינגט-דורך זיין גאַנץ שפילען. דערזעלביקער אַרטיסט, וועלכער איז ווי געבוירען פאַר דער ווילדער ראָלע פון אידיאָט אין גאָרדינס שטיק, האָט צו זיך קיין גלייכען נישט אַף דער יידישער סצענע אין די ראָלען פון עלטערע מענטשען, פון אַ גוטען, ליבענדיקען פאָטער אָדער זיידע. גוטסקייט, ליבע — דאָס איז אויך אַ קראַפט. גוטסקייט און ליבע גרענעצען מיט זעלבסטאָפּפערונג, און אין מייערסאָנס שפילען פילט זיך טאַקע די קראַפט. די פיגורען, וואָס ער באַשאַפט אַף דער בינע, זענען נישט צוגונען ווי בוימעל, נישט ווייך ווי וואַטע, נאָר מילד, ווי אַ שטאַרק האַרץ און אַ פעסטער ווילען, פון צרות געשליפען, — פון איינגעבוירענער גוטסקייט באַוואַשען. אַזעלכען

װען מיר אים אין דער ראָלע פון מאיר שאַלאַנט („צװיי־ט און צושפּרייט") און אין זיין אייגענער פּיעסע „װער איז שולדיק"?
נאָך אַ מעלה האָט מ. מייערסאָן, װעלכער מאַכט אים פאַר אַן אָנגענעמען אויכנעם אין יידישען טעאַטער: אַרטיסטישע קול־טור. ער האָט זי דערװאָרבען אַף דער רוסישער סצענע, אַף װעל־כער ער האָט געאַרבעט 18 יאָר נאָך דעם, װי דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד איז פאַרבאָטען געװאָרען, און גאָלדפאַדען איז אָפּגע־פאָרען קיין אויסלאַנד.
מ. מייערסאָן האָט אָנטייל גענומען אין די בעסטע פּראָ־װינציעלישע רוסישע טרופּעס (6 יאָר באַ קאָראַליק־ליטאָרדאָװ, 8—באַ װאַ־סיליעװ־װיאַטסקי, 4 — באַ פּאַרקאַטי) און שטענדיק געהאַט ערנסטע ראָלען (גאָראָדניטשי אין „רעװיזאָר", װאַניושין אין ני־דיאַנאָװס פּיעסע א. אַ. װ.)
זיין האַלטען זיך אַף דער סצענע איז זייער נאַטירלעך, יעדע באַ־װעגונג װייך, שלאַנק, געשליפען — אינטעליגענט. ער שפּילט נישט: ער לעבט־איבער די דראַמע, שאַפט אַ טיפּ אַף דער סצענע און גייט פאַר די אויגען פון צושויער אַליין אַדורך אַלע זיינע אינערלעכע פּראָצעסען.
מ. מייערסאָן איז אויך דער אינטעליגענטישסטער און גע־בילדעטסטער פון אַלע יידישע רעזשיסערען.
זייענדיק אַף דער רוסישער סצענע, האָט מייערסאָן, אַלס גאָלדפאַדענס אַ שילער, נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך דער יידישער, און װען, מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט יעקב אַדלער אים איינגעלאַדען קיין אַמעריקע, איז ער באַלד אַהין אָפּגעפאָרען. געװאָרװערנדיק, אַז די יידישע בינע האָט אין רוסלאַנד פריי־ער אָפּגעאָטעמט, איז מייערסאָן צוריקגעקומען און שפּילט שוין דאָס פינפטע יאָר אין פאַרשידענע יידישע טרופּעס.
דעם פאַריקען מיטװאָך איז צו זיין בענעפיס אין מוראַנאָװער טעאַטער געשפּילט געװאָרען אַש׳ס „גאָט פון נקמה". עס האָבען זיך באַטייליקט אין דער אויספירונג — דעם בענעפיציאַנט צוליב — די שטאַרקסטע קרעפטען פון דער יידישער בינע, און די פאָרשטע־לונג האָט זיך גלענצענדיק איינגעגעבען. דער בענעפיציאַנט האָט די ראָל פון יעקעל שאַפּשאָװיטש איבערגעגעבען מייסטערהאַפטיק, און דאָס פובליקום האָט אים באַלוינט מיט ענטוזיאַסטישע אַפּלאָדיסמענטען און טייערע מתנות.

[„טעאַטערװעלט" ג׳ 2 פון 21, יאַנואַר 1909]

נח פּרילוצקי.

# מישע פּישזאָן.

מישע פּ י ש ז אָ ן איז דער געבוירענער קאָמיקער פון דער טרופּע, וואָס שפּילט אין יידישען טעאַטער אַף כמיעלנע גאַס.

עס זענען פאַראַן צוויי מינים קאָמיזם. קאָמיש — איז יעדעס אומגעהייערס לעבען דעם, אין פאַרגלייך מיט וועלכען עס איז אומגעהייער. קאָמיש איז יעדער אומנאַטירלעכער קאָנטראַסט. קאָמיש איז אַלץ, וואָס גייט איבער די אָביעקטיווע אָפּגעשאַצטע מאָס. דאָס קאָמישע קאָן ליגען אין צוויי געביטען. ליגט עס אין נעגאַטיווען, פון מאוסען, שלעכטען, — איז דער קאָמיזם אַ דריקענדיקער, אַ שווערער, אַ טונקעלער. ער קאָן אַרויסרופען דעם גרעסטען געלעכטער, אָבער — ער לאָזט־איבער באַם צושויער אין האַרצען עפּעס אַ ביטערען, נישט אָנגענעמען שפּור. פאַרקערט, ווען דאָס קאָמישע ליגט אין געביט פון פּאָזיטיווען, פון גוטען, פון שיינעם, איז דער קאָמיזם אַ לייכטער, אַ ליכטיקער.

מישע פּ י ש ז אָ ן איז דער טרעגער פון דעם העלען גוטהאַרציקען קאָמיזם. ער באַשאַפט מיט גרויס טאַלענט פּראָסטע, נאַיווע נאַטורען, מיט אַ ריינער און גוטער נשמה, מיט אַ גלייכען, אַפילו נישט איבערגעשפּיצטען שכל. דער קאָמיזם פון אַזעלכע נאַטורען ליגט אין דעם קאָנטראַסט, וואָס זיי בילדען אין דעם צוזאַמענגעשטעלטען, פאַרשידענגעשטאַלטיקען, פאַרוויקעלטען לעבען, וועלכעס האָט שוין לאַנג צוריבערגעשפּאַנט איבער די שטופען פון נאַיווער ערלעכקייט און פּראָסטער אוממיטעלבאַרער אָפּענהאַרציקייט.

ווען מ. א. פּ י ש ז אָ ן שפּילט, האָט אים דאָס פּובליקום ליב דערפאַר, ווייל ער פאַרקערפּערט זייער געטראָפען די דערמאָנטע קאָמישע, אָבער ליכטיקע טיפּען.

מ. א. פּ י ש ז אָ ן קומט אויס אַממערסטען צו שפּילען אין שונדשטיק אַף דער וואַרשעווער בינע. ער איז אַרויסגעטרעטען בסך־הכל אין איין ערנסטער ליטעראַרישער ראָלע. די לעצטע צייט שפּילט ער כּאַשע דער יתומהס פּאָטער אין ג אָ ר ד י נ ס פּיעסע. די ראָלע איז אַ שווערע פּרוּבע פאַר אַ קאָמיקער. מ. א. פּ י ש ז אָ ן האָט די פּראָ־

בע גלענצענדיק אויסגעהאַלטען. ער האָט באַוויזען, אַז ער איז נישט קיין פּאַיאַץ, ווי מ׳האָט געקאָנט מיינען, זעענדיק אים אַזוי אָפט טאַנצען און מאַכען קינצען אַף דער סצענע, — נאָר אַנ׳אַרטיסט, וועלכער איז אימשטאַנד צו פאַרשטיין דעם טיפען דראַמאַטיזם, וואָס שטעקט זייער אָפט אין דעם לעבענסקאָמיזם, און קאָן זיך איינהאַלטען אין געוויסע רעמען, נישט איבערכאַפּען די מאָס און נישט אַריינפאַלען אין שאַרזש אָדער פאַרס.

מ. א. פישזאָן ווייסט, ווי זיך צו האַלטען אַף דער סצענע, ער האָט פּראַכטפולע, לעבעדיקע מימיק, מיט איין וואָרט — ער האָט שאַנסען צו ווערען אַ גרויסער און ערנסטער אַרטיסט. ער איז נאָך יונג, שפּילט סך־הכל דריי יאָר, און האָט נאָך פאַר זיך אַ ברייט פעלד. זיין צוקונפט ליגט, אָבער, נאָר אין זיינע אייגענע הענט.

דאָס ייִדישע פובליקום מיט זיין נישט אַנטוויקעלטען געשמאַק פאַרדאַרבט אים אַביסעל. מ. א. פישזאָן פּאַסט זיך צו די לעצטע צייט זייער אָפט צו דעם געשמאַק פון פובליקום. ער כאַפּט־איבער די מאָס, פאַרנאַכלעסיקט די מימיק, לאַכט אַליין אַף דער בינע, ווען מ׳דאַרף נישט. דאָס גיט אים אפשר אַנ׳איבעריקע פּאָר אַפּלאָדיסמענטען, ער רייסט, אָבער, גלייכצייטיק איבער זיין טאַלענט.

מ. א. פישזאָן דאַרף איצט בּיסלעכווייס איבערגיין צו אַנ׳ערנסטערען ליטעראַרישען רעפּערטואַר, דאַן וועט ער דערהייבען זיך, מיט זיך — דאָס ייִדישע טעאַטער, און מיט׳ן ייִדישען טעאַטער — דאָס ייִדישע פובליקום, אַף וועלכען ער האָט אַזאַ שטאַרקען איינפלוס.

[„דער וועג“ נ׳ 113 פון 1906].

# פאַרשידענס

# „דודס פידעלע".

(אַ שטיק אין 4 אַקטען מיט געזאַנג פון ה' לאַטיינער).

איבער דעם יידישען טעאַטער קאָן מען קיין שום נייעס נישט זאָגען. נאָך יעדער פאָרשטעלונג בלייבט די לאַגע דיזעלביקע: די פיעסעס זענען נישט ווערט קיין קריטיק. איייניקע אַרטיסטען האָבען אין זיך אַ פונק, נאָר זיי האָבען נישט ווו אים צו אַנטוויקלען.

דאָס יידישע טעאַטער האָט צוטיילט דעם שיקזאַל פון'ם גאַנצען יידישען פאָלק. דער גלות האָט אים געקוועטשט, געקנייטשט, נישט געלאָזט זיך אַנטוויקלען, דיפערענצירען. דאָס יידישע טעאַטער איז נישט ספּעציאַליזירט פאַרצושטעלען אַלע מינים פון דער טעאַטערקונסט. „דודס פידעלע" איז צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקלעך, וואָס האָבען נאָר אַנ'אויסערלעכען צוזאַמענהאַנג צווישען זיך. איר געפינט דאָרט אַ שטיקל „אָפּערע" (דאָס געזאַנג פון „טייבעלע"), אַ שטיקל „אָפּערעטע" (די קופּלעטען פון „יענקעלע"), אַ שטיקל „דראַמע" (ר' טוביה מיט הוהן, שלמה מיט חוהן), אַ שטיקל „וואָדעוויל" (דוד דער קינסטלער), אַ היפּש שטיקל „פאַרס" און „שאַרזש" („קייטעביילע ספּאָדעק" מיט אַלטערוני און „איצעלע פיפּעק" מיט טילען), ווייטער, אַ שטיקל ציר (נח דער משרת).

וואָס אָנבעלאַנגט די אַרטיסטען, מוז מען אָנערקענען, אַז איייניקע פון זיי האָבען גאָרנישט שלעכט געשפּילט זייער ראָלע דאָרט, ווו עס פלעגט זיך טרעפען אַ גוטער און שיינער מאָמענט. אַזעלכע מאָמענטען געפינען זיך אין דער פּיעסע זייער ווייניק. ה' ליבערט (טוביה), ה' בערמאַן (נח), ה' קאַמינסקי זענען געוויס די בעסטע טאַלענטען פון דער טרופּע. ה' בערמאַן און קאַמינסקי זענען זייער גוטע קאָמיקער, נאָר ה' בערמאַן שפּילט צו וווּלגאַריש, מאַכט אַף דער סצענע אַזעלכע זאַכען, וואָס איז גאָרנישט עסטעטיש, און פאַרלירט אָפּט די מאָס. — פרוי קאַמינסקי האָט אויך אַ געוויסען טאַלענט און אַ גאַנץ שיינע שטימע, וואָס איז, ליידער, נאָך ווייניק באַאַרבעט. איר „אַ גוטע נאַכט" אין דעם צווייטען אַקט איז זייער געפעלען דעם עולם. — זי מאַכט אויך נאָך דער וויאָלצעווע

און זינגט קופּלעטען מיט דעם מאָטיוו פון די באַריִמטע ציגײַנער־ראָמאַנסען. דאָס איז די ערשטע פּראָבע אַרײַנצוברענגען אין דעם יידישען טעאַטער לײַכטע געזאַנג פון דעם זענזוכט־עראָטישען זשאַנר, און ווי אַזעלכע, נאַטירלעך, נאָך שוואַך.

מיט איין וואָרט — בעסערע פּיעסעס, — און די אַרטיסטען וועלען זיך קענען ביסלעכווײַז אַנטוויקלען.

איבער די געוויסע אומשטענדען, וואָס הערשען איצט אין וואַרשע, איז דאָס טעאַטער געווען ווייניק באַזוכט, עס זענען געווען צופיל קאַפּעלדינערס, דאָס פּובליקום איז געוועזען זייער מילד און האָט זייער פיל אַפּלאָדירט — און גראָד דאָרט, ווו מ'האָט נישט באַדאַרפט. דאָס באַווײַזט, ווי נישט ערנסט עס קוקט אַף דעם יידישען טעאַטער.

דער אויסערלעכער טייל פון דעם יידישען טעאַטער דאַרף נאָך פיל אויסגעבעסערט ווערען. די סטאַטיסטען און דער כאָר זענען שלעכט אָנגעטון. איין סטאַטיסט גייט אַרויס אַף דער סצענע אַפּאָר מאָל אונטער אַנדערע נעמען! דאָ ווי אַ סטודענט, דאָ ווי אַ כּלי־זמר, דאָ ווי אַ נאָטאַריוס, און ענדערט נישט, נישט די מינע, נישט דעם אָנצוג און נעמט אַפילו די ברילען נישט אַראָפּ...

דער כאָר קען נאָך נישט גיין נאָכ'ן טאַקט און דער כּלי־זמר לערענט זיי אַף דער סצענע:

„כאַפּט נישט".

בעת די אַנטראַקטען הערט מען, ווי די משרתים אונטער דער סצענע קריגען זיך און זידלען זיך. איינער שרייט: „הייב אויף, דו, כאָלערע, דו!" איינמאָל איז דאָרט דערגאַנגען כמעט צו פּעטש, און אַלץ הערט מען אין טעאַטער...

דאָס אַלץ איז זייער טרויריק...

נאָר צי זענען דען אין דעם שולדיק די אַרטיסטען? גיכער קאָן מען רעכענען, אַז דער אַנטרעפּרענער לאָזט נישט שטעלען קיין מער ערנסטע פּיעסעס, כּדי נאָר צו געפעלען דעם פּראָסטען עולם. און אפשר איז גאָר שולדיק די אינטעליגענץ, וואָס פאַרהאַלט זיך אַזוי גלײַכגילטיק צום יידישען טעאַטער?

מעגלעך, אַז יאָ![1]

[„דער וועג" נ' 15, 31 אויגוסט 1905]

1) מײַן ערשטע טעאַטער־רעצענזיע.—[נ. פּ.]

# „ד״ר יאָזעלמאַן“.

(אַ אָפּערעטע אין 3 אַקטען פון אַ. גאָלדפאַדען).

די פּיעסע איז אַפילו פאַר אַן אָפּערעטע, אײדעל גערעדט, צו שוואַך.

וועגען די אַרטיסטען האָבען מיר שוין אַרויסגעזאָגט אונדזער מיינונג, די לעצטע פאָרשטעלונג האָט נאָר געשטאַרקט אונדזער איבערצייגונג, אַז איינציקע אַרטיסטען האָבען אַ געוויסען טאַלענט. ה׳ קאַמינסקי האָט גאַנץ גוט אַדורכגעפירט זיין ראָל (פאָגלער). עס איז אונדז אָנגענעם צו באַצייכענען, אַז ער האָט ל פי-ערך אָפּגעהיט די מאָס. ה׳ ליבערט האָט אונדז נעכטען אַנטציקט. ער באַזיצט אַ היפּשען דראַמאַטישען טאַלענט, און מען קאָן זאָגען, אַז ער איז אימשטאַנד צו שפּילען ערנסטע ראָלען אין ערנסטע פּיעסעס. ער באַווייזט אַ גרויסע קראַפט, האָט אין זיך פיל געפיל, ער קען זיך באַגייסטערען מיט די איידעלסטע באַוועגונגען פון דער נשמה און קען זיי אין אַזאַ מאָמענט איבערלעבען און איבערגעבען אויף דער בינע.

דעם אַרויסטריט פון אַזאַ טאַלענט אין קלוימערשטע „פּיעסעס“ פון ביזאַנטיקען רעפּערטואַר פון יידישען טעאַטער, קאָן מען באַטראַכטען כמעט ווי אַ פאַרברעך פון דעם אַרטיסט קעגען זיך זעלבסט, ווי אַ זעלבסטמאָרד...

ה׳ שוואַרצבאָרד (ד״ר יאָזעלמאַן) האָט אַ גאַנץ שיינעם, נאָר זייער, אַ באַגרענעצטען, לירישען טענאָר. אַ שפּילער איז ער נישט קיין גלאַנצענדיקער.

פרוי קאַמינסקי איז נעכטען נישט געווען באַ דעם קול, דערפאַר, אָבער, האָט זי גוט אַדורכגעפירט עטלעכע דראַמאַטישע מאָמענטען, ווען זי טרעט אַרויס ווי אַ הייס-נאַציאָנאַליסטיש יידיש מיידעל.

די איבעריקע „אַרטיסטען“ זענען געווען שוואַך.

די אויסערלעכע זייט האָט זיך באַטייטעוודיק פאַרבעסערט. די ריכטער האָבען אַפילו זיך נישט געגעבען די מי אויסצופּוצען די שטיוועל און האָבען אויסגעזען ווי „אַנדרוסען“, אָבער אין אַלגעמיין זענען די קאָסטיומען געווען נייע, פאַרשידענאַרטיקע און גאַנץ אָנשטענדיקע.

דאָס טעאַטער איז געווען איבערגעפולט. איינערנעכטען איז גע-ווען אַ פולע קאַסע: 700 רובל. נעכטען איז נאָך מיין מיינונג געווען נישט ווייניקער.

דאָס פובליקום האָט זיך שוין אויך געהאַלטען באַטייטעוודיק בע-סער. עס איז געווען צו באַמערקען פיל אינטעליגענטען. די גרעסטע אַפּלאָדיסמענטען האָט באַקומען ה' ליבערט אין די בעסטע ער-טער, ווו ער האָט טאַקע פארדינט.

בא אַזעלכער מאַטעריעלישער און, לפי-ערך, מאָראַלישער אונטער-שטיצונג, מעג זיך דאָס יידישע טעאַטער, ענדליך, באַשליסען איבער-צוגיין צו אַ בעסערען רעפערטואַר.

עס איז אַ נאַציאָנאַלישער פאַרברעך צו געבען מיסט דעם פובלי-קום, וואָס בעט אַ ערנסט וואָרט אין דער מוטערשפּראַך.

---

ע. ש.—די באַציהונג צווישען דער דירעקציע און צווישען די אַר-טיסטען איז, ווי עס ווייזט אויס, זייער שאַרף געוואָרען. איינערנעכטען האָט ה' קאַמינסקי אַף דער בינע אַנגעריפט אין אַ קופּלעט דעם אַנטרע-פּרענער פון דעם טעאַטער.

געוויס איז שווער, דאָס טעאַטער זאָל זיך נאָרמאַליש אַנטוויק-לען בא אַזעלכע פאַרהעלטעניסען צווישען דער דירעקציע און די אַר-טיסטען. עס איז אויך געווונטשען, אַז די אַרטיסטען זאָלען שעצען דאָס אָרט, אַף וועלכען זיי טרעטען אַרויס, און זאָלען עס נישט פּראָפאַנירען מיט פּערזענליכע חשבונות, וואָס קאָנען אפשר זיין זייער אינטערעסאַנט, אָבער וואָס האָבען קיין שום שייכות נישט צו דער קונסט.

[„דער וועג" 4]

# רחל קאַמינסקים בענעפּיס.

א יום־טוב פון דער יידישער קונסט איז דאָס געווען.

אויפגעפירט איז געוואָרען דאָס בעסטע שטיק פון דעם טאַלענטפולען יידישען דראַמאַטורג יעקב גאָרדין.

„כאַשע די יתומה“ איז אויפגעפירט געוואָרען, די פּיעסע, וואָס איז אַזוי טיף רעאַליסטיש; וואָס שילדערט אַזוי ריכטיק דיי־עניקע ספּערע פון יידישען לעבען, וועלכע זי האָט געוועלט; וואָס איז דערביי אַדורכגעדרונגען מיט אַזאַ פייבער און איידעלער פּאָעזיע, וועלכע דופט מיט דעם ריח־ניחוח פון קליינרוסישע סטעפּעס און קלינגט מיט שטילע מעלאַנכאָלישע מעלאָדיעס פון דעם דניעפּרס אינדען.

און געשפּילט האָט די פרוי קאַמינסקי, און געשפּילט די בעסטע ראָלע, געשפּילט כאַשען.

ליכטיק איז געווען אין טעאַטער, פול־געפּאַקט איז געווען דאָס טעאַטער, אָנגעשטרענגט און פייערלעך איז געווען אין טעאַטער.

ווי אַף אַ נס האָט דאָס פּובליקום געוואַרט.

און נאָך באַגייסטערטער האָט געשפּילט פרוי קאַמינסקי.

אַ יום־טוב פון דער יידישער קונסט איז דאָס געווען.

---

„אוי דלות, דלות!“ —

דאָס איז דער הויפּטשטריך פון יידישען לעבען. אָרעם, שמוציק איז אין דער שטוב און דעריבער — טרויריק, דערשלאָגען. ניט מ'לעבט, ניט מ'שטאַרבט; אַפילו פון שלאָפען ווערט מען דאָרט אָפּ־געוויינט: די שווערע צרות רייסען אויף פונ'ם בעט שוין דאַן, ווען די זון דרייט זיך נאָך איבער אַף דער צווייטער זייט.

אָבער אין דעמדאָזיקען דלות האָט נאָר אַ בלאָז־געטון אַ פרייש דאָרפיש ווינטעלע; נאָר אין דעמדאָזיקען דלות האָט נאָר אַ שמייכעל־געטון אַ יונג ווייגשעלביימעלע מיט ווייכינקע גרינינקע צווייגעלעך — און אין דעמדאָזיקען דלות האָט אויפגעשפּראָצט אַ הימליש בלימעלע.

— כאַשע.

אַ קינד פון דער נאַטור איז דאָס. אַ שיין דורכזיכטיק וואָל־קענדעל, וואָס האָט ליב זיך צו שפּיגלען אין די טיפע וואַסערען פון דניעפּר, טרוימען באַ דעם כלופּען פון זיינע שטופּיקע כוואַליעס; אַ

זינגפייגעלע, וואָס לעבט — צו לעבען און ליבען, וואָס ווייסט נישט פון זאָרג, פון טריקענדיקען דאָס לעבען פאַרסמענדיקען רעפלעקסן.

אַרײַן, פון זונענשטראַלען געוועבט, מיט הייליקער פּאָעזיע באַגאָסען, מיט טיפער האַרצדערהויבענקייט געקרײַנט באַשעפעניש איז דאָס.

---

און די פרוי קאַמינסקי האָט אונדז דידאָזיקע כאַשע נישט געוויזען, נישט געשפּילט, — באַשאַפען האָט זי פאַר אונדז דידאָזיקע כאַשע.

פרוי קאַמינסקי איז געוועזן נישט אַף דער בינע, — אין כאַשעס קיך איז זי געוועזן; זי האָט נישט געזען דאָס פובליקום — כאַשען האָט זי דורכגעלעבט. עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז אין משך פון דער גאַנצער פּיעסע, האָט זי קיין איין בליק נישט געוואָרפען אין טעאַטער, הגם זי האָט געוווסט, אַז דער זאַל איז פול, אַז מ׳אַנטציקט זיך מיט איר, אַז מ׳איז באַגײַסטערט דורך איר. די גרעסטע אַרטיסטען גייען באַ אַזאַ מאָמענט אַמאָל אַרויס פון דער ראָלע און שטערען די אילוזיע.

פרוי קאַמינסקי איז דורך און דורך דורכגעדרונגען געוועזן מיט איר ראָלע. זי האָט זיך אַליין פאַרגעסען. נישט פרוי קאַמינסקי איז געוועזן אַף דער בינע — כאַשע איז געוועזן אַף דער בינע...

...אַף אַ שטיין לעבען טײַך מיט איר געליבטען איז זי געזעסען... פונדרויסען האָט זיך געהערט אַ שטיל, ווייך, זײַדען געזאַנג... דער געליבטער האָט געוואָלט איבעררײַסען די צויבערענדיקע שטימונג — כאַשע האָט אים מיט דער האַנט פאַרמאַכט דאָס מויל...

— — גענוג איז געוועזן צו זען נאָר איין באַוועגונג פון דער האַנט, מיט וועלכער כאַשע האָט די פּראָפאַנירענדיקע ווערטער אָפּגעשטעלט, מ׳זאָל פילען, ווי גרויס די אַרטיסטין איז.

אַזוי לעבעדיק, אַזוי אוממיטעלבאַר איז געוועזן דידאָזיקע באַוועגונג.

---

און דאָס פובליקום האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ יום־טוב פון דער יידישער קונסט.

גאַנצע בייטען בלומען האָט פרוי קאַמינסקי דערהאַלטען,
אַזאַ טריומף, און אַ טריומף אַ פאַרדינטען, אַ באַוווסטזיניקען,
האָט קיין יידישער אַרטיסט אין וואַרשע נישט געהאַט.
אַ יום־טוב פון דער יידישער קונסט איז דאָס געוועזן.

[„דער וועג״ 1906, נ׳ 106].

# „די שוועסטער“

## פון י. ל. פּרץ.

איך וואַרף אַוועק אַלע אַרבעטען, און גיי אין יידישען טעאַטער. אַן'אויסטערלישער מענטש, נישט וואָר? נישט געפונען קיין בעסער אָרט! וואָס טוט מען, אָבער, — איך בין אַ שאָוויניסט: איך האָב ליב צו הערען דעם יידישען קלאַנג, און אין יידישען טעאַטער טרעפט זיך אויך אַמאָל, אַז אַן'אַקטאָר זאָגט אַף דער סצענע אַ פּראָסט-יידיש וואָרט...

דאָס אומגעלומפּערטע געביי אַף דער ־מעלנע גאַס איז לעער. צושויער נישט מער ווי 10—12 מנינים און דאָס אַודאי אָהן בילעטען.

אַ גוטער סימן. מסתמא שפּילט מען עפּעס אַ רעכטע זאַך.

איך קויף אַן'אַפישע. נאַטירלעך איז זי אַ רוסיש-פּוילישע. אין מו-ראַנאָווער טעאַטער פּלעגט נאָך אַמאָל זיין אַ יידישע אַפישע. אין זשאַר-דען ד'היווער איז דאָס אַפּנים „שאָקינג“, ווי מיין ענגלישער לערער זאָגט, ד. ה. נישט-פּאַסענדיק.

„היינט צוויי ליטעראַרישע פּיעסעס אין איין אָווענט“. אַזוי לייען איך אויס אין דער רוסיש-פּוילישער אַפישע.

„דאָס קלינגט שטאָלץ“, דערמאָנט זיך מיר סאַטינס אויסדרוק.

און אויב איר ווילט, — אַביסעל איראָניש...

אין איין אָוועט אַזש צוויי ליטישע זאַכען...

עס איז ווערט פאַרשרייבען צו ווערען, אויב נישט מיט גאָלדענע אותיות אַף די זייטען פון דער געשיכטע, דאָך אין קוימען מיט קרייד — אַודאי...

---

צי געדענקט איר, לעזער מיינע, דאָס בילד פון י. ל. פּרץ: „משופּע אָדער אין קעלערשטוב“? דער פאָלקסדיכטער פירט אונדז אַראָפּ אין די אונטערשטע שיכטען פון דעם יידישען פאָלק, ער עפענט פאַר אונדז אַ קליין ווינקעלע אין דעם לעבען פון יידישען המון. ער ווייזט אונדז אַ יידישע משפּחה פון קעלערשטוב, ווו מ'אַרבעט שווער אַף דאָס שטיקעל ברויט, און מ'לעבט דאָך אין דחקות, אין נויט, אין שווייס, און

פײַן איז אײַנגעטונקען אַזאַ לעבען.

פונדעסטוועגן איז עפּעס וואָרעם אין דער קעלערשטוב. די פּרײַנטשאַפט, די ליבע, וואָס בינדט צוזאַמען אַלע גלידער פון דער משפחה, די איידעלקײַט, די צאַרטקײַט, וואָס איז אויסגעגאָסען איבער זייער גאַנץ געמײַנזאַם לעבען, פּרײַט דאָס אויג און דאָס האַרץ.

אין קעלערשטוב קאָן, אָבער, קײַן פול גליק נישט הערשען. אַ גיפטיקע שלאַנג לויערט הינטער דער טיר און דראָט צו פאַרסמען דאָס אידילישע לעבען פון דער אָרעמער משפחה. אַ שרעקלעכע געפאַר שוועבט איבער די צוויי רײנע בלימלעך, וואָס באַשײַנען דעם טונקעלען קעלער. איין טאָכטער אַרבעט אַף אַ פאַבריק, די אַנדערע טראָגט אַרײַן מילך אין אַ רײַך הויז. בײדע זענען נאָך אָהן אַ פלעק אַף די שניי-ווײַסע פליגעל פון זייער יונגער מיידלישער נשמה, און בײדע שטײען שוין אַף דעם ברעג פון אָפּגרונט.

צו איינער שאַרט זיך צו אַ האָניק-זיסער יונגערמאַן, וואָס האָט געקויפט איר האַרץ מיט דעם וואָרט „פרײַלין", וועלכעס ער האָט איר, דער פּראָסטער, אָרעמער פאַבריקאַרבעטערין געזאָגט. צו דער אַנדערער האָט זיך שוין געוואָלט צורירען מיט זײַנע אומרײַנע הענט דער ערשטער פּרעכער „אינטעליגענט", צו וועלכען זי איז צופעליק געקומען, איבער-געבען אַ בריף פון זײַן געליבטער, די טאָכטער פון דעם הויז וווהין זי האָט געטראָגען דאָס מילך.

„משופע"!

דאָס איז דאָס גרויזאַמע וואָרט. משופע איז דאָס לעבען פון יע-נעם מיידעל אונטען אין דער מאַסע. אַף אַלע לויערט דער שמוציקער אָפּגרונט...

---

„משופע"!

דאָסזעלביקע וואָרט ווערט דערמאָנט אין דער דראַמע „די שוועסטער".

„משופע" איז דאָס לעבען פון דעם יידישען אַרבעטער-מיידעל, און דאָסדאָזיקע טראַגישע משופעלעבען איז דער פאָן, פון וועלכען עס וועבט זיך אויס אַ טיפע, צאַרטע און שײַנע דראַמע, וואָס פּרץ שטעלט פאַר אונדז פאַר. אין „די שוועס-טער" לאָזען מיר זיך אַראָפּ נאָך טיפער פון דער קעלערשטוב. פּרץ פירט אונדז אַרײַן אין סאַמע אָפּגרונט. פיל — פיל שטאַפּלען, נאַסע,

מיאוסע, שוידערפולע, פיין־אָנגעזאַפּטע, פירען אין דעמדאָזיקען אָפּגרונט.

דריי שוועסטער — אַ גאַנצע משפּחה — גייען־אונטער. איינע אַן׳אומגליקלעכע אלמנה מיט עטלעכע שוועלבעלעך; די צווייטע אַן׳אָרעם שעפעלע, אַ פאַרלאָרענס, אַ פאַרפאַלענס; די דריטע „אַף דעם גליטש״ — ווי לאה זאָגט.

די עלטערע, מירעל, האַלט זיך נאָך פון אויוועז. זי ליידט פון דלות. זי מוז שווער האָרעווען, איידער זי פאַרדינט, מיט וואָס די קינדער אָנצוהאָדעווען. אַליין הונגערט זי. זי איז אַ מוטער — און דאָס האַלט זי אויף. זי איז אַ שוחטס אַן׳אלמנה, זי איז פרום, און דאָס גיט איר אויך אַ מאָראַלישע שטיצע אין לעבען.

די צווייטע, לאה, — איז אַ דינסט, אַן׳אָפּפער פון איר סאָציאַלישער לאַגע. דאָס איז אַן׳איידעלע נשמה, מיט אַ צאַרט וואַכעדיק האַרץ. זי איז פול מיט דינע, טיפע געפילען. זי איז, אָבער, נאָר אַ דינסט, און זי איז שוין אַ הפקרזאַך. דער חתן פון דעם ווירטס טאָכטער וואַרפט פון אונטער די ברעמען ברענענדיקע בליקען אין אירע אויגען, אַף אירע בלייכע באַקען, אַף איר ברוסט. זי זעט עס, זי שפירט עס, און נישט גוט ווערט איר. אָפּפאָרענדיק, לאָזט ער איר איבער לעצטגעלט, און דריקט איר דערביי פעסט די האַנט, און דאָס האַרץ צוררייסט זיך איר פאַר באַליידיגונג. אפילו דער אַלטער „פרומאַק״, דער ווירט מיט ברודיקע פאות און פערדיש הירזשען, גנבעט זיך צו איר באַנאַכט, ווען זי פאַלט אַנידער אַפּ׳ן געלעגער, ווי אַ געהרגעטע נאָך דעם 21־שעהדיקען אַרבעטסטאָג. יוי אַף אַ פּי קוקט מען אַף איר, אַ ווערקצייג צו פאַרבאָטענע תענוגימלעך זעט מען אין איר, — דעם מענטשען אין איר באַמערקט מען נישט, — מ׳באַשפייט אים, מ׳טרעט אים מיט די פיס.

און דאָסדאָזיקע שמוץ ווערגט לאהן. דידאָזיקע קאַטאָרגע נאָגט־אויס דאָס לעבען פון דעם יונגען גייסט. איין פאַרגעניגען האָט זי: באַזוכען די עלטערע שוועסטער און דעם קליינעם פלימעניק, דעם עילוי.

אַ יונג האַרץ איז דורשטיק נאָך ליבע. אַרום לאהן דרייט זיך משהל, אַ פעלטשעריונג, אַ פוסטער, דורך־און־דורך פאַרפוילטער גאָרנישט. „אוי, נקבות, נקבות,״ — קלאָגט זיך לאה, זי ליבט דעם שאַרלאַטאַן. זי גיט אים אַלץ אַוועק, „אָהן חופה וקדושין״. דיזעלביקע אויסגעלאַסענע מענטשען, וואָס באַליידיקען זי תמיד מיט זייערע שמוציקע פאָרשלאָגען, — פאַראורטיילען זי. זיי שפּאָטען פון איר, זיי

באַרעדען זי. לאה האָט געגוג מוט זיך צו באַציִען מיִט פאַראַכטונג צו דעם: „איך בין פאַר זיי אַ גוטע דינסט, איך אַרבעט אַף זיי, איך דערפיל טריי מײַנע פליכטען, — זאָגט לאה, און ווײַטער איז ניִשט זייער זאַך". דאָס איז אַ פרײַע נאַטור, וואָס רעכענט זיך נאָר מיִט דעם אייגענעם געדאַנק און ווילען. — די ליבלעכע שוועסטער שטעכט זי מיִט אירע ווערטער, — און דאָס טוט איר שוין וויי. זי וואָלט, אָבער, דאָס אויך איבערגעטראָגען, ווען משהל זאָל זי כאָטש ליבען. ער האָט זי, אָבער, אַוועקגעוואָרפען, ווען זי איז שוואַנגער געוואָרען. זי איז אַן'ערלעכע נשמה. זי חלומט וועגען אַ ריין לעבען. דאָס קינד וואָלט זי געפרייט. און ער, משהל, שיִקט זי צום דאָקטער, זי זאָל מפיל-זײַן... זי איז עלענט, „שטענדיק אַליין"...

און דאָס האָט זי צובראָכען. דאָס האָט פאַרטריבען די לעבענס-פרייד פון איר האַרצען, זי איז אומעטיִק, טרויריִק. זי פילט דעם שרעק פון לעבען, דעם גיפטיִקען אָטעם פון אָפּגרונט...

זי זעט, אַז זי זינקט...

די ייִנגסטע שוועסטער, נחמה, איז נאָך גאַנץ, אָבער מאָראַליש איז זי געזונקען פיל טיפער פון לאה.

זי האָט הייס בלוט און אַ לעבעדיִקען טעמפעראַמענט. זי האָט ליב דאָס לעבען און וויל לעבען. דאָס משפחהלעבען איז איר נמאס. מירעלס מזל האָט אַף איר אַזוי געווירקט. חנה-האָבען עפּעס פאַר אַ שוחטעל, וואָס ווייקט זיך שטענדיק אין מקוה, גלוסט זיך איר גאָרניִשט. האָבען קינדער האַלט זי פאַר אַ נאַרישקייט. זי ווייסט שוין, אַז עס איז דאָ אַ מיִטעל, ווי זיך צו פאַרהיטען פון אַזאַ צרה. אָפּזאָגען זיך פון דעם לעבען האָט זי, אָבער, ניִשט בדעה: „קאָנסט מיר געבען אַ מאַן?" — פרעגט זי מירעלען, ווען די לעצטע שטראָפּט זי, פאַרוואָס זי שלעפּט זיך אַרום מיִט דעם שוסטעריונג: „ניין? רעד-זשע ניִשט!" — „ווילסט שטעלען אַ חופה?" — פרעגט זי דעם שוסטעריונג, און אַז יענער קווענקעלט זיך, אַרט זי אויך ניִשט זייער שטאַרק. זי האַלט זיך אָן דעם כלל: „ברוך ה' יום יום, פאַר מאָרגען זאָל גאָט זאָרגען". זי וויל לעבען מיִט'ן טאָג.

און זרח, דער שוסטעריונג איז ניִשט בעסער פון משהלען, דעם פערלטשעריונג. ער גייט-אויס פאַר נחמהן, אָבער זײַן האַרץ איז גאַנץ ברייט, און קאָן אין איין צײַט פאַרנעמען אַ ליבע צו אַן'אַנ-דער מיידעל. לאה געפעלט אים אויך, פאַר איר טרויער, און נאָך

מער דערפאַר, וואָס זי האָט צו משהלען נישט קיין טענות פאַר דעם קינד.

לאה זעט עס. זי זעט, אַז די שוועסטער פליט אָפ'ן פייער. זי פילט זיך אַביסעל שולדיק פאַר איר, ווייל מירעל טענהט, דאָס זי, לאה, האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אַף נחמהן, דאָס זי, לאה, האָט דער שוועסטער איינגעפליסט די גיפטיקע געדאַנקען, וועלכע האָבען שנעל פאַרסמט איר גאַנץ וועזען.

און אין לאהן דערוועקט זיך מיט דער גרעסטער קראַפט איר גאַנצער אַדעל. דער פלאַם פון טיפען אידעאַליזם צופלאַקערט זיך אין איר אין אַ העל פייער. זי האָט רחמנות אַף דער שוועסטער. עס רופט אין איר אַרויס אַנ'אינערלעכען פיין דער געדאַנק, אַז נחמה וועט אומקומען, ווי זי. זי וויל נישט, די שוועסטער זאָל אַזעלכע טויטשמערצען איבערטראָגען.

און זי אָפערט מיט זיך. דאָ הייבט זיך פרצס דראַמע אויף אַף די הייך פון אַ טראַגעדיע. לאה באַגייט אַ מאָראַלישען זעלבסט־מאָרד, באַגייט באַוווסטזיניק, — כדי צו ראַטעווען די שוועסטער.

און זי זאָגט צום שוסטעריונג:

— איך בעט דיך. האָב רחמנות אַף נחמהן... און אַז עס וועט שטאַרק אָנכאַפּען דער יצר הרע... ריר זי נישט אָן... אַנטלויף פון איר... און... קום צו מיר... איך בין אַזוי אויך פאַרפאַלען... איך מוז שוין אומקומען"...

און דידאָזיקע טראַגעדיע פון דעם סאָציאַלישען פאַרהעלטעניש, אין וועלכען עס לעבט די יידישע מאַסע, און די אינדיווידועלישע טראַגעדיע פון לאהס שטאַרקער נשמה, האָט פרץ מיט גרויס טאַלענט איבערגעגעבען אין איין פאַרהעלטענישמעסיק קורצען אַקט.

געשפילט געוואָרען איז די דראַמע, אָדער ריכטיקער די טראַ־געדיע, אין אַלגעמיין נישט שלעכט. פראַכטפול, מיט גרויסער אינטו־יציע און טיפער שטימונג האָט אַדורכגעפירט איר ראָל די יידישע דוזע, פרוי קאַמינסקי, וועלכע האָט געגעבען אַ לעבעדיק געשטאַלט פון דער אומגליקלעכער און דערהויבענער אין איר אומגליק לאה. די פרוי בראַגינסקי טויג נישט צו אַזעלכע ראָלען, ווי מי־רעלע. זי איז צו ווייניק יידיש. און מירעלע איז אַ כאַראַקטעריסטיש־יידישער טיפ. די ראָלע וואָלט גיכער געפאַסט פאַר דער יערמאָלינע, וועלכע איז, ליידער, אַרויסגעטראָטען פון וואַרשעווער טעאַטער. פרוי

בראַגינסקי איז, אָהן צוויפעל, אַ גוטע אַרטיסטין, נאָר גאָר פּאַר אַנדערע ראָלען פרוי זאַסלאַווסקי (נחמה) האָט, ווי שטענדיק, געשפּילט ניט שלעכט, כאָטש זי איז אויך געווען ווייניק יידיש און האָט מער דערמאָנט אַ רוסישע באָסיאַטשקע. ה׳ זרח איז געווען ווייניקער ווי אַ מעסיקער שוסטעריונג. ה׳ אַרקאָ, ווידער, איז געווען מער ווי אַ פעלטשעריונג און דאָך ווייניקער, ווי ער־זשע.

די פּיעסע האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אַף דעם פּובליקום. מ׳האָט הייס אַרויסגערופען דעם פּאַרפאַסער. פּ ר ץ האָט זיך געלאָזט לאַנג בעטען, ענדלעך האָט ער זיך באַוויזען, קייענדיק אַ בלימעל. צוזאַמען מיט אים האָבען זיך באַוויזען אויך די ה״ה פּישזאָן אין צילינדער, קאַמינסקי און דער סופלער, וועלכע מען האָט גאָרנישט אַרויסגערופען...

פּ ר ץ האָט דערהאַלטען אַ לאָרבערקראַנץ.

פּובליקום, ווי געזאָגט, איז געווען זייער ווייניק, און אַ העלפט פון זיי — ליטעראַטען מיט די ווייבער און קרובים.

---

אַרויסגייענדיק, הער א.ד, ווי איינער פון די צושויער זאָגט צום אַנדערען:

— וואָס איז דאָס פּאַר אַ פּרץ: ער מיינט, אַז צווישען די דינסטען איז גאָרנישט צו געפינען קיין ערלעך מיידעל...

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער פּובליקום!

---

איך האָב געהאַט בדעה צו שרייבען נאָך וועגען פּינסקיס „מוטער". — אַז מ׳שרייבט באַנאַכט, פאַרציט זיך אַמאָל דאָס אַרטיקעל.

מיין פעליעטאָן איז אַזוי אויך שוין צוואַקסען. אויסערדעם ווייזט דער זייגער שוין 6 פּאַרטאָג. דער בלאַסער טאָג קוקט שוין אין רעדאַקציעצימער אַריין... צייט צו גיין שלאָפען,

און וועגען דער „מוטער" — אַנ׳אַנדערס מאָל. [1]

[„דער וועג" נ׳ 43 פון 4 מערץ 1906].

---

[1] וועגן דער „מוטער" האָב איך שוין ניט געשריבען, ווייל פּרץ האָט אַפ׳ן אַנדערען טאָג צוגעשיקט אַ פעליעטאָן וועגען פּינסקיס פּיעסע. —

# „יעקעל דער שמיד"

(דראַמע אין 4 אַקטען פון דוד פּינסקי).

ווייניק באַאַרבעט, אָבער אינטערעסאַנט איז די נייע דראַמע פון טאַלאַנטפולען דוד פּינסקי. זיין זאַנפטע פעדער ליבט איידעלע פסיכאָלאָגישע טעמעס. „יעקעל דער שמיד" איז אַ ריין פסיכאָלאָגישע דראַמע, אין וועלכער די קאָנקרעטע לעבענספאָרמען דינען נאָר אַלס גרונט פאַר דער פסיכאָלאָגישער אינטריגע. דעריבער זענען אַלע פיגורען פון דער דראַמע — אויסער, אפשר, יעקעל אַליין — אויפגעצייכענט מיט לייכטע שטריכען, — ווי „אַקוואַרעלען", דאָך זענען זיי זייער לעבעדיק, טיפּיש און באַווייזען, אַז פּינסקי איז אַ טיפער קענער פון יידישען לעבען.

דער שווערפונקט פון דער דראַמע ליגט, ווי געזאָגט, אין די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען פון איר הויפּטהעלד. פאַראַן שיינע באַגאָבטע נאַטורען, וועלכע פירען אַ מיאוס לעבען נאָר דערפאַר, וואָס עס פעלט זיי מאָראַלישע גלייכגעוויכט. יעקעל איז אַזאַ מענטש. אַ „מוידניק און אַ שכור", ווערט ער אַן'אידעאַלישער ליבענדיקער מאַן, ווען טאַמאַרע, אַ קלוג בעל-הבתיש מיידעל, איז מסכים זיין ווייב צו ווערען. זי איז אַ יתומה, די מומע רודפט זי, — מוז זי מיט דעם „אויסוואורף שבאויסוואורף" התונה האָבען, נאָר דערביי איז זי טיף איבערצייגט, אַז מיט גוטסקייט און ליבע וועט זי קענען איר מאַן איבעראַנדערשען. און אַזוי איז עס טאַקע: די ליבע צו דער ליבענדיקער און טאַקטישער פרוי גיט יעקלען דאָס מאָראַלישע גלייכגעוויכט, וועלכעס עס האָט אים פריער געפעלט.

אָבער אַף ווי לאַנג? — וועט יעדער פרעגען מיט אַ שטיקעל ספק. דיזעלביקע פראַגע שטעלט דוד פּינסקי, און דאָס איז טאַקע דער הויפּטנערוו פון זיין דראַמע. „אַף שטענדיק!" — ענטפערט דער דראַמאַטורג, וועלכער איז אַ גרויסער אָפּטימיסט און גלייבט זייער אין די גוטע יסודות פון דער מענטשענגאַטור. אום צו באַווייזען די ריכטיקייט פון זיין באַהויפּטונג, מאַכט דוד פּינסקי אַן'אינטערעסאַנטען עקספּערימענט. „אַן'אָקס טאָר מען נישט ווייזען קיין רויט טיכעל!" — זאָגט יעקעלס מאַמע, — „אַ מענטש איז, אָבער, נישט קיין אָקס!" — ענטפערט איר

דערויף ט אַ מ אַ ר ע, וועלכע איז אין דער דראַמע די טרעגערין פון דעם אויטאָרס אידייען. י ע ק ע ל א י ז אַ מ ע נ ט ש, און דערפאַר לאָזט אים פ י נ ס ק י נישט פאַלען. ער שטעלט אים פאַר אַ נסיון, און י ע ק ע ל גייט־אַרויס פון נסיון — מ׳קאָן דרייסט זאָגען — אַ ז י ג ע ר. די עלטערען י ע ק ע ל ס שרייען געוואַלט, ווען זיי הערען, אַז ר ב ק ה וויל אַוועקוואַרפען דעם מאַן, דעם פּראָצענטניק, און דינגען אַ חדר בּאַ י עקלען אין שטוב. זיי ווייסען, אַז זי האָט געוואָרפען אַנ׳אויג אַף דעם שיינעם שמיד, און זיי האָבּען מורא, אַז י ע ק ע ל זאָל נישט נכשל ווערען, ווייל זיי גלייבּען נישט, אַזאַ שאַרלאַטאַן, ווי ער איז געווען, זאָל זיך קאָנען פולקאָם אויסהיילען פון דעם „דיבּוק“, וואָס איז אין אים געזעסען. אַזאַ אומצוטרוי פאַרדריסט שטאַרק י ע ק ל ע ן, און זיי אַף צו להכעיס לאָזט ער אַריין די געפערלעכע שכנה. ער וויל בּאַווייזען, אַז פאַר אים איז קיין „יצר־הרע“ נישט געפערלעך. ער ווערט אַפילו געשטרויכעלט; אין טאָג פון בּרית פון זיין בּכור, ווען ער איז אַבּיסעל שכּור פאַר שמחה, בּלייבּט ער צופעליק אַליין מיט דער אויסגעלאַסענער ר ב ק ה, וועלכע צורייצט אים מיט אַ כּיוון די תּאוה, און ער פאַרגעסט זיך...

אָבּער נישט דער פ אַ ק ט איז דער עיקר, נאָר די אַלגעמיינע שטימונג י ע ק ע ל ס אַף מאָרגען נאָך דעם שרעקלעכען טאָג. ער איז אַזוי פאַרצווייפעלט, אַז ער גייט זיך טרענקען. עס בּרעכט אים דער געדאַנק, אַז די „טרפנע דמים“ זענען נאָך נישט אָפּגעריבען פון אים. נאָר ט אַ מ אַ ר ע פאַרצייט אים אַלץ, י ע ק ע ל טרייבּט־אַרויס די שכנטע, און אין שטוב ווערט ווידער דער זאַנפטיקער זיסער „שלום־בּית“. דער שאָטען פון דעם שרעקלעכען טאָג וועט אפשר נאָך לאַנג הענגען אין דער לופט, ווי אַ שווער׳ע ערינערונג, אָבּער — דאָס פילט זיך שטאַרק, נאָר אַלס ערינערונג. אַזאַ טאָג זאָל זיך איבּערחזרען — איז אוממעגלעך. דאָס איז געווען דער לעצטער פונק פון דעם העלישען פייער, וואָס האָט אַמאָל אין י ע ק ע ל ס אָדערען געפלאַקערט.

צום בּאַדויער, איז די שיינע טעמע נישט בּאַאַרבּעט מיט דער נייטיקער קראַפט. דער צווייטער אַקט — איינער פון די וויכטיקסטע דראַמאַטישע מאָמענטען אין דער פסיכאָלאָגישער אינטריגע — איז צו וואַסערדיק, די דיאַלאָגען זענען צו לאַנג, און דאָס שוואַכט־אָפּ די קלוגע פאַרקניפּונג פון פסיכאָלאָגישען עקספּערימענט.

דער דריטער אקט איז אַבּיסעל צו קורץ, און דער פערדער ווײ־

ביק דייטלעך. אין אייניקע מאָמענטען פעלט אַף דער סצענע באַוועגונג, און די אַקציע קומט־אויס אַביסעל לאַנגוויילין. אָבער אים אַלגעמיין לאָזט די דראַמע איבער אַ גוטען איינדרוק. געשפּילט איז זי געוואָרען אין נייעם יידישען טעאַטער — „עליזעום“. — דאָס שיינע עבטאייראָפּעישע טעאַטערעל איז געווען פול־געפּאַקט — באַ אַ יום־טובדיקער שטימונג. דאָס פּובליקום איז געווען צופרידען אי פון באַקוועמען זאַל, אי פון דעם, וואָס די ערשטע פאָרשטעלונג איז אַן־אמת ליטעראַרישע. געשפּילט איז די דראַמע געוואָרען —ווי געוויינטלעך באַם ערשטען מאָל — אַביסעל נישט גלאַט, אָבער מיט אינטערעס. פרוי רחל קאַמינסקי (טאַמאַרע) האָט אַרויסגעוויזען די געוויינטלעכע סובטעלישקייט פון איר שטאַרקען און שיינעם אינטויטיווישען טאַלענט. פּראַכטפול, ווי שטענדיק, זענען געווען די מייסטערס פון כאַראַקטעריסטישע ראָלען ה׳ ווייסמאַן (שמחה בעל־עגלה) און יערמאָלינע (מאַריאַשע). גאַנץ שטאַרק האָט ה׳ ראַפּעל אַדורכגעפירט די ראָלע פון יעקעל שמיד. ער האָט, אָבער, איין שלעכטע געוווינהייט, וועלכע פאַרדאַרבט דעם איינדרוק פון זיין שפּילען: ער קוקט צו פיל צום פּובליקום. מיט דער געוויינטלעכער מאַנערע האָט זיך געהאַלטען די עקספּאַנסיווע פרוי טעקס (רבקה). גאַנץ גוט האָט געשפּילט ה׳ שאַפּירע, נאָר פאַרוואָס האָט ער גענומען דעם טיפּ פון דעם פּראָצענטניק אַזוי איבערטריבען קאַריקאַטוריש?

ה׳ קייזעראָוויטש און פרוי געגנצעד זענען צו יונג פאַר די ראָלען, וועלכע זיי האָבען געשפּילט. נאָך איין באַמערקונג. מיר דאַכט זיך, אַז די פּיעסע וואָלט פיל געווינען אין עפעקט, ווען פרוי קאַמינסקי זאָל שפּילען די ליידענשאַפטלעכע רבקה.

[„אונדזער לעבען“ נ׳ 187 פון 23־טען אָקטאָבער 1907.]

נח פּריַלוּצקי.

# „דער אינטעליגענט"

## פון פּרץ הירשביין.

אַרעם איז אונדזער רעפּערטואַר: שרײַבט יעקב גאָרדין נישט אָן קיין נײַע פּיעסע, איז פּשוט נישטאָ וואָס צו שפּילען. און האָט זיך דער טרופּע פון „עליזעום" פאַרוואָלט צו געבען איין מאָל אין אַ יובל — אַ „ליטעראַרישע פאָרשטעלונג" און אויפפירען דווקא עפּעס פּרישס, — האָט זי זיך געמוזט אָפּשטעלען אַף פּרץ הירשביינס „אינטעליגענט".

אַ שווערען אײַנדרוק מאַכט דאָס שטיק אַלס דראַמאַטיש ווערק. עפּעס אַ מין אימפּאָטענץ פון אַ טאַלענט, וועלכער קען נישט אַרויסנעמען דאָס, וואָס ער וויל, פילט זיך אין דער גאַנצער פּיעסע פון דער ערשטער סצענע ביז דער לעצטער. דאָס פּראָבלעם וועלכעס הירשביין האָט אונדז געוואָלט ווײַזען, איז דווקא אייגענאַרטיק און צאַפּעלדיק־אינטערעסאַנט. ליידער, האָט ער, אָבער, גאָרנישט געטון, אום פון סיוזשעט טאַקע אַ דראַמע צו מאַכען.

דאָס פּראָבלעם איז מאָדערן. הירשביינס שטיק איז אַן אָפּקלאַנג פון דער נײַער באַוועגונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען מיט אַ יאָר צוויי צוריק אין די רייען פון רוסלענדישען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּראָלעטאַריאַט, און האָט זיך אָפּגערופען אויך אין די יידישע אַרבעטערגאָרגאַניזאַציעס, — דאָס איז די אומצופרידענקייט פון די אַרבעטער מיט זייערע „חברים פון דער אינטעליגענץ". נישט נאָר דראַמאַטיש, נאָר טראַגיש איז דער אינערלעכער צושטאַנד פון אַ רעוואָלוציאָנערען אינטעליגענט, וועלכער איז אַלץ — זיך אַליין אַפילו — מקריב פאַר אַנדערע, פאַר ווילדפרעמדע מענטשען, און דערזעט פּלוצים, אַז זײַן קרבן ווערט געלעסטערט, און פון וועמען? — טאַקע פון דיִיעניקע, פון וועמעס וועגען ער אָפּערט זיך! — די דערשײַנונג האָט פיל ערנסטע סבות. פון איין זײַט קאָן דער אינטעליגענט קיינמאָל נישט אַסימילירען זיך פּולקאָם מיט דעם אַרבעטער, וועלכען ער איז אַ חבר געוואָרען, ער פילט זיך שטענדיק אינטעלעקטועליש העכער, און אין זײַן טאָן מוז זיך

אומבאַוווסטזיִניק אַרײַנגנבענען עפּעס אַ סטרונע פון אפּוטרופּסות, פֿון „פונאויוועגאַראָפּקוקען"; ער מוז איִנסטיִנקטיִוו שטרעבען צו ווערען אַ מיִן מאָראַליִשער דיִקטאַטאָר. און פון דער אַנדערער זײַט קאָן דער אַרבעטער נאָך אַלץ זיִך ניִשט אָפּזאָגען פון קוק אַפ'ן איִנטעליִגענט ווי אַף אַ „ווײַסהענטיִקען". ער האָט אַנ'איִנסטיִנקטיִווע פאַראַכטונג צו דעם, ווער עס האָט ניִשט קיִין „מאָזאָלעס" אַף די הענט. לעוו טאָלסטוי איִדעאַליִזיִרט אַפּיִלו איִן איִינער פון זײַנע מעשהלעך דעמדאָזיִקען פּריִמיִטיִוו-אַנאַרכיִסטיִשען בליִק פון המון, וואָס שפּעט-אָפּ פון „קאָפּאַרבעט", ד. ה. פון די גײַסטיִקע פּראָפעסיִעס. נאָר דערפון הערט די באַציִונג ניִשט אויף צו זײַן באַרבאַריִש.

איִן דעם מאָמענט, ווען אַ איִנטעליִגענט, וועלכער האָט אַלע שיִפען היִנטער זיִך פאַרבּרענט און האָט זיִך מיִט'ן קאָפּ אַרײַנגעוואָרפען איִן תהום פון אומלעגאַליִשער אַרבעט פאַר דער באַפרײַונג פון געדריִקטען אַרבעטערקלאַס, דערהערט פון מויל, פון אַ דורך איִם צו זעלבסטבאַוווסטזײַן געבראַכטען אַרבעטער, אַז ער איִז אַ פּאַראַזיִט — דערפאַר, וואָס, אַוועקגעבענדיִק זײַן גאַנצע צײַט דער אַרבעטעראָרגאַניִזאַציִע, מוז ער לעבען אַפ'ן חשבון פון דער פּאַרטײַקאַסע, — איִן דעם מאָמענט פיִלט זיִך אַף דער סצענע דער הויך פון אַלטגריִכיִשער טראַגעדיִע; צוויי קרעפטען באַגעגענען זיִך פון ניִשט גלײַכער מאַכט — די שטאַרקע און פאָרט שוואַכע פּער-זענלעכקײַט שטײַט פּניִם-אל-פּניִם מיִט דער בליִנדער אָביעקטיִוויִשער וויִרקלעכקײַט פון לעבען, שרעקלעכער איִן איִר סטיִכיִשען אכזריות, — און דער צוזאַמענשטויס מוז ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע, איִן וועלכער די פּערזענלעכקײַט מוז אומקומען.

היִרשביִין האָט ליִב טראַגיִשע טעמעס. כמעט אַלע זײַנע רעאַליִסטיִשע דראַמעס ענדיִקען זיִך מיִט טויט אָדער משוגעת. נאָר אַלע האָבען זיי פיִל פעלערען אַלס דראַמאַטיִשע ווערק. דער „איִנ-טעליִגענט", וויִדער, איִז גאָר עפּעס אַ מפּילקיִנד. קודם-כּל פעלט איִן איִם דער הויפּטפּאָן. דאָס, וואָס ביִלדט דעם שווערפּונקט פון דעם שטיִק; ווו איִז דאָס „מיִליע", ד. ה. די סביבה, איִן וועלכער דער איִנטעליִגענט וויִרקט און לעבט-איִבער זײַן טראַגעדיִע? ווו איִז די סטיִכיִשע, געזונטע און קאַלטע מאַסע, וואָס דערשטיִקט דעם, ווער עס דיִנט צו איִר ווי צו אַ גאָט? אפשר די 3 נאַריִשע ייִנגלעך פון צווייטען אַקט!? און ווו איִז די איִינזאַמע פּערזענלעכקײַט — דער

אינטעליגענט װוּ איז? אפשר נחום? זאָגט מיר, פֿונװאַנען איז געדרונגען, אַז ער איז אַן׳אינטעליגענט? און צי לעבט ער בכלל? דאָס איז דאָך נישט נאָר קײן מענטש נישט, דאָס איז דאָך אַפֿילו קײן סכעמע נישט — דאָס איז נאָר אַ נאָמען, װאָס זאָגט גאָרנישט דעם אױער פֿון צושױער. דאָסאײגענע זײַן שװעסטער.

דערבײַ װײַזט הירשבײן אַרױס אַן׳אומגלױבליכע אומבאַהאָלפֿענקײט אין דער אַנטװיקלונג פֿון דער דראַמאַטישער אַקציע. ער באַהערשט גאָרנישט די מעכאַניק און די טעכניק פֿון דראַמאַטישער שאַפֿונג. די העלדען זײַנע װירקען גאָרנישט, האַלטען נאָר אין אײן רעדען, און דאָך איז דער דיאַלאָג, דאָרט װוּ עס האַנדעלט זיך װעגען גרונטפּראָבלעמען פֿון שטיק, אָרעם, טויט. אײנמאָל אין משך פֿון דער גאַנצער פּיעסע שװימט־אױף אַ בלאַסער שאָטען פֿון אַ דראַמאַטישען מאָמענט, נאָר אױך אים נוצט הירשבײן גאָרנישט אױס. — אין צװײטען אַקט, װען נחום קערט־צוריק אַ צורודערטער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, װוּ אַן׳אַרבעטער האָט אים אַזאַ װאָרט געװאָרפֿען, װעלכעס האָט װי אַ מעסער זײַן האַרץ אַדורכגעשלאָגען. דער צושױער, שפּאַנט אָן די גאַנצע אױפֿמערקזאַמקײט; ער װאַרט — אָט־אָט װעט די טראַגעדיע אױפֿדעקען איר גאַנצען גרױזאַמען אינהאַלט... נחום רעדט מיט זײַן געליבטער, — אַן׳אוצר פֿאַר אַ געניטען דראַמאַטורג. אַרבעטער קומען־אָן — צװישען זײ דער באַלײדיקטער — מאַטעריאַל פֿאַר אַ צװײטער דונערענדיקער סצענע. די שװעסטער, דער אײנציקער פֿרײַנט, פֿאַלט אַראָפּ װי פֿון הימעל — די לעצטע פֿאַרבאָרגענע װינקעלעך פֿון העלדס נשמה דאַרפֿען זיך עפֿענען! און װאָס זעען מיר אָף דער סצענע? נאָר אַ פֿאַרדראָס! אױסער עטלעכע אױסערלעכע, קינדישע עפֿעקטען, גיט אונדז הירשבײן גאָרנישט. צו װאָס דער אַרעסט אין צװײטען אַקט, אױב נישט נאָר אַף צו פֿאָרשטעלען די פֿאַרלעגענהײט פֿון מחבר, װעלכער האָט נישט געװוּסט, װאָס צו טון מיט זײַנע פּאַפּירענע מענטשעלעך? דער לעצטער אַקט איז גאָר עפּעס אַ ביטערער חוזק פֿון דער דראַמאַטישער קונסט, פֿון צושױער, און פֿונ׳ם אױטאָר אַלײן...

די גערעכטיקײט פֿאָדערט מודה־צו־זײַן, אַז אין דער דראַמע איז אױך דאָ עפּעס פּאָזיטיװוּס: דאָס איז דער לעבענסשטײגערישער מאַטעריאַל, דער גרױזאַמער דלות, דאָס פֿאַרזױערטע לעבען פֿון דער ייִדישער קעלער־

שטוב, און אויב איר ווילט, אויך דער טיפּ פון אפרים מיט זיין פּראָסטער, נאָר אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגיע. דער עלעמענט אין גראָטען הירשביינען. כאַראַקטעריסטיש איז אויך די אַלגעמיינע שטימונג פון דעם שטיק: דער פּחד פאַר'ן לעבען, וועלכעס דריקט די מענטשהייט און ספּעציעליש דאָס יידענטום, ווי אַ שווערע אומ-פאַרשטענדליכע כמאַרע און קוועטשט מענטשען ווי פליגען... אָבער טאַקע די פּאָזיטיווע עלעמענטען זענען אין דעם שטיק פּולקאָם איבעריק, ווייל זיי האָבען צו אים קיין שום שייכות נישט. זיי דריקען ביז וויטיק, ביז טרערען, אָבער די דראַמע ווערט דערפון נישט בעסער.

נאָכן „אינטעליגענט“ איז אויפגעפירט געוואָרען שלום-עליכמס „צוזייט און צושפּרייט“. דער פּיעסע וועלען מיר ווידמען אַ ספּעציעליש אַרטיקעל.

---

ספּעציעליש איז ווערט אָפּצושטעלען זיך אַף דעם שפּילען פון אַקטאָר דראַנאָוו (אפרים אין „אינטעליגענט“ און מאיר שאַלאַנט אין „צוזייט און צושפּרייט“). ער געהערט צו יענע אמתע אַרטיסטען, וועלכע באַזיצען אַנ'אייגענע רייכע און טיפע פּערזענלעכקייט, ד. ה. דאָס, וואָס איז דאָס טייערסטע אין טאַלענט. ער „פאַרשטעלט“ זיך נישט גלאַט אַזוי, ער קאָפּירט נישט אָפּ גלאַט אַזוי די טיפּען, וועל-כע דער דראַמאַטורג גיט אים, ער זאַפּט זיי איין אין דער אייגענער נשמה. בעסער! ער רופט זיי אַרויס פון דער טיף פון זיין אייגענער אינדיווידואַליטעט, ווו זיי דרימלען אַלס מעג-לעכקייטען. דראַנאָוו האָט אין זיך עפּעס ספּעציפיש-זיינס, אומ-מיטעלבאַריש און פּאָלקסטימלעכס, טיפס און האַרציקס, וואָס ציטערט שטענדיק אין זיין קול און רייסט זיך פון אַלע זיינע באַוועגונגען. זיין אפרים איז טאַקע הירשביינס אפרים. נאָר דראַנאָוו האָט אים געפונען אין זיך אַליין. זיין מאיר שאַלאַנט איז טאַקע שלום-עליכמס מאיר שאַלאַנט, נאָר דראַנאָוו האָט אויך אים געפונען אין זיך אַליין. און אָט די זעלטענע מעלה, וואָס זיין פּערזענלעכקייט איז אַזוי פילזייטיק, מאַכט דראַנאָוון פאַר איינעם פון די בעסטע, וואָס אונדזער אָרעמע בינע פאַרמאָגט. אַ שאָד נאָר, וואָס ער ווערט פאַרשוואַרצט אין פאַרשידענע „בינקע-פינקעס“...

[„טעאַטערוועלט“ נ' 3 פון 29. אָקטאָבער 1908].

נח פּרילוצקי.

# „יחוס“.

(קאָמעדיע אין 3 אַקטען פון ש. אש. — געשפּילט אין „ערמיטאַזש“ דורך פּרץ הירשבּיינס טרופּע).

פאַר׳ן יידישען טעאַטער שטייען איצט צוויי וויכטיקע פראַגען פון רעפּערטואַר און רעזשי. — פּרץ הירשבּיין — זאָגט מען — גייט פאַרענטפערען ביידע. ליידער, האָט ער פאַר דער ערשטער נאָך גאָרנישט אויפגעטון. נישט אַזאַ עקעלדיקע קאַריקאַטור, ווי „אין שטאָט“, דאַרף קומען אַף דער יידישער בינע, און נישט מיט אַזאַ מפּילקינד, ווי „יחוס“, קאָן מען אויפפרישען אונדזער דראַמאַטישע קונסט. וועגען דעם לעצטען שטיק וועל איך געבען די טעג אַ ספּעציעלישען פעליעטאָן. פאָרלויפיק מאַך איך אַ קליינע באַמערקונג: ווי די „וואַרהייט“ דערציילט, האָט שלום אַש, שטייענדיק איבער׳ן קבר פון דעם, וואָס האָט פאַרפאַסט „מירעלע אפרת“, — אויסגעשריגען: „אָט, וואָס ס׳איז געוואָרען פון גרויסען יעקב גאָרדין!“. — איך מיין, אַז דאָס איז געווען מער ווי אַ חניפה די אַמעריקאַנער. לאָזען אַנדערע אויך, ענדלעך, באַגרייפען, אַז גרינג איז צו זידלען דעם פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג, אָבער ירשענען דעם מחבר פון דער „שחיטה“ איז גאָר נישט אַזוי לייכט. איידער אַ „יעקעל דער שמיד“ אָדער אַ „יחוס“, וואָלט שוין מער יושר געווען אויפצופירען, לאָמיר זאָגען, טאַקע „מירעלע אפרת“, — נאַטירלעך, אַ ריינינק-טון, אָפּוואַרפען דאָס שלוסבילד, נישקשה: וואָס ס׳טויג פאַר קאָרשס טעאַטער אין מאָסקווע — איז נאָך נישט אַזאַ גרויסער אומכּבוד פאַר דער אַדעסער ליבהאָבערטרופּע!

האָבען אונדזערע גאַסטראָלערען זיך געוויזען פון דער גוטער זייט כאָטש אין דעם רעזשי? — ווען זיי זאָלען דערשיינען פאַר אונדז שטיל, עניוותדיק: „מיר זענען יונגעלייט, וואָס פאַרמאָגען לעת-עתה מער גוטע כוונות, ווי געניטשאַפט, — ליבהאָבער-אָנפענגער“, — וואָלטען מיר געקאָנט צוגיין צו זיי מיט אַ קליינער מאָס, — ווירקלעך, וואָס באַשאַפט מען אין איין יאָר? — און מודה-זיין: „איר גיט שיינע האָפנונגען; פאַראַן באַ אייך אַ געזונט קערענדעל; קענטיק אַ זייער ערלעכע באַציאונג צו דער אַרבעט; איר האַלט זיך אַף דער סצענע נאָך ווי מאַריאָנעטקעס, צאַביסעל צו טרוקען, צו אויטאָמאַטיש, אָבער דאָס

באַווייזט אויך, אַז די ראָלען זענען גוט איינגעחזרט, אַז מ׳האָט נישט געקאַרגט קיין רעפעטיציעס, אַז דער רעזשיסער האָט מיט יעדען באַזונדער איינגעאַרבעט, אַסך מי געלייגט, ס׳זאָל אויסקומען אַ האַרמאָנייש בילד, אַ צונויפגעשפּילטקייט״... אָבער פּרץ הירשביין האָט זיך דערלויבט אַ שריט, פאַר וועלכען אַ מענטש מוז טראָגען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט: אין אַדעס האָט ער געשפּילט אונטער׳ן נאָמען: „יעווריייסקי כודאָזשעסטווענניי טיאַטר״, — סטאַניסלאַווסקי, הייסט עס, האָט איין קינסטלערישע בינע, און דער אויטאָר פון דער „נבלה״ — די צווייטע... אַרויסטרעטענדיק מיט אַזאַ פּרעטענזיע, צווינגט מען די קריטיק צו קומען מיט דער אמתער מאָס. איבערהויפּט, לעבט אונדזער דראַמאַטישע בינע איצט איבער אַן׳ערנסטע קריטישע מינוט: דערביי שטרעבען מאַנכע עלעמענטען—פילייכט קייגען הירשביינס וויסען און ווילען—אויסצונוצען זיינע גאַסטראָלען צוליב זייטיקע כונות. און אין אַזאַ מאָמענט איז דער חוב נישט צו רעדען קיין האַלבע ווערטער. כ׳שעץ זייער פּרץ הירשביינען, כ׳האָב דרך־ארץ פאַר דער אַרבעט, וואָס ער האָט שוין אַריינגעלייגט אין זיין סימפּאַטישער אונטערנעמונג, כ׳ווינטש אים אויך אַף ווייטער די ברייטסטע געזעלשאַפטלעכע שטיצע — אָבער דאָס אַלץ קאָן מיך נישט אָפּהאַלטען פון אַרויסצוזאָגען דעם גאַנצען אמת: מער ווי ערשטע קינדערטריט האָב איך נישט געזען אַף זיין בינע.

אָנשטאָט האַלב־ניין, הייבט זיך דער פאָרהאַנג אויף פאַר צען, און דאָך האָט מען קיין צייט נישט געהאַט אויפצוהענגען די לינקע טיר אַזוי, אַז מ׳זאָל נישט זען דורך דער שוואַרצער קרעפּע, וואָס דאַרף געבען מיסטישע שטימונג, אין שפּאַלט, ווי הינטער דער קוליסע, דאָרט, ווו מעשים נוראים דאַרפען זיך אָפּשפּילען, שטייט עפּעס אַ מענטש און רייכערט זיך געמיטלעך אַ פּאַפּיראָס. לעאָן גיט אַ שטופּ די טיר — זי עפענט זיך — נאָר אָנשטאָט דעם פאַרצוימטען געהיימענישפולען קאַבינעט, האָט דער צושויער פאַר די אויגען — אַ לייטער, אַ יינגעל, אַן׳אָפענע „אובאָרנע״.... ווי איז קיינעם נישט איינגעפאַלען, אַז מ׳דאַרף דאָרט אַנידערשטעלען עפּעס אַ שטיקעל דעקאָראַציע?!...

אַ גבירישער אַריסטאָקראַטישער סאַלאָן אין ערשטען אַקט — און רויטע פאָרטיערען מיט גרין מעבעל. אַן׳אַלקערעל באַם רייכען שענקער; מ׳רעדט פון הויך אויפגעבעטע בעטען, און די בעטען האַלב־ליידיק; מ׳עפענט די קליידערשאַנק — ליידיק פון דער אייבערשטער פּאָליצע

ביִז דער אונטערשטער. ס׳איִז קלוימערשט נאַכט — און קייִן פּייַער וּוערט ניִשט אָנגעצונדען. — דאָס זאָל הייִסען „קונסטבּיִנע“!?

וועגען מענטשענמאַטעריאַל פון דער טרופּע וועל איך מיִר דערלויִבען דאָסמאָל ניִשט צו רעדען. כ׳מוז איִם פריִער זען איִן אַנ׳ערנסטער פּיעסע.

[„אונדזער לעבען“ נ׳ 53 פון 16. מערץ 1910.]

# שיילאָק.

וועגען דעם ייד, וועלכען ווילליאַם שעקספּיר פירט ארויס אין זיין קאָמעדיע „דער סוחר פון ווענעדיג”, איז שוין אַסך, זייער אַסך גערעדט, געפּלפּולט און געשריבען געוואָרען אין אַלע צייטען און אַף אַלע לשונות.

פאַר די שונאי־ישראל איז דאָס ממש אַן׳אוצר. שיילאָק, זאָגען זיי, איז די פאַרקערפּערונג פון יידישען נאַציאָנאַלישען כאַראַקטער אין זיין גאַנצער אוממענטשלעכער העסלעכקייט, — און זיי פאַררופען זיך אָפט אַף אים אין זייער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

י חסידים פון די אומות־העולם און די יידישע שריפטשטעלער, ווידער, פאַרטיידיקען דזשעסיקעס פאָטער, זאָגענדיק, אַז די אַרומיקע סביבה, אין יענער צייט, איז געוועזן נישט העכער און נישט בעסער פון אים, און אָנווייזענדיק די פּאָזיטיווע זייטען פון זיין כאַראַקטער.

און ביידע צדדים זינדיקען מיט איין און דעמזעלביקען טאָפּעלען טעות, — צו־ברייט אויסטייטשענדיק אי דעם טיפּ אי זיין אָרט אין דער פּיעסע.

אינדעראמתען, האָט זיך דעם געניאַלישען ענגלישען דראַמאַטורג נישט געחלומט אפילו צו באַטראַכטען שיילאָקען אַלס פאַרטרעטער פון דער יידישער נאַציע, אַלס איר סימבאָל.

שעקספּיר מאַכט חוזק פון אַראַגאָנישען פּרינץ, פון מאַראָקאַנישען סולטאַנס זון, פון גראַף פּאַלאַטינסקי, פון מאַגנאַט לע־באָן, פון באַראָן פאַלקאָנברידזש, — הייסט עס דען, אַז ער שפּעט־אָפּ פון די פעלקער, צו וועלכע די אַלע פאַרשוינען געהערען?

מ׳פאַרגעסט, אַז דער מחבר פון „האַמלעט” און „אָטעלאָ” איז דער קינסטלער דערפון, וואָס מ׳רופט — „אַלמענטשלעכע טיפּען”.

אים אינטערעסירט קנאַפּ דאָס נאַציאָנאַלישע אין מענטשען, הגם דער עטנאָגראַפישער קאָלאָריט איז אין זיינע ווערק תמיד ריכטיק אויסגעהאַלטען, און אין „מאַקבעט” איז דאָס לעבען דורכויס

נישט דאָסאייגענע, וואָס אין „קאָריאָלאַן“, אין „דענישען פּרינץ“ — נאָר אַנ׳אַנדערס, ווי אין „די ווינדזאָרער שטיפעריננס“.

שעקספּיר איז דער פאָרשער פון דער מענטשלעכער נשמה, וועלכע, אַלס אַזעלכע, איז, אין תוך, איינע און דיזעלביקע אַף דער גאַנצער ערד.

דערעיקר ציען צו זיך צו זיין אויפמערקזאַמקייט די אַלגעמיינע מענטשלעכע ליידענשאַפטען, וועלכע ער האָט ליב צו אַנאַליזירען אין זייער באַוועגונג און וווקס, פון דעם געבוירען־ווערען ביז־דער מעכטיקסטער אַנטוויקלונג, ווי אַ נאַטורפאָרשער, וואָס גייט נאָך דעם טייך פון דעם קוואַל, ווו ער רייסט זיך אַרויס אַף גאָטס וועלט אין געשטאַלט פון אַ זילבערען שלענגעל, ביז צום ים, וווהין ער וואַרפט זיך אַריין, ווי אַ שטאָלצער ריז.

שעקספּיר נעמט אַ יחיד, אַמאָל — אַ שטאַרקע, אַמאָל — אַ שוואַכע נאַטור, שטעלט אים אַוועק אין אַזעלכע אומשטענדען, וואָס ווירקען, אַז זיין נטיה זאָל אָנהייבען אומנאָרמאַליש צו וואַקסען און צו שטייגען, אַרויסרופענדיק איינוויינקסטע סתירות, צוזאַמענשטויסונגען, מלחמות און קאַטאַסטראָפעס, — און קוקט זיך צו מיט דער שאַרפער ראיה, צו די אַלע ענדערונגען, איבערקערענישען און חורבנות אין דער פּסיכיק פון דער פּערזאָן.

מיט דעמאייגענעם נייגיריקען בליק שניידט זיך דער גרויסער דיכטער אַריין אין שיילאָקס הארץ. דאָס איז פאַר אים קודם כל — אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשען.

אייגענטליך, אַף גאָר אַ צופעליקען אופן איז דער אומגליקלעכער ייד אַריינגעפאַלען אין די עלעגאַנטישע קאָמפּאַניע, וואָס גייט אַדורך פאַר אונדזערע אויגען אין „סוחר פון ווענעדיג“.

דער הויפּטהעלד פון שטיק איז אַנטאָניאָ. אין אים האָט שעקספּיר געוואָלט פאָרשטעלען דעם טיפּ פון אַ קוליפּמאַן, וואָס איז אויסגעלייזט פון יענע קליינלעכע שוואַכקייטען און טונקעלע זייטען, וועלכע זענען איינגעוואָרצעלט אין דער נאַטור פון אַ סך סוחרים, — צייכענט זיך אויס מיט דערהויבענעם אידעאַליזם, פעיק זיך אַליין מפקיר־צו־זיין אין נאָמען פון דער איידעלער פריינטשאַפט.

שיילאָק איז אין דער פּיעסע, סך הכל, אַנ׳עפּיזאָדישע פיגור.

אין סיפור־המעשה פון דעם ווערק, ווי עס האָבען דערוויזען שעקספּירס פאָרשער, זענען זיינער קונציק צונויפגעפלאָכטען צוויי אינטערעסאַנטע לעגענדעס נאָך פון 13־טען יאָרהונדערט.

איינע דערציילט וועגען אַ בת־מלכּה, וואָס איז געוואָרען דעם רוימישען קייזערס שנור נאָך אַנ׳אָריגינעלישען פּרווו: מ׳האָט פאַר איר אַנידערגעשטעלט דריי קעסטלעך, — אַ גאָלדענס, אַ זילבערענס און אַ צינערענס מיט געהעריקע אויפשריפטען; אין איינעם איז געלעגען דעם חתנס בילד; די קלוגע פּרינצעסין האָט אויסגעקליבען דאָס צינערנע, און — געטראָפען.

די אַנדערע מעשה שילדערט אַ סוחרס אַ זון, וואָס האָט געליגען באַ אַ ייד 10 טויזענט דוקאַטען, בתנאי צו לאָזען זיך אויסשניידען אַ פונט פליייש אין פאַל, אַז ער וועט נישט צאָלען צום טערמין. מיט דער הילף פון דעם געלט האָט ער געפּועלט, אַ זיינער רייך און שיין פּרויענצימער זאָל מיט אים חתונה־האָבען, נאָר פון גרויס גליק האָט ער פאַרגעסען אין חוב און געמוזט אַנטבלייזען די ברוסט פאַר׳ן איינגעעקשנטען מאַנער. אָפּגעראַטעוועט פון זיכערען טויט האָט אים דאָס יונגע ווייב, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ריכטער און געפּסקענט, אַז דער ייד מעג זיך נעמען דעם פונט פליייש פון יונ־געמאַנס לייב, אָבער אַזוי, אַז קיין טראָפּען בלוט זאָל נישט אַרויס.

צוזאַמען מיט דער לעצטער מעשה איז אויך דער ייד אַריין אין שעקספּירס קאָמעדיע, וועלכע וואָלט, געוויס, קיין קאָמעדיע נישט געווען און וואָלט אַנדערש זיך געענדיקט, ווען שיילאָק זאָל איר הויפּטהעלד זיין.

נאָר בדרך־אגב, קען מען זאָגען, האָט דער ענגלישער זשעני אויסגעקנאָטען די פיגור, אָבער — דאָס איז שוין ריי כּשופק־אַפּט פון אַ גאון — אפילו פאַרבייגייענדיק האָט שעקספּיר באַשאַפען אַ טיפּ, וואָס איז, אפשר, פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט — נישט ריכטיק, טראָגט, אָבער, אַף זיך דעם שטעמפּעל פון פּסיכאָלאָגישער וואָרהייט, און, דעם אמת זאָגענדיק, האָבען דאָ, אין גרונט, די אַנטיהעמיטען נישט וואָס אונדז דערמאָזיקען ברודער אויפצוואָרפען, אוז די יידענפרייַנט און מיר אַליין — אים צו פאַרטיידיקען.

שיילאָק פאַרלאַנגט דורכויס אַ פונט פליייש פון זיין שונאס לייב. דאָס וועגעדיקער געזעץ איז אַף זיין זייט, — וואָסער־זשע

טענה קען מען צו דעם יידען האָבען? — זאָל ער, פרעמדער, עלענטער, זײַן הומאַנישער פון די מעכטיקע קריסטלעכע געזעצגעבער?

דערקלערט דאָך שעקספּיר מיט שײַלאָקס מויל: „ווען אַ ייד טוט אַנ׳עוולה אַ קריסט, — מיט וואָס ענטפערט די קריסטלעכע גוטהאַרציקייט? מיט נקמה. ווען אַ קריסט טוט אַנ׳עוולה אַ יידען, — מיט וואָס, אײַך נאָכטועגדיק, דאַרף ענטפערען דאָס יידישע געדולד? נו, אויך מיט נקמה. די שווײַנערײַען, וועלכע איך לערען מיך אָפּ פון אײַך, וועל איך אויסנוצען אין דער ווירקלעכקייט, און אויב איך וועל נישט איבערשטײַגען מײַנע לערער, הייסט עס, האָב איך גאָר קיין מזל נישט”.

און ווי וואָלט געווען, ווען עס זאָל, אַ שטייגער, זײַן פאַרקערט: שײַלאָק זאָל זײַן דער באַנקראָט, און אַנטאָניאָ — דער מלוה — וואָלט דען דער קריסט נישט אַרויסגעוויזען אַ פיל גרעסער אַכזריות, ווי דער ייד? אַ תשובה אַף דער פראַגע גיט אונדז דער פערדער אַקט.

דניאל אין דער ספּודניצע באַזיגט מיט איר פּשטעל דעם אָרעמען ייד. ערשט פריער מיט אַ מינוט האָט זי געהאַלטען אַ לאַנגע דרשה וועגען „רחמנות”. נאָר אָט האָט זי אַרויסגעריסען פון שײַלאָקס הענט דעם זיכערען נצחון. וואָס־זשע, ווענדט זי צו אים אָן די פּרינציפּען, פון וועלכע זי האָט נאָר וואָס אַזוי הייס גערעדט? ניין, מ׳צוטרעט דעם אומגליקלעכען ייד ווי אַ וואָרעם. ער האָט פאַרלאַנגט נאָר אַ פונט פלייש, — בײַ אים שנײַדט מען אויס די נשמה, צווינגענדיק אים צו שמדען זיך, — און אַנטאָניאָ, דער פוטער־ווייכער אַנטאָניאָ, איז דער אויפגעבער פון פּלאַן!

פאַרוואָס האָסט אַזוי דער קריסטלעכער סוחר דזשעסיקעס מאַטער? דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד!

זאָל שײַלאָק נישט פײַנט האָבען ווי אַ שפּין באַסאַניאָס חבר — פאַר די באַליידיגונגען, מיט וועלכע ער פאַרפאָלגט אים אַף שריט און טריט, פאַר די עוולות, וואָס ער טוט אים יעדען טאָג, יעדע שעה, פאַר די זלזולים, מיט וועלכע ער שימפּט אים און זײַן פאָלק?

ער רופט דעם ייד — „הונט”, ער שפּײַט אים אין די באָרד אַרײַן, — וואָלט דאָך דער ייד איבאַמתען קיין מענטש נישט געווען, ווען דאָס געפיל פון נקמה זאָל אין זײַן ברוסט גאָרנישט אויפוואַכען!

איר וועט זאָגען: די געשיכטע ווייסט נישט פון יידען, וואָס זאָלען זיך דערוועגען נקמה צו זוכען אין זייערע פּייניקער, צווישען וועלכע זיי קומען אָפּ דעם גלות. איר וועט זאָגען: דאָס ליגט כּלל נישט אין דער טבע פון אַ ייד, — אַ ייד איז נישט בּלוטדורשטיק; אַ ייד איז נישט פעיק צו שאַרפען אַ מעסער פאַר דער אַנטבלייזטער ברוסט פון זיין קרבן.

אָבער פּסיכאָלאָגיש איז דאָס אַלץ מעגלעך. און אַ מענטש מיט אַ נאָרמאַלישער פּסיכאָלאָגיע, אַ מיטגליד פון אַ פרייער נאַציע, אַ קריסטלעכער שריפטשטעלער האָט זיך דרייסט געקענט פאָרשטעלען אַזעלכע געפילען אונטער אַ יידישען מאַנטעל.

און אויב איר ווילט, שטעל איך מיר אויך פאָר די מעגלעכ-קייט פון אַ שיילאָק.

געוויס, אַלס פאַרקערפּערונג פון אונדזער נאַציאָנאַלישען כאַראַקטער, איז דער טיפּ פאַלש, אָבער אַלס אַ אינדיווידו-עלישער יידישער כאַראַקטער, איז ער גאַנץ מעגלעך.

און ווי זאָל נישט זיין מעגלעך אַ מענטש, וואָס זיינע געזונטע אינסטינקטען, זיין קאָכעדיק בּלוט קענען נישט איבּערטראָגען, ווי מ'בּאַליידיקט זיין מענטשלעכע און נאַציאָנאַלישע ווערדע, און ער ענטפערט מיט אַן'ערדישער תשובה: שנאה פאַר שנאה, בּלוט פאַר בּלוט.

און אַזאַ טיפּ האָט אונדז טאַקע בּאַשאַפען שבתצונאַכטס אין קאַמינסקיס טעאַטער דער אינטעליגענטישער ה' יעקב זילבּערט, און דערמיט בּאַוויזען, אַז ער האָט גוט זיך אַריינגעטראַכט אין שעקספּירס ווערק און משיג-געווען דעם געניאַלישען דיכטערס כּוונה.

שיילאָק, אין דעם אַמעריקאַנישען אַרטיסטס אויפפאַסונג און איבּערגעבּונג, איז וויניקער ווי אַלץ דער מענטש פון מח, פון פּלפּול, פון איבּערפּליסיקען רחניות. דאָס איז אַ מענטש, ווי אַלע אַרום, מיט געזונטע חושים, מיט אַ גרויסען טעמפּעראַמענט, און מיט די נאָרמאַלישע אינסטינקטען פון אַ לעבּעדיק בּאַשעפעניש, וואָס קען אין זיך נישט שטיקען די שטים פון בּלוט.

אויסערלעך רויק, אָבער אינעווייניק שטאַרק אויפגערעגט און צורייצט, איז שיילאָק פאַר אונדז אין ערשטען אַקט, אין דער סצע-נע מיט אַנטאָניאָ: די בּאַליידיקטע זעלבּסטווירדע, דער אוממעכטיקער צאָרן, דער ווייַ פון אַ בּאַליידיקטען, וואָס קען קיין נקמה נישט

געמען, ברענען אין אים, נאָר דעם תנאי מיט'ן פונט פליִיש ליגט ער פאַר תחלת טאָקע בלויז אַף קאַטאַוועס, נישט גלייבענדיק בשעת מעשה, אַז עס וועט קומען ווירקלעך דערצו, ער זאָל דאַר־פען דאָס מעסער אין האַרץ פון זיין דם־שונא אַריינשטעקן.

זייער גוט האָט ה' זילבערט איבערגעגעבן דאָס פּאָרגעפיל, וואָס דריקט שײַלאָקס האַרץ פאַר'ן אַוועקגיין פון דער היים. דאָס אומגליק ליערט שוין הינטער דער טיר פון זיין שטיל הויז, און זיין געזונט, ערדיש האַ"ץ שפּירט דאָס. אַזוי שפּירן נאָר פּרימיטי־ווע, ווילדע נאַטורען. דזשעסיקעס אַנטלויפן צובלאָזט נאָך מער זיין שנאה צו די פּאַרפאָלגער. די איינציקע טאָכטער האָבן זיי אים נישט פאַרגונען! — ווילד, שטורמיש נעמט ער אויף דאָס אומ־גליק, און דער צושויער שפּירט, אַז דעם באַרויבטען פאָטערס צו־בראָכען האַרץ וועט זיך שוין נישט אַזוי גרינג קילען!

נאָר אָט ווערט שײַלאָק געוואָר פון אַנטאָניאָס ירידה. ווי באַלזאַם זענען דידאָזיקע ידיעות פאַר זיין צוווייטיקט געמיט, און ה' יעקב זילבערט האָט זייער פּלאַסטיש איבערגעגעבן די שפּיל פון די צוויי פאַרשידענע אויסגעמישטע געפילן אַף שײַלאָקס געזיכט: דעם צער באַ די ידיעות וועגען דער פאַרשווונדענער טאָכטער, די פרייד — באַ די דערציילונגען וועגען זיין פיינטס מפּלות.

גוט, ווי פאַרגליווערט, ווי פון אייזן געשמידט און דערביי איינגאַנצען אָנגעשטרענגט, מיט אַ פיבער פון אַ תאוה, וואָס איז אַף דער שוועל פון באַפרידיגונג, אין איטלעכען נערוו, האָט זיך גע־האַלטען ה' יעקב זילבערט אין לעצטען אַקט. נאָר צום סוף איז ער עטוואָס דעטאָנירט געוואָרען דערפון, וואָס די מיטשפּילער זיינע זענען אַריינגעפאַלען אין אַ שלאַבריקען, קאַלטען טאָן און געשפּילט צו טרוקען און לאַנגווייליק.

אים אַלגעמיינען איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרען גאַנץ אָנשטענדיק.

די נייע דעקאָראַציעס מאַכען אַ גענוג אָנגענעמען איינדרוק.

די ראָלען זענען מער ווייניק איינגעשטודירט.

אסתר־רחל קאַמינסקי און יוליוס אַדלער האָבען זיך גע־האַלטען, ווי פאַר זיי פּאַסט.

פריילין רעגינע קאַמינסקי האָט זיך באַמיט צו באַלעבען איר קליינע ראָלע אַלס דזשעסיקע.

די איבעריקע טיילנעמער, מ'קען נישט זאָגען, זיי זאָלען זיין אַפ'ן אָרט, — אַלענפאַלס פלייס האָט מען פון זייער זייט געזען.

[„מאָמענט" נ' 98 פון 10. מאי 1912].

נח פּרילוצקי.

# „ישראל“ פון אנרי בערנשטיין.

ענדלעך, איז קאַמינסקיס טעאַטער אַרויפגעטראָטען אַף דעם איינציק ריכטיקען וועג, אַף וועלכען נאָר עס קען אים באַלייטען די סימפּאַטיע פון באַוווסטזיניקען טייל אין יידישען פובליקום.

פּאַראַכטאָגען שבתצונאַכטס [1] האָבען מיר געזען אַף אָבאָזשנע גאַס צום ערשטען מאָל שעקספּירס אַ ווערק, מיט געוויסע פאַר־קירצונגען, לויט די תנאים פון דער יידישער סצענע.

היינטיקען מוצאי־שבת איז דאָרט שוין געגאַנגען אַ צווייט נייעס — אַ נייעס פאַר'ן יידישען וואַרשע, נאַטירלעך, — אַנרי בערנשטיינס באַקאַנטע דראַמע — „ישראל“.

אַזוי דאַרף עס צו זיין. יעדע וואָך — און נאָך עפטער, אַפילו, — אַ פּרעמיערע. אַ שטיק פאַלט אַדורך — אויך נישט קיין גרויס אומגליק. דער אַקטאָר איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר'ן דראַמאַטורג. ווי שוואַך אַ פּיעסע זאָל ניט זיין — אין אַ ברייטען רעפּערטואַר קען זי אויך אָנגיין. ווי זאָגט דאָס אַ בילדלעך יידיש גלייכווערטעל — „אַ שלעכט צענערעל — אין אַ טיטעל גייט עס“. — דערעיקרשט איז וויכטיק, אַף דער בינע זאָל זיין לעבען, באַוועגונג. עס זאָל ניט הייסען, אַז די טרופּע — ווי די פורימשפּילערס — האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשלאָסען אין די ענגע פיר ווענט פון עטלעכע אַלעמען־באַקאַנטע, אין תוך גאָרנישט שלעכטע, אָבער אַלעמען שוין צוגעגעסענע, פּיעסעס.

דער רעפּערטואַר פון אַ טעאַטער דאַרף פליסען, ווי אַ טייך, — פרישע כוואַליעס יאָגען אָהן אויפהער אָן און לויפען באַלט אַוועק, אָפּטרעטענדיק דאָס אָרט פאַר נאָך פרישערע, נאָך יינגערע.

נאָר דערויף און נאָר דערמיט האַלט זיך דאָס פּוילישע „קליינע טעאַטער“ אין בנין פון דער פילהאַרמאָניע. אַ מעכטיקער, האַסטיקער שטראָם פון נייעסען גיסט זיך אין משך פון 6 יאָר דורך

1) דעם 11־טען מאַי.—

די מיניאטורישע סצענע, און מיט דעם אומאויפהערלעכען קאָך האָט זי זיך דערוואָרבען אַ פעסט און אַ בכבודיק אָרט אין דער פּוילישער דראַמאַטישער קונסט.

מיט אַפּטע פּרעמיערעס באַשאַפט מען דאָס, וואָס ווערט אָנגערופען מיט'ן טערמין „טעאַטערלעבען", מ'ציט צו צום טעאַטער דעם אינטעליגענטישען קרייז צושויער, מ'צווינגט צו אינטערעסירען זיך מיט דער בינע, צו רעדען, צו שרייבען פון איר.

אין אַ פּליסיקען רעפּערטואַר אַנטוויקעלט זיך אויך די סצענישע קונסט. ער לאָזט ניט דעם אַקטאָר איינשלאָפען אין די באַקוועמע מאַסקעס פון די לאַנגאיינגעחזר'טע ראָלען. ער וועקט דעם געדאַנק פון שוישפּילער און זיין געפיל. ער מאַכט דעם אַרטיסטס נאַטור באַוועגלעכער, בייגעוודיקער, פאַרטיפט אירע מעלות, רייבט-אָפּ, ווי ווייט עס לאָזט זיך נאָר, די חסרונות אירע, דערוועקט אין איר אַלץ נייע דרימלענדיקע מעגלעכקייטען, גיט איר די געלעגענהייט אַרויסצושטעלען די פאַרבאָרגענסטע זייטען פון איר באַגאַבונג.

זאָל נאָר די טרופּע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער גרעסטער יידישער דראַמאַטישער אַרטיסטין, ניט אָפּטרעטען פון דעם גליקלעכען פּלאַן, וועלכען זי האָט זיך לסוף פאַרגענומען; זאָל נאָר אויך דאָס יידישע פּובליקום וויסען, ווי אָפּצושאַצען איר אַרבעט און איר מי, ניט אָפּזאָגען איר אין דער געהעריקער מאָראַלישער און מאַטעריעלישער שטיצע, וואָס איז דער ערשטער און דער וועזענטלעכער באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ און וווקס פון יעדער קולטורעלישער אונטערנעמונג, — דאַן קענען מיר האָפען, אַז סוף-כל-סוף, מיט די פאַראייניקטע כחות פון דער סצענע און פון דער געזעלשאַפט, וועלען מיר, מיט דער צייט, דורך אומדערמידלעכען און בהדרגהדיקען פאָרטשריט, ענדלעך קומען צו אַ שטיקעל אייגען קינסטלערישע טעאַטער!

אנרי בערנשטיינס „ישראל", וואָס האָט מיט איבער דריי יאָר צוריק געהאַט גרויס ערפאָלג אין פּאַריז, און דערנאָך אויפגעפירט געוואָרען אַף אַלע גרעסטע אייראָפּעישע סצענעס, צייכענט זיך, אין גרונט, ניט אויס מיט קיין געוואַלטיקע מעלות. דאָס איז ניט קיין ווערק, וואָס גייט איבער אין דער גע-

שיכטע פון דער ליטעראַטור און פון טעאַטער. דאָס איז ניט קיין ליטעראַרישע שאַפונג, וואָס זאָל אַרויסרופען אַנ'אָפּקלאַנג אין די קומענדיקע דורות.

גאַרנישט, — אַ טיפּישע פראַנצייזישע לײַכטע פּיעסע. קורץ — דרײַ קלײנע אַקטען, וואָס מאַכען ניט מיד און ווערען זייער גרינג פּאַרדייט. נאָך דער פאָרשטעלונג גייסטו נישט אַרויס פון טעאַטער אָנגעלאָדען מיט אײַנדריקען, געדאַנקען און געפילען, וואָס וועלען דיך לאַנג פאַרפאָלגען, ניט לאָזען רוען; קענסט זיך אָהן אָנשטרענגונג, גאַנץ נאַטירלעך און געמיטלעך אָנהייבען רעדען גאָר פון אַנדערע זאַכען, — פון ראָניקערס פּראָצעס, פון וועטער, פון לעצטען סענסאַ-ציאָנעלישען גט, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, — און פאַרענדיקען דעם אָנגענעם פאַרבראַכטען אָווענט מיט אַ געשמאַקער וועטשערע אין אַ גוטען רעסטאָראַן צווישען פרײַנט און באַקאַנטע.

מער נישט, דאָס שטיק פאַרמאָגט דאָס, וואָס מ'רופט אָף דעם טעכנישען לשון — „אַ צוויאַק“, — ד. ה. זײַן דראַמאַטישען „טריוק“, זײַן אייגענעם סצענישען עפעקט, אַ נײַעם אויפטו אין דער אינטריגע, אַנ'אײַנפאַל, וואָס האָט אַ געוויסען פּסיכאָלאָגישען און געזעלשאַפט-לעכען אינטערעס, — און דערמיט לאָזט זיך דערקלערען „ישראלס“ ערפאָלג אין מערבאייראָפּע. דאָסדאָזיקע „נײַע וואָרט“ באַרעכטיקט אויך דאָס דערשײַנען פון דער דערמאָנטער פּיעסע אָף דער י י ד י ש ע ר  ב י נ ע.

אין „ישראל“ באַרירט אַנרי  ב ע ר נ ש ט י י ן  איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פראַגען פון פראַנצייזישען סאָציאַלישען און געזעל-שאַפטלעכען לעבען, וועלכע איז שוין באַהאַנדעלט געוואָרען אין אַ סך אַנדערע פאַריזער פּיעסעס, — דעם  אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם. אַלס ייד, קריטיקירט ער דידאָזיקע אײַנגעוואָרצעלטע פּסיכישע קראַנקהייט, פון וועלכער אפילו די מאָדערנע אויפקלערונג איז ניט אימשטאַנד געווען צו באַפרײַען די אַזויגערופענע „ציוויליזירטע וועלט“. נאָר דער פּאַטש דעם יידענפרעסערײַ איז אין „ישראל“ געגעבען געוואָרען אָף זייער אַנ'אָריגינעלישען און וויציקען אופן, — און דאָס האָט אַרויסגע-רוקט דאָסדאָזיקע שטיק אָף אַנ'אָנגעזעענעם אָרט צווישען די אַלע איבעריקע פון דעמזעלביקען מין.

ט ש ע מ ב ע ר ל ע ן  און אַנדערע האָבען אויסגעטראַכט די „ר אַ ס ע נ ט ע אָ ר י ע“ פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכע איז געוואָרען

אנ׳אמתער מטמון פאר אלע צוררי=היהודים. מענשיקאוו און סטאליפין פאררופען זיך אויך אפט אף איר. צוויי ראסען שטייען איינע אקייגען דער אנדערער: די סעמיטישע און די ארישע. די אייגענשאפטען און אייגענטימלעכקייטען פון איינער זענען סותר די גרונטשטריכען פון דער צווייטער. מוז א שטערבלעכער האס ביידע פונאנדערטיילען, און נישטא אזא וואסער, וואס זאל זיין ביכולת די שרפה אויסצולעשען.

פירט אנרי בערנשטיין ארויס א פארביסענעם פרינציפיעלישען שונא=ישראל, דעם 27=יעריקען אנפירער פון דער פראנצייזישער אנטיסעמיטישער פארטיי, דעם פירשט טיבא, וואס שטאלצירט מיט זיין הויכער אריסטאקראטישער אפשטאמונג און איז טיף איבערצייגט, אז די שנאה צו יידען ליגט שוין אין זיין בלוי אריש בלוט.

ער קען פיזיש ניט איבערטראגען דעם 54=יעריקען רייכען יידישען באנקיר זשוסטען גאטליב. זיין פיינטשאפט דערגרייכט אזוי ווייט, אז ער באשליסט זיך צו פארניכטען דעם אומשולדיקען מענטש, וועלכער האט אים אף זיין לעבען אף א האר ניט דערטשעפעט.

ער ווארט=אפ דעם באנקיר אין פאדערזאל פון דעם קלוב, אין וועלכען ביידע זענען זיי מיטגלידער, פארשטעלט אים דעם ארויסגאנג און זאגט, אז ער וועט אים נישט ארויסלאזען, ביז דער ייד וועט אים ניט געבען א שריפטלעך התחייבות, אז ער וועט ארויסטרעטען פון קלוב, אין וועלכען ער באטייליקט זיך שוין זייט 30 יאר, און וועט אויפהערען מיס זיין אנוועזענהייט צו באליידיקען זיין, טיבאס, אדעליקע און קריסטלעכע פערזענלעכקייט.

גאטליב זאגס זיך אפ צו דערפילען די ווילדע פאדערונג, און בעט דעם היציקען יונגענמאן, ער זאל זיך בארויקען. טיבא הייבט=אויף אף דעם יידען די האנט. דער ייד מוז אים ארויסרופען אף א דועל, אויב ער וויל נישט, מ׳זאל אים אויפהערען צו דערלאנגען די האנט.

קומט דער צווייטער אקט, דער קנופ פון דער גאנצער פיעסע, די נשמה פון איר ערפאלג, און איבערראשט אונדז מיט אנ׳אומגעהייערער סענסאציע: דאס וועט זיין א דועל פון א טאטען מיט א זון, דען גאטליב איז אמאל געוועזען דער פירשטינס אנגעסא, דער קאטוילישער צלמניצעס געליבטער, און טיבא איז די פרוכט פון

זייער פארבארגען געפיל!

און טיבא איז א באריזמטער פעכטער. נישטא, אלדזא, קיין אנדער מיטעל, צו פארמיידען דעם שרעקלעכן פאטע מארד, ווי צו אנטפלעקען פאר׳ן יונגען ראש פון דער אנטיסעמיטישער פארטיי דעם סוד פון זיין געבורט. דער מוטערס ווערטער מאכען אף טיבא אזא דערשיטערענדיקען איינדרוק, אז ער דערשיסט זיך.

און ווי קען ער לעבען, אז זיין טעאריע האט באנקראטירט!

ער האט געלעבט אין טעות, אז דער יידענהאס איז די שטים פון זיין ארישער נאטור, — צום סוף לאזט זיך אויס, אז אין זיינע אדערען רינט גאר יידיש בלוט!

פאר׳ן זעלבסטמארד האט ער א שמועס מיט׳ן פאטער, און גאטליב מאכט קלאר דעם פאריאושטען זון, אז די גאנצע האנדלונג טיבאס אין זיין אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע און אגיטאציע איז פון א יידען: נאר א ייד קען זיין אזא פארביסענער יידישער שונא!

דאס קלינגט אפשר ווי א פאראדאקס, נאר די געשיכטע און די געגענווארט ווייסען א סך ביישפילען, וואס דערלויבען מיט אים זיך צו רעכענען.

קיין שום צורר־היהודים איז נישט פעיק אזויפיל גיפט און נידערטרעכטיקייט אין זיין האס איינצופעדעמען, ווי א ייד, ווען ער פארלאזט זיין פאלק און גייט־איבער אף דער זייט פון זיינע פארפאלגער.

און איז דען נישט א דערוויזענער פאקט, אז די ערגסטע, די בלוטיקסטע, שאוויניסטען אין אלע לענדער שטאמען גראד נישט פון דער אומה, וועלכער זיי זענען אזוי עקסט „טריי“, נאר באלאנגען נאכ׳ן בלוט צו יענע נאציעס, קייגען וועלכע זיי טרעטען אזוי שענדלעך ארויס?

די פיעסע שליסט זיך מיט גאטליבס ווערטער, וואס דער תמצית זייערער איז, אז נאר דאס קריסטענטום איז די אורקוועל פון אנטיסעמיטיזם.

אויפגעפירט געווארען איז די פיעסע מיט קענטיקען פלייס. אף דער סצענע האט זיך באוויזען פריש, שיין מעבעל.

אין פובליקום ווענדט זיך, די אויסערלעכע זייט פון דער יידישער בינע זאל מיט'ן לויף פון דער צייט וואס פיינער, וואס עסטעטישער ווערען.

טעאטער איז אַנ'אונטערנעמונג, גלייך מיט אַלע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. ווערט עס באַזוכט פון פובליקום, קען עס זיך אַנטוויקלען. גייט מען ווייניק אין טעאַטער, האָט עס נישט, פאַר וואס צו וואַקסען.

קיין סובסידיעס, ווי די גרעסטע איראָפּעישע בינעס, קריגט דאָך די יידישע — נישט!

ה' יוליוס אַדלער, אין דער טיטעלראָל, האָט אַרויסגעוויזען די בעסטע זייטען פון זיין טאַלענט: אינטעליגענטישקייט, באַקלערטקייט און טעמפעראַמענט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען טיבאָ, אַלס כאַראַקטער, און האָט ריכטיק פאַרקערפערט דעם אָנבליק פון דעם שטאָלצען, היציקען, איינגעעקשנטען יונגען אַנטיסעמיט. מ'קען אים אפילו פאָרוואַרפען, אַז אין דער אויסערלעכקייט און אין די באַוועגונגען איז ער געווען ווייניק אַריסטאָקראַט, — דערהויפּט האָט דאָס זיך געשפּירט אין ערשטען אַקט, אָבער אין צווייטען און אין דריטען האָט עס זיך שוואַכער געוואָרפען אין די אויגען, אָפּטרעטענדיק אין שאָטען, צוליב דער אָנשפּאַנונג פון דער דראַמאַטישער אַקציע.

זייער שטאַרק איז אַדורכגעגאַנגען די צווייטע העלפט פון צווייטען אַקט — די סצענע צווישען מוטער און זון, אויך בא אסתר רחל קאַמינסקי האָט זיך מאָמענטענווייס געריסען די גאַנצקייט פון דעם אַריסטאָקראַטישען טיפּ. אָבער די מענטשלעכע, די וויבלעכע זייט פון דער דראַמע, די טראַגישע איבערלעבונגען פון אַ פרוי, וואס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען צווישען זון און געליבטען, אַכטונג און שאַנד, רעליגיע און פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אמת און שקר, — האָט אונדזער טאַלענטפולע אַרטיסטין איבערגעגעבען אַזוי ווי זי קען, מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר ליידענשאַפטלעכער נאַטור, מיט דער גאַנצער טיפקייט פון איר אינטויציע. ה' אַדלער איז געווען דער פאַסיקער פאַרטנער, האָט אויסגעצייכענט אונטערגעהאַלטען, און דער לעצטער שטורמישער אַקאָרד פון דעמדאָזיקען אַקט האָט אָנגעצונדען דאָס גאַנצע טעאַטער, וואס האָט אָפּגעענטפערט מיט אומאויפהערלעכע

אָוואַציִעס.

אברהם־יצחק קאַמינסקי האָט באַקלערט, ווייך און ווירדיק געשפּילט דעם יידישען באַנקיר. באַזונדערס גוט איז ער געווען אין ערשטען אַקט, בשעת'ן צוזאַמענשטויס מיט טיבאָ. גאָטליב ווייסט דאָך יאָ אין יענעם מאָמענט, אַז דאָס באַליידיקט אים דער, וואָס איז פון זיינע לענדען אַרויס. אין אַזעלכע פאַלען ענטפערט מען מיט אַ פּאַטש. קען ער דען, אָבער, אויפהייבען די האַנט אַף זיין אייגענעם זון, וועלכען ער האָט אַזוי ליב? און וואָס וועט זיין מיט דעם דועל? זיין אייגענער כבוד און די ערע פון זיין נאַציע דער־לויבען דאָך נישט, ער זאָל די באַליידיגונג פאַרשוויינען? — ה׳ קאַמינסקין איז געלונגען אָפּצושפּיגלען אַף זיין פּנים און אין זיין פּאָזע דעם קאַך פון די אַלע געפילען אין גאָטליבס ברוסט. — מיט פאַרשטאַנד האָט ער זיך געהאַלטען אויך אין די איבעריקע צוויי אַקטען.

די ה״ה גראָסמאַן, קאַלאַמאַנאָוויטש, וואַרגאָטש, לוי, קאַמינער און זילבערקאַסטען געהערען צום יונגען דור יידישע אַקטאָרען. קיין גרויסקייטען זעט מען נאָך פון זיי נישט. נאָר אָנגענעם איז צו פאַרצייכענען דעם פלייס, וואָס איז צו באַמערקען אין זייער שפּיל, און וואָס דריקט זיך קודם כל אויס דערין, אַז זיי גיבען זיך די מי אויסצוחזרען געוויסענהאַפטיק די ווערטער פון די ראָלען. —

[„מאָמענט“ נ׳ 104 פון 17־טען מאַי 1912].

# דער כח פון טפשות.

אין די צײַטונגאַנאָנסען הײסט די פּיעסע: „כח אהבה“, אין די טעאַטערפּראָגראַמען — „דער כח פון אײַפערזוכט“. — אַף אַנ׳אמת, וואָלט איר געפּאַסט דער נאָמען: „דער כח פון טפשות“.

ווער איז איר מחבר?

ווען דאָס זאָל זײַן אַ שרײַבשטעלער, וואָלט ווערט געווען אים אַרויסצופירען צום שאַנדקלאָץ: זאָל די וועלט וויסען, ווער עס זינדיקט מיט אַזאַ שונד!

דער אויטאָר פון דעם שטות איז, אָבער, נישט מער ווי אַ געווײנטלעך סוחרעל.

אין איין מודעה איז אַפילו געשריבען געווען, אַז ער שטײט אָן דעם שפּיץ פון עפּעס אַ בלאַט — אין גאַליציע, צי אין אַמעריקע, — דאָס לשון פון דער מיטטײלונג איז נישט געווען אַזוי קלאָר, מ׳זאָל פאַרשטײן, ווו, — נאָר מיר זענען שוין ברוך השם, געווינט צו זען „רעדאַקטאָרען־אַרויסגעבער“, וואָס די ייִדישע פּרעסע וואָלט זײער ווײניק פאַרלוירען דערפון, ווען זײ זאָלען זיך נעמען צו בעדערײַ אָדער קוימענקערערײַ.

וועלען מיר זײַן פּערזענלעכקײט לאָזען צורו.

גלײבט מיר, ער איז גאָט די נשמה שולדיק. איטלעכס באַשעפעניש וויל לעבען. ווער עס האַנדעלט מיט אַלטוואַרג, מיט שמאַטעס, מיט שמעלץ, — און ווער עס האַנדעלט מיט „דראַמעס“. אויב אַף אַזאַ מין סחורה, ווי „דער כח פון אײַפערזוכט“, איז פאַראַן געברויכער, — פאַרוואָס זאָלען זיך אויך נישט אָפּזוכען געהעריקע ליוועראַנטען?

דער אינהאַלט? — פרעגט מיך עפּעס גרינגערס!

דער הויפּטהעלד הײסט מ א י ר פ ע ר ל ע ס. ער איז, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַ באַנקיר. וואָס דען קען זײַן דער הויפּטהעלד פון אַ „דראַמע“, וועלכע האָט די זכיה געשפּילט צו ווערען אין אַ ייִדיש טעאַטער? ס׳איז דאָך עפּעקטיש, ווען יעדע מינוט קלינגט אַף דער סצענע: „צוועלף הונדערט קראָנען... טויזענט גולדען“... פון דער בוזעמקעשענע ווערט אַרויסגעצויגען אַ גראָבבײַכיקער טײַסטער, — פון אים שלעפּט מען אַרויס, און אין אים רוקט מען אַרײַן פּעקלעך מיט פּיזיטען...

עשירות — דאָס איז דער „צוויאַק‟, די סענסאַציע כמעט אין אַלע „ערנסטע‟ פּיעסעס פון אַלטען רעפּערטואַר...

און אַ באַנקיר, דאַרפט איר דאָך שוין אַליין פאַרשטיין, האָט אַ ווייב. און פאַרוואָס זאָל אַ באַנקיר מיט אַנ'אָנגעשטאָפּטען בייטעל נישט האָבען קיין פלוניתטע? ווו וואָלט געווען דער יושר? — און אַ באַנקיר זאָל האָבען אַ בוכהאַלטער — איז דאָך אַוודאי און אַוודאי בדרך הטבע. און וואָס ווייטער קומט־פאָר, דאַרף איך אייך דאָך נישט דערציילען. יעדע יאַכנע ווייסט היינט, אַז ווען אַ באַנקיר האָט אַ ווייב און אַ בוכהאַלטער, דאַרף דער בוכהאַלטער קושען דעם באַנקירס ווייב, — אַזוי פירט זיך אין אַלע גרויסע הייזער. ליינט שמ״רס ראָמאַנען, וועט איר זען, אַז אַנדערש קען גאָר נישט זיין.

ממילא, מוז דאָך שוין מ א י ר פּ ע ר ל ע ס אין איינעם בין־השמשות טרעפען זיין ע ט ע ל ע ן צוזאַמען מיט גאָלדהירשען באַ זיך אין שלאָפצימער. — אַ שפּאָרעוודיק שטיק לויתן און אַ געזונטע פּאָרציע שור־הבר זאָל קריגען אַף יענער וועלט דער, וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם רעוואָלווער! וואָרום, זאָגט אַליין, וואָסער טעם וואָלט געהאַט אַ דראַמע, ווען דער הויפּטהעלד זאָל נישט קענען אַרויסכאַפּען פון דער הויזענקעשענע דידאָזיקע גלאַנצענדיקע כלי, פון וועלכער ווייבער, וואָס באָגען ציטרין, פאַרגלייזען די אויגען און פאַרוואַרפען מיט'ן קאָפּ?

קיין שאָס הערט איר, אָבער, דאָסמאָל נישט, און די ציטערדיקע יידענעס זענען פּטור פון צו פאַלען אין חלשות: ע ט ע ל ע פּ ע ר ל ע ס מוז בלייבען לעבען, כדי דאָס שטיק זאָל האָבען אַ פערדען אַקט.

באַ די אומות־העולם איז איינגעפירט, אַז נאָך אַזאַ שטורעמדיקער סצענע ווערט דאָס דערשיטערטע פּרויענצימער שטערבליך קראַנק און ראַנגעלט זיך לאַנג־לאַנג מיט'ן מלאך־המות. דער באַליידיקטער מאַן טרעט נישט אָפּ פון דעם פאַלשען ווייבס בעט, אָבער דערנאָך, ווען זי הייבט זיך שוין אויף, וויל ער זי נישט קענען, באַהאַנדעלט זי ווי אַ ווילד־פרעמדע — און אירצט זי.

אַזוי פאַרלויפט זיך אין „פרוי עוואַ‟, — אַזוי געשעט, נאַטירלעך, אויך אין „כח אהבה‟. —

אַלץ מוז דאָך, אָבער, נעמען אַ סוף! פאַלט ווי פון הימעל אַראָפּ דער לעמבערגער פּ אַ ר י ס, דער בוכהאַלטער, וואָס דינט שוין גאָר אין אַנ'אַנדער שטאָט. וואַרפט זיך מיט בריטגעעפענטע אָרעמס צו זיין שיינער ה ע ל ע נ ע, נאָר זי באַגעגענט אים גאָר מיט אַנ'אויסגעשטרעקטען

פּינ ח׳: די תּפלות פון דער מאַמע, דער אייערהענדלערין, זענען ניִשט געבליבּען אָהן אַ פּעולה; דער דיבּוק איז אַרויס פון איר זינדיקער טאָכטער; זי ליבּט שוין ווידער דעם מאַן, און שרייט, ווי אַף די ציין, צום אַמאָליקען געליבּטען: „דו ווייסט אַמבעסטען, אַז מיין ליבּ איז ניִשט אָנגעריִרט געוואָרען“! — זי האָט, הייסט עס, געפעלשט אָן באַנקיר בלויז מיט'ן געדאַנק, — דער גוף איז געבליבּען אומבאַפלעקט, — אַ דאַנק דעם, וואָס דער פלינקער אויטאָר האָט פאַרשטאַנען צוריקצוברענגען מאיר פערלעסען פון דעם קאַפּעהויז אַהיים פּונקט אין דער מינוט, ווען דאָס ליבּ האָט זיך ערשט אָנגעהויבּען אַנטבּלייזען...

איך דאַרף אייך שוין ניִשט זאָגען, אַז דער מאַן הערט דאָס אַליץ אונטער. גאָלדהירש גייט אַרויס מיט די הענט אַפּ'ן קאָפּ, ווי המן פון אסתר המלכּהס באַל. „הנאהבים והנעימים“ קלאַמערען זיך קייגענזייטיק איין אין די אָרעמס, און אין די גערירטע צושויער שפּרינגט דאָס האַרץ פאַר שמחה און שפּילט אַ מאַרש: „חתן־כּלה, מזל־טוב!“

אַרויסגעפירט אַף דער סצענע דריי פאַרשוינען און זיי צונויפגעבּונדען אין אַ היינטמאָדישען „דרייעק“, — עס זאָל אַנטשטיין אַ דראַמע, מוזען זיי, אָבּער, עפּעס טון, עפּעס רעדען. אין דער פּיעסע וואַרפט זיך אַדורך דאָס וואָרט „פּסיכאָלאָגיק“ — דאָס באַווייזט, אַז דאָס לעמבּערגער טאַנדיינטניקעל, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס שמשות אין חסידימשטיבּעל, צו ווערען אַ דראַמעצושניידער און אַ „רעדאַגירער“, — האָט אַ באַגריף דערפון, דאָס אין אַ פּיעסע מוז אַנטפּלעקט ווערען די אינערלעכע וועלט פון די פּערזאָנען, ס'מוזען בולט אַרויסטרעטען די מאָטיוען פון זייערע רייד און טאַטען, — קורץ: מיר דאַרפען זען זייערע נשמות. — האָט ער עס אייך דאָ אָנגעבּראָקט „פּסיכאָלאָגיק“.

דער באַנקיר איז עפּעס אַ לעקיש, אַ ליימענער גולם; זיין „ארורה“ — אַ קליינשטעטעלדיקע ציג מיט די מאַנערען פון אַ פאַרשייט שטובּמיידעל.

די סיטואַציעס זענען אומנאַטירלעך. די שמועסען — העכסט־אידיאָטיש.

און די בּינע בּלייבּט פאָרט ליידיק! — איז פאַראַן בּאַ יעקב גאָרדין אַ לייזער בּדחן, — פעקעלט מען אים אַריבּער אין „כּח פון אייפערזוכט“ אין דעם געשטאַלט פון דעם בטלן אייביש. — חנה־דבורה, ווידער, פון „מירעלע אפרת“ באַקומט אַ שינוי־שם און ווערט פאַרקריפּעלט אין אַ שיינע־מעכטשע.

אַלץ קאַלאַמוטנע אַף דער סצענע! — קנעפּעלט מען נאָך צו עפּעס אַ שאָטען, אַ לאָקש, אַ פּריַנדיס, וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס ווי אַ פאַרלוירען הינטעל אין אַנ׳אומבאַקאַנט געסעל.

מ׳קען דאָך, אָבער, פאָרט שטאַרבען פאַר איבעל! — דערלאַנגט מען אייך אַ כינקע מיט אַ פינקע, — אַ לייביש־שמייסער מיט אַ מאַליע־קעכין, — און זיי דאַרפען דאָס ראַטעווען דאָס געמויזעכץ, — מאַכען פריילעך, אָדער „משוגע“, ווי די צוקונפטיקע פרימאַדאָניצע אַליין רופט עס אָן...

ווי אַ מאַמע צוטיילט אַנ׳עפּעל צווישען צוויי קינדער, אַזוי האָט דער „פּאַרפאַסער“ איינגעטיילט זיין „ווערק“ צווישען קאָמישען און דראַמאַטישען עלעמענט. אַ האַלבען אַקט „וואָדעווילט זיך“ אַף דער סצע־נע. — אָפּגעקיצעלט אַביסעל דעם עולם, — גייען די קאָמעדיאַנטען אַראָפּ, און אַף דער בינע פאַנגט זיך אָן צו „דראַמאַטעווען“, — זעלבסט־פאַרשטענדלעך אָהן אַ שום לאָגישען אָנהאַנג צו דער ערשטער העלפט פון אַקט...

גאָטס רחמנות איז אַף דער טרופּע, וואָס איז געצוווּנגען איינצושטו־דירען אַזאַ פּערל! און ווי ס׳ווייזט־אויס איז דאָס שטיק דוקא גאַנץ געוויסענהאַפטיק צוגעגרייט געוואָרען.

וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט צו מאַכען פון דער „כח אהבהס“ טאָוולענע מענטשען, האָבען די אַרטיסטען פון קאַמינסקיס טעאַטער געגעבען.

ליבערט איז שטענדיק ליבערט. — נאָר פאַרוואָס מיינט ער, אַז אַ באַנקיר מוז תמיד טראָגען אַ שוואַרצען ראָק און אַ ווייסע וועסט? — מאיר פּערלעס קען זיך פאַרגינען צו האָבען אַ רעקלאָנצוג אויך! — מאַדאַם טרילינג האָט נישט געקאַרגט קיין געפיל. איר באַגאָבונג האָט זיך דייטלעך געשפּירט אין גאַנצען לויף פון דער ראָל. האָט ווידער די אַרטיסטין אַ גרויסען חסרון: זי טוט זיך קיינמאָל נישט אָן אַזוי, ווי די פּיעסע פאָדערט. שטעלט זיך פאָר, וואָסער פּנים עס האָט: ערשט אַראָפּ פון קראַנקען בעט, וויינט דורך די נעכט, רעדט פון טויט, און איז אויסגעפּוצט ווי אַף אַ באַל! — אַוודאי איז פיין, אַז אַנ׳אַקטאָר־קע פאַרמאָגט אַ שיינעם גאַרדעראָב. נאָר מ׳דאַרף וויסען, ווען אים צו באַווייזען. ווינטשט פרוי טרילינג דורכויס, דאָס פּובליקום זאָל זען אירע רייכע טואַלעטען, — לאָז זי זיך אָפּדינגען אַ פענצטער באַ הערזען און דאָרט איינאָרדנען אַנ׳אייגענע אויסשטעלונג.

גוט איז געווען קאַמינסקי, אַלס אייביש. ער האָט זיך טרעפ־

לעך כאַראַקטעריִזירט און גענומען דעם געהעריִקען טאָן. פּראַכטפול איִז אויסגעקומען זײַן שלוסאַקאָרד איִן דריִטען אַקט. אָבער צײַטענווײַס האָט זײַן שטיִמע געקלונגען צו יונג. און, וויִדעד, — דיִ אַלטע קרענק, —דאָס לאַכען אַף דער סצענע, — אויך דאָסמאָל האָט ק אַ מ י ִנ ס ק י ִ עטלעכע מאָל צעשטערט דעם אײַנדרוק פון זײַן שפּיִל.

ה׳ ל ע ב ע ד י ע װ איִז, קענטיִק, אַ באַגאָבטער אַרטיִסט. זײַן שטיִמע איִז אַפּיִלו צו שטײַף, און דיִ אויסשפּאַך צו האַרט, אָבער ער באַזיִצט לעבען און הומאָר, און וואָלט זיִך געקענט אויסצײַכענען אויך איִן אַנ׳-ערנסטען רעפּערטואַר.

אַ פרײַלעך דיִנסטמײַדעל האָט געשאַפען מאַדאַם ל י ִב ע ר ט.

נאָך איִין אָנמערקונג פאַר׳ן רעזשיִסער: אַ צעניִעריִק מײַדעלע באַדאַרף ניִשט טראָגען קײַן שפּיִציִקען גאָרסעט פון „א ו י ר ע ל י ע. ווײַטער, — איִן פערדען אַקט, איִן איִר געבורטסטאָג, וואָלט זיִ געמעגט אַראָפּוואַרפען דאָס ציִצענע יאַקעלע, וואָס זיִ טראָגט נאָך איִן דריִטען אַקט, — ניִשקשה, מ א י ר פ ע ר ל ע ס וועט דערפון ניִשט בדלות-ווערען.

[„מאָמענט“ נ׳ 249 פון יאָר 1911].

נ ח. פּרילוצק

# „עוואַ".

מ'קען — ניִשט זײַן אַנ'אָנהענגער פון אָפּערעטע. זי עקזיסטיִרט, אָבער, פֿאָרט. און האָט ערפֿאָלג. איִן אַלע קולטורלענדער לעבט איִבער די דראַמע אַ קריִזיִס. און די אָפּערעטע רײַט אַפ'ן פֿערד. דאָס פּובליִקום פאַרלאַנגט לײַכטע, פֿריילעכע זאַכען. און זײַן וויִלען איִז אַ געזעץ. דערהויפּט נאָך, אַז — דער עולם צאָלט. די אָפּערעטע מאַכט איִבעראַל גוטע געשעפֿטען און האָט אַ געזיִכערטען קיום.

מוז מען זיִך מיִט דעם פאַקט רעכענען. דער פאַרדראָס און דער קאַמף העלפען ווײניִק. דעריִבער האָט מען איִן מערבאײראָפּע, די לעצטע צײַט, אָנגעהויבען צו זאָרגען: עקזיִסטיִרט שוין די אָפּערעטע, און ס'איִז ניִשטאָ קײן אויסזיִכט פון איר פטור צו ווערען, — זאָל זי כאָטש האָבען אַנ'אָנשטענדיִקען אָנבליִק. מ'האָט זיִך גענומען באַציִען צו דער אָפּערעטע אַ סך ערנסטער, ווי ביִז ניִשט לאַנג. די קאָמפּאָזיִטאָרס און ליִברעטיִסטען שטרעבען זי אויפצוהײבען אַף אַ העכערער מדרגה. וואָט מער זיִך — איִן איִנהאַלט. טיִפער די מוזיִק. עטוואָס נענטער צו דער קאָמיִשער אָפּערע.

די לעצטע אָפּערעטע פון דעם פאָפּולעריִשען קאָמפּאָזיִטאָר לעהאַר, — „עוואַ", — באַלאַנגט צו דעמדאָזיִקען נײַעם טיִפּ. דאָס ליִברעטאָ איִז אַביִסעל ניִשט פראָפּאָרציאָנעליִש: דער צווײטער אַקט צו לאַנג, דער דריִטער — צו קורץ און צו צונויפגעקנײטשט, אָבער איִם אַלגעמײן וויִקעלט זיִך אויף פאַר'ן צושויער אַ געוויִסער ספּור־המעשה. עס קלעבט זיִך איִינס צום אַנדער'ען. און דער קאָמיִשער עלעמענט איִז ניִשט צו שאַבלאָניִש, ער איִז גענוג ליִטעראַריִש. דערעיקרשט — די מוזיִק איִז אויסגעצײכענט: אָריִגיִנעליִש, שײן, מיִט מעלאָדיִשע, באַהאַרצטע ליִיטמאָטיִווען און אײגענאַרטיִקע, גראַציעזיִשע נומערען.

אַ טאָפּעלער דאַנק קומט, דערפאַר, דער נײַער דיִרעקציִע פון „עליִזעום", וואָס זי האָט געעפענט דאָס טעאַטער מיִט „עוואַ", וועלכע ווערט ערשט רעפּעטיִרט איִן „באָוואָסצי".

קען די יידישע בינע נישט אויסקומען אהן א לייכטען רעפערטואר, זאל־זשע ער כאטש נישט באשטיין פון שמאטעס. זאל ער נישט אפשטיין פון דער אייראפעישער אפערעטע. זאל אנ'אינטעליגענט אויך קענען אויסזיצען אין טעאטער פונ'ם אנהייב ביז צום סוף, און ס'זאל אים נישט שלאגען צום הארצען, נאר ער זאל האבען אנ,עסטעטישען גענוס.

אונדזער געגענווערטיקער לאזונג איז — נאציאנאליזירען אלע זייטען פון יידישען עפענטלעכען לעבען. אלץ, וואס א מאדערנער מיטעלער מענטש דארף האבען פאר זיין גייסט, פאר זיין געמיט, פאר זיין פארוויילונג, זאל דער ייד באקומען אף יידיש.

זאל אין טעאטער זיין ריין און געמיטלעך.

שפילט מען אנ'אפערעטע, זאל זי נישט זיין נידעריקער פון די דורכשניטלעכע עסטעטישע פאדערונגען. זאל דאס נישט זיין קיין פארקריפעלט פארזעעניש, דורך א פארטאטשט, פון פארשידענע געגנבעטע שטיקלעך אהן שכל און אהן געשמאק צונויפגעשטיקעוועט. זאל דאס זיין א ווערק פון א טאלענט. זאל מען זען אף דער סצענע א שטיק ווירקלעך לעבען, מעג זיין איבערפלעכלעך און לייכט אויפגעפאסט, אבי נישט אומגעלומפערט, מעלאדראמאטיש, נאריש. צי פון יידישען לעבען, צי פון נישט־יידישען — דאס איז שוין נישט וויכטיק. טויזענטמאל בעסער איין ל ע ה א ר, ווי הונדערט ל א ט י י נ ע ר ס. דער עיקר איז דאך דא, סוף־כל־סוף, די מ ו ז י ק.

זאל זיין נאטירלעכקייט אף דער בינע. זאלען די ראליסטען, ענדלעך, באוועגען זיך, רעדען און זיין אנגעטון ווי מענטשען. טאנצט מען — זאל עס זיין געטאנצט. שטעלט מען פאר א באל — זאל דאס זיין א באל. טואלעטען — איז טואלעטען. זאל דאס אויג האבען אף וואס זיך אפצושטעלען. זאל אין די אוירען נישט גרילצען. זאל נישט ריפען אין די געדערים.

זאל מען שוין אמאל געבען א ט א ן אף דער יידישער סצענע. זאל זיין עפעס א שטיקעל ס ט י ל. גענוג שוין מיט דער ש מ ו ל ע ־ ו ו י ז נ ע און מיט'ן פ א צ י י א ו; צייט שוין צו זען עפעס היינטוועלטיקס, עפעס קולטורעלישס, עפעס געשליפענס.

„ע ל י ז ע ו ם" האט געמאכט דעם ערשטען שריט. פארט געהאט דעם מוט אריבערצוגיין אף א נייעם וועג, נעמען זיך צו דער רעפארם, איך זאג: „דעם מוט", — מחמת נישט גרינג איז זיך צו

באַשליסען מיט די אַקטאָרען פון „פּינטעלע ייד“ און פון „נשמה פון מײַן פאָלק“ מיטאַמאָל זיך אַריבערצוואַרפען אין דער אייראָפּעאישער אָפּערעטע. נאָר די דירעקציע פון „עליזעום“ האָט זיך דער־וועגט — און דאַרף נישט חרטה האָבען. דער עקספּערימענט האָט זיך פּאָרטרעפליך אײַנגעגעבען. די פאָרשטעלונגען פון „עוואַ“ אַף דער קאַראָווע גאַס דערלויבען אונדז צו קאָנסטאַטירען: מיר האָבען, ענדלעך, אויך אַנ'אייראָפּעישע אָפּערעטע. אין אַ גוטער שעה! און מיט מזל ווײַטער אין דער נײַער ריכטונג!

דער טאַלענטפולער דיריגענט, ה' סאַנדלער האָט פּראַכט־פול אויסגעשטעלט דעם אָרקעסטער און דעם כאָר. ס'איז קענטיק, אַז נישט ווייניק אַרבעט, מי און ליבע האָט ער אַרײַנגעלייגט אין דער זאַך, און מ'מעג אים גראַטולירען: צוליב דער מוזיק אַליין לוינט צו קומען אין „עליזעום“. אַלע שיינקייטען פון לעהאַרס סובטעליש, מעלאָדיש ווערק ווערען מײַסטערהאַפטיק, קען מען זאָגען, אַרויסגעגעבען.

די אַרטיסטען, ווידער, פון זייער זײַט, האָבען איבערגעשטיגען אַלע דערוואַרטונגען. מ'מעג שטאָלצירען מיט'ן יידישען אַקטאָר. גאָט מײַנער, וויפעל טאַלענט עס פאַרמאָגט די יידישע בינע. מ'דאַרף נאָר וויסען, ווי אים אויסצונוצען.

מאַדאַם ניעראָסלאַווסקע פירט זייער אויסגעהאַלטען און מיט פיל צערטלעכקייט אַדורך די ראָל פון דעם שיינעם פאַבריקסמיידעל, איבערגעבענדיק דאָס גאַנצע נאַיוועקייט און די גאַנצע אינערלעכע קראַפט פון דעם דופטיקען בלימעל.

מיט טאַקט און גראַציע, מיט באַגײַסטערונג און ווערדע שפּילט ה' לאַנדע, דער אינטעליגענטיסטער יידישער אַרטיסט, דעם רײַכען פאַבריקאַנט און עלעגאַנטען פאַריזער לעביונג אָקטאַוו פלאָבער. ס'איז קענטיק, אַנ'אינערלעכע אויפלעבונג און דערמונ־טערונג פילט־אָן דעם אַרטיסט, וואָס האָט, ענדלעך, זיך דערפילט אין זײַן אַטמאָספערע.

די קליינע, אָבער נישט גרינגע ראָל פון אַלטען אַרבעטער, בערנאַרד לאַרוס, האָט געפונען אַ פּראַכטפולען איבערגעבער אין באַהאַרצטען ה' אַדאָלף בערמאַן.

ה' ברוין (דאַגאָבער) פאַרמאָגט אַ מענגע טעמפּעראַמענט, הו־מאָר און קאָמיזם און איז אַ געוואונטשטער מיטגליד פאַר אַ מאָדערנע־

אָפּערעטענטרופּע.

אַפּ'ן פּלאַץ איז ה' הערמאַן בערמאַן (וואַזען). אָט ווער עס איז אַ געבוירענער קאָמיקער פּאַר אַ פּאַרס. און זאָל אַף דער יידישער סצענע זיך באַווייזען דערדאָזיקער לייכטער זשאַנר, וועט ה. בערמאַן אין אים געוויס פּאַרנעמען אַ אָנגעזעען אָרט.

גוט האָט זיך געהאַלטען ה' פּריד (פּרונעל), אַ פּעיקער יונ־גערמאַן, וואָס קען, בא פּלייס, זיך אויסאַרבעטען אַף אַ פיינעם אַקטאָר.

דער כאָר האָט אין דער נייער ראָלע אויך גאַנץ באַפרידיגענ־דיק באַלייגט דעם עקזאַמען.

צום שלוס אַ פּאָר ווערטער וועגען דער איבערזעצונג פון דער אָפּערעטע.

דאָס איז אין אמתען זין פון וואָרט אַן'איבערראַשונג פּאַר'ן יידישען טעאַטערבאַזוכער, וואָס האָט אין דער יידישער אָפּערעטע צום ערשטען מאָל דערהערט אַן'אָנשטענדיקע, נאַטירלעכע, ריינע יי־דישע שפּראַך.

די פערזען זענען העכסט ליטעראַריש איבערגעזעצט געוואָרען דורך ה' פסח קאַפּלאַן, די פּראָזע — דורך ה' וואַקסמאַן.

קורץ, דער נייער אָנפאַנג איז סימפּאַטיש און געלונגען פון אַלע זייטען.

די אַרטיסטען פון „עליזעום" האָבען זיך ערנסט באַצויגען צו זייער אויפגאָבע, — זענען די רעזולטאַטען גוט.

אין דער געשיכטע פון דער יידישער בינע, ספּעציעליש פון דער יידישער אָפּערעטע, וועט די אויפפירונג פון „עוואַ" פאַרבליי־בען אַלס היסטאָרישע דאַטע.

איצט איז דאָס וואָרט פּאַר'ן יידישען פּובליקום.

זאָל די אַרבעט פון דער נייער דירעקציע נישט גיין לאיבוד.

זאָל די טרופּע פון „עליזעום" נישט בלייבען אומבאַפרידיקט פּאַר איר שווערער מי. זאָל דער יידישער טעאַטערבאַזוכער באַווייזען, אַז ער איז ווערט, מ'זאָל פּאַרזייענטוועגען אַזוי פיל זאָרגען און אַרבעטען.

זאָל די געווייגטלעכע יידישע אומדאַנקבאַרישקייט נישט אויסלע־שען די גוטע כוונות און דעם מוט פון די ה"ה סאַנדלער, ליבערט, לאַנדע, קאָמפּאַניעץ און זייערע חברים.

[„מאָמענט" נ' 264 פון 1912].

# „שושנה די צנועה"

אין דער פוילישער געזעלשאפט גופא הערען זיך, אפנים, שטימען:

— דער בויקאט מוז ארויסרופען קייגענבויקאט. און דערפון וועלען די פאליאקען שטארק ליידען". —

האט די טעג „דווא גראשע" בארויקט די „פעסימיסטען":

— שטותים! וואס, א יידישער אינטעליגענט וועט נישט גיין, לאמיר זאגען, אין פוילישען טעאטער, — ווו דען וועט ער גיין!? —

— דער יידישער אינטעליגענט וועט גיין אין יידישען טע-אטער! — ווילט זיך ענטפערען.

די לעצטע טעג איז אין „עליזעום", ווירקלעך, צו באמערקען אזא פובליקום, וואס פריער האט איר עס געקענט דארט מיט ליכט זוכען.

די העכערע יידישע בורזשואזיע, די געשווירענע צושטעלערין פון צושויער פאר „נאוואסטי". האט אנגעהויבען צו באוויליגען אראפצונידערען צום קליינעם טעאטערל אף קאראווע גאס.

איך בין געווען יענע וואך אף „שושנה די צנועה", — ס'האט געבלענדט ארום און פון ברילאנטען, גרויס ווי אנ'ארבעס און ווי א נוס.

יא, די נייע דירעקציע פון „עליזעום" האט זיך געשטעלט אפ'ן ריכטיקען וועג.

איר ערפאלג באווייזט דאס.

נאכאמאל: איך בין א קנאפער אנהענגער פון אפערעטע. נאר מ'מוז זיך רעכענען מיט דעם פאקט, אז זי עקזיסטירט און האט א גרויסע פעולה.

דאס איבסען-טעאטער אין כריכטיאניע וואלט זיך געמוזט פאר-מאכען, ווען נישט די שפארע הכנסה פון די אפערעטענפארשטע-לונגען.

זאל-זשע זיין אויך אנ'אנשטענדיקע אפערעטע אף יידיש!

קיין גרויסע חכמה שעפט מען טאקע נישט פון די לייכטע, פריוואלע פיעסעס. זייער ווירקונג קען ברענגען צו גאנץ נישט סימ-

פּאַזישע דערשײַנונגען. — אָבער, זיי ווערען באַזוכט, זאַל־ושע, בשעת דער פֿאָרשטעלונג, אין אויער פֿון יידישען בעל־בית מיט דער אַסימילאַטאָרישער פֿירונג אינדערהיים, קלינגען די מוטערשפּראַך, מיט וועלכער ער שעמט זיך אַזוי פֿאַר דער וועלט.

באַ אונדז האָט מען ליב אידייען, נאָר מ'שאַצט נישט אָפּ ווי ס'דאַרף צו זײַן די ווירקונג פֿון לעבעדיקע פֿאַקטען.

מ'האָט פֿײַנט זיך צו „שפּילען“ מיט „קלייניקייטען“.

געוויס, וויכטיק איז די איבערצײַגונג און די שטימונג, — נישט די אויסערלעכע קלייניקייטען. אָבער מ'דאַרף נישט פֿאַרגעסען, אַז די קלייניקייטען — דאָס שילדעל אַף דער טיר, די אותיות אין די קאַלאָשען און אַף דער וועש, די וויזיטקאַרטען, — געבען אַ טאָן, באַשאַפֿען די סביבה.

קלייניקייטען האָבען, אין זין פֿון אומבאַוווסטזיניקען אײַנפֿלוס אַף דער אויסבילדונג פֿון נייגונגען, סימפּאַטיעס, טבעס, אפֿשר נישט קיין קלענערע באַטײַטונג, ווי די טעאָריעס, ווי דאָס לערנען און לייענען.

* * *

אַ לויב קומט, דעריבער, די דירעקטאָרען פֿון „עליזעום“ פֿאַר די מי, וואָס זיי גיבען זיך צו באַשאַפֿען אַ יידיש „נאָוואָסצי“.

„שושנה די צנועה“ איז פֿלײַסיק אײַנגעשטודירט, און שוימט ממש אַף דער סצענע.

קוקסט און באַוווּנדערסט: וואָס־וואָס, נאָר טאַלענט פֿעלט נישט דעם יידישען אַקטאָר.

ס'שפּריצט מיט באַגאָבונג די יידישע בינע.

כ'בין נישט לאַנג געווען אין „נאָוואָסצי“. כ'וועל נישט זאָגען, דער אײַנדרוק זאָל דאָרט זײַן מיט אַ סך בעסער.

ס'איז צו שטוינען, ווי שנעל די יידישע אַרטיסטען האָבען זיך אָריענטירט אין נײַעם זשאַנר.

די נעראָסלאַווסקע וואָלט געווען אַ כבוד אפֿילו פֿאַר אַ נישט־יידישער בינע. איר שטים איז זאַפֿטיק, די האַלטונג גראַציע־זיש. דער שפּיל פֿעלט אפֿשר די חוצפּה און דאָס פֿאַרשײַטקייט פֿון אַ פּאַריזער קאָקאָטע, נאָר איך האַלט גראָד פֿאַר אַ מעלה דאָס אײַנ־געהאַלטענקייט און נאַיווקייט, מיט וועלכע די אַרטיסטין האָט אַדורכ־

געפֿירט די טיטעלראָל, אָפּווישענדיק אַביסעל די שאַרפֿע קאַנטען, דעם צו־רעאַליִשען ציניזם.

אַנ׳ערנסטער, גאַרניִשט מיטעלמעסיקער טאַלענט איז ה׳ זילבערקאַסטען. זיין פּראָווינצער פּערפֿומפֿאַבריקאַנט פֿאָמאַרעל איז פּראַכטפֿול. צוויי מענטשען לעבען אין שׂושנהס מאַן: אין ציווילקליידער איז דאָס אַ שעפּעלע, אַ פּאַנטאָפֿעל; אין מיליטערמונדיר — אַ צורייצטער טיגער. ה׳ זילבערקאַסטען גיט זייער טרעפֿלעך אַרויס דעם קאָנטראַסט פֿון די צוויי פּאַזען אין פֿאָמאַרעלס לעבען. געלונגען איז דער גרים, מערקווירדיק די מימיק. די שפּיל איז אַדורכגעדרונגען מיט אַ מענגע קאָמיזם פֿון העכערען טיפּ, — קאָמיזם, וואָס איז שאַפֿונג.

אַ ווילכטיק געווינס פֿאַר דער יידישער בינע איז דער אינטעליגענטישער און סימפּאַטישער ה׳ קעלטער. זיין געזאַנג און זיין שפּיל זענען זייער אָנגענעם. ער דאַרף נאָר מער אויפֿמערקזאַמקייט לייגען אַף די הענט און פֿיס: ער וואַרפֿט מיט זיי צופֿיל. דאָס צוקלאַפּט אַביסעל דעם איינדרוק. די באַוועגונגען פֿון קולטורעלישען מענטש זענען תמיד דיסציפּלינירט.

שמערצלעך איז צו זען ה׳ ליבערט אין אַנ׳אָפּערעטע. ער אַליין, קענטיק, שפּירט זיך ניִשט איינגעצען באַקוועם אין איר. אָבער טאַלענט איז איבעראַל טאַלענט, און די קליינע ראָל פֿון אַלטען שאַרענצי האָט אין אים געפֿונען איר אידעאַלישען פֿאַרקערפּערער.

אַ צערטלעכע, ריינע מוטער האָט אונדז פֿאָרגעשטעלט מאַדאַם קאָמפּאַנייעץ.

ה׳ הערמאַן בערמאַן (דער מיטגליד פֿון דער אַקאַדעמיע) און ה׳ ברוין (זיין זון) זענען געבוירענע פֿאַרסאַקטאָרען און ווילען מיט זייער טעמפּעראַמענט, עקספּאַנסיוקייט און פּריילעכע איינפֿאַלען.

גאַנץ באַפֿרידיגענדיק, אַלס קעלנער, איז דער יונגער ה׳ עפּעלבוים. ער האָט שאַנסען צו זיין אַ נוצלעכער מיטגליד אין דער יידישער אַקטאָרענמשפּחה.

לעבעדיק און לוסטיק זענען די טענץ.

גוט דיריזשירט, ווי אימער, ה׳ סאַנדלער.

* * *

עטוואָס מער וואָלט מען געקענט פאָדערען מכּח די דעקאָראַ-ציִעס, מכּח דער אויסשטאַטונג וכדומה, נאָר — — — ווי נעמט מען עס „נאָוואָסציִס“ סובסידיִעס!

ביִסלעכווייַס וועט מסתמא אַלץ קומען.

ווי זאָגט מען דאָס: מיִט דער צייַט פליִקט מען רויזען.

„קראָקע איִז אויך ניִשט איִן איִין טאָג אויפגעשטעלט געוואָרען.

זאָל נאָר דאָס יִדיִשע פובליִקום ווי געהעריִק שעצען און שטי-צען די יִדיִשע ביִנע, וועט זי מוזען שטייַגען: זי וועט האָבען — מיִט וואָס.

[„מאָמענט“ נ' 18 פון 1913].

נח פּריליצקי.

# „ציגיינערבאַראָן".

(גאַסטראָלען פון דער לאָדזער טרופּע).

דאָס טעאַטער איז געווען ליידיק. 20, אפשר 30 פּערזאָן... און ווען ס'איז אַרויסגעקומען דער ה' **ברייטמאַן** אַלס **אַטאָקאַר**, אין אַ ראָלע, צו וועלכער ער איז לגמרי נישט צוגעפּאַסט, ווי קליין זי איז נישט, האָב איך מיך שוין גאָר געפילט אַזוי, ווי אַמאָל, אין די קינדעריאָרען, אין אַ קליין שטעטעל, ווען ס'איז געקומען אַ טרופּע קינצענמאַכער, און אַף די ערשטע פּאָר פאָרשטעלונגען געאַרבעט פאַר די ווענט.

אַ פּאַריטומטקייט איז אויסגעגאָסען אַפ'ן טעאַטער. אַ קעלט וויעט פון דער סצענע. און ס'איז אַ האַרציק רחמנות צו קוקען אַף די אַקטאָרען, וואָס זינגען, רעדען, גייען, טוען אַלץ, וואָס ס'פאָדערט זיך פון זיי, און האָבען פאַר זיך דעם פוסטען פינצטערען חלל איבער די ליידיקע שטולען.

נאָר אָט באַווייזט זיך **זשופּאַן** — ה' **בליימאַן**. דער קאָמיקער פון דער אָפּערעטע. ער האָט געכאַפּט דעם ריכטיקען טאָן. איז גוט כאַראַקטעריזירט. האַלט זיך גאַנץ פיין. מאָמענטענווייס — נישט געגנוג געשליפען, נישט אָפּגעשטעלט זיך ווו מ'דאַרף. אָבער אים אַלגעמיין, נשקשה. — ה' **רייף**, אַלס קאָמיסאַר, טראָגט אַריין אַ פאַלשקייט. צו־דראָנגעוואַטע און ווייניק יעזוויטישקייט. אַ זעלנער אָנשטאָט דעם ראַפינירטען הויפמענטש. — ה' **סיעראַצקי**, דער ציגיינערבאַראָן, אָנגעטון, ווי ס'געהער צו דער ראָלע, פאַרריכט דעם איינדרוק. די שטימע שטערט אים, נאָר די שפּיל איז לעבעדיק, מיט טעמפּעראַמענט. — פרוי **ווינאַקור**, אַלס די אַלטע ציגיינערין טשיפּראַ, צים־צו דאָס אויג מיט דער שטילער עכטקייט פון איר נאַטירלעך האַלטען זיך. — פרוי **גאָלדשטיין**, אַלס די יונגע ציגיינערין, איז נאָענט צום געדאַנק פון אויטאָר, אַרויסגעבענדיק די געזעצטע ווילדקייט פון דער שיינער **סאָפי**. — דער כאָר איז אויסגעצייכענט אויסגעשטעלט און צוזאַמענגעשפּילט. דער אָרקעסטער איז געפירט פון אַ געניטער האַנט. — און צום סוף פון ערשטען אַקט וואָסטו דיר: ס'איז **מעגלעך אײַנצוזיצען אין טעאַטער**.

און נאָך די אומגעלומפערטע הויזנאָפּערעטעס, מיט זייערע קאַבאַרעטעפּעקטען און פאַרשמאַלצעוועטען ליצנות, איז דאָס שוין אַ סך. יאָהאַן שטרויסעס „קאָמישע אָפּער", ווי ער האָט אָנגערופען זיין לייכטע מעלאָדראַמע, איז, וואָס שייך צום אינהאַלט, פּוסט, אָבער ריין, אין גייסט פון די נאַיווע בירגערלעכע פריידזינקע. די מוזיק איז עטוואָס איינטאָניק און סענטימענטאַליש, אָבער זייער מעלאָדיש, מיט אָנגענעמע כאַראַקטעריסטישע נומערען. און אויב אָהן אָפּערעטע איז זיך שווער צו באַגיין, איז בעסער צען „ציגיינערבאַראָנס", איידער איין „פּופּכען". — און אַ שאָד, וואָס גראָד אַזעלכע אָווענטען קאָן מען אין טעאַטער אַף אַ רייטוואָגען אַרומפאָרען.

אַ שאָד! ווייל ווי זאָל מען נעמען אָנטייטען דער טרופּע די חסרונות? — איז זי דען אַף געהאַלט בּאַ קאָרנעדזשי? קריגט זי דעם לאָגזשׂ פון דער שטאָטפאַרוואַלטונג? און זענען דען די מוזיקאַנטען און כאָריסטען, די דעקאָראַטאָרס און רעקוויזיטאָרס, די שניידערס און שיסטערס — אַזעלכע מעצענאַטען, זיי זאָלען ליווערען זייער אַרבעט אומזיסט?

דער צווייטער אַקט, אין וועלכען ס'איז דאָ עטלעכע מאַסענ־סצענעס, איז אַדורכגעגאַנגען באַפרידיגענדיק. אין דריטען אַקט שטייגט ה' בליימאַן איבער זיך אַליין. סיעראָצקי און גאָלד־שטיין האָבען דעם צווייטען אַקט אַדורכגעפירט מיט קראַפט און באַגייסטערונג. — די אַלטע ציגיינערין איז ביז צום סוף אויסגעהאַל־טען. — מ'וואָלט געקאָנט אַנווייזען פעלערען אין דער אויפפירונג, אין דער קליידונג, אין דער איינטיילונג פון די קלענערע ראָלען. נאָר דאָס וואָלט געהייסען חוזק־מאַכען פון זיך אַליין. בּאַ אַזאַ איינ־גלייכגילטיקייט פון פּובליקום איז דאָס, וואָס יוליוס אַדלערס טרופּע האָט געגעבען אין „ציגיינערבאַראָן", שוין אויך צו־פיל.

דאָס טויזענט צווייטע מאָל: קיין מענטשענמאַטעריאַל פעלט דער יידישער בינע נישט. די יידישע טאַלענטישקייט שפּיגעלט זיך דאָ אָפּ נישט שוואַכער, ווי אַף אַנדערע געביטען. גיט נאָר די האַנט, וואָס זאָל דאָס אַלץ צונויפנעמען, אין אָרדנונג ברענגען, אָנ־פירען. גיט נאָר דעם באַדען — די ליבע און דאָס געלט, אָהן וועלכע ס'איז אוממעגלעך אַרויסצופירען די יידישע דראַמאַטישע קונסט פון באַלאַגאַן.

# אינהאַלט

## פון צווייטען באַנד.

### I. אַרטיסטען:


1) יעקב ליבערט . . . . . . . . . 7.
2) פעני וואַדיאַ-עפשטיין . . . . . . . . 12.
3) מאָריס מאָסקאָוויטש . . . . . . . . 29.
4) באָריס טאָמאַשעווסקי . . . . . . . . 38.
5) דוד קעסלער . . . . . . . . . 47.
6) פר. מ. לאָבעל . . . . . . . . . 57.
7) בועז יונגוויץ . . . . . . . . . 63.
8) מ. מייערסון . . . . . . . . . 68.
9) מישע פישזאָן . . . . . . . . . 70


### II. פאַרשידענס:


1) „דודס פידעלע“ . . . . . . . . . 75.
2) „ד״ר יאָזעלמאַן“ . . . . . . . . 77.
3) רחל קאַמינסקיס בענעפיס . . . . . . . 79.
4) „די שוועסטער“ פון י. ל. פרץ . . . . . . 81.
5) „יעקעל דער שמיד“ פון דוד פינסקי . . . 87.
6) „דער אינטעליגענט“ פון פרץ הירשביין . . 90.
7) „דער יחוס“ פון שלום אַש . . . . . . 94.
8) שיילאָק . . . . . . . . . . . 97.
9) „ישראל“ פון אַנרי בערנשטיין . . . . . 104.
10) דער כח פון טפשות . . . . . . . . 111.
11) „עוואַ“ . . . . . . . . . . . 116.
12) „שושנה די צנועה“ . . . . . . . . 120.
13) „ציגיינערבאַראָן“ . . . . . . . . . 124.